STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06590

DI GESHIKHTE FUN IDISHEN THEATER

B. Gorin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קעסלער

יעקב פ. אדלער

יעקב גארדין

בערטא קאליש (קאליך).

קעני ליפּצין

ב. גאָרין
(י. גוידא)

די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער

(צוויי טויזענט יאָהר טהעאַטער ביי אידען)

צווייטע פארגרעסערטע אויפלאגע
אילוסטרירט

צווייטער באנד

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1923

Copyright by B. Gorin
1918

Copyright by B. Gorin
1923

אינהאלטס פערצייכניס.

ערשטער קאפיטעל: — די נייע היים פון אידישען טהעאטער.

די שייכות פון די רדיפות אין רוסלאנד מיט'ן אידישען טהעאטער אין אמעריקא. — פאר וואס אמעריקא איז געווארען די היים פון אידישען טהעאטער. — ב. טהאמאשעפסקי און די גאלובאקס. — די ערשטע פארשטעלונג אין טורן האל. — אמאטארישע קאמפאניע נעהמט דעם „אלד בויערי גארדען“. — וואס דער עולם איז געקומען זעהן אין טהעאטער. — די ערשטע ראיעלע טרופע. — אריענטאל טהעאטער און רומעניע אפערע הויז. — די קאנקורענץ און רייסערייען צווישען די צוויי טהעאטערס. — — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 5

צווייטער קאפיטעל: — די גאנצע משפחה אין ניו יארק.

לאנדאן איז געווארען די ערשטע סטאנציע. — יעקב אדלער און ישראל גראדנער האבען זייער היים געמאכט אין לאנדאן. — קיין טהעאטער ניט געהאט און געשפיעלט אין קלובען. — דער אונגליק אין פרינסעס קלוב. — יעקב אדלער מיט א קאמפאניע קומט קיין אמעריקא. — די ט. ופע שפיעלט א קורצע צייט אין שיקאגא און ווערט צושלאגען. — יעקב אדלער פערלאזט אמעריקא. — ניו יארקער קאמפאניעס ווערען רייכער מיט קרעפטען. — גאלדפאדען קומט קיין ניו יארק, נאר די מהיגען פון טהעאטער ווערען פארמאכט פאר איהם. — די הארפע דאווידס — פולס טהעאטער ווערט א אידישער. — שייקעוויטש קומט קיין אמעריקא. — אדלער קומט צום צווייטען מאל און ווערט א תושב. — דער גרויסער דייטשער טהאליא טהעאטער ווערט א אידישער. — די ווא. פענים פון איין טהעאטער אין דעם צווייטען. — שיקאגא א עיר מקלט. — דער אונטערגאנג פון עטליכע שטערען. — יעקב גארדין קומט קיין אמעריקא — — — — — — — — — — — — — — — — 45

דריטער קאפיטעל: — די שעפער פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא

מיט דער קאנקורענץ צווישען די טהעאטערס ווערט איינגעפיהרט דער אמעריקאנער פרינציפ „הארי אפ“. — א פערפאסער ביים טהעאטער דארף שיטען שטיקער פון ארבעל. — די איינפאכע סיזשעטען ווערען אפגעשאפט. — ווי מען האט איבערגעמאכט גוי'שע שטיקער. — די מלאכה פון מאכען דראמען. — וואס לאטיינער האט אויפגעטאן. — דער אויפטהו פון משה הורוויטש. — שייקעוויטשעס פיעסען. — א פערפאסער וואס מאכט חוזק פון אייגענע שטיקער. — די צוויי ריגעס אין די אידישע שטיקער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 72

פיערטער קאפיטעל: — עם פלאצט די הארמאניע.

די פאטענטירטע אויטארען. — ווער האט זיך גערעכענט פאר א יאלד אין טהעאטער. — ווי די אקטיארען האבען געטריבען שפאס מיט יאלדען. — די פאטענטירטע אויטארען ארונטער א שטאפעל. — די הארמאניע צווישען די דריי עלעמענטען פלאצט — די אידישע אקטיארען הויבען זיך אן צו מעסטען מיט די כחות מיט די גרויסע שוישפיעלער פון די אומות העולם. — ווי אזוי אקטיארען זיינען פריהער גרוים געווארען. — טראמאשעפסקי יאגט איבער אדלער'ן אין קוניי. — די אויסגעשטעלטע מאראלישע צונג — — — — — — — — — — — — — — 94

פינפטער קאפיטעל: — דער רעפארמאטאר פון דער אידישער ביהנע.

גארדינ'ס קאריער ביז אמעריקא. — די לאגע פון אן איינגעוואנדערטען אינטעליגענט כוף פאריגען יאהרהונדערט — גארדין שפיעלט די ראל פון פריסטאוו אין „פאגראם“. — גארדינ'ס ערשטע שטיקע. — דער אידישער קעניג ליר. — די ערגסטע דאלטונג צו די פיעסען. — א שווערער נסיון. — די ערשטע חסידים פון דער בעסערער דראמע. — דער נייער גייסט אויף דער ביהנע — — — — — — — — 107

זעקסטער קאפיטעל: — די רעוואלוציע פון די אקטיארען.

אקטיארען צוברעכען זייערע אפגעטער. — די קלאסישע מגפה. — פאר וואס שעקספיר האט אויסגענומען ביים פראסטען אידישען טהעאטער בעזוכער. — אברהם מיכל שארקאנסקי. — די איינציגע פיעסע פון מארים ראזענפעלד. — די קאמבינאציע פון שטערען. — עהרענפיעסען און ברויטפיעסען. — לעאן קאבריו, ז. ליבין און אנדערע פנים חדשות אויף דער ביהנע — — — — — — — — — — — — — 127

זיבעטער קאפיטעל: — טהעאטער אין גאליציען און רומעניען.

גאליציען ווערט בעזוכט פון אידישע נע ונד קאמפאניעס. — די שווערינקייט צו עפענען א אידישען טהעאטער אין גאליציען. — ערשטער אידישער כטאבילער טהעאטער אין לעמבערג. — בערטהא קאליש — אברהם גאלדפאדען אין לעמבע. ג. — זשייניצא אין בוקארעסט. — די אידישע טרופען אין רומעניען. — גאלדפאדען ווידער אמאל דירעקטאר אין בוקארעסט. — די גדולה פון אידישען טהעאטער אין לאנדאן געהט אונטער. — אמעריקא שלינגט איין די גאנצע טהעאטער־קונסט — 142

אכטער קאפיטעל: — די גאלדענע עפאכע.

היינע און הורוויטש אין ווינדזאר טהעאטער. — אדלער און טהאמאשעפסקי אין פיפלס טהעאטער. — די אמעריקאנער עקסטראוואגאנצא. — קעני ליפצין און די בעסערע פיעסען. — א דלות וואס פערוואנדעלט זיך אין אן אוצר. — קעסלער און קאליש אין טהאליא. — דער גרויסער ערפאלג פון „בן הדור“. — וואס הייסט א וואך אין אידישען טהעאטער. — תחית המתים פון די בעסערע פיעסען. — אמעריקאנער אינטעליגענץ פעראינטערעסירט זיך מיט'ן אידישען טהעאטער. — דער ערשטער טהעאטער געבויט לכתחילה פאר אידען — — — — — — — — — — — — 155

ניינטער קאפיטעל: — דער פאל פון דער בעסערער דראמע.

דער ערשטער שטיין אין וועג פון דער בעסערער דראמע. — די סיסטעם פון מארקען און פאר וואס די אקטיא עז זיינען געווען אונצופריעדען מיט איהר. — אקטיארען און ארבייטער ביים טהעאטער ארגאניזירען זיך. — אמעריקאנער דירעקטארען ווארפען אן אויג אויף די אידישע קרעפטען. — בערטהא קאליש פערלאזט דעם אידישען טהעאטער און געהט צו דער אמעריקאנער ביהנע. — קאליש, אדלער און קעסלער. — די ערפאהרונג פון אידישע אקטיארען אויף דער אמעריקאנער ביהנע. — די שייכות פון איינוואנדערונג מיט'ן גייסטיגען צושטאנד פון טהעאטער. — די מגפה אויף מוזיק האלס. — גאלדפאדען קומט אויסלעבען זיינע לעצטע טעג אין אמעריקא. — די לעצטע פיעסע פון יעקב גארדין. — אפשאצונג פון יעקב גארדין — — — — — — — — — — — — — — — — — 171

צעהנטער קאפיטעל: — טהעאטער אין רוסלאנד און אנדערע מדינות.

די אידישע ביהנע אין רוסלאנד איז א לאנגען משך געווען טויט. — די אידישע קאמפאניעס זיינען געווען הפקר. — פון 1900 האט די ביהנע אין רוסלאנד אנגעהויבען צו ווייזען סימנים פון אויפלעבונג. — די בעוועגונג פאר בעסערע דראמען פון אויבען. — אידישער טהעאטער אין אפריקא. — אידישער טהעאטער אין ארגענטינא — פרויען־הענדלער און גאסען־פרויען איבען אוים זייער איינפלוס אויפ'ן טהעאטער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 190

עלפטער קאפיטעל: — הארץ, נשמה, פינטעלע.

דער זיעג פון שונד. — מוזיק האלס קענען מעהר ניט קאנקורירען מיט די טהעאטערס. — פאר וואס קאברין איז געבליבען אין שאטען. — ליבין לאזט זיך אויפ'ן וועג פון מעלאדראמע. — רודאלף שילדקרויט קומט פון דער דייטשער ביהנע צו דער אידישער. — רחל קאמינסקא גאסטראלירט אין ניו יארק. — צוויי גרויסע נייע טהעאטערס. — די אלטע קאמבינאציע מיט א נייען אונטערשלאק. — דער חשבון איז דא, נאר געלד איז ניטא — די אנדערע דראמענשרייבער. — פרץ'עס גאלדענע קייט. — די קליינע טהעאטערס. — די דראמאטישע קלובען — — — — 203

צוועלפטער קאפיטעל: — די נייערע דראמע.

דער איינפלוס פון דער מלחמה אויפ'ן אידישען טהעאטער. — די צייכענס פון דער צייט. — די ממשלה פון די הויפט אקטיארען ענדיגט זיך. — דער יונגער דירעקטאר מארים שווארץ. — די נייע סדרה פרץ הירשביין. — די היים פון דער נייערער דראמע. — באוואוסטע דייטשע שפיעלער ווערען אידישע אקטיארען — דער נייער אדער קונסט טהעאטער. — דער מהות פון דער נייערער דראמע. — רודאלף שילדקרויט אין דעם נייעם טהעאטער. — מאדאם קאליש צוריק מיט איין פוס אין אידישען טהעאטער. — אנסאנבל אנשטאט שטערען. — די ענדערונגען אין די טהעאטערס. — די ביהנע בלייבט רעאליסטיש — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 232

רשימה פון די פיעסען אין אידישען רעפערטואר — — — — — — — — — — 278—236

ערשטער קאפיטעל.

די נייע היים פון אידישען טהעאטער.

עס וואלט געווען א טעות צו דענקען, אז אידישער טהעאטער איז אין רוסלאנד פערבאטען געווארען צוליעב א מסירה. די אורזאך פון דעם פערבאט איז געלעגען א סך טיעפער, מיט אלעקסאנדער דעם דריטענס ארויפטרעטען אויפ'ן רוסישען טהראן, זיינען אידען ערקלערט געווארען פאר הפקר אין דער צארישער מדינה, און דער פערבאט פון אידישען טהעאטער איז געווען אין אנקלאנג מיט די שרעקליכע רדיפות, וואס די רעגיערונג האט אנגעהויבען געגען די אונגליקליכע אידען.

און טאקע די זעלבינע הפקר לאגע, אין וועלכע אידען זיינען געשטעלט געווארען אין רוסלאנד, האט געשאפען א נייע היים פאר'ן אידישען טהעאטער, און נאך איידער די גזרה געגען אידישען טהעאטער אין רוסלאנד איז ארויסגעגעבען געווארען, האט זי פארמירט די נויטיגע יסודות פאר א אידישען טעמפעל פון קונסט אין אן אנדער לאנד.

ווי בעקאנט, האט זיך די דאזיגע שרעקליכע הפקר לאגע אנגעהויבען מיט די אזוי גערופענע ערשטע פאגראמען, און די זעלבינע פאגראמען האבען אין רוסלאנד געשאפען א גרויסע אידישע אויסוואנדערונג. די געשלאגענע און גע'רודפ'טע אידען האבען זיך געזוכט צו ראטעווען ווי פון א פייער און זיי זיינען געלאפען וואוהין די אויגען האבען זיי געטראגען. זיי זיינען געלאפען קיין ארץ ישראל, קיין זיד אפריקא, געלאפען קיין ארגענטיניען, געלאפען קיין

בראזיליען. און הגם מען איז געלאָפען בלינד, טאקע ווי נאָר פון א שרפה, און אין דער גרויסער מהומה האָט זיך קיינער קיין רעכנונג ניט אבגעגעבען, האָט דאָך דער אונגעלומפּערטער געלאף אין א קורצער צייט אָנגענומען מעהר אָדער וועניגער א בעשטימטען כאַראקטער, און גאָר דער גרויסער שטראָם האָט זיך א גאַס געטהאָן קיין אמעריקא. אין עטליכע גרויסע שטעדט פון די פעראייניגטע שטאַטען איז אין דעם משך פון א פּאָר יאָהר געוואָרען א גרויסער אידישער קבוץ, און מעהר פון אַלע האָט זיך מיט אזא קבוץ אויסגעצייכענט די שטאָדט ניו יאָרק. פון 1881, דאָס הייסט באַלד נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז די אידישע בעפעלקערונג אין ניו יאָרק געוואַקסען מיט א וואונדערבאַרער שנעלקייט, און די אידישע בעפעלקערונג האָט דאָ אָנגענומען אזא פּראָפּארציע, וואָס מען האָט ניט געזעהן אין קיין אַנדער גרויסער שטאָדט אין קיין אנדער לאַנד.

און קיין אנדער לאַנד איז ניט געוואָרען אזוי מסוגל, אזוי צוגעפּאַסט פאר אן אידישער ביהנע, פאר אן אידישען טהעאַטער, ווי אמעריקא. און ערגעץ אנדערש זיינען די אומשטענדען ניט געווען אזוי גינסטיג, ווי אין די פעראייניגטע שטאַטען.

די אידען וואָס האָבען איינגעוואַנדערט אין אמעריקא האָבען באַלד פערזוכט דעם טעם פון אזעלכע פערדיענסטען, וואָס האָבען זיך זיי אפילו ניט גע'חלומ'ט אין דער אַלטער וועלט. זיי האָבען פערדיענט ניט נאָר גענוג אויף א פיינעם אנשטענדיגען לעבען, נאָר עס איז זיי אויך געבליבען פון די שכירות אויף זייטיגע זאכען. אויב דער איינגעוואַנדערטער איז געווען א בחור און אָרים פון דער היים, האָט ער די ערשטע צייט געהאַט אן אידעאַל איינצושאַפען זיך א „וואַטש ענד טשיין" (א זייגער מיט א קייטעל), וואָס שווערער דער זייגער און וואָס דיקער דאָס קייטעל, איז אַלץ גרעסער געווען דער נחת. עס ווייזט אויס, אז היינטיגע צייטען זעהט מען גאָר ניט אזעלכע דיקע גאָלדענע זייגערס, נאָר אין יענער צייט זיינען זיי צווישען די פּראָסטע ארבייטער געווען די גאַנגבאַרסטע סחורה און אזא בחור האָט ניט גערוהט, ביז ער האָט זיך פערשאַפט א שווערען גאָלדענעם זייגער און א דיקע גאָלדענע קיי־

מעל און דערפיהלט זיך מיט ליטען גלייך. אבער נאכדעם ווי ער האט זיך דערמיט אנגעזעטיגט, אליין דורכגעטאפט אלע דעקלאך און געלאזט בעקאנטע דורכטאפען זיי און געשאצט און איבערגע־שאצט וויפיעל זיי זיינען ווערטה אויף גאלד, האט ער דערפיהלט עפעס א מין פוסטקייט ארום זיך. נאך דער שווערער ארבייט אין פאבריק האט זיך געלוסט עפעס אן ענדערונג, עס האט זיך געבייגקט נאך עפעס שענערעס, בעסערעס, וואס זאל צופריעדענשטעלען די נשמה. אויב דער זעלביגער עלעמענט האט שוין די גייסטיגע פוסטקייט דערפיהלט אין דער אלטער וועלט, איז זי נאך דריקענ־דער געווארען אין דער נייער, וואו יעדער איז געווען ארויסגעשלא־גען פון זיין קאלייע און פערשטויסען פון זיין סביבה. נאך דער ארבייט איז מען ארומגעגאנגען ווי אין עולם התהו און דער פשוט'ער ארבייטער האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט זיך. קיין קלו־בען, בעלער, לעקציעס, צייטונגען זיינען דעמאלט נאך ניט געווען אדער כמעט ווי ניט געווען.

אזעלכע נאקעטע נשמות וואלטען אבגעשלאגען די שוועלען פון א טהעאטער. פאר זיי איז א טהעאטער ווי א מתנה פון הימעל. און עס דארף דאריבער קיין חדוש ניט זיין, אז אין ניו יארק האט מען געמאכט א פערזוך צו שפיעלען אידיש טהעאטער נאך מיט צוואנציג יאהר פריהער, איידער גאלדפאדען האט געלעגט דעם פונדאמענט אין בוקארעסט. ווען ב. טהאמאשעפסקי און גאלובאק האבען באלד נאך די ערשטע פאגראמען געוואלט אויפפיהרען אין ניו יארק „מכירת יוסף". און, ווי זיי האט געדוכט, צו שפיעלען א אידיש שטיק צום ערשטען מאל אין אמעריקא, האט זיך ארו ס־געוויעזען, אז א מאלער פון עסעקס סטריט האט מיט פינף און צוואנציג יאהר פאר זיי פרובירט צו שפיעלען דאס דאזיגע שטיק און דאס רעכט פון דעם שטיק בעלאנגט צו איהם. ווער ווייסט פיע־לע נאך אזעלכע, האבען פרובירט צו מאכען אזעלכע אונטערנעה־מונגען דא א ן אמעריקא און זיי זיינען ניט געלונגען?

און הגם א ן ניו יארק איז שוין פאר די פאגראמען געווען א פובליקום, וואס האט אויסגעקוקט די אויגען אויף א אידיש טהעא־טער און האט געהאט דאס געלד אויסצוגעבען אויף אזא פערגעני־

נען, איז אבער ניט געווען גענוג פובליקום אז עס זאל קענען אויס־האלטען א:א אונטערנעהמונג ווי טהעאטער. און דער באדען פאר א טהעאטער אין אמעריקא איז ערשט פארטיג געווארען ווען עס האט זיך אנגעהויבען דער גרויסער שטראם עמיגראציע פון רוסלאנד קיין אמעריקא.

עס איז אמת, אז צווישען די וואנדערער, וואס דער שטראם האט געבראכט זיינען געווען פיעלע פון דעם עלטערן דור, די מעהרסטע פון זיי האבען איבערגעלאזט ווייב און קינדער אין דער היים און מען האט געדארפט זארגען ניט נאר וועגען היונה פאר זיי נאר אויך וועגען אנקלייבען גענוג געלד, אז מען זאל זיי קענען אריבערברענגען אהער, און פון זיי האט א טהעאטער גאר ניט נעקענט ערווארטען. די פרימערע פון זיי האבען דא אויך געפונען די שוהל און זיי האבען קיין אנדערע פערגעניגענס ניט געזוכט ווי די וואס מען געפינט אין שוהל. נאר דער גרויסער שטראם האט געבראכט אהער א סך יונגע לייט, וואס האבען געוואלט לעבען א גוטען טאג און זיי זיינען געווען אין דער מעהרהייט.

און כדי בעסער צו פערשטעהן דעם גאנג פון דער ענטוויק־לונג פון דעם אידישען טהעאטער אין אמעריקא איז נויטיג א ביס־סעל לענגער אבצושטעלען זיך אויף דעם כאראקטער פון די וואנ־דערער, וואס זיינען געקומען מיט יענעם שטראם.

דער שטראם האט געבראכט אהער דריי סארטען וואנדערער: אידען פון אלטען דור, אידישע יונגע לייט פון נייען דור מיט א מעהר אדער ווייניגער אויראפעאישער בילדונג, און אידישע פראס־טע ארבייטער. די אידען פון אלטען דור זיינען ניט געווען שטארק פערטראטען, און ווי שוין געזאגט האבען זיי דא אויך געפונען די שוהל און ניט געזוכט קיין אנדערע פערגעניגענס. די אינטעליגענ־טען הגם זיי זיינען געווען פול אומעדום און האבען פון זיך שטארק געלאזט הערען זיינען נאך אלעמען געווען ניט מעהר ווי א קליין הייפעלע. די דאזיגע אינטעליגענטען און האלבע אינטעליגענטען האבען דא געפונען גאר א נייען פערגעניגען און דאס פערגעניגען א"ז בעשטאנען אין דעם, וואס מען האט דא געקענט רעדען פריי. געקומען ערשט פון דעספאטישען רוסלאנד, וואו מען האט געדארפט

מורא האבען ארויסצורעדען א פריי ווארט אפילו בחדרי חדרים, וויל וועגד האבען אויערען, האבען זיי דא געפונען א לאנד, וואו מען האט געקענט רעדען, וואס מען האט געוואלט. זיי האבען זיך אן דעם אנגעכאפט מיט הענד און מיט פיס. עס זיינען באלד בעשאפען געווארען בעוועגונגען, אין וועלכע די אינטעליגענטען האבען זיך אריינגעווארפען מיט לייב און לעבען. די דאזיגע אינטעליגענטען און האלבע־אינטעליגענטען האבען אויך געארבייט אין פאבריק, געקלאפט אויף די מאשינען און געשוויצט צוזאמען מיט אלעמען. זיי האבען אויך געדארפט האבען עפעס אן ענדערונג אין דעם וואכעדיגען לעבען, עפעס א בעפריעדיגונג פאר דער נשמה יתירה, נאר קיין בעסערע גייסטיגע בעפריעדיגונג האבען זיי ניט געקענט געפינען ווי אין די בעוועגונגען, וואס זיי האבען געשאפען.

די פראסטע אידישע ארבייטער פון די איינגעוואנדערטע זיינען דאמאלט געוועזען זעהר א גראבער עלעמענט, דער גרעבסטער וואס מען האט געקענט בעגעגענען צווישען אידען. מען האט צווישען זיי געקענט בעגעגענען א סך, א סך וואס האבען אפילו ניט געקענט לייענען קיין אידיש, הגם ווי מ ר האבען אמאל געוואוסט האט יעדער אידיש אינגעל געמוזט געהן אין א חדר, און אויב ניט קיין תורה האט מען זיך אין א חדר לכל הפחות עברי אויסגעלערנט לייענען.

זיי זיינען געוועזען דער גרעבסטער עלעמענט, היינטיגע צייטען זעהט מען שוין כמעט ניט אזעלכע פראסטע מענשען, און דאס איז געוועזען דער עלעמענט וואס האט אויסגעקוקט די או גען אויף אזא פערגניגען, וואס א טהעאטער האט געקענט שאפען. און דער עלעמענט איז געוועזען גרויס גענוג צו שטיצען א טהעאטער און געבען איהם די מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

אין אמעריקא האט זיך שוין קיין גאונות ניט געפאדערט איינצוזעהן, אז די צייט און דער פלאץ איז פארטיג פאר א אידישער ביהנע. מען האט דא ניט געדארפט האבען קיין טיעפען בליק צו זעהן, ווי אזא גרויסער עולם געהט ממש אויס נאך אידיש טהעאטער. אין אמעריקא זיינען שוין געוועזען א סך מענשען, וואס האבען געזעהן גאלדפאדענס טהעאטער שטיקער, נאך פעהרערע הא־

יען געזונגען די ליעדער פון גאלדפאדענס שטיקער, און טהעאטער איז געלעגען ביי אלעמען אין מויל. עס האט זיך דאריבער נאר גע־פאדערט א פראקטישער מענש, וואס זאל איינזעהן, אז טהעאטער קען דא זיין א גוטער געשעפט און זאל וועלען אויסלעגען א ביסעל געלד אויף דעם.

צווישען די יונגע איינוואנדערער זיינען געווען פיעלע, וואס ווען זיי זיינען נאך געווען אין דער היים, האבען ניט דערעסען, ניט דערטרונקען, אבי צו קענען זיך ארויפכאפען אויף דער גאליארקע פון אידישען טהעאטער, און זיי האבען געקענט אלע ליעדעלאך וואס מען האט געזונגען אין טהעאטער, און האבען נאכגעמאכט די העויות און תנועות פון די אקטיארען וואס זיי האבען געזעהען אין דעם אידישען טהעאטער. זיי האבען זיך געסטארעט צו רעדען מיט'ן קול פון דעם אקטיאר, וועלכער האט אויף זיי געמאכט דעם שטארקסטען איינדרוק און האבען געקוועטשט דעם טראפ אויף די ווערטער, ווי דער דאזיגער אקטיאר. אזעלכע זיינען דא נאך די פאגראמען געווען ניט ווייניג, און די גרעסטע אמביציאן ביי אזעל־כע איז צו ווערען אן אקטיאר.

א חוץ זיי זיינען דא שוין געווען אמת'ע סטאטיסטען, וועל־כע האבען געהאט דאס גליק צו שטעהן אויף אן אמת'ע ביהנע, אטהעמען די לופט פון די ערשטע אקטיארען, טראגען פארטיגע בערד און זופיצעס. אזעלכע זיינען געווען בעהאווענט אין דעם דאמאל־דיגען אידישען רעפערטואר ניט ערגער ווי די אקטיארען גופא און האבען געקענט זינגען אלע ליעדעלאך פון טהעאטער.

יענע מערקווירדיגע צייט האט ארויסגערוקט נאך אן עלע־מענט, וואס האט געהאט פרעטענזיעס אויף שפיעלען, הגם אין קיין אנדער צייט וואלט ער מיט שוישפיעלעריי גאר ניט געהאט צו טהאן. דאס זיינען געווען דילעטאנטען, אמאטארען, וואס האבען אנגעהויבען צו שפיעלען לשם מצוה. די דאזיגע דילעטאנטען האבען פאר זייער קומען קיין אמעריקא געהאט א גרויסע נאציאנאלע אויפגאבע, דהיינו אויסצולעזען דאס אידישע פאלק פון רוסלאנד און שאפען ערגעץ א אידישען שטאאט. גלייך נאך די ערש־טע פאגראמען האט זיך אין אדעס אנגעהויבען א בעוועגונג וואס

איז געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „עם עולם בעוועגונג.“ דער צוועק פון דער דאָזיגער בעוועגונג איז געווען צו שאפען א גרויסען פאָנד און בעזעצען א גאנצען שטאט אין אמעריקא מ־ט אידען און אויף אזא אופן שאפען א זיכערע אייגענע היים פאר'ן גע־רודף'טען אידישען וואנדערער. נאָר איידער די אידישע קאפיטאַ־ליסטען וועלען קומען צו הילף איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאפען א טהייל פון דעם פאָנד דורך ספעקטאקלען. כדי דער פראָפיט זאָל זיין וואָס גרעסער, האָט זיך געפאָדערט, אז די דאָזיגע ספעקטאק־לען זאָלען נ־ט האבען קיין הוצאה אויף אַקטיאָרען, און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז צום שפיעלען האָט זיך גענומען גאָר אן אנדער עלעמענט. מען האָט צווישען זיי בעגעגענט איינגערע משכילים, סטודענטען, גימנאזיסטקעס א. ד. גל. א געוויסע צאָהל פון זיי איז געקומען אהער צוזאמען מיט די פארטיעס פון דעם עם עולם, און אזוי ווי פון דעם גרויסען פלאן צו בעזעצען א שטאט אין דער וועסט מיט אידען איז גאָר ניט געוואָרען, זיינען די אריבערגע־קומענע געבליבען שטעקען אין ניו יאָרק. און גאָר גיך זיינען זיי אריינגעפאלען ווי די אנדערע וואנדערער אין די פאבריקען און ווערקשטאטען.

איידער א טהעאטער איז בעשאפען געוואָרען אין ניו יאָרק זיינען די קליינע פאבריקען געוואָרען קלייניקע טהעאטערס אין דעם זינען, וואָס מען האָט דאָרטען געזונגען און איבערגעזונגען אלע בעקאנטע טהעאטער־ליעדלאך. עס איז געווען שווער צו גע־פינען א ווערקשטאט, וואו עס זאָלען ניט זיין לכל הפחות עטליכע, וואָס האָבען אויף יענער זייט ים ניט בעזוכט אידישען טהעאטער, און וואו אזעלכע זיינען געווען האָט מען געזונגען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אין יענע פאבריקען וואָס האָבען געהאט די זכיה צו האָבען צווישען די ארבייטער א געוועזענעם סטאטיסט אָדער דילעטאנט איז געווען נאָך פרעהליכער. מען האָט דאָרטען געקענט הערען סאָלאָס, דועטען, טערצעטען, קווארטעטען און וואָס ניט. עס האָבען הנאה געהאט דערפון די ארבייטער, ווייל דאָס זינגען האָט פערשלאָגען דאָס נודנע קלאפען פון די מאשינען און האָט אריינגעבראכט א ליכטיגען שטראהל אין די אומעדיגע פאברי־

קען. עס האבען אויך אנגעקוואלען די פאבריקאנטען, ווייל זייער נשמה איז אויך ניט געמאכט פון קלאטשע און זיי האבען געלעקט די פינגער פון די טהעאטער ליעדלאך. א חוץ דעם, ארבייט זיך טא־קע געשמאקער אונטער די קלאנגען פון זינגען.

אזא מיניאטור טהעאטערל איז געוועזען די פאפּיראָסען פאב־ריק, וואס איז געשטאנען אויף דעם פלאץ וואו עס געפינט זיך איצט דער כינעזישער טהעאטער אין ניו יארק. אין דער פאבריק האבען געארבייט א פינף זעקס הונדערט פערזאן. צווישען די אר־בייטער זיינען דארטען געווען: א געוועזענער סטאטיסט, וועלכער האט זיך ארויסגעגעבען פאר א אידישען אקטיאר פון דער היים און א פאפּיראָסען מאכער פון דער היים, וואס האט געהאט צוויי ברידער אמת'ע אקטיארען. דער סטאטיסט האט זיך בעריהמט, אז ער האט געשפּיעלט אין אידישען טהעאטער אין אדעס, נאר מען האט איהם ניט געגלויבט. די איינפאכע ארבייטער האבען ניט געקענט בעגרייפען, ווי אזוי ווערט א מענש אוועקווארפען אזא גדולה און זעצען זיך אין א פאבריק ביי א וואכעדיגער ארבייט. א חוץ די צוויי האט אין דעם שאפ געארבייט ב. טהאמאשעפסקי, און הגם ער האט נאך דאמאלס קיין שייכות מיט טהעאטער ניט געהאט, איז ער אבער געווען א זינגער פון דער היים; פאר די פאגראמען איז ער געווען א משורר ביים בערדיטשעווער חזן, ניסן בעלזער. און אזוי ווי זינגען איז געווען די הויפּט זאך אין די אידישע שטיקער, איז ער געשטאנען נעהנטער צום טהעאטער ווי די דער־מאנטע צוויי פערזאנען.

ב. טהאמאשעווסקי דערצעהלט וועגען דער דאזיגער פאבריק אזוי:

איין טיש אין פעקטארי האט געהייסען „יחום טיש" און דאר־טען זיינען נאר געזעסען יענע, וואס האבען נושא חן געווען ביים אויפזעהער. ביי יענעם טיש זיינען געזעסען טהאמאשעווסקי, א. גאלובאק, וועלכער האט געהאט צוויי ברידער אקטיארען און דער סטאטיסט.

דער סטאטיסט פלעגט האלטען אין איין זינגען שטיקלאך פון אידישען טהעאטער, ווי „די באבקעלאך", „וואס טויג מיר מיין

שמחה", „בריסטעלאך לעבעדיגע, בריסטעלאך", „אוי וועה, דלות", און אנדערע. ווען עס האט זיך געפאדערט, האבען אלע פאבריק ארבייטער מיטגעהאלפען אין כאָר.

דער אויפזעהער, א געוועזענער פאקוסניק, האט שטארק הנאה געהאט פון דעם זינגען און אפילו דער פאבריקאנט אליין מיט זיין זוהן פלעגען זיצען אין קאנטאָר און אנקוועלען פון די טהעאטער ליעדלאך.

א חוץ די טהעאטער ליעדלאך פלעגט טהאָמאשעווסקי אויך זינגען עפּעס חזן'ישעס, דעם „יהי רצון" פון ראש חדש בענשען אדער דעם „רבונו של עולם" אדער עפּעס א סאָלאָ פון א אידישער קאמפּאזיציאָן.

דער סטאטיסט האט אויך איינשטודירט מיט די ארבייטער ביים טיש דאָס ערשטע קאָהר פון „שולמית". אויב די פאבריק האט ניט אויסגעזעהן ווי א טהעאטער אויף א קליינעם מאסשטאב איז דאָס נאָר געוועזען דערפאר, וואָס דאָרטען האבען געפעהלט דעקאָראציעס און מען איז זיך בעגאנגען אין גאנצען אָהן שפּיעלען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ווען א מענעדזשער וואָלט זיך דעמאָלט גענומען צו גרינדען א טהעאטער וואָלט ער געזוכט אַקטיאָרען אין די דאָזיגע פאבריקען און ווערקשטאטען, גראד ווי גאָלדפאדען האט זיי געזוכט אין די וויין קעלערען און טראקטירען אין רומעניען. און צווישען די גרינגע ארבייטער וואָלטען זיך געפונען א סך בעלנים, וואָס וואָלטען מיט'ן גרעסטען פערגעניגען פערביטען די פאבריק אויף דער ביהנע. עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אז פיעל ארבייטער וואָס האבען געהאט גוטע שטימען און האבען געקענט נאָכמאכען א „שמענדריק" אדער א „קוני לעמעל" האבען געטרוימט און פאנטאזירט וועגען א קאריער אויף דער ביהנע און געוואָרט און אויסגעקוקט אויף דער גוטער שעה, ווען א טהעאטער וועט זיך עפענען, נאָר זייער האפנונג האט ניט געקענט אין גאנצען מקוים ווערען נאָר צוליעב א זייטיגע אורזאך. זייער האפנונג האט ניט געקענט אין גאנצען מקוים ווערען, ווייל אויף יענער זייט ים האט מען שוין פון עטליכע יאהר געשפּיעלט טהעאטער. און אין דעם פערלויף פון די דאָזיגע עטליכע יאהר זיינען בעשאפען געוואָ־

רען פראפעסיאנעלע אקטיארען, וועלכע האבען שוין געקענט די שטוקעס פון דער ביהנע און די נויטיגע קונצען ארויסצורופען אפ־לאדיסמענטען. ווען אין רוסלאנד וואלט די ביהנע געגאנגען כשורה, וואלטען זיי, דאס הייסט די פראפעסיאנעלע שוישפיעלער דא קיי־נעם אין וועג ניט געשטאנען, נאר דארטען האט די אידישע ביהנע אין גיכען געדארפט קריגען א שרעקליכען קלאפ, און דער קלאפ האט געדארפט צוזייען און צושפרייטען די פראפעסיאנעלע אקטיא־רען אין פערשיעדענע מדינות, און אזוי ווי ניו יארק האט זיך אויס־געצייכענט מיט א גרויסער אידישער קהלה און מיט די גליקען פון אמעריקא האט געקלונגען אומעדום, איז געווען ניט מעהר ווי נא־טירליך, אז די מייסטע פראפעסיאנעלע אקטיארען זאלען קומען אהער זוכען זייער פערלארענע גדולה, און די היגע „גרינע" ארביי־טער וואס האבען געהאפט און געריכט זיך צו ווערען אקטיארען, האבען ניט געקענט קאנקורירען מיט די פארטיגע שוישפיעלער.

נאר ווי די זאך איז, צו די שוישפיעלער אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא זיינען געקומען פארטיגע פון יענער זייט ים, צו זיי האבען דא אנגעהויבען צו שפיעלען, איין זאך איז קלאר, אז די שוישפיעלער זיינען מיט זעהר ווענינע אויסנאהמען געשטא־נען אויף דער זעלביגער מדרגה פון ענטוויקלונג, ווי דאס פובליקום וואס האט אויסגעקוקט די אויגען אויף א אידיש טהעאטער.

דאס ערשטע שטיק וואס מען האט אויפגעפיהרט אין ניו־יארק מיט א כאר, מיט מוזיק, מיט דעקאראציעס איז געווען „קאלדוניא". ווי אזוי מען האט אויפגעפיהרט דאס ערשטע שטיק איז אן אינטע־רעסאנטער קאפיטעל געשיכטע.

ווען מען האט דאס דאזיגע שטיק אויפגעפיהרט איז שווער אויס־צוגעפינען. די וואס האבען געשריבען וועגען יענער פארשטעלונג האבען פערגעסען אנצוגעבען דעם דאטום. ב. טהאמאשעווסקי האט געהאט זעהר פיעל צו טהאן מיט דער אויפפיהרונג פון דעם ערש־טען שטיק, נאר ער גיט אן ניט קיין ריכטיגען דאטום. ער בעהויפ־טעט, אז דאס איז געווען אין דעם יאהר 1880 און דאס קען ניט זיין שוין דערפאר אליין, וואס ער איז נאך דעמאלט ניט געווען אין אמעריקא. מען דארף דענקען, אז די דאזיגע פארשטעלונג איז גע־

ווען ניט פריהער ווי אין יולי און ניט שפעטער ווי אין אויגוסט פון 1882.

פיעל לעגענדעס זיינען ארום איהר געשאפען געווארען אזוי, אז עס איז שווער אבצוטהיילען דאס אויסגעטראכטע, די פיקציע פון דעם אמת. און אום ניט צו זינדיגען געגען דעם אמת, וועל איך איבערגעבען די פערשיעדענע וואריאציעס, און דאן בעלייכטען ווי ווייט מעגליך, וואס איז אמת און וואס איז אויסגעטראכט.

עס איז זעהר אינטערעסאנט, וואס ב. טהאמאשעווסקי דער־צעהלט וועגען דער ערשטער אויפפיהרונג פון דעם דערמאנטען שטיק.

אין א שעהנעם פריהמארגען איז ווי א באמבע אריינגעפאלען א'ין דער פאפיראסען פאבריק, וואס איז אויבען געווען בעשריע־בען, די נאכריכט, אז גאלובאקס ברידער שפיעלען אידיש טהעא־טער אין לאנדאן. די נאכריכט איז געווען אזא, אז דער גרעסטער אפיקורוס האט ניט געקענט אבלייקענען. דער פאפיראסען־מאכער א. גאלובאק האט עס געהאט שווארץ אויף ווייס. אין פאבריק איז איהם אנגעקומען א פאקעט פון לאנדאן, מיט ו קטאריעס א מאר־קע און פון דעם פאקעט האט ער ארויסגעשלעפט אן אפישע גע־דרוקט מיט אידישע ווערטער, און דארטען איז מיט גרויסע בוכ־שטאבען אנגעזאגט געווארען דעם לאנדאנער אידישען עולם, אז די בעריהמטע שוישפיעלער, ברידער גאלובאקס מיט נאך אנדערע וועלען שפיעלען די „קאלדוניא“. דער עולם איז אין דעם געווען אזוי פעראינטערעסירט, אז מען האט אפילו פערגעסען דעם טאבאק און גילזען אויפ'ן טיש. עס האט זיי אויסגעוויעזען, אז דער אידישער טהעאטער איז שוין דא אויפ'ן שוועל און מען דארף נאר זיך א רוק טהון, און מען קען שוין זעהן א אידישע פארשטעלונג.

פון דעם בריעף, וואס איז געווען צוזאמען מיט דער אפישע, האט זיך ארויסגעוויעזען, אז די בעריהמטע שוישפיעלער אין לאנ־דאן, וויינען אויף גרויסע צרות. זיי וואלטען וועלען הוםיז אהער, ליעגט אבער דער גרויסער אקעאן אין מיטען און קיין געלד אויף שיפס־קארטען פערמאגען זיי ניט.

ב. טהאמאשעווסקי איז געוועז איינער פון יענע, וואס האבען געטרוימט און פאנטאזירט צו ווערן אקטיארען. דא האט ער דערזעהען א גלענצענדע געלעגענהייט ווי אזוי צו קומען צו דער ביהנע. אויב איהם זאל איצט געלינגען צו פעראינטערעסירען איינעם וואס האט געלד, אז ער זאל אריבערברענגען די גרופע פון לאנדאן און דא שפיעלען אידישע שטיקער, וועט ער שוין זיין אן איינענער מענש אויף דער ביהנע און דער וויכטיגסטער שריט צו פערווירקליכען זיינע האפנונגען וועט זיין געמאכט. ער דערצעהלט, ווי אזוי ער האט יענע נאכט גע׳חלום׳ט, ווי די צוויי ברידער גאלובאק פיהרען איהם פאר די הענד ארויף אויף דער ביהנע און ווי זיי לאזען וויסען דעם עולם, וואס פאר א נייער שטערן עס איז ערשיענען אין אידישען טהעאטער.

טהאמאשעפסקי אלס פאפיראסען־מאכער האט אזעלכע בעקאנטע ניט געקענט געפינען, נאר אין יענער צייט האט ער אויך געהאט א שבת׳דיגע בעשעפטיגונג, און די בעשעפטיגונג איז געווען צו זינגען פרייטאג אבענד און שבת צו מוסף אין הענרי סטריט שוהל. דארטען האט ער זיך בעקאנט מיט א געוויסען שענקער פון עסעקס און העסטער סטריט, מיט׳ן נאמען פרענק וואלף. דער דאזיגער שענקער פלעגט איהם יעדען שבת נאך׳ן דאווענען נעהמען צו זיך אהיים צו מיטאג און דערפאר האט ער פאר איהם געזונגען. ווען ער איז דעם שבת נאכדעם ווי עס איז אנגעקומען דער פאקעט פון לאנדאן געגאנגען פון שוהל מיט׳ן שענקער האט ער איהם געמאכט דעם פארשלאג ער זאל אריבערברענגען די טרופע פון לאנדאן און זאל ווערען דירעקטאר. דער שענקער האט באלד איינגעזעהען, אז דאס קען זיין א גוטע „ביזנעס“ און טאקי גלייך אויף מארגען האט ער ארויסגעשיקט אכט שיפס־קארטען קיין לאנדאן.

אין עטליכע וואכען ארום איז די טרופע אין א מזל׳דיגע שעה אנגעקומען, די אקטארען זיינען געוועזען אבגעריסען, אבגעשליסען, מיט צובראכענע קאפעלושען און אויסגעקרימטע שיך. אין דער טרופע זיינען געוועזען זעקס מאן און צוויי פרויען. צווישען די מענער זיינען געוועזען די ברידער גאלובאקס און צווישען די פרויען איז געוועזען די פרימאדאנא קראנצפעלד.

פאר דער ערשטער פארשטעלונג האט דער אנטרעפעניאר גע־נומען טורן האל אויף 4טע סטריט, צווישען צווייטער און דריטער עוועניוס און עס איז בעשלאסען געווארען אויפצופיהרען די „קאל־דוניא". מען האט ארויסגעלאזט אפישען און ווי א בליץ האט זיך די נאכריכט צוטראגען איבער'ן אידישען קווארטאל, אז בעריהמטע אקטיארען און אקטריסעס: מ. גאלובאק, ל. גאלובאק, פרוי קראנצ־לעטען צוכאפט ווי מצה וואסער. מען האט געצאהלט אזוי הויך ווי צו פינף דאלאר פאר א בילעט.

די ראלען זיינען פערטהיילט געווארען צווישען די פאלגענדע אקטיארען און אקטריסעס: מ. גאלובאק, ל. גאלובאק, מרס. קראנצ־פעלד, הער און פרוי ספעקטאר און סיימאן.

עס ווייזט אויס, אז די קרעפטען, וואס מען האט אראבגע־בראכט פון לאנדאן זיינען ניט געווען גענוג צום אויפפיהרען דאס דערמאנטע שט ק, און מען האט געדארפט זוכען קרעפטען צווישען די ניט לאנג אריבערגעקומענע פון רוסלאנד. צווישען די נעמען פון די שוישפיעלער, וואס האבען געשפיעלט ביי דער ערשטער אויפפיהרונג פון „קאלדוניא" טרעפען מיר די נעמען פון הער און פרוי ספעקטאר און זיי זיינען קיין מאל אין לאנדאן ניט געווען און זיינען געקומען פון אדעס מיט דער דריטער פארטיע „עם עולם".

ב. טהאמאשעפסקי האט פאר זיין ארבייט און זיין גרויסע סטאראניע שוין געקריגען די ערשטע בעלוינונג. אויף דער אפישע איז געווען אנגעגעבען, אז דער וועלט בעריהמטער זינגער־מאסטער בארים טהאמאשעפסקי וועט זינגען „די באבקעלאך."

די טרופע האט זיך געגעבען גרויס מיהע אויפצופיהרען דאס שטיק מיט'ן גאנצען קנאק, מען האט געמאכט פראבען, מען האט איינגעשטודירט א גרויסען כאר, וואס מען האט צוזאמענגענומען פון עטליכע טעמפלען, דער ארקעסטער איז געווען א דאפעלטער און איז בעשטאנען פון 24 מאן, א קאפעלמייסטער האט מען גע־נומען פון טהאליא טהעאטער, וואס איז דאמאלס געווען א דייטשעס טהעאטער און מיט'ן כאר האט איינגעשטודירט טהאמא־שעפסקי.

אלץ איז געגאנגען כשורה, די שטימונג איז געווען א געהויי־בענע, א יום טוב'דיגע. די אקטיארען האט מען בעקליידט און אב־געוויעשט פון זיי דעם דלות, די גאלובאקס און טהאמאשעפסקי האבען געקראגען צילינדערס און האבען גענומען שפרייזען מיט פער־ריסענע קעפ איבער'ן אידישען קווארטאל. אין גיכען זיינען ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסען די בעקאנטע סאטעליטען וועלכע ווייזען זיך שטענדיג ארום שטערען און טרעטען פון זיי ניט אב און דרע־העו זיך ארום זיי. די שטימונג איז געווען געהויבען, יום־טוב־דיג, נאר פלוצים האט זיך דערהערט א קנאל.

דער קנאל איז געקומען פון א ריינעם הימעל. דאס איז געווען עטליכע טעג פאר דער פארשטעלונג. דורך אן הזהרה'ן שמש האט מען געלאזט וויסען דער דירעקציאן פון דער טרופע, אז דער קא־מיטעט, וואס האט דעמאלט געהאלפען מיט ראטה און טהאט עמיג־ראנטען וויל זיי זעהען.

דער קאמיטעט וואס איז בעשטאנען פון דייטשע יהודים האט אויפגענומען ניט זעהר פריינדליך די ערשטע פארשטעהער פון דער אידישער ביהנע. אפילו די צילינדערס פון די פארשטעהער האבען קיין ווירקונג ניט געמאכט אויף די רייכע יהודים. פערקעהרט, ביי אייניגע מיטגליעדער פון קאמיטעט האט זיך אפען געוויעזען א שמייכעל אויף די ליפען, אבער ניט א שמייכעל וואס דריקט אוים צופריעדענהייט, נאר א שמייכעל וואס געהט שטעכענדיג אין אלע גליעדער.

די ערשטע פארשטעהער פון דער אידישער ביהנע, די ערש־טע פערשפרייטער פון אידישע קונסט האבען פלוצים אראפגע־לאזט זייערע פעריסענע נעזער, און גלייך פערלארען די מינע פון קוקט־נאר־אונז־אן.

די דירעקציאן איז בעשטאנען פון די ברידער גאלובאקס און טהאמאשעפסקי, אלע דריי זיינען נאך געווען גרינע און האבען פאר'ן קאמיטעט מורא געהאט אימת מות.

דער אימיגראנטען קאמיטעט האט דעמאלט גענומען גרויסען אנטהייל אין דער לאגע פון די איינוואנדערער. דער וועהטאג פון די פאגראמען איז געווען ניי און פריש, דער גורל פון די אונגליק־

ליבע וואנדערער האט שטארק אפעלירט צו יענע אידען אין דער פרייער אמעריקא, וועלכע האבען פאר זיי עפעס געקענט טהאן. און זיי האבען עס געטהאן מיט ווארימקייט, ניט פון יוצא וועגען, ניט אויסצופיינען זיך, נאר טאקע ווייל עס האט זיי וועה געטהאן דאס הארץ פאר זייערע ברידער. אפילו די אמעריקאנער גופא האבען זיך אויך דעמאלט שטארק אינטערעסירט מיט'ן גורל פון די אידישע וואנדערער. דער קאמיטעט האט זיך געפונען ניט ווייט פון קעסל גארדען, און האט געוויעזען די איינוואנדערער וואו צו קעהרען זיך און וואו צו ווענדען זיך אין דער נייער מדינה.

דער בעריכט, אז די טרופע אידישע שוישפיעלער איז אנגעקומען קיין ניו יארק, האט דערגרייכט צום קאמיטעט, און די מיטגליעדער פון קאמיטעט זיינען געווארען נייגעריג צו וויסען, וואס פאר שטיקער זיי קלייבען זיך צו געבען. עס האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען געוואוסט דעם אינהאלט פון דער „קאלדוניא" און מען האט דעם קאמיטעט איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען וועגען דעם שטיק. דער קאמיטעט איז געווארען שטארק אויפגעבראכט און האט בעשלאסען אנצואווענדען אלע קרעפטען ניט צו דערלאזען שפיעלען די שטיקער. דעם קאמיטעט איז ניט געפעלען געווארען, וואס אידען ווערען ארויסגעשטעלט אין דער „קאלדוניא" אין א שלעכטע ליכט.

דעם קאמיטעט איז ניט געפעלען געווארען, וואס מען פיהרט אויף א שטיק, אין וועלכען עס קומט פאר א האצמאך, א פעדלער וואס בעשווינדעלט די קונים אין מארק, מאכט זיך נאריש און לאכט אפ פון אידען, און א אידענע א קארטענוואַרפערקע וואס צינדט אונטער א הויז און אידען ווערען פערברענט. דער קאמיטעט האט געפונען, אז דאס איז א חלול השם פארצושטעלען אזא זאך אין א לאנד, וואו אידען ווילען זיך מאכען א היים.

אזוי האבען די מיטגליעדער פון קאמיטעט גערעכנט, ווערליג ב. טהאמאשעפסקי דערצעהלט, און דעריבער זיינען זיי געוועזען אזוי בייז, וואס מען שטעלט אזא שטיק.

דער פרעזידענט פון דעם קאמיטעט האט געהאלטען א לאנגע

רעדע פאר דער דירעקציאָן און גע'מוסר'ט זיי, און ערקלעהרט זיי און געבייזערט זיך אויף זיי און ענדליך אויסגעשריען:

„ניט אומזיסט האָט מען אייך ארויסגעטריבען פון רוסלאנד, מען וועט אייך נאָך פון אמעריקא אויך טרייבען פאר אזעלכע פיהרונגען. דאָ מאכט מען ניט קיין חוזק פון אידען.“

דער פרעזידענט פון קאָמיטעט האָט געפרובט מיט גוטען און מיט בייזען. ער האָט די אקטיאָרען געסטראשעט, אז ער וועט זיי צוריק שיקען אין רוסלאנד און ער האָט אויך געפרופט איינרעדען זיי, אז זיי זאָלען בעסער אויסלערנען זיך א מלאכה און מאכען א בכבוד'יגען לעבען, נאָר זיי האָבען אויף דעם געקוקט ווי אויף א גזרה פון די דייטשע יהודים און זיי זיינען אוועק פון קאָמיטעט מיט צובראָכענע הערצער, צושלאָגענע האָפנונגען און צושטערטע פלענער.

די גרינע דירעקציאָן האָט זיך מיט אַן אמת געשראָקען, אז אויב זיי וועלען עובר זיין אויף דער גזרה וועט מען אלע אקטיאָרען צוריק שיקען קיין רוסלאנד, נאָר דער אנטרעפּעניאר זייערער, דער שענקער פון העסטער און עסעקס סטריט איז שוין גאָר ניט געווען קיין גרינער און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז פארגעקומען צווישען דער דירעקציאָן און קאָמיטעט, האָט ער די אקטיאָרען געטרייסט און בערוהיגט זיי און ערקלערט, אז ער וועט הערען דעם קאָמיטעט, ווי דעם פאר א יאָהריגען שנעע.

די ערשטע פארשטעלונג איז געבאָרען געוואָרען מיט יסורים, ווייטאָג און צושפּאָלטענע קעפּ. צוויי שטונדען פאר דער פארשטעלונג זיינען די גאסען ארום טורן האָלל געווען שווארץ מיט מענשען. דער בעל הבית פון טורן האָלל, א דייטש, האָט זיך דערשראָקען פאר'ן גרויסען עולם און געשיקט נאָך פּאָליציי. א סקאדראָן פּאָליציסטען איז ת״כף געקומען און אָנגעהויבען ארבייטען מיט די „קלאָבס“ (אזעלכע קליינע בולאוועס) און די גרינע אידישע ארבייטער האָבען געמאכט שהחיינו איבער'ן אמעריקאנער פלעקיל און פערזוכט זיין ביטערן טעם.

נאָר די בולאוועס האָבען ניט אָבגעהאלטען דעם עולם פון שפּארען זיך. דער בייז וואונדער פון א אידישען טהעאטער איז

געוועזן צו גרויס, אז מען זאָל זיך אָבשרעקען פאר א בלויען ראָק. (אמעריקאנער פּאָליציסטען טראָגען בלויע רעק) און פּאָלירטען פלע־קיל. די וואָס האָבען בעלאַגערט די גאס ארום טורן האַלל האָבען אפילו ניט געקענט האָפען אריינצוקומען אין טהעאטער, ווייל זיי האָבען געוואוסט אז מען קען שוין קיין בילעטען ניט קריגען, נאָר מען האָט געהאָפט צו כאפּען א בליק פון א שוישפּיעלער, אפשר וועט זיך א מהיר עפענען און מען וועט קענען כאפּען א בליק, ווי עס זעהט אויס אינעווייניג, אפשר וועט מען קענען כאפּען א קלאנג פון דעם זינגען, מאַלע וואָס מען קען זעהען לעבען א פּלאַץ, וואו מען שפּיעלט א אידישע שטיק צום ערשטען מאָל!

דער קאָמיטעט האָט אויך ניט געשוויגען, און אין מיטען דער מהומה ארום טורן האַלל האָבען זיך פּלוצים געוויזען עטליכע גרוי־סע וועגען מיט א פייפען און באראבאנעווען און אָבגעשטעלט זיך אויף די ראגען גאס. דערנאָך האָבען זיך אויף די וועגען בעוויזען רעדנערס וועלכע האָבען גערעדט צו די פערזאמעלטע און ערקלערט זיי, וואָס פאר א שאנדע און חרפּה די פאָרשטעלונג איז פאר'ן אידישען פאָלק און געבעטען דעם עולם, מען זאָל זיך רוהיג צוגעהן א היים און ניט שענקען די אקטיאָרען און זייערע פאָרשטעלונגען די מינדסטע אויפמערקזאמקייט.

דער קאָם מעט איז געגאנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט פאר א מיאוס'ן מיטעל צו געבען שוחד דער איינציגער פרימאַדאָנא, אז זי זאָל אין איהר ראָל ניט ערשיינען. דער קאָמיטעט האָט געשיקט רופען מר. קראנצפעלד, דער פרימא־דאָנאס מאן און אָנגעבאָטען איהם א פּאָר הונדערט דאָלאר, אז פרוי קראנצפעלד זאָל ניט ערשיינען אויף דער ביהנע אויף דער דערמאָנטער פּאָרשטעלונג.

אָבער ניט ערשיינען אליין איז געווען ניט גענוג. עס האָט זיך אויך געפאָדערט, אז זי זאָל וועגען דעם ניט דערצעהלען די טרו־פּע, כדי די אקטיאָרען זאָלען ניט האָבען קיין צייט אָבצוזוכען ווע־מען עס איז, וואָס זאָל קענען פערנעהמען איהר פּלאַץ.

הינטער די קוליסען איז מען פאר דער פאָרשטעלונג געווען אזוי פערהאבעוועט, פערשמאַיעט, צוטומעלט, אז קיינער האָט זיך

ניט געכאפט, אז די פרימאדאנא פעהלט. און ערשט ווען מען האט געדארפט אויפהויבען דעם פארהאנג און מען האט אנגעקלאפט אין איהר גארדעראבע אין טהיר און זי האט ניט געענטפערט און מען איז אריין אינעווענינג און זי איז דארטען ניט געווען, האבען זיך ביי דער טרופע אונטערגעבויגען די פיס. מען האט געשיקט סטאפעטען, גענומען איהר זוכען, נאר ניטא, קיינער האט זיך אפילו ניט געקענט דערמאנען, אז מען האט איהר געזעהען.

ערשט ווען דער זייגער האט געשלאגען ניין און דער עולם אין טהעאטער האט פערלארען די געדולד זיינען די דירעקטארען אוועקגעפאהרען צו דער פרימאדאנא אהיים, זי האט זיך אנפאנגס געמאכט קראנק, נאר באלד האט דער מאן אויסגעזאגט דעם סוד. ב. טהאמאשעפסקי דערצעהלט, אז פרענק וואלף האט פערקאסערט די פאלע. ארויסגענומען דעם טייסטער און אנידערגעלעגט דריי הונדערט דאלאר מזומן און די פרימאדאנא איז אוועקגעפאהרען מיט די דירעקטארען אין טהעאטער.

דערווייל אבער איז שוין געווארען שפעט; גאר דער גרויסער עולם איז מיעד געווארען ווארטענדיג און איז אוועק פון טהעאטער. עס זיינען אויך אוועקגעגאנגען די מוזיקער און דער כאר. עס זיינען נאר געבליעבען די פערביסענע און זיי האבען געקעהרט א וועלט אין טהעאטער.

אהן אן ארקעסטער און אהן א כאר האט די פרימאדאנא ניט געוואלט זינגען, און די מישענינע, דער טומעל, דער געשריי, דער געפילדער, דער ליארם צווישען די פערבליעבענע איז געווארען נאך גרעסער. הינטער די קוליסען איז אויך ניט צוגעגאנגען גאנץ רוהיג, די מיטגליעדער פון דער טרופע האבען זייער הארץ אויסגעלאזט צו דער פרימאדאנא, זי פון איהר זייט האט אויך ניט געשוויגען און עס האט זיך דארטען אנגעהויבען א זידלעריי, א שילטעריי מיט די סאמע אבגעקליעבענע קללות און חרמות, די קולות פון הינטער די קוליסען און פון טהעאטער האבען זיך צוזאמענגעמישט און דער וואס האט קיין אנטהייל ניט גענומען האט געמוזט אנטלויפען.

די פארשטעלונג האט זיך געענדיגט מיט א געשלעג און סקאנדאל.

אזוי דערצעהלט ב. טהאמאשעפסקי וועגען דער ערשטער פארשטעלונג, אויף וועלכער ער האט געזונגען „די באבקעלאך“ און עס קען דאריבער קיין צווייפעל ניט זיין, אז ער איז דערביי געווען.

אבער די אנדערע אקטיארען, וואס האבען געשפיעלט אויף יענער פארשטעלונג גיבען איבער די מעשה גאר אנדערס, א סך איינפאכער און פראזאאישער.

זיי זאגען, אז קיין גרויסע אויסכאפעניש אויף די בילעטען איז ניט געווען, און זיי געדענקען זיכער, אז עס האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער בעלן צו צאהלען פינף דאלאר פאר א פופציג סענטיגען בילעט ווי מר. טהאמאשעפסקי בעהויפטעט. זיי געדענקען אויך ניט, אז מען האט אזוי בעלאגערט דעם טורן האלל, אז מען האט געדארפט ארויסרופען א סקאדראן פאליסלייט. אלענפאלס איז די איינגאהמע געווען ניט אזא געהויבענע, אז דער אנטרעפעניאר זאל ארויסלעגען דריי הונדערט דאלאר דער פרימאדאנא. אין יענע צייטען וואלט זיך ביי א שוישפיעלער ניט נאר פערדרעהט דער קאפ פון אזא סומע געלד, נאר ער וואלט געקענט קריגען א הארץ קלאפ פון שרעק. פרוי קראנצפעלד האט זיך ניט געמאכט קראנק, נאר זי איז טאקע געווען הייזעריג, און זי האט יענעם אבענד ניט געקענט זינגען. אויך געדענקען זיי ניט, אז דער עמיגראנטען קאמיטעט זאל מאכען אזעלכע אנשטרענגונגען צו שטערען די אויפפיהרונג פון דער „קאלדוניא.“

אלס בעוויז, אז די ערשטע פארשטעלונג האט זיך בעצאהלט ערגער ווי מען האט ערווארטעט, איז דער פאקט, וואס דער אנטרעפעניאר איז גלייך געווארען אבהענדיג און ער האט אזוי גיך קיין צווייטע פארשטעלונג ניט אונטערגענומען, הגם ער פערזענליך איז געווען פערקאכט אין אידישען טהעאטער. עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז ער האט זיך ווידער איינגעשטעלט צו אונטערנעהמען צוזאמען מיט שותפים אנדערע פארשטעלונגען.

צי די ערשטע אידישע פארשטעלונג האט זיך געענדיגט טרויע-

רוג צוליעב די שוישפּיעלער, אדער צוליעב דעם פּובליקום — קיין אנדערע אידישע פארשטעלונגען זיינען שוין ניט געווען ביז סכות.

איצט אבער האט שוין איין דירעקטאר ניט געוואגט צו מאכען אזא אונטערנעהמונג און פרענק וואלף, האט אבגעזוכט נאך צוויי שותפים, איינער פון זיי איז געווען א קצב פון באיארד סטריט און מען האט געמאכט אלע הכנות פאר די יום טוב'דיגע פארשטעלונגען.

די טרופּע איז איצט געווארען א גרעסערע און בעדייטענדערע: צו די שפּיעלער וואס זיינען אין מיטען זומער אריבערגעקומען פון לאנדאן, זיינען צוגעשטאנען מעהר דילעטאנטען, וואס זיינען געקומען מיט'ן „עם עולם“. די קאמפּאניע איז איצט בעשטאנען פון די פאלגענדע פערזאנען:

לעאן גאלובאק, מיראן גאלובאק, ספּעקטאר און זיין פרוי, בארסקי, ראזענבלום, באיארסקי, בערנשטיין (ניט דער בעוואוסטער קאמיקער בערנשטיין), סיימאן, זשופּניק און ב. טהאמאשעפסקי.

ווי מען קען זעהן פון דעם צעטעל, איז דא געווען א דוחק אויף פרויען, און מענער האבען געמוזט שפּיעלען פרויען ראלען. ב. טהאמאשעפסקי האט דעמאלט אנגעהויבען צו ערשיינען אין פרויען ראלען.

אזוי ווי טהאמאשעפסקי האט זיך ־עמאלט ערשט אנגעהויבען צו ווייזען אויף דער ביהנע, האט מען די ראלען אנפאנגס געדארפט ספּעציעל פאר איהם צושניידען, דאס הייסט ארויסווארפען די פּראזא און ער זאל נאר זינגען די נומערען, וואס די פרוי אין דעם שטיק האט געדארפט זינגען.

געשפּיעלט האט מען די וואך פון סכות די אלטע שטיקער פון גאלדפאדענס רעפּערטואר: „קאלדוניא“, „קאפּריזנע טאכטער“, „באבע און אייניקעל“ און הגם מיט'ן זכות פון יום טוב האלט מען זיך א לאנגע צייט אין א טהעאטער, האט דא אפילו דער יום טוב אויך ניט געהאלפען און די הכנסה פאר דער וואך פון סכות איז געווען א טרויעריגע. די דירעקטארען האבען פערלארען געלד און האבען זיך אבגעטרייסעלט פון טהעאטער, און די אקטיארען זיינען געבליעבען אויסגעשטעלט.

עס האט אויסגעזעהען, אזוי ווי די שטאדט ניו יארק איז נאך ניט דערוואקסען צו דער מדרגה צו האבען א אידיש טהעאטער און זי דארף זיך נאך פריהער לייטערן ביז זי וועט קומען דערצו.

ענדליך איז גאלובאק'ן געלונגען צו פעראינטערעסירען דעם אייגענטהימער פון דעם „אלד באוערי גארדען" און האט מיט איהם אבגעמאכט צו שפיעלען דארטען צוויי מאל א וואך יעדען פרייטאג אבענד און שבת מאטינעע. גאלובאק האט געמאכט א קאנטראקט אויף דריי יאהר, און די אידישע ביהנע האט נאך אזוי פיעל פלאגען און מאטערן זיך געקריגען אויב ניט קיין ריכטיגע היים, איז לכל הפחות א שאטען פון א היים. די ניו יארקער אידישע תושבים אדער ריכטיגער געזאגט גרים, וואס האבען זיך אינטערעסירט מיט'ן אידישען טהעאטער האבען איצט געוואוסט, ווען און וואו צו געהן זעהן א אידישע שטיק. דער „אלד באוערי גארדען" האט זיך געעפענט פאר אידישע שטיקער א חדשים צוויי נאך סכות, דאס הייסט כמעט סוף 1882.

די קאמפאניע איז געוועזן די זעלביגע, וואס האט געשפיעלט סכות און איצט ווען די אקטיארען האבען זיך געפיהלט מעהר היימיש האט מען או ך אנגעהויבען צו טראכטען וועגען עפעס אנדערע שטיקער א חוץ „קאלדוניא", „שמענדריק", „באבע מיט'ן אייניקעל". מען האט דעם רעפערטואר רייכער געמאכט מיט א פאר שייקעוויטשעס פיעסען, ווי דער „בעל תשובה", „אידישער פריץ" און דאס גלייכען. צווישען די אקטיארען האט זיך געפונען איינער וועלכער האט אויך געשריעבען פיעסען. דאס איז געוועזן דער אקטיאר בארסקי, און ער האט אנגעשריבען פאר דער קאמפאניע די פיעסען: „די וואהנזיניגע" און „דער פאגראם".

דער אינהאלט פון דער „וואהנזיניגע" איז געוועזן אזא. ערגעץ אין רוסלאנד האט געוואהנט א רייכער, קארגער איד. זיין טאכטער האט זיך פערליעבט א ן א קבצן א קינסטלער. עס פערשטעהט זיך, אז דער פאטער איז געגען דעם שידוך און ער וויל איהר חתונה מאכען פאר עפעס א רייכען אויסוואורף. די טאכטער שטעלט זיך געגען איהם און דער פאטער פערשפארט איהר אין א דארף. זי ווערט דארטען משוגע. איהר געליעבטער דער קינסטלער

איז אוועק געפּאַח.״ען פון דער היים און ווען ער האָט זיך געמאכט א גרויסען נאָמען אין דער וועלט און איז געוואָרען רייך האָט ער זיך צוריק געקעהרט א היים, האָט אויסגעפונען וואו זיין געליעבטע איז און האָט מיט איהר חתונה געהאט. דער פאטער האָט אונטער דער צייט פערלאָרען דעם גאנצען פערמעגען, האָט אויך פערלאָרען זיינע אויגען און א בלינדער איז ער ארומגעגאנגען איבער די הייזער. איין מאָל איז ער, ניט וויסענדיג, צוגעקומען צו זיין טאָכ־טערס וואָהנונג און האָט גענומען זינגען א בעטעל־ליעד אונטער׳ן פענסטער. זי האָט איהם אריינגענומען אין שטוב און דערקענט אין איהם איהר פאָטער. מען האָט גערופען דאָקטוירים און גע־מאכט איהם וויעדער זעהענדיג.

דער פערפאסער פון די דאָזיגע שטיקער האָט ניט וועניג שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען די דערמאָנטע פיעסען, און ווען ער האָט ניט געהאט קיין בעשעפטיגונג ביי דער ב הנע האָט ער געארבייט ביי שניידעריי פאר זיך און אויף זיינע קארטלאך, וואו עס איז געווען געדרוקט, אז ער איז א שניידער און ער נעהמט בגדים צום פעררינכטען, פרעסען און פארבען האָט ער אויך ניט פערפעהלט אָנצוגעבען, אז ער איז דער מחבר פון דער „וואָהנזיניגע“ און דעם „פּאָגראָם“.

מחשבותו, דער „פּאָגראם“ האָט קיין שום שייכות ניט מיט׳ן „פּאָגראם“ וואָס י. גאָרדין האָט שפּעטער אָנגעשריעבען.

עס איז אויך אינטערעסאנט, ווי אזוי די טהעאטער בעזוכער האָבען דעמאָלט געקוקט אויף די אקטיאָרען און אויפ׳ן שפּיעלען.

ווען מען האָט אויפגעפיהרט דעם „בעל תשובה“ אין דעם „אָלד באוערי גארדען,“ און ספּעקטאָר, דעמאָלט א יונגערמאן פון עטליכע און צוואנציג יאָהר, איז ערשיענען אין דער טיטעל ראָלע, האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען א אידענע אין דער צווייטער רייהע און אויסגעשריען: „העי, דו אלטער תרח, ווי שעהמסטו זיך ניט אין דיין ווייטען האלז! אין דיינע יאָהרען, צו מאכען זיך אזוי נאַרעש! מילא, די יונגע שנעקעס, אז זיי מאכען זיך אזוי נארעש זיינען ניט מעהר ווי איגנלאך. אבער דו, שוין מיט א פוס אויף

יענער זייט, פאר דיר איז שוין צייט צו האבען מעהר שכל! פוי זאלסטו ווערען!"

„מאכען זיך נארעש", אט וואס א געוויסע קלאסע פון פובליקום איז געגאנגען זעהן אין טהעאטער. פראפעסיאנעלע מענשען מאכען זיך נארעש, מאכען געוויסע העויות און דער עולם קען דערביי לאכען, הנאה האבען. א פראסטער מענש האט אפט ליעב צו זעהן ווי מען מאכט זיך נארעש, אפשר איז דאס דערפאר, וואס דאס הויבט איהם אויף אין זיינע אייגענע אויגען. נאר נאריש מאכען זיך פאסט נאר פאר אינגלאך, יונגע שקצים, אבער ניט פאר עלטערע אידען, מיט גרויסע בערד. אז א שפיעלער גרימירט זיך — דאס האבען ניט אלע פערשטאנען. אין יענער צייט האבען די אקטיארען אויך ניט געטארט ערלויבען זיך צו טהאן אויף דער ביהנע עפעס אזוינס וואס עס קען אנריהרען די געפיהלען פון א פרומען אידען. אין א שטיק קען למשל פארקומען אז דער אקטיאר זאל דארפען אנצינדען א לאמפ, אדער ער זאל דארפען אויפרייסען א בריעף און דאס גלייכען, און אזוי ווי מען האט געשפיעלט פרייטאג צו נאכט און דאס וואלט ניט געפעלען געווארען א טהייל פון דעם פובליקום, האט מען עס געזוכט אויסצומיידען. קיין פאפיראסען האט מען גאר ניט גערויכערט, א בריעף האט מען דערלאנגט א געעפענטען און א לאמפ האט מען אנגעצונדען איידער דער פאר־האנג האט זיך אויפגעהויבען.

אין דער פיעסע „עלילת דם" קומט פאר, ווי די בעל הבית'טע רופט אריין דעם גוישען משרת און הייסט איהם פערלעשען דאס ליכט. אזוי גיך, ווי דאס איז געשעהען אויף דער ביהנע, האט זיך דערהערט א בייזער קול פון פובליקום:

— העי, העי, חברה מאן! ווען ביזט דו עס געווארען אזא „כמארטער" יונג? דו ביזט דערצו געוואהנט פון דער היים? הא? שעהם זיך אין דיין ווייטען האלז!

— שא, שא! האט געענטפערט דער אקטיאר פון דער ביהנע.

— איך בין דאך איצט א גוישער משרת און א גוי מעג אויסלעשען א ליכט אום שבת.

דערפון קען מען אויך דרינגען, אז א חוץ דעם געוואוינליכען

עלעמענט, וואס איז געווען פערקאכט אין טהעאטער, זיינען פון צייט צו צייט אויך געקומען אין טהעאטער פרימערע מענשען. און די פאדערונגען אויף א אידישען טהעאטער דרינגט טיעפער אריין אין דער אידישער מאסע און כאפט ארום א גרעסערען קרייז. עס קומען שוין אין טהעאטער ניט נאר אזעלכע, וועלכע געפינען דארטען א צופריעדענשטעלונג פאר זייער בייגקענס נאך עפעס בעסערס, העכערס, נאר עס קומען אויך אזעלכע וועלכע ווילען אין טהעאטער פערגעסען א ווײלע די דאגות, זארגען, קאפדרעהענים פון דעם שווערען לעבען; און ביי זיי קען מען זאגען געהען אין איין אויער אריין און פון צווייטען ארויס וואס זיי הערען אין טהעאטער. זיי געהען ניט צו נאשען עפעס פון טהעאטער, ארויסצוטראגען עפעס פון דארטען, זיי ווילען בשעת זיי זיצען אין טהעאטער האבען די מעגליכקייט צו געבען א לאך און ארויסלאזען א זיפץ. און אויך א טרעהר אין סימפאטהיע מיט אלע וואס ליידען.

אזוי ווערט ביסלעכווייז פערשפרייט אלץ מעהר די פאדערונג אויף א אידישען טהעאטער און דאס פובליקום ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די פאדערונג אויף א אידישען טהעאטער האט זיך אלץ מעהר פערשפרייט צווישען די מאסען, האט זיך די טרופע אין דעם „אלד באוערי גארדען“ ניט געקענט האלטען. אין דעם אבער איז שוין ניט געווען שולדיג דאס פובליקום, נאר די שפיעלער גופא.

קיין גליקען האבען זיי דעמאלט ניט געמאכט. פון די צוויי מאל שפיעלען א וואך האט מען געהאט אפשר ניט מעהר ווי די אקטיארען וואלטען פערדיענט ווען זיי זאלען ארבייטען אין א פאבריק. קיין גרעסערע פערדיענסטען האט מען זיך דעמאלט ניט פארגעשטעלט, און די אקטיארען זיינען ניט געווען געוואוינט צו גרויסע הכנסות. עס האט געדויערט לאנגע און לאנגע יאהרען ביז אקטיארען האבען זיך אנגעהויבען צו באדען אין געלד און, פערהעלטניסמעסיג, איז דאס געווארען גאר נ ט לאנג. ביז אבער די גליקליכע צייט איז געקומען זיינען די אקטיארען שטארק ארויסגעצויגען געווארען. א געוויסער אקטיאר האט יענע און נאך א

פיעל א שפעטערדיגע צייט איינגעטהיילט אין דריי פעריאדען: די פעריאדע פון פעכגען פאר הונגער, די פעראדע פון געשוואלען ווערען פאר הונגער און די פעריאדע פון פגר'ן פאר הונגער.

נאר מיט'ן ביסעל, וואס דאס טהעאטער האט אריינגעבראכט האבען זיי זיך ניט געקענט צוטהיילען. אין יענער צייט איז נאך קיין יוניאן ניט געווען, וואר זאל ריכטיג אבשאצען דעם ווערט פון יעדען שפיעלער און בעשטימען, פיעל יעדער איז בערעכטיגט צו קריעגען. דאס פובליקום האט נאך אויך ניט געהאט צייט צו בע־שטימען, ווער געפעלט איהם בעסער, און פאר יעדען אפלאדיסמענט וואס איז געפאלען האט מען זיך געריסען. יעדער האט גע'טענה'ט, אז אויף זיינע פלייצעס שלעפט ער דאס טהעאטער, אז נאר איהם צו פערדאנקען קומען בעזוכער אין טהעאטער און דערפאר קומט איהם די גרעסטע דעה. יעדער האט געוואלט ווערען א בעל הבית, דער מאכער, דער קנאקער און אלע אנדערע זיינען געווען געגען איהם. דאס האט געפיהרט דערצו, אז באלד זיינען אין דער טרופע בעשאפען געווארען אפאזיציאנעלע קרעפטען און די קאמפאניע איז צוטהיילט געווארען אויף פיינדליכע לאגערען.

אין גיכען האט זיך טהאמאשעפסקי'ס פאטער אבגעטהיילט פון דער טרופע און האט גענומען דעם „נעשאנעל טהעאטער“ אנט־קעגען איבער דעם „אלד באוערי גארדען.“ פסח טהאמאשעפסקי וועלכער איז געקומען מיט'ן עם עולם, האט אין דער קורצער צייט, וואס מען האט אנגעהויבען צו שפיעלען טהעא־טער מחנך געווען זיינע צוויי טעכטער צו דער ביהנע און צוזאמען מיט זיין זוהן ב. טהאמאשעפסקי האט ער שוין געהאט דריי קרעפ־טען, און דאס איז געווען כמעט אזוי גוט, ווי א האלבע טרופע. די אנדער האלבע טרופע האט מען אבגעזוכט אין די פאבריקען. פסח טהאמאשעפסקי האט אליין אנגעשריעבען א פיעסע מיט'ן נאמען „די אינקוויזיציע“, נאר אויב איין טרופע האט זיך קוים געקענט האלטען, איז פאר צוויי טהעאטערס געווים קיין פלאץ ניט געווען. דער נעשאנאל טהעאטער האט געהאט קיצור ימים, נאר אויך דער „אלד באוערי גארדען“ האט אנגעהויבען צו ווייזען סימנים פון גסיסה. א חוץ דער רייסעריי צווישען די מיטגליעדער,

האבען א פאר אקטיארען אנגעהויבען אויפצופיהרען זיך זעהר שלעכט הינטער די קוליסען, דער טהעאטער האט געקריגען א מיאוס'ען נאמען, און אנשטענדיגע מענשען האבען אנגעהויבען צו ווייכען פון איהם ווי פון א פעסט. דער טהעאטער איז געווארען א נעץ פאר מיידלאך און ווייבלאך. דער גרעסטער טהייל פון דער קאמפאניע האט א מאך געטהאן מי'י דער האנד אויפ'ן טהעאטער, און צייט דעמאלט האבען זיי שוין מעהר קיין שייכות ניט געהאט מיט דער ביהנע.

אין דער צייט, דאס הייסט אין 1883 איז אין ניו יארק אנגעקומען א נייע קאמפאניע מיט די פאלגענדע מיטגליעדער: הער און פרוי זילבערמאן, הער און פרוי חיימאוויץ (איצט פרוי אדלער), קארפ, הער און פרוי בארדקין און וואכטעל. צוזאמען מיט דער דאזיגער קאמפאניע איז אויך געקומען י. לאטיינער.

עטליכע מיטגליעדער פון דער נייער קאמפאניע האבען גע'שמ'ט ווייט און ברייט אין דער אלטער אידישער וועלט און אנטקעגען זיי האבען די פריהערדיגע שפיעלער געהאט א פנים פון דילעטאנטען און פאר זיי איז געווארען אונמעגליך צו שפיעלען ווייטער אין ניו יארק. זיי האבען גלייך פערקויפט דעם קאנטראקט, וואס זיי האבען געהאט מיט'ן טהעאטער צו דער נייער קאמפאניע און ל. גאלובאק איז אוועק קיין שיקאגא און די טהאמאשעפסקי פאמיליע האט זיך אריבערגעצויגען קיין פילאדעלפיע און דארטען געשפיעלט טהעאטער.

אין גרונט גענומען איז דער טהעאטער אין אמעריקא געוועזען אין די ערשטע יאהרען ניט מעהר און ניט ווענינער ווי א פארטזעצונג פון דעם היימישען; דער טהעאטער האט מיט האק און פאק איבערגעפעקעלט זיך פון רוסלאנד אדער רומעניען קיין אמעריקא. די נייע קאמפאניע איז שוין געקומען אהער א פארטיגע. אין גאנצען צוזאמענגעשטעלט פון דער אלטער היים און האט אפילו מיטגעבראכט א סופלער. לאטיינער האט דאמאלס סופלירט און שפעטער איז ער געווארען דער אויטאר ביי דער קאמפאניע. שטיקער האט מען אויך געשפיעלט אלטע פון דער היים, און אפילו דאס פובליקום קען מען זאגען איז אויך געוועזען פון דער אלטער היים. די

דייטשע יהודים, וואס זיינען דא שוין געווען תושבים, האבען אין אידישען טהעאטער נ׳ט פערשמעקט, אנדערע אידען וואס זיינען געקומען פאר די פּאגראמען האבען זיך דאמאלס גיכער אמעריקאניזירט און זיי זיינען אין אידישען טהעאטער ניט געגאנגען. די טהעאטער בעזוכער זיינען געווען גרינע, גראד ווי די אקטיארען און מען האט ניט געקענט ווייזען אויף קיין זאך, וואס זאל האבען אין זיך עפּעס אמעריקאנישעס.

נאר מען דארף ניט דענקען, אז דערפאר, וואס דער טהעאטער איז דא געווען א פארטזעצונג פון דעם היימישען, איז זיין ווייטערער גאנג געווען דער זעלביגער און זיין גייסט דער זעלביגער. דאס איבערפּעקלען זיך האט דעם טהעאטער קיין גוטס ניט געטהאן.

די ערשטע שטיקער וואס גאלדפאדען האט אנגעשריבען זיינען געווען ליעדלאך, קופּלעטלאך צוגעשטוקעוועט צו אביסעל פּראזע. איך האב שוין געהאט א געלעגענהייט אויפמערקזאם צו מאכען, אז מען האט אפט אפילו דאס ביסעל פּראזע געמוזט פערבויגען, כדי צו געבען א זינגער די מעגליכקייט צו זינגען די דאזיגע ליעדלאך, ווען מען האט איהם ניט געקענט אנטרויען, אז ער וועט די עטליכע געוואוינליכע אלטעגליכע ווערטער קענען ארויסרעדען אויף דער ביהנע. דער עקר איז געווען דאס זינגען, דאס טענציל. ווען די זינגער און די שפּרינגער און די טענצער האבען זיך אביסעל אויסגעריבען אויף דער ביהנע און די בעזוכער פון טהעאטער זיינען ארויסגעוואקסען פון אזא אונטערהאלטונג האט זיך דער פערפאסער גענומען צו שאפען עפּעס בעסערס און ער איז אזוי געגאנגען פון ערגער צו בעסער, פון גרעבער צו איידלער. דער וועג פון ני־בע־ני־מע ני־קי־קע־רע־קו ביז „שולמית" איז א ווייטער, אזוי ווייט אז עס ווילט זיך כמעט ניט גלויבען, אז זיי זיינען די ווערק פון איין פערפאסער. ביי דער צייט ווען די נייע קאמפּאניע איז אנגעקומען אהער האט די ביהנע אין רוסלאנד שוין דערגרייכט צו אזא מדרגה, אז עס איז דארטען געווארען מעגליך אויפצופיהרען אזא שטיק, ווי „אוריאל אקאסטא" א׳ ד.ג. דאס דאזיגע שטיק איז אן איבערזעצטע, ווייזט עס אבער, אז דאס פּוב־

ליקום האט זיך גיך ענטוויקעלט, און די ביהנע האט געמאכט א ריעזיגען שריט פאראויס.

די ענטוויקלונג איז געווען א נאטירליכע, ניט קיין געצוואונגענע, די בעסערע שטיקער האט מען אויפ'ן פובליקום ניט אנגעווארפען. די בעסערע שטיקער האבען זיך בעוויזען, ווען די איצטיגע אקטיארען האבען שוין געהאט עפעס א פנים און מען האט זיי געקענט אנטרויען א שטיקעל „פראזא", ווען דער געשמאק ביים פובליקום האט זיך אב סעל אויסגעפיינערט, אויסגעאיידעלט. און ווען די ביהנע וואלט זיך אין רוסלאנד ענטוויקעלט כשורה, דאס הייסט ווען די רעגיערונג וואלט ניט פערבאטען אידיש טהעאטער, וואלט די אידישע דראמא אויסגעוואקסען א געזונטע, א שטארקע און געווארען א ציערונג ביי אידען. ווען מען האט אין זינען, אז פון „נ־בע ני־מע ני־קי־קו־רע־קו" ביז „שולמית" און צווישען „שמענדריק" און „אוריאל אקאסטא" ליגען ניט מעהר ווי עטליכע יאהר, דארף אזא בעהויפטונג ניט אויסווייזען איבערטריבען.

מיט'ן אריבערפעקלען זיך קיין ניו יארק האט די ענטוויקלונג פון דער ביהנע ניט נאר אויפגעהערט, נאר מען האט געמוזט אנהויבען גאר פון דאס ניי. ווי מיר האבען געזעהן, איז די ערשטע פארשטעלונג אין ניו יארק געווען „קאלדוניא", איינע פון די ערשטע שטיקער מיט וועלכע די ביהנע האט זיך אנגעהויבען. ווען די נייע קאמפאניע איז געקומען האט זי אנגעהויבען גאר פון דאס ניי. זי האט ווידער אנגעהויבען מיט די ערשטע שטיקער און די זעקס יאהר פון דעם געוואלדיגען פראגרעס פון דער אידישער ביהנע אין דער היים זיינען אין גאנצען פערלארען געווארען.

די ערשטע שטיקער זיינען נאך אלעמען געווען ניט פ־על און יעדער טהעאטער בעזוכער האט זיי שוין געקענט באלד ניט ערגער פון די אקטיארען. עס האט זיך אנגעהויבען א פארדערונג אויף נייע שטיקער און אין 1884 האט דער אויטאר פון דער קאמפאניע יאזעף לאטיינער געשאפען זיין ערשטע ווערק אין אמעריקא „אסתר און המן" און אין דעם זעלביגען יאהר האט ער געשאפען זיין צווייטע ווערק „יוסף און זיינע ברידער".

ניט ווילענדיג מוז מען א שמייכעל טהאן, ווען מען דערהערט

דעם טיטול פון די צוויי נייע שטיקער. אין יענער צייט איז די אי־דישע ביהנע אלט געווען סך הכל פינף זעקס יאהר. אין די קורצע פינף־זעקס יאהר האט די אידישע ביהנע דורכגעמאכט אזוי פיעל, ווי עס האט אנדערע ביהנען גענומען לאנגע יאהרהונדערטע דורכ־צומאכען.

ווי אונז איז שוין בעקאנט, האט מען מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק געשפיעלט אידישע שטיקער, וואס האבען געטראגען במעט די זעלביגע נעמען, און נאכדעם ווי די אידישע ביהנע האט דורכגעמאכט אין די פינף זעקס יאהר נאכ'ן רוסיש־טערקישען קריעג אזא גאלאפירענדע קאריערע, זיינען דא געשאפען געווארען די צוויי „נייע" שטיקער „אסתר און המן" און „יוסף מיט זיינע ברידער". מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז מען האט אנגעהוי־בען דא ניט נאר מיט די ערשטע שטיקער נאר מיט פאר־די־ערשטע.

איבריגענס, זיינען די דאזיגע שטיקער געווען אידישע, ניט קיין איבערגעמאכטע פון גוי'שע מיט אידישע נעמען און זיי האַ־בען שטארק אויסגענומען ביים עולם. אפילו דייטשע יהודים האבען זיך פעראינטערעסירט אין די דאזיגע שטיקער און ארום טהעא־טער פלעגען שטעהן קאריעטען אזוי ווי ארום בראדוויי טהעאטערס. ניט פריהער און ניט שפעטער האט מען אזא ערשיינונג געזעהען ארום די אידישע טהעאטערס, ווען מען זאל ניט רעכענען די קא־רעטען וואס א פאר דירעקטארען האבען זיך איינגעשאפט.

ארום דער צייט האט יאזעף לאטיינער געשאפען דאס ערשטע ווערק, וואס האט געהאט א שייכות מיט'ן לאנד, וואו די אידישע איינוואנדערער און די אידישע ביהנע האבען געזוכט א היים. די פיעסע האט געהייסען „די עמיגראציע נאך אמעריקא". מיט דעם שטיק איז געמאכט געווארען דער ערשטער פערזוך צו שטעלען זיך אויף די אייגענע פיס, און פון דעמאלט אן געהט די אידישע ביהנע אין אמעריקא מיט איהר אייגענעם וועג.

ביז 1885 האט דאס אידיש טהעאטער אין אמעריקא געלעבט מיט'ן זכות פון די אלטע שטיקער פון דער אלטער וועלט, די אק־טיארען האבען מיט זיך געבראכט אלץ וואס זיי האבען געקענט פערנעהמען פון דער ביהנע אין דער היים. דער טהעאטער דא איז

געווען, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, א פארטזעצונג פון דעם היימישען, נאר פון איצט אן זוכט ער צו ווערען מעהר אדער ווע־ניגער זעלבסטשטענדיג.

אין רוסלאנד איז דער אידישער טהעאטער פערבאטען געווא־רען אין דעם יאהר 1883, און די אקטיארען זיינען צוזייעט און צעשפרייט געווארען איבער פערשיעדענע מדינות, וואס זיינען גע־ווען נ ט ווייט פון רוסלאנד. קיין שטענדיגע היים האבען די אק־טיארען ניט געפונען און זיי האבען געדארפט ארומוואנדערען פון שטאדט צו שטאדט. אויב א קליינע טרופע איז געבליעבען שטעקען אין איין פלאץ, איז זי געווען אויף גרויסע צרות. די גרעסטע טרופע האט פון רוסלאנד אריבערגעוואנדערט קיין רומעניען, נאר די אי־דישע בעפעלקערונג פון דער דאזיגער מדינה האט ניט געקענט אויס־האלטען א גרו סע טרופע. די קלאנגען וועגען די גליקען אין אמע־ריקא האבען דערגרייכט צו זיי.

די פיהרער פון יענער טרופע זיינען דעמאלט געווען ז. מאגולעסקא און מ. פינקעל און מיט גרויסע צרות איז זיי געלונגען צונויפקלייבען דעם נויטיגען קאפיטאל, אז זייביידע זאלען קענען אונטערנעהמען אזא ווייטע רייזע. קיין לאנדאן איז געווען נעהענטער און דעם ערשטען בעזוך האבען זיי געמאכט אין דער הויפט שטאדט פון ענגלאנד. דארטען האט דעמאלט געשפיעלט י. אדלער, נאר קיין גליקען האט ער ניט געמאכט. געשפיעלט האט ער אין א פלאץ וואו פון פארענט איז געווען א יאטקע און פון הינטען איז געווען דאס, וואס מען האט גערופען טהעאטער. מאגולעסקא און פינקעל זיינען דארטען לאנג ניט געבליעבען און אין חודש יולי 1886 זיינען זיי אנגעקומען קיין ניו יארק.

דער נאמען מאגולעסקא האט געקלונגען ווייט און ברייט און קיין פאר טעג זיינען ניט אריבער און זיי האבען אונטערגעשריבען א קאנטראקט מיט א דירעקטאר.

דער דירעקטאר איז געווען א שיקאגער און האט דא קיין טהע־אטער ניט געהאט. ער האט אבער געוואוסט אז מאגולעסקא מיט זיין טרופע וועט מאכען א רושם אומעדום וואו זיי וועלען שפיעלען.

דער אבמאך איז געווען, אז מאגולעסקא זאל גלייך פאהרען

צוריק אהיים און ברענגען די קאמפאניע אהער. אביסעל געלד האט ער געשיקט אויף הוצאות, און דאס איבעריגע האט ער געדארפט מאכען פון פארשטעלונגען אויפ'ן וועג. דער רעכנונג איז געוועזן, אז ווען די קאמפאניע וועט אנאנסירען, אז זי פאהרט קיין אמע־ריקא און גיט די לעצטע פארשטעלונגען, וועט די איינאהמע זיין א סך א גרעסערע ווי געוועהנליך און מיט'ן כח פון אזעלכע איינ־נאהמען וועט זיך די קאמפאניע דערשלעפען ביז ניו יארק.

סוף אויגוסט איז מאגולעסקא צוריק געקומען מיט דער גאנ־צער קאמפאניע. אין דער דאזיגער קאמפאניע זיינען געוועזן: ד. קעסלער, ז. פיינמאן, וויינבלאט, בלאנק, הער און פרוי אבראמא־וויץ, פינקעל, אניוטא פינקעל, מיסס וויינבלאט און אנדערע.

דער שיקאגער דירעקטאר האט אבער קיין טהעאטער ניט גע־האט און האט אויך קיין טהעאטער ניט געקענט קריגען אין אידי־שען קווארטאל. ענדליך איז איהם געלונגען צו נעהמען דעם „טע־רעס גארדען" אויף 58טע סטריט אויף דער וואך פון סכות, און די קאמפאניע האט דארטען געגעבען ניין פארשטעלונגען.

וועגען די דאזיגע פארשטעלונגען איז כדאי צו רעדען עטלי־כע ווערטער. זיי ווייזען די נייע טענדענץ, וואס די נייע טרופע האט מיט זיך געבראכט, ווי אויך ווי אזוי דאס פובליקום האט זיך פער־האלטען צו דער נייער טענדענץ.

אין די ניין פארשטעלונגען האט מען אויפגעפיהרט דריי שטי־קער און יעדע שטיק האט מען געשפיעלט צו דריי מאל. די שטיקער זיינען געוועזן „בלו בארד" און „פעריקאלא", צוויי אפענבאך'ס אפערעטען און „די קאקעטע דאמען" פון מ. שייקעוויטש.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די קאמפאניע האט אויפגערו־דערט די טהעאטער בעזוכער פון ניו יארק, און דער עולם האט מיט גרויס אונגעדולד געווארט צו זעהען די נייע שפיעלער אויף דער ביהנע, האט א קעלט געבלאזען אין טהעאטער, ווען מען האט אויפגעפיהרט די דערמאנטע צוויי אפערעטען, און דער עולם איז ארויס פון טהעאטער אונצופריעדען. די פרעמדע אפערעטען זיי־נען דעם עולם ניט געפעלען געווארען און די טהעאטער בעזוכער

האבען זיך געפיהלט אין טהעאטער ווי זיי וואלטען אריינגעפאלען אויף א פרעמדער חתונה.

דערפאר ווען מען האט אויפגעפיהרט די „קאקעטע דאמען" איז די שטימונג געווארען א געהויבענע, א יום־טוב'דיגע אין טהעאטער. די טהעאטער בעזוכער האבען זיך דערפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים, און די צופריעדענהייט פון פובליקום איז געוואקסען מיט יעדער פארשטעלונג. שוישפיעלער זיינען גלייך געשטיעגען אין די אויגען פון פובליקום, און וואס מעהר דאס שטיק האט אויסגענומען, האט מען אלץ מעהר געלעקט די פינגער פון די אקטיארען.

עס איז א געוועהנליכע כאראקטעריסטיק פון א פובליקום וואס שטעהט אויף א ניעדעריגע שטופע פון ענטוויקלונג, אז עס אנערקענט ניט קיין פערפאסערס און ווייס נאר פון די שוישפיעלער. ווען א שטיק נעהמט אוים ביי אזא פובליקום, קריגט די אנערקענונג דער שוישפיעלער, פאר יעדען קלוגען ווערטיל שטייגט דער שוישפיעלער אין זיינע אויגען. און, פערקעהרט, אויב דאס שטיק געפעלט איהם ניט, האט ער ניט קיינע טענות צום פערפאסער און ערווארפט די גאנצע שולד ארויף אויפ'ן שוישפיעלער. פאר אזא פובליקום עקזיסטירט נאר ניט קיין פערפאסער, ווי עס עקזיסטירט אויך ניט פאר איהם די פערזאן וואס קומט פאר אין דעם שטיק. פילאזאפירט דער אקטיאר, הייסט עס אז דער אקטיאר איז א גאנצער פילאזאף, אן אויפגעקלערטער מענש. קומט פאר עפעס א מיאוס'ע האנדלונג, א ניעדערטרעכטיגער טהאט הייסט עס אין די אויגען פון א פראסטען פובליקום, אז דער אקטיאר איז א מיאוס'ער, א ניעדערטרעכטיגער מענש. דעם גוטען אקטיאר, דעם קלוגען אקטיאר, דעם העלדישען אקטיאר אפלאדירט ער און, פערקעהרט, דעם אקטיאר וואס האנדעלט ניט ארדענטליך אויף דער ביהנע, וואס ווייזט ארוים פייגהייט. אדער וואס ווייזט זיך ארוים פאר א שוטה פייפט ער אוים און אויף אלערליי אופנים דריקט ער אוים זיין אונצופריעדענהייט. אז דער אקטיאר שפיעלט נאר די ראל פון א גוטען צו שלעכטען מענשען, פון א קלוגען צו נארעשען מענשען, פון א העלד צו פון א פייגלינג, וויל אזא פוב־

ליקום ניט וויסען. אז אויסנאהמע מאכט עס נאר מיט'ן קאמיקער, צו איהם פיהלט עס א שוואכקייט, איהם פערגיט עס אלע חטאים, און ווי ער זאל ניט האנדלען אויף דער ביהנע, ווי ער זאל זיך ניט אויפפיהרען, וועט דאס פובליקום שטענדיג שמייכלען גוטמוטהיג און אפילו קאטשען זיך פאר געלעכטער.

די דאזיגע כאראקטעריסטיק איז פון יעדען פראסטען פובליקום ביי יעדען פאלק אין דער גאנצער וועלט. די ערשטע צייטען ווען מען האט אנגעהויבען שפיעלען טהעאטער אין פוילען און מען האט אויפגעפיהרט דאס שטיק „יעזוס", האט א פאליאק א צושויער ניט געקענט פארטראגען די ניעדערטרעכטיגקייט פון יהודה איש קריות און איז אזוי אויפגעבראכט געווארען געגען איהם, דאס הייסט געגען דעם אקטיאר וואס האט געשפיעלט די ראל פון יהודה, אז ער האט ארויסגעכאפט זיין רעוואלווער און דערשאסען דעם אקטאר צום טויט.

און די אקטיארען גופא ווען זיי שטעהען אויף דער זעלביגער שטופע פון ענטוויקלונג, ווי דאס פובליקום פערשטעהען אויך ניט בעסער און זיי גלויבען, אז ווען זיי שפיעלען די ראל פון א דענקער, ארטיסט, דיכטער זיינען זיי טאקע דער דענקער, דער ארטיסט אדער דער דיכטער. און, פערקעהרט, ווען זיי קומט אויס צו ערשיינען אין ראלען פון גראבע מענשען, שלעכטע מענשען, דענקען זיי אז זיי ווייזען זיך ארויס אין א שלעכטען ליכט און זיי אליין ווייזען זיך ארויס אלס גראב און שלעכט.

די נייע ריכטונג איז געווען צו געבען גאנץ פרעמדע שטיקער פון די אומות העולם ניט איבערגעמאכט, נאר ווי זיי שטעהען און געהען אין איבערזעצונג, וואס איז בעשטאנען אין עטוואס איבערפיהרען די דייטשע שפראך. פון די דריי שטיקער וואס די נייע קאמפאניע האט אויפגעפיהרט, זיינען צוויי געווען איבערזעצטע אפערעטעס, און הגם מען האט זיי אויפגעפיהרט אונטער די בעסטע אומשטענדען זיינען זיי דורכגעפאלען. דעם ערפאלג האט געהאט א אידישע שטיק. און צייט דעמאלט האט זיך אין דער הינזיכט קיין זאך ניט געביטען אויף דער אידישער ביהנע. עס איז אן אנגענומענער כלל, אז אן איבערזעצטע שטיק

האט קיין מאל קיין ערפאלג ניט אויף דער אידישער ביהנע, עס מאכט ניט אוים ווי גוט דאס שטיק זאל ניט זיין, און וואס פאר א געוואלדיגען ערפאלג עס זאל האבען ביי די אומות העולם. און אזעלכע שטיקער פיהרט מען נאר אויף ווען א טהעאטער כאפט זיך, אז ער האט ניט קיין אנגעגרייטע פיעסען, אדער אין צווישען סעזאנען.

אין גרונט גענומען, איז מאגולעסקא'ס קאמפאניע געקומען קיין ניו יארק אלס א במקום, ווייל עס האט געזאלט קומען יעקב אדלער מיט זיין קאמפאניע, ווי מען קען עס זעהן פון א מודעה, וואס איז געווען געדרוקט דעם 21טען יולי, 1886, אין א ניו יארקער אידי־שער צייטונג. די מודעה האט געלויטעט אזוי :

„אדלער קאמט מיט דער ריכטיגע יודישע טרופפע דיא אין ניו יארק נאך ניט געשפיעלט האט, מיט איבער הונדערט נייע שטיק, (?) דיא מאן נאך אין ניו יארק נימ געזעהן האט. וויר זינד איבערצייגט, דאס דאס היעזיגע פובליקום ערווארטע מיט גרוים אונגעדולד אויף דעם בעריהמטען יודישען שוישפיעלער א ד ל ע ר דער דעם גרעסטען סוקסעס (ערפאלג) געמאכט האט אין דיא גרעס־טע שטעדט אין יוראפ (אויראפע), יעצט קאמט ער אהער מיט זיינער וועלט בעריהמטען טרופפע פון יוראפ אום צו צייגען דען ניו יארקער יודישער פובליקום, דאס עס ווירקליך עקסעסטירט איינע ריכטיגע יודישע טרופפע.“

אונטער דער מודעה איז געווען אונטערגעשריבען „דיא נייע אידישע טהעאטער געזעלשאפט“, און דער גאנצער אויפטהוער דער־פון איז געווען א געוויסער מאנדעלקערן, וועלכער האט געהאט עפעס א קליינע שייכות מיט דער פריהערדיגער קאמפאניע און ווען צווישען זיי איז געווארען אוים שידוך האט ער געהאפט, אז ווען איהם וועט געלינגען אראבצוברענגען א נייע טרופע וועט ער הא־בען א גרעסערען אנהאלט ביים נייען טהעאטער.

מאנדעלקערן אליין איז געווען אן ארימער אימיגראנט, נאר איהם איז געלונגען צו פעראינטערעסירען אין דער דאזיגער אונטער־נעהמונג צוויי שיקאגער אידען, איינער פון זיי האט געהייסען דראזדאוויטש און האט געהאט א שניידער מאגאזין אין שיקאגא

און דער צווייטער איז געווען א שניידער און האט געהייסען ראָ־זענגארטען. זיי זיינען דאס געווען די געלט־מענשען און זיי האבען אוועקגעשיקט מאנדעלקערן קיין לאנדאן נאך אדלער'ן, און הגם זיי האבען זיך אויסגעגליכט אויף אלע פונקטען איז דערפון גאר ניט געווארען.

און געווארען דערפון גאר ניט איז צוליעב דעם האנדגעלד, וואס אדלער האט געקריגען. די צוויי שיקאגער אונטערנעהמער האבען צוגעשיקט פינף הונדערט דאלאר אויף הוצאות פאר איהם און זיין קאמפאניע, נאר איידער מען האט זיך גערירט אין וועג איז דאס געלד ביי אדלער'ן צושלאגען געווארען, און אזוי ווי אין יענער צייט זיינען גראד אנגעקומען קיין לאנדאן מאגולעסקא און פינקעל, האט זיך מאנדעלקערן געאיילט צו שליסען מיט זיי דעם שדוך, און אויף אזא אופן איז אנשטאט אדלער מיט זיין קאמפאניע אנגעקומען אין ניו יארק מאגולעסקאס קאמפאניע.

גלייך נאך סכות האט זיך צווישען די שיקאגאר דירעקטארען און מאגולעסקא'ס קאמפאניע אנגעהויבען א רייסעריי און קריע־געריי. די דירעקטארען האבען ניט געקענט קריגען קיין טהעאטער אין ניו יארק אדער זיי האבען ניט געקענט אריין אין א צו גרויסע הוצאה און דער קאנטראקט האט געלויטעט, אז אויב די דירעק־טארען קריגען ניט קיין טהעאטער אין ניו יארק דארף די קאמפאניע פאהרען אויף א טור איבער דער פראווינץ אונטער זייער דירעקציאן. פאר דער קורצער צייט וואס די קאמפאניע האט דא געשפיעלט האט מאגולעסקא און די אנדערע מיטגליעדער דערוואוסט זיך, אז דער איינציגער ריכטיגער פלאץ וואו צו שפיעלען טהעאטער איז ניו יארק. דער גרעסטער טהייל פון די אידישע וואנדערער, וואס פאהרען נאך אמעריקא בלייבט אין ניו יארק און די אידישע בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך דא מיט א גוואלדיגער שנעלקייט. נאר דער עיקר איז, וואס ניו יארק טראגט דעם כאראקטער פון א גרויסען כרך, בשעת די אנדערע שטעדט, ווי גרויס זיי זאלען ניט זיין אין שטח און ווי שנעל די אידישע בעפעלקערונג זאל דארטען ניט וואק־סען בלייבען זיי פראווינציאנעלע שטעדט.

און ווי „גרין“ די מיטגליעדער פון דער קאמפאניע זיינען ניט

געווען האבען זיי גרינג איינגעזעהן, אז אוועקצולאזען זיך אין דער פראווינץ און בלייבען דארטען שטעקען הייסט בעגראבען און פערשאטען ווערען, און זיי האבען זיך אבגעזאגט צו ריהרען פון ארט.

הגם א לאנגע צייט איז געווען א געוואוינליכע זאך פאר אקטיארען צו ברעכען קאנטראקטען, דאך דארף מען זיך אנשטויסען, אז די „גרינע" קאמפאניע וואלט די ערשטע וואכען אין אמעריקא מורא געהאט צו טהאן אזא זאך, ווען עס זאלען זיך ניט געפינען גוטע מענשען און צוגעבען זיי מוטה. און די גוטע מענשען האבען געהאט זייער איינענע כונה דערביי. עס האבען זיך דא געפונען בעלנים מיט מעהר געלד, וואס זיינען געווען גרייט צו ווערען דירעקטארען פון דער קאמפאניע. איינער מיט'ן נאמען שרייבער, וועלכער האט געהאלטען א קאפע אין דעם אידישען קווארטאל אין ניו יארק האט צוזאמענגעפיהרט דעם אדוואקאט ליוויי, דעם גלאזהענדלער ראט און דעם הענדלער מיט הייזער און לאנד גאלדמאן מיט מאגולעסקא און זיין קאמפאניע און די ערשטע דריי האבען זיך אונטערגענומען צו קריגען א טהעאטער אין דעם אידישען קווארטאל אין ניו יארק און אריינלעגען אזוי פיעל געלד ווי עס וועט זיין נויטיג. מיט אן אדוואקאט אלס איינער פון די דירעקטארען, האט זיך די גרינע קאמפאניע געפיהלט מוטהיג גענוג צו ברעכען דעם קאנטראקט מיט די שיקאגאר דירעקטארען. די לעצטע האבען ניט געשוויגען און ווען מאגולעסקא מיט זיין קאמפאניע האבען זיך אבגעזאגט פון צו פאהרען אויף דער פראווינץ, האבען זיי ארויסגענומען פון געריכט א בעפעהל, אז איידער וואס ווען טאר די קאמפאניע אין ניו יארק ניט שפיעלען. דער פראצעס האט זיך געצויגען א וואך זעקס און אונטער דער צייט איז די קאמפאניע געזעסען מיט פערלעגטע הענד, נאר די שיקאגאר דירעקטארען האבען דעם פראצעס פערלארען, און מאגולעסקא מיט זיין קאמפאניע זיינען געבליבען אין ניו יארק.

ליוויי, ראט און גאלדשטיין האבען אנגעהויבען צו זוכען א טהעאטער און באלד האבען זיי איבערגענומען דעם נעשאנאל טהעאטער. מען זאגט, אז זיי האבען בעצאהלט צוואנציג טויזענד דא-

לאר פאר שליסעל געלד און האבען איבערגעביטען דעם נאמען פון דעם טהעאטער אויף „רומעניע אפערע הויז“.

ארום דער צייט איז פון לאנדאן אנגעקומען קיין ניו יארק משה הורוויטש, וועלכער האט פון בוקארעסט אן ערגעץ קיין מקום מנוחה נים געפונען און די נייע קאמפאניע האט איהם אנגעשטעלט אלס אויטאר.

דאס ערשטע אריגינעלע שטיק, וואס מען האט אויפגעפיהרט אין דעם „רומעניא אפערא הויז“ איז געווען „טיסא עסלאר“ פון מ. הורוויטש. דאס איז געווען די איינציגע פיעסע אויף דער אידישער ביהנע, וואס איז געגאנגען מיט א פארטזעצונג. די דאזיגע פיעסע האט זיך אין איין נאכט נים געענדיגט און די צושויער האבען גע־מוזט קומען א צווייטען אבענד צו זעהן דעם סוף. דאס שטיק האט געהאט א גרויסען ערפאלג, נאר מעהר פיעסען מיט פארטזעצונגען האט ער ניט געשריבען.

אין „טיסא עסלאר“ האט הורוויטש געמאכט א פערזוך אויפ־צוכאפען א גרויסע סענזאציע וואס האט אויף דער מינוט געהאל־טען געשפאנט אלעמענס אויפמערקזאמקייט און מאכען דערפון א דראמע. דער בלבול פון טיסא עסלאר איז דעמאלט נאך געווען פריש ביי אלעמען. יעדער איד האט זיך אינטערעסירט מיט דעם דאזיגען בלבול און דאס איז געווען א לעבעדיגע טאגעס־פראגע. דער ער־פאלג פון דעם שטיק האט איהם געוויזען, אז מיט אזעלכע שטי־קער קען מען אויף דער הייסער מינוט פעראינטערעסירען א פוב־ליקום, און ווען עס האט זיך געמאכט עפעס א פאלקס־צרה אדער א מדינה־אונגליק האט ער זיך געאיילט אנצואווארפען דערפון א דראמע.

דאס שטיק „טיסא עסלאר“ איז שוין נים געווען ניי. הור־וויטש האט עס אנגעשריבען בשעת ער איז נאך געווען אין רומעניען.

נאך „טיסא עסלאר“ האט הורוויטש אנגעשריבען א צווייטע שטיק מיט'ן נאמען „שלמה המלך“ און מיט דעם שטיק הויבט זיך אן דער וויכטיגסטער טהייל פון דער ארבייט, וואס ער האט געלי־פערט פאר דער אידישער ביהנע, דאס הייסט היסטארישע אפע־ראס.

די קאָנקורענץ צווישען די צוויי טהעאטערס איז אזוי פערשארפט געוואָרען, אז א טהעאטער האָט זיך ניט בענוגענט מיט די קרעפטען, וואָס ער איז בעזעסען, נאָר יעדער האָט געזוכט אויסצוכאפּען די שטיקער פון דעם אנדערן, און אזוי ווי די שטיקער האָט מען ניט געקענט אויסכאפּען, ווייל יעדער טהעאטער האָט געהאט זיין פערפאסער, האָט מען געזוכט אויסצוכאפּען דעם אינהאלט פון א שטיק. מיר זעהען אז אין דער זעלבער צייט, וואָס די „רומעניא אָפּערא הויז“ פיהרט אויף די אָפּערא „שלמה המלך“ פון מ. הורוויטש, פיהרט מען אויף אין אָריענטאל טהעאטער די אָפּער „משפט שלמה“ פון י. לאטיינער. פערשטעהט זיך, אז דאָס איז ניט קיין בלינדער צופאל, נאָר א געוויסע טאקטיק, ביי וועלכער די אידישע טהעאטערס האָבען זיך געהאלטען א לאנגע צייט.

נאָך „שלמה המלך“ האָט מען אין רומעניא אפּערע הויז אויפגעפיהרט „יהודה וישראל“. הורוויטש האָט דאָס שטיק האלב איבערזעצט, האלב איבערגעמאכט פון דער דייטשער פּיעסע „די צוויי סערזשאנטען“. דערנאָך האָט מען אין דעם זעלביגען טהעאטער אויפגעפיהרט „דאן יאזעף אברבנל“, וואָס הורוויטש האָט גענומען ווי עס שטעהט און געהט פון קאצעבו׳ס „ערעמיט אויף פארמענטערא“. דאָס דאָזיגע שטיק איז געשאפען געוואָרען צוליעב דעם, וואָס אין דעם צווייטען טהעאטער איז אָנאָנסירט געווען א נייע שטיק פון ראובן ווייסמאן אונטער׳ן נאָמען „דאן יצחק אברבנל.“

דער פּועל יוצא פון דער קאָנקורענץ איז געווען, אז ביידע טהעאטערס האָבען זיך געמאטערט, אדער ריכטיגער וועט זיין צו זאָגען, אז ווייל ביידע טהעאטערס האָבען זיך געמאטערט, איז די קאָנקורענץ געווען צווישען זיי אזא שארפע. נאָר אין דעם איז קיין ספק ניט, אז די אקטיאָרען זיינען געווען אויף גרויסע צרות.

אין יענער צייט איז פאר אן אקטיאָר געווען אן עולם ומלאה. ווען עס האָט זיך געפונען עפּעס א פאבריקאנטעל, וואָס האָט פּאטראָניזירט די קונסט און וואָס פלעגט נאָכ׳ן שפּיעלען צוקומען צום ליעבלינג שוישפּיעלער, א געזונטען קלאפּ טהאָן איהם אין פּלייצע און א זאָג טהאָן: „קום, ברודער, לאָמיר עפּעס צובייסען.“ דאָס

האט אפט געהייסען א גוטער מיטאג, וואס מען האט זיך ניט אזוי אפט געקענט פערגינען, אדער עטליכע סיגארען, וואס האבען פערשאפט הרחבת הדעת, אדער א גוטער טרונק, וואס האט צוגעגעבען מוטה צו הונגערן און קעמפפען ווייטער. אזא גליק האבען אבער געהאט נאר די שטערען. די קלענערע אקטיארען האבען געמוזט בענוגענען זיך מיט „פאטריאטען“, „יאלדען“, „סטיידזש איינדזשעלס“, „סאוקערס.“ דאס זיינען געוואוינליך געווען ארימע ארבייטער, וואס האבען די גאנצע וואך געפראצעוועט אין פאבריק, און אין זייערע טעג פון רוה און די אבענדען האבען זיי פערבראכט אין טהעאטער און ארום טהעאטער. זיי זיינען געווען פערקאכט אין די אקטיארען, און עס קען זיין, אז יעדער פון זיי האט גע'חלומ'ט צו ווערען מיט דער צייט א שוישפיעלער. די קלענערע אקטיארען האבען פון אזעלכע ניט געקענט אבלעקען קיין פעטען ביינדעל, נאר א טאסע קאפע מיט טארט און א פעקיל פאפיראסען האט מען פון זיי געקענט נאשען. און בשעת הדחק איז דאס א גוטע זאך.

א חוץ דעם האט דאס די אקטיארען געגעבען די מעגליכקייט צו ברענגען קונדען אין שרייבערס קאפע און דערפאר האט א בעוויבטער אקטיאר געקענט קריגען א ברייטעל מיט א הערינג צו שטילען דעם הונגער פון ווייב און קינדער אין דער היים.

אויף צרות זיינען געווען אלע אקטיארען אין ביידע טהעאטערס, און דאס האט געפיהרט דערצו, אז די פיינדשאפט פון איין טהעאטער צום צווייטען איז געוואקסען אלץ גרעסער. וואס ווייטער איז די שנאה אלץ מעהר פערשארפט געווארען. די טהעאטערס האבען זיך שוין ניט בענוגענט דערמיט, וואס איינער האט אויסגעכאפט א טיטעל אדער דעם אינהאלט פון א פיעסע פון צווייטען טהעאטער. די ביטערע קאנקורענץ האט זיך דערמיט שוין ניט געקענט שטילען. די דירעקטארען האבען ארויסגעלאזט קליינע אפישען, אין וועלכע זיי האבען געווארפען שמוץ איינער אויפ'ן אנדערן און אויסדערצעהלט איינער אויפ'ן צווייטען וואס אין קארט שטעהט. די הויפט אויפגאבע פון איין טהעאטער איז געווען צו דיסקרעדיטירען דעם צווייטען טהעאטער. א חוץ די אפישען האט

מען געהאלטען רעדעס פון דער ביהנע און געגאסען פעך און שוועבעל איינע אויף די אנדערע. מען האט אויך פערפאסט ספּעציעלע קופּלעטען און ארייגעשטוקעוועט זיי אין די פּיעסען. אין די דאזיגע קופּלעטען האט מען אבגעלאכט, חוזק געמאכט פון די אקטיארען פון דעם צווייטען טהעאטער. עס פערשטעהט זיך, אז דאס האט ניט געשטערט איין טהעאטער ארייגצונעהמען פון צווייטען טהעאטער אן אקטיאר, פון וועלכען מען האט אבגעלאכט, וועלכען מען האט בעשימפּפט און בעשמוצט.

קיין חן האבען די דאזיגע רייסערייען, צאנקערייען, זידלערייען, קריגערייען די טהעאטערס ניט צוגעגעבען, און די געשעפטסזייט פון די טהעאטערס איז דערפון ניט פערבעסערט געווארען.

צווייטער קאפיטעל.

די גאנצע משפחה אין ניו יארק.

ווי שלעכט עס האט זיך ניט געלעבט די אקטיארען אין דעם נייען לאנד, איז דאס געווען א גן עדן אנטקעגען די אנדערע לענדער, וואו אידישע אקטיארען זיינען פערוואָרפען געווארען. אומעדום האט מען געזעהן, ווי דער עולם לאזט זיך אוועק קיין אמעריקא און פון דארטען זיינען אנגעקומען בריעף, וואס האבען דערצעהלט וועגען אזעלכע גליקען, וואס מען האט ערגעץ אנדערסוואו ניט געהערט, און יעדער אקטיאר און יעדע אקטריסע, וואו זיי זיינען ניט געווען האבען געשטרעבט נאך דער גאלדענער מדינה.

דער וועג איז געווען א צו ווייטער, און ניט אזוי דער מרחק ווי די גרויסע הוצאה, וואס אזא רייזע האט געדארפט קאסטען, און מיט ווענינגע אויסנאהמען האבען כמעט אלע אקטיארען געשפאלטען די רייזע אין צווייען. די ערשטע סטאנציע איז געווען לאנדאן, דא האבען זיי זיך אבגעשטעלט, ארומגעקוקט זיך, אבגענומען נעהענטערע גערוסען וועגען אמעריקא, געשטאנען א קירצערע אדער לענגערע צייט און נאכדעם אוועקגעלאזט זיך צו דער גאלדענער מדינה. אזוי איז געווען מיט די ערשטע האלבע אקטיארען, וואס האבען אין ניו יארק געגעבען די ערשטע פארשטעלונגען, אזוי איז געווען מיט דער ערשטער ראיעלער טהעאטער קאמפאניע, פון וועלכער זילבערמאן איז געווען דער קאפ. די גאנצע קאמפאניע האט זיך פריהער אבגעשטעלט אין לאנדאן און א דאנק איהר איז מעגליך געווארען צו געבען צוזאמען מיט די ארטיגע

אקטיאָרען עטליכע פאַרשטעלונגען אין א ריכטיגען טהעאַטער. אויף דער וואָואנגאַרד פון דער צווייטער קאָמפּאַניע, מאַגולעסקאָ און פינקעל, איז פריהער אריינגעפאַלען אין לאָנדאָן און צופעליג דאָרטען געטראָפען זיך מיט א שליח, וואָס איז ניט געקומען נאָך זיי. און אזוי איז געווען דער פאַל כמעט מיט אַלע אַנדערע אקטיאָרען וואָס זיינען אין יענער צייט געקומען קיין אמעריקאַ.

צייט טהעאַטער איז פערבאָטען געוואָרען אין רוסלאַנד, איז אין לאָנדאָן געשטאַנען א קאָמפּאַניע. יעקב אַדלער איז געווען פון די ערשטע אקטיאָרען וואָס האָט זיך בעזעצט אין לאָנדאָן און דאָרטען האָבען זיך אויך בעזעצט די גראַדנערס. הגם זיי זיינען געווען פון די וויכטיגסטע קרעפטען וואָס די ביהנע האָט דעמאָלט פערמאָגט, האָט זיך אבער זייער שפּיעלען אויסגעביטען אויף קליין געלד. קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין ריכטיגען טהעאַטער און די גאַנצע צייט אין לאָנדאָן האָבען זיי געשפּיעלט אזוי צו זאָגען אין קלובען.

ניט אַדלער און ניט גראַדנער האָבען געקענט דערוויזען צו נעהמען א ריכטיגען טהעאַטער אין לאָנדאָן. אזא טהעאַטער איז פערבונדען מיט א גרויסער הוצאה און דער אידישער עולם אין לאָנדאָן איז געווען צו אָרים דערפאַר. אין אַנדערע מדינות האָט מען זיך געהאָלפען דערמיט, וואָס מען האָט גענומען א שטאָל אָדער א טראַקטיר און א נאָמען געגעבען איהם טהעאַטער און געעפענט דאָרטען א קאַסע. נאָר אין לאָנדאָן האָט מען אזוי ניט געקענט טהאָן. א געביידע וואָס טראָגט דעם נאָמען טהעאַטער, דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו די תקנות פון שטאָדט, אז ניט טאָר מען דאָרטען ניט שפּיעלען.

אַנדערס איז אבער דער דין מיט א קלוב. די מיטגליעדער האָבען א רעכט צו פערזאַמלען זיך ביי זיך אין קלוב און געבען פאָרשטעלונגען, נאָר זיי טאָרען קיין בילעטען ניט פערקויפען. די מיטגליעדער דינגען א האָל און גיעבען דאָרטען זייערע פאָרשטעלונגען.

אַדלער האָט געשפּיעלט אין אזא קלוב און די פאָרשטעלונגען זיינען געגעבען געוואָרען שבת צו נאַכט און זונטאָג אבענד. דער

יסוד פון דעם קלוב זיינען געווען די מיטגליעדער, נאר דער גרעס־טער טהייל הכנסה איז געקומען פון זייטיגע בעזוכער, וועלכע די מיטגליעדער האבען זיך געקליגט אריינצולאזען. די מיטגליעדער האבען געצאהלט א שילינג א וואך און דערפון האט נאר געקריגען דער הויפט אקטיאר און די אנדערע האבען זיך געדארפט צופריע־דענשטעלען מיט דער קונסט, צו וועלכער זיי האבען זיך געווידמעט. נאר אפילו דער הויפט אקטיאר האט קוים געהאט וואסער אויף קאשע.

די פארשטעלונגען אין א קלוב זיינען צוגעגאנגען מיט א בע־זונדערן סדר. אין מיטען האל איז געשטאנען א טיש און דארטען זיינען געזעסען דער פארזיצענדער און דער קאמיטעט, אויף א צייכען פון פארזיצענדען האט זיך דער פארהאנג אויפגעהויבען און מען האט אנגעהויבען צו שפיעלען.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען גראדנערן ניט געפעלען געווארען די פאראנדקעס פון לאנדאן, ווייל ער האט באלד גענומען זיין ווייב און איז מיט איהר אוועקגעפאהרען קיין פאריז צו געבען דארטען פארשטעלונגען, אבער ער האט גאר גיך אויסגעפונען, אז אין דער היגזיכט איז פאריז נאך ערגער פון לאנדאן און ער האט זיך צוריק־געקעהרט אין דער הויפטשטאדט פון ענגלאנד און האט געמאכט שבת פאר זיך, דאס הייסט ער האט צוזאמענגעשטעלט א קאמפא־ניע און געשפיעלט אין זיינעם אן אייגענעם קלוב.

אזוי ווי לאנדאן איז געווען די ערשטע סטאנציע פאר אלע יענע, וואס זיינען געפאהרען קיין אמעריקא, זיינען דורך דער צייט דארטען פיעלע פערבליבען און די אקטיארען פאמיליע האט זיך מיט יעדען יאהר פערגרעסערט. אויך זיינען צוגעקומען שפיעלער פון דער אידישער בעפעלקערונג אין לאנדאן גופא. אזוי איז אין לאנדאן אין די ערשטע פאר יאהר געווארען אן אקטריסע פרוי מאנע, וועלכע האט זעהר ווייניג אידיש געקענט און שפעטער איז צוגעקומען אנא העלד. די לעצטע הגם א געבארענע פון ווארשא האט נאך אלס קינד עמיגרירט קיין פאריז און פון דארטען איז זי אריבערגעקומען קיין לאנדאן און איז אריינגעטראטען אלס כאריסטקע אין דער אידישער טרופע אין לאנדאן און האט זיך אין א קורצער צייט דערהויבען צו

דער מדרגה פון א פּרימאַדאָנא. יאהרען שפּעטער האָט זי א נאָמען געוואונען אויף דער ענגלישער וואדעוויל ביהנע און א סך לעגענדען זיינען וועגען איהר ארומגעגאנגען. אזוי איז אויך פּעני עפּשטיין געווען א כאָריסטקע אין לאָנדאָן, איידער זי איז פון איינעם פערפיהרט געווארען קיין אינדיען, וואו א פּרינץ מיט׳ן נאָמען וואדיא האָט זיך אין איהר פערליעבט. נאָכדעם האָט זי זיך צוריקגעקעהרט קיין לאָנדאָן און געוואָרען א אידישע שוישפּיעלערין. אין די דאָזיגע יאָהרען האָט דינה שטעטין (שפּעטער פרוי דיינע פיינמאן) געמאכט איהר דעביוט ביי גראַדנער׳ן אין קלוב, אויך מאקס ראָזענטהאל האָט אין דער זעלביגער צייט צום ערשטען מאָל אויפגעטראָטען אין גראַדנערס קאָמפּאניע.

ווי ווייט די אקטיאָרען האָבען זיך דאָרטען געפּלאָגט, קען מען זעהן דערפון, אז די גרעסטע איננאהמע וואָס מען האָט אין אזא קלוב געקענט האָבען פון א פאָרשטעלונג איז העכסטענס געווען זיבען אָדער אכט פונט, דאָס הייסט פינף און דרייסיג אָדער פערציג דאָלאר. אדלער האָט אין די שפּעטערע יאָהרען מיט א וויינטאָג דערצעהלט, ווי אזוי ביי איהם איז אין לאָנדאָן א קינד געשטאָרבען, ווייל ער האָט ניט געהאט די מיטלען צו האלטען א דיענסט און מען האָט עס צו יעדער פאָרשטעלונג געדאַרפט טראָגען אין טהעאטער און פון טהעאטער.

נאָר דאָס האָט ניט אָבגעהאלטען די פאמיליע אקטיאָרען צו פערגרעסערען זיך מיט יעדען יאָהר. די אקטיאָרען האָבען זיך פעראייניגט און דאָ צוגאנגען זיך און דאָרטען וואו איין קאָמפּאניע האָט זיך געפּלאָגט האָט זיך געגרינדעט א צווייטע און א דריטע און קאָנקורירט אזוי לאַנג ביז זיי האָבען זיך ווידער פעראייניגט און אזוי יאהר איין יאָהר אוים זיינען געשלאָסען געוואָרען שידוכים און עס איז געוואָרען אוים שידוך און מזכה געווען דעם לאָנדאָנער אידישען עולם מיט טהעאטער קונסט.

דער וויכטיגסטער דירעקטאָר פון יענער צייט אין לאָנדאָן איז איז געווען א געוויסער קצב מיט׳ן נאָמען סמיטה, וועלכער האָט גענומען בויען א קלוב אין פּרינס סטריט, און ווען די נייע געביידע איז פארטיג געוואָרען, האָט שוין לאָנדאָן געהאט ניט נאָר די

בעסטע קרעפטען פון יענער צייט, נאר אויך א גאנצע מחנה שוי־שפּיעלער.

אזוי זעהען מיר, אז סוף 1886, ווען דער פּרינסעס קלוב איז פּארטיג געווארען זיינען אין לאנדאן געווען: אדלער, גראדנער, פרוי גראדנער, פרוי ליפּצין, מאקס ראדקינזאן (זיין ביהנען־נאמען איז געווען רודאלף מארקס), קאצמאן און פרוי קאצמאן, מאקס ראזענטהאל, דינה שטעטין, מאנע און פרוי מאנע, גאלד, באם, פייוועלע פריעדמאן, אנא העלד, א געוויסער שרגא, יאקובאוויטש, פרוי יאקובאוויטש און נאך אנדערע. און טאמער זיינען די געווען נאך ווענינ האט מען ארויסגעבראכט קיין לאנדאן אבא שעהנגאלד און זיין פרוי קלארא שעהנגאלד. אין יענער צייט האט זיך אבא שעהנגאלד גערעכענט פאר'ן גרעסטען דראמאטישען שוישפּיעלער אויף דער אידישער ביהנע.

אין פּרינסעס קלוב איז שוין איינגעפיהרט געווארען א נייע טאקטיק צו צאהלען די אקטיארען שכירות, און אזא קראפט ווי אדלער האט געקריגען אן ערך פון דריי פונט און צעהן שילינג א וואך. דאס האט מען גערעכענט פאר גוואלדיג גרויסע שכירות. איצט האט מען שוין געשפּיעלט די גאנצע וואך, א חוץ פרייטאג צו נאכט און שבת בייטאג. מען האט אבגעהיט שבת ניט דערפאר, וואס דער דירעקטאר און אקטיארען זיינען געווען אזוי פרום און אויך ניט דערפאר וואס דער אידישער לאנדאנער עולם האט ניט געוואלט מחלל שבת זיין, נאר ווייל די פרומע האבען געהאט א בייטש איבער'ן קלוב. ווי עס איז שוין פריהער געווען ערקלערט איז דאס שפּיעלען אין קלוב ניט צוגעגאנגען אין גאנצען כשר, און א חוץ דעם איז דער דירעקטאר געווען א קצב און ער האט געמוזט פיהרען אן אידישען שטאט.

דער רב הכולל פון יענער צייט אין לאנדאן דר. אדלער און די אידישע אריסטאקראטיע האבען געקוקט קרום אויף די אידישע פארשטעלונגען אין די קלובען. זיי האבען פון זייער אסימילאטארישען קוק ניט געקענט רוהיג צו זעהן א אידישע ביהנע, וואס פערשפּרעכט איינצואוואָרצלען דעם „זשארגאן" און א אידישע קולטור צווישען די אריבערגעקומענע אידען און וואס וועט זיי שטערען צו

אנגלאזירען זיך אזוי גיך, ווי זיי האבען עס געוואונשען. און דר. אדלער האט געהאט נאך אן אנדער אורזאך צו זיין אונצופריעדען מיט דער אידישער ביהנע. אויף דער אידישער ביהנע געהט אן די גאנצע צייט א שרעקליכער חלול הקודש, וואס מען ערלויבט זיך ניט ביי קיינע פון די אומות העולם. ער האט ניט געקענט ליידען, וואס מען מאכט אויף דער ביהנע א ברכה לבטלה און אפילו אין אזא שטיק ווי „אוריאל אקאסטא" האט ער געזעהן א חלול הקודש דעריין, וואס מען בלאזט דארטען פון אן אמת'ן שופר. און ער האט טאקע גע'פועל'ט ביי דער קאמפאניע, אז מען זאל בלאזען פון א פאפירענעם שופר און ער אליין האט אזא שופר בעשטעלט און צוגעשטעלט.

נאר צו דער אריסטאקראטישער טהייל אידען אין לאנדאן האט געקוקט קרום אדער גלייך, האט ער קיין איינפלוס ניט אויסגעאיבט אויף דער אידישער ביהנע און די אקטיארען אין לאנדאן האבען די ערשטע עטליכע יאהר געבראכט אזוי וויט, אז אין פרינסעס קלוב האט מען שוין געשפיעלט יעדען אבענד און ארום דער דארטיגער אידישער ביהנע האבען זיך גרופירט די בעסטע קרעפטען פון יע־נער צייט. עס האט געשיינט, אז דער אידישער טהעאטער אין לאנ־דאן וועט ניט נאר ניט דארפען זיך שעמען פאר'ן אידישען טהעא־טער אין אמעריקא, נאר ער וועט נאך פעררייסען דעם קאפ געגען איהם.

אבער איידער דאס איז געשעהן, האט געטראפען אן אונגליק אין דעם פרינסעס קלוב בשעת מען האט דארטען געשפיעלט. אין מיטען ווינטער אין 1887 האט עמיצער אויסגעשריען „פייער!" און אין דער מהומה זיינען זיבעצען מענשען אומגעקומען. די אקטיארען האבען נאך דעם פערלארען דעם מוטה און האבען געזוכט צו אנטלויפען וואס גיכער פון לאנדאן. אבא שעהנגאלד און זיין ווייב זיינען אוועקגעפאהרען קיין ניו יארק, גראדנער און זיין פרוי זיי־נען אוועקגעפאהרען קיין ווארשא און אדלער האט זיך דערמאנט, אז אין מיטען זומער איז צו איהם געקומען א שליח פון שיקאגער אונטערנעהמער און ער האט בעשלאסען צו פאהרען נאך שיקאגא. ער האט זיך געווענדט צום רב הכולל און יענער האט איינגעוויליגט

צו שאפען די נויטיגע הוצאות פאר איהם און די קרובים און זיין קאמפאניע ביז שיקאגא, אבי פטור צו ווערען פון זיי פון לאנדאן און א פאר וואכען פאר פורים האט מען זיי אויסגעריכט אין וועג.

די קאמפאניע איז בעשטאנען פון יעקב אדלער, די ליפּצינס, נאלד, פייוועלע פריעדמאן, פידלער, באנעס, באם, אבערלענדער און אנדערע.

געפאהרען איז אדלער מיט דער קאמפאניע קיין שיקאגא, נאר געהאפט האט ער צו בלייבען אין ניו יארק, און איידער ער האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן שיף, האט ער אנגעשריבען בריעף צו די־רעקטארען פון ביידע ניו יארקער טהעאטערס אז ער קומט מיט זיין טרופּע קיין אמעריקא און זיין ערשטער אבשטעל וועט זיין אין ניו יארק. דערמיט האט ער געגעבען צו פערשטעהן, אז ער וועט זיך לאזען רעדען, אויב זיי וועלען האבען חשק ארייינצונעהמען איהם צו זיך. נאר ווען דאס שיף איז אנגעקומען, איז קיינער פון די טהעאטער לייט ניט געקומען איהם בעגעגענען. ער האט פער־שטאנען, וואס דאס בעדייט און ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און גלייך מיט זיין טרופּע אוועקגעפאהרען קיין שיקאגא.

זיי זיינען אנגעקומען פורים ביינאכט, פונקט צו דער סעודה. ער האט נאך אין דער זעלביגער נאכט אבגעזוכט דראזדאוויטש און ביי דער סעודה א'ז דער עסק געשלאסען געווארען צווישען זיי. דראזדאוויטש אין עטליכע טעג צייט האט געפונען שותפים און צוזאמען האבען זיי גענומען מעדיסאן סטריט טהעאטער און נאך פאר פסח האט אדלער מיט זיין קאמפאניע אנגעהויבען צו שפּיע־לען.

די שטיקער וואס מען האט דארטען אויפגעפיהרט זיינען גע־ווען פון דעם אלטען רעפּערטואר פון רוסלאנד. מען האט געשפּיעלט „אוריאל אקאסטא“, „דאקטאר אלמאסאדא“, „די משוגענע אויס ליעבע“. דאס לעצטע שטיק א'ז פערפאסט געווארען אין אדעס פון א שוסטער מיט'ן נאמען וואזעלינסקי. דער עולם איז געקומען זעהן די פּיעסען, נאר מען האט העכסטענס געקענט שפּיעלען א שטיק צוויי דריי מאל און קיין נייע פּיעסען האט די טרופּע ניט געהאט.

תיכף נאך פסח האט די טרופּע ערקלערט א סטרייק אדלער'ן

און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אז דאָרטען וואו איין טהעַ־אַטער האָט זיך ניט געקענט האַלטען זיינען באַלד געוואָרען צוויי טהעאַטערס. אדלער האָט אָבגעזוכט די עטליכע אקטיאָרען, וואָס זיינען פערוואָרפען געוואָרען אין שיקאגאָ מיט עטליכע יאָהר פריד־הער און האָט זיך געשטעלט מיט זיי שפּיעלען. נאָרביידע טהעאַ־טערס זיינען איצט געווען אויף גרויסע צרות און ביידע האָבען אין גיכען געפּלאַצט.

כמעט די גאנצע קאָמפּאַניע וואָס איז געקומען מיט אדלער'ן פון לאָנדאָן איז געבליבען שטעקען אין שיקאגאָ. ווער עס האָט חשק געהאט האָט זיך גענומען צו א מלאכה, איינער איז געוואָרען א קוטשער, א צווייטער איז אריין אלס משרת צו אן אדוואקאט אנדערע האָבען געזוכט פערדיענסטען אָהן בעשעפטיגונג און אד־לער און די ליפּצינס זיינען אוועקגעפאָהרען קיין ניו יאָרק.

פרוי ליפּצין איז גלייך אנגאזשירט געוואָרען אין „רומעניא אָפּערע הויז" און איהר דעביוט פאַר'ן ניו יאָרקער פּובליקום איז געווען אין „דעבאָראה". אין דער זעלביגער צייט איז אויך קאָרפּ אריבער פון דעם אָריענטאַל טהעאַטער אין דער „רומענ ע אָפּערע הויז" און ער האָט אויך מיטגענומען סאָפיע גאָלדשטיין, נאָך וועל־כער זיין קאָמפּאַניע האָט איהם געשיקט קיין אוירָאָפּע מיט איבער א יאָהר צוריק און ער האָט איהר געבראַכט קיין ניו יאָרק. אבא שעהנגאָלד און זיין פרוי קלארא זיינען אריין אין דעם אָריענטאַל טהעאַטער, נאָר אויף אדלער'ן האָט זיך קיין בעלן ניט געפונען. אין איין טהעאַטער זיינען געגען איהם געווען מ. הורוויטש, קעס־לער און פיינמאַן און האָבען איהם ניט געוואָלט האָבען ביי זיך, און אין צווייטען טהעאַטער האָט זילבערמאַן יא חשק געהאט אריינצונעהמען איהם, אבער זיי האָבען זיך ניט געקענט אויסגליי־כען וועגען דער איינטהיילונג פון ראָלען און אדלער האָט זיך צו־ריקגעקעהרט קיין לאָנדאָן.

ארום דער צייט, א ן 1887, איז אברהם גאָלדפאדען אנגעקו־מען קיין ניו יאָרק, צוזאמען מיט ספּיוואקאָווסקי.

אויב ער האָט ערוואַרט א פריינדליכען קבלת פּנים פון די אַק־טיאָרען, וואָס ער האָט געשאַפען, און כמעט אלע אקטיאָרען אין

ביידע טהעאטערס האבען זייער קאריער אנגעהויבען אדער ביי איהם אדער אין זיינע קאמפאניעס, — אויב ער האט ערוואַרט פון זיינע תלמידים א פריינדליכען קבלת פנים, האט ער זיך ביטער גענארט אין חשבון. די צוויי אויטארען לאטיינער און הורוויטש האבען אין איהם דערזעהן א געפעהרליכען קאנקורענט און זיי האבען געטהאן אלץ וואס זיי האבען געהאט בכח צו פערצאמען פאר איהם דעם וועג צום טהעאטער. נאר אויך ניט פיעל פריינדליכער האבען זיך געוויזען צו איהם די אקטיארען. זיי האבען גוט געדענקט די צייט, ווען גאלדפאדען איז געווען א גאנצער קיסר, און זיי זיינען פאר איהם געשטאנען מיט דער טיעפסטער הכנעה, ווען ער איז געווען גאר, און זיי גארנישט און זיי האט אויסגעוויזען, אז קוים דארף ער נאר אריינשטעלען א פוס אין טהעאטער און זיי ועלען ביי איהם צוריק ווערען פערשקלאפט.

גאלדפאדען האט בעגעגענט זעהר א טרוקענעם ברוך הבא, ווען ער האט מיט זיי אנגעהויבען צו רעדען וועגען ארבייטען צוזאמען אויף דער נייער ביהנע אין דעם נייען לאנד. ער האט געוואלט האבען אן אייגענעם טהעאטער און אויסקלייבען א גוטע קאמפאניע, נאר שוין די ערשטע און וויכטיגסטע מניעה האט זיך ארויסגעוויזען פון דער זייט פון די אקטיארען.

די דירעקטארען פון דער „רומעניע אפערע הויז", ליווי און גאלדשטיין האבען זיך דוקא אנגעכאפט אן גאלדפאדען און זיי האבען זעהר געוואלט אריינגעהמען איהם אין זייער טהעאטער, נאר די סאמע וויכטיגע קרעפטען פון דער קאמפאניע, ווי מאגולעסקא, פינקעל, קעסלער און פיינמאן האבען מיט'ן הארבען ווארט ערקלערט, אז זיי וועלען ניט שפיעלען אונטער זיין דירעקציאן, און די דירעקטארען איז אויסגעקומען אויסצוקלייבען צווישען גאלדפאדען און דער קאמפאניע. די דירעקטארען האבען דעם וואהל געמאכט און האבען אין „רומעניע אפערע הויז„ אריינגענומען גאלדפאדען. די געשעפטען אין טהעאטער זיינען ניט געווען קיין געהויבענע און זיי האבען געהאפט, אז מיט דעם גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער אלס איינער פון דער דירעקציאן וועט זיך אנהויבען א שפע אין דער קאסע. אלס פראטעסט איז די גאנצע קאמפא־

ניע ארויסגעטראָטען פון „רומעניע אָפּערע הויז“ און גאָלדפאדען האָט ניט נאָר געדארפט זארגען וועגען פּיעסען נאָר אויך וועגען אקטיאָרען.

ווי עס ווייזט אויס, האָט גאָלדפאדען זיך ניט אבגעגעבען קיין רעכנונג, אז פון דער צייט וואָס ער האָט דאָס ערשטע שטיק אויפ־געפיהרט אין יאסי ביז זיין ערשיינען אלס דירעקטאָר אין ניו יאָרק, זיינען אריבער מעהר ווי צעהן יאָהר און דאָס וואָס איז געווען גוט דעמאָלט האָט שוין נ־ט געטויגט איצט. ער האָט ניט בעגריפען, אז צעהן יאָהר זיינען געווען א לאנגער, לאנגער משך אין דער געשיכ־טע פון דעם אידישען טהעאטער און מען האָט שוין מעהר ניט גע־קענט צוזאמענגעמען, ווי אמאָל, שור־בור און מיט זיי ארויסטרע־טען פאר אן עולם. ער האָט אויך ניט בעגריפען, אז זיין רעפּערטואר האָט מען דאָ געשפּיעלט די גאנצע צייט אָהן איהם און מיט די אלטע שטיקער האָט מען קיין עולם אין טהעאטער ניט געקענט צו־ציהען.

גאָלדפאדען האָט צוזאמענגעקליבען א קאָמפּאַניע פון אונבעד־דייטענדע שפּיעלער אדער וואָס זיינען גאָר קיין שפּיעלער ניט גע־ווען, האָט ארויסגענומען פון זיין רעפּערטואר אן אלטע אָבגע־שפּיעלטע שטיק, וואָס האָט שוין געקלונגען ווי פון מלך סאָביעצ־קים צייטען, האָט איבערגעביטען דעם נאָמען פון „טודרוס בלאָז“ אויף „צוויבער פּלייטע“ און האָט דערמיט מכבד געווען דעם ניו יאָרקער פּובליקום.

די געשעפטען אין „רומעניע אָפּערע הויז“ זיינען אוועק נאָך טרויריגער ווי פריהער, און די דירעקטארען האָבען קיין געדולד ניט געהאט. אזוי גיך ווי זיי האָבען געזעהן, אז די קאסע איז לעדיג האָבען זיי אָהן שום צערעמאָניעס געבעטען גאָלדפאדען און זיין קאָמפּאַניע, אז זיי זאָלען געהן און האָבען צוריק אריינגענומען די אלטע קאָמפּאַניע.

נאָר אין „רומעניא אָפּערע הויז“ איז שוין געגאַנגען מיט׳ן פּוטער אראָב. מען האָט קוים דערצויגען ביז׳ן סוף סעזאָן און דער טהעאטער האָט זיך פערמאכט. די גרויסע קאָמפּאַניע איז געבליבען אויסגעשטעלט. די מיטגליעדער האָבען מעהר פאר זיך קיין צו־

קונפט ניט געזעהן אין אמעריקא און זיי האבען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען השיבנו נאזאר. אין מיטען זומער האבען זיי בע־שלאסען צו געבען עטליכע פארשטעלונגען און אויף אזא אופן שא־פען הוצאות אויף דער רייזע צוריק נאך אייראפע.

אין דער צייט ווען די לאגע פון דער „רומעניא אפערע הויז" קאמפאניע איז געווארען אזא קריטישע, איז דער אויטאר פון דער קאמפאניע, מ. הורוויטש געפאלען אויף אן אריגינעלען פלאן. מ. הורוויטש האט בעמערקט אז די אידען טרעטען גערן אריין אין לאזשען און זיי זיינען צופריעדען צו צאהלען פיינע עטליכע דא־לאר א יאהר צו זיין בעווארנט מיט קרקע און טוידטען־בענעפיט.

איהם איז דאריבער איינגעפאלען צו פעראייניגען טהעאטער מיט אן ארדען, און מיט דעם צוועק האט ער ארויסגעלאזט א פאמ־פלעט אין וועלכען ער האט בעשריעבען די וויכטיגקייט און גרויס־קייט פון אזא מין ארדען, וואס וועט זיין געבויט אויף פערגעניגען און אין דער זעלבער צייט וועלען די מיטגליעדער געניסען די פרוכטען פון א געוועהנליכען ארדען.

דערביי איז אויסגעארבייט געווארען דער גאנצער פלאן פון דעם נייעם ארדען וואס האט געדארפט הייסען „הארפע דאווידס". איינטריט געלד זאל זיין איין דאלאר, און יעדער מיטגליעד וועט דארפען צאהלען צוויי דאלאר א חודש. נאר ניט ווי אין אלע אנדערע ארדענס וואו א מיטגליעד ווייסט מעהר ניט פון צאהלען און זיין גאנץ לעבען האט ער דערפון קיין הנאה ניט, וועט א מיטגליעד פון דער „הארפע דאווידס" קריגען דעם פולען ווערטה פון דעם געלד וואס ער צאהלט איין טאקע גלייך אויף דער שטעל. יעדער מיטגליעד דארף קריגען פאר די צוויי דאלאר בילעטען אין טהעאטער, און אויף אזא אופן וועט יעדער מיטגליעד פון דער „הארפע דאווידס" האבען דעם קרן, וואס ער צאהלט איין אין ארדען אויף דער וועלט, און די פראצענטען וועט זיין ווייב און קינדער האבען נאך זיין טוידט.

דער פלאן איז געפעלען געווארען דעם עולם און אין גאר א קורצער צייט האט דער ארדען שוין געצעהלט 900 מיטגליעדער, און ביים אינסטאלירען דעם ארדען האט מען געמאכט א פראר

צעסיאָן און אַן עקסטרא פאַרשטעלונג אין טהעאַטער. מ. הורוויטש האָט אָנגעשריבען לכבוד דער פאַרשטעלונג א פּיעסע, וואָס האָט געהייסען די „הארפע דאווידס". אין דעם טאָג פון דער פּראַצעסיאָן איז איסט בראָדוויי ווי אויך די ארומיגע גאַסען געווען שווארץ מיט מענשען. א טהייל מיטגליעדער האָט מען בעזאָרגט מיט פערד, אן דער שפּיצע איז געווען מ. הורוויטש און צוויי פּרויעז אין ווייסע קליידער האָבען איהם געפיהרט מיט גרויס פּאראד אונטער די הענד. די פּראַצעסיאָן האָט זיך אָנגעהויבען מיט די פּרעהליכע קלאַנגען פון מוזיק און וואָס לענגער די פּראַצעסיאָן האָט זיך געצויגען אַלץ גרעסער און געדיכטער איז געוואָרען דער עולם.

מיט גרויס פּאראד האָבען די מיטגליעדער אריינגעמאַרשירט אין טהעאַטער און מיט גרויס כבוד האָט מען מ. הורוויטש ארויפגעפיהרט אויף דער ביהנע. דאָרטען האָבען זיך אָנגעהויבען רעדעס און דער ערפאָלג פון דעם טהעאַטער אָרדען איז געווען געזיכערט.

מ. הורוויטש און שרייבער האָבען אין דעם נאָמען פון דער „הארפע דאוויד'ס" גענומען פּול'ס טהעאַטער, וואָס איז דאַמאַלסט געווען אויף דער 8טער גאַס לעבען דער דריטער עווענוי. דער גרעסטער טהייל פון דער אויסגעשטעלטער קאָמפּאַניע פון דער „רומעניא אָפּערא הויז" איז איצט אויפ'ן נייען סיזאָן פון 1887-1888 אריינגעטראָטען אין דעם נייען פּול'ס טהעאַטער. מען האָט די אַקטיאָרען אריינגענומען אויף שכירות. מר. היינע, איינער פון די וויכטיגסטע אַקטיאָרען פון „אָריענטאַל טהעאַטער" און פון די גרעסטע בעלי בתים אין יענעם טהעאַטער איז פון דאָרטען ארויסגעטראָטען און איז אריין אין דעם נייען פּול'ס טהעאַטער.

פּול'ס טהעאַטער האָט זיך געעפענט ערב ראש השנה. עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז הגם דער הויפּט פון דעם טהעאַטער איז געווען מ. הורוויטש, האָט זיך דער טהעאַטער געעפענט מיט גאָלדפאַדען'ס „ביידע קוני לעמילס". דער גורל אויף די ביידע קוני לעמילס איז געפאַלען דערפאַר, וואָס אין פּול'ס טהעאַטער זיינען איצט געווען אי מאָגולעסקאָ, אי חיימאָוויטש (היינע) און דאָס דאָזיגע שטיק האָט געהאַט גרויסע ראָלען פאַר ביידע קאָמיקער.

די פארשטעלונגען אין פול'ס טהעאטער זיינען אוועק אויסגע־צייכענט, נאך די הונגער יאהרען האבען איצט די אקטיארען אב־געלעבט. הורוויטשעס פלאן פון פעראייניגען טהעאטער מיט אן ארדען האט זיך ארויסגעוויעזען זעהר גוט. מען האט געשטעלט אלטע שטיקער און דער טהעאטער איז געווען פול, די מיטגליעדער א חוץ די וואס האבען אליין געדארפט נעהמען זייערע בילעטען האבען אויך געארבייט פאר'ן „וואהל און בעסטען" פון דעם אר־דען און האבען געבראכט פריינד און בעקאנטע, עס פערשטעהט זיך, אז די פריינד און בעקאנטע האבען געדארפט קויפען בילע־טען, און אין דער קאסע איז געווען א היבשע שפע. שפעטער אין סעזאן האט הורוויטש אנגעשריבען א שטיק „די ציגיינערין".

דערפאר איז אין „אריענטאל טהעאטער" געווען צרה'דיג, אב־הויב סעזאן זיינען אהין אריין פיינמאן און פינקעל וועלכע האבען ביז דעמאלט בעלאנגט צו די „רומעניא אפערא הויז" און וועלכע זיינען דעמאלט געווען פעררעכענט פאר גרויסע שוישפיעלער, נאר זיי האבען דעם עולם ניט געקענט אבציהען פון פול'ס טהעאטער. עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי פול'ס טהעאטער וועט איינשלינגען דאס גאנצע פובליקום טהעאטער־בעזוכער און וועט מאכען א תל פון די אנדערע טהעאטערס.

מ. הורוויטש דער איניציאטאר פון דעם פלאן, וואס האט זיך ארויסגעוויזען אזוי ערפאלגריך, האט זיך באלד דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז ניט דער טהעאטער איז בעשאפען געווארען פאר דעם ארדען, נאר אז דער ארדען איז באשאפען ספעציעל פאר'ן טהעאטער, און אזוי ווי דער טהעאטער איז גע־ווען ער, האט עס געדארפט הייסען אז דער גאנצער ארדען איז בעשאפען געווארען פאר איהם. ער האט דעריבער געוואלט קריגען יעדען אמט אין דעם ארדען, און פיהלען זיך ווי דער אייגענטהי־מער פון דעם ארדען. דערמיט האט ער געגען זיך אויפגעבראכט די אנדערע בעאמטע און עס האט זיך צווישען זיי אנגעהויבען פריהער א שטילע רייסעריי און באלד נאכדעם אן אפענער קריעג. עס האט לאנג ניט געדויערט, און די רייסעריי איז איבערגעגאנ־גען אין געריכט, און עס האט זיך אנגעהויבען א חתונה מיט גע־

זעצליכע איסורים. עס האט ניט זעלטען פאסירט, אז אין איין וואך זאלען זיך צוויי מאל בייטען די בעלי בתים אין קאסע. היינט האט הורוויטש ארויסגעקריגען א געזעצליכען איסור געגען די אנדערע און ער איז געווען דער בעל הבית אין דער קאסע, אויף מארגען האבען די אדוואקאטען פון דעם אנדער צד אויסגעפונען עפעס א נייע פריטשיפקע און די אנדערע בעאמטע זיינען געווען אין דער קאסע.

אין געשעפט גיבען אזעלכע רייסערייען קיין געזונד ניט אריין, בפרט ווען עס האנדעלט זיך וועגען אן ארדען. די מיטגליעדער פון דער „הארפע דאווידס" האבען נאר גערארפט קומען צום שלום, אז מיט די בילעטען נעהמען זיי ניט נאר אב דעם קרן נאר אויך די פראצענטען און אז אנשטאט צו בעלאנגען צו אן ארדען, זיינען זיי גאר פערפליכטעט צו קויפען יעדען מאנאט בילעטען אין איין טהעאטער. און דער סוף איז געווארען א גיכער מיט'ן ארדען.

די אקטיארען, וועלכע האבען געקריגען שכירות, האבען בעת מעשה דערפון ניט געליטען. פארקעהרט, אין דער מהומה פון די געזעצליכע איסורים האבען זיי אפט געכאפט צוויי מאל שכירות אין איין וואך פוןביידע צדדים. מר. היינע דערצעהלט אז איין וואך האט ער געקריגען גאנצע דריי מאל שכירות, און אזוי איז אויך געווען מיט די אנדערע אקטיארען. נאר דער טהעאטער האט שוין אנגעהויבען צו פיהלען דעם קלאפ פון די רייסערייען. דער „אריענטאל טהעאטער" האט זיך דערווייל בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האט אויסגעכאפט מאגולעסקא'ן פון פול'ס טהעאטער. ער האט איהם געגעבען 500 דאלער מזומן, און אין יענע צייט זיינען 500 דאלער פאר אן אקטיאר געווען א גאנצער אייגענס.

עס האט לאנג ניט געדויערט און די „הארפע דאווידס", וואס איז געגרינדעט געווארען מיט א גוואלדיגען פויקען און טראמפייטען, איז צובראכען געווארען, און הורוויטש איז געווארען אוים קאפעלוש-מאכער.

פול'ס טהעאטער איז איבערגעגאנגען אין אנדערע הענד. א געוויסער הענגען האט איהם איבערגענומען און די זעלביגע קאמ־

פאניע איז געבליבען שפּיעלען אויך אויף שכירות, נאר מיט'ן פאל פון „דאווידס הארפע" האט דער עולם אנגעהויבען וועניגער בע־זוכען דעם טהעאטער און דאס געשעפט איז געגאנגען ערגער און ערגער.

דאס טהעאטער פובליקום איז דעמאלט געווען א בעגרענצטע, ווען איין טהעאטער האט געמאכט בעסערע געשעפטען, איז דער צווייטער געווען אויף צרות, סיידען איןביידע טהעאטערס האבען די שטיקער, ווי מען דריקט זיך אוים אויפ'ן טהעאטער לשון, זעהר „אנגעריסען". און ווען אין פול'ס טהעאטער האט מען געדארפט שפּיעלען פאר האלב לעדיגע הייזער, האט מען אנגעהויבען צו מאַ־כען בעסערע געשעפטען אין אריענטאל טהעאטער. די קאמפּאניע פון אריענטאל טהעאטער האט זיך דערפיהלט אזוי שטייף, אז זי האט איבערגענומען פול'ס טהעאטער און די קאמפּאניע וואס האט דארטען געשפּיעלט דעם סיזאן אהן א קנעלונג.

פון דער בייטענים און ווארפענים, זיינען די עלטערע צוויי טהעאטערס, דער אריענטאל טהעאטער און די רומעניא אפּערא הויז, געבליבען פוסט, און זיי זיינען פערביטען געווארען אויף פול'ס טהעאטער. פולס טהעאטער האט שוין געהאט א פנים פון אן אמת'ן טהעאטער, ער איז געווען פיעל גרעסער, שעהנער און דער חלוף איז געווען פון ערגער אויף בעסער.

די גרעסטע העלפט פון די אידישע שוישפּיעלער זיינען גע־בליבען אויסגעשטעלט, נאר ביי דער צייט זיינען זיי שוין וואהר־שיינליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ערגעץ קען מען אזוי גוט ניט בעמערקען דעם גלגל החוזר ווי אין דער טהאטער וועלט. וואס האט זיך ניט איבערגעקעהרט אין צוויי יאהר צייט ? גאלדפאדען איז געקומען און האט געקריגען א טהעאטער, בשעת הורוויטש און די קאמפּאניע פון רומעניא אפּערא הויז איז געבליבען אין דרויסען. אין איין וואך צייט איז דער טהעאטער פערמאכט געווארען פאר גאלדפאדען, און הורוויטש און די אלטע קאמפּאניע זיינען ווידער געווען דארטען. אין א פאר חדשים ארום מוזען זיי אין גאנצען ארויס פון טהעאטער און די גאנצע קאמפּאניע ברעכט דעם קאפּ ווי אזוי צו שאפען אויף הוצאות צו קענען פאהרען צוריק קיין אוי־

ראַפּע. פּלוצים גיט אַ שיין הורוויטשעס שטערן און מיט פּויקען און טראָמפּייטען פיהרט מען איהם אריין אין אַ גרעסערן, שעה־נערען טהעאַטער און ער באַדט זיך אין שפע. עס געהען ניט פאַרביי קיין פּאָר חדשים און זיין קאָמפּאַניע ווערט ארויסגעוואָרפען פון טהעאַטער און ער אליין געהט ממש אוים פון הונגער.

גאָלדפאַדען איז דערווייל ניט געזעסען מיט צונויפגעלעגטע הענד און ער האָט זיין מערכה געפּרופט אויף דער פּראָווינץ, נאָר אויב די אקטיאָרען און אויטאָרען האָבען זיך אזוי געמאַטערט און געפּלאָגט אין ניו יאָרק, איז די לאַגע געווען אַ סך, אַ סך ערגער אין די אנדערע שטעדט. און גאָלדפאַדען איז באַלד געקומען צום שלום, אַז אין אמעריקא האָט ער ביי דער ביהנע גאָר ניט צו טהאָן. אין אַ קורצער צייט ארום האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין ניו יאָרק, נאָר ער האָט שוין מעהר וועגען טהעאַטער ניט געטראַכט. ער האָט זיך דאָ צוריקגענומען פאַר דער בעשעפטיגונג, וואָס ער האָט געהאַט איידער ער איז דאָס ערשטע מאָל אריינגעפאָהרען קיין רומעניען. דאָס הייסט צו אַ צייטונג. ער האָט אין ניו יאָרק אַנגע־הויבען ארויסצוגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאָמען „די אילוסטרירטע צייטונג", נאָר אויף דעם פעלד האָט ער זיך אויך ניט אויסגעצייכענט. די צייטונג האָט ניט דערלעבט קיין פולען יאָהר און איז אונטערגעגאַנגען. איצט איז איהם שוין מעהר קיין זאַך ניט געבליבען צו טהאָן אין ניו יאָרק און אַן ענטטוישטער און פערביטערטער האָט ער פערלאָזט די גאָלדענע מדינה.

די קלענערע אקטיאָרען האָבען פון טהעאַטער קיין לעבען ניט געמאַכט. עס וועט ניט זיין איבערטריעבען צו זאָגען, אַז אַ קלענע־רער אקטיאָר האָט אין יענער צייט פון שפּיעלען אין טהעאַטער געהאַט אפשר זיינע דריי דאָלאַר אַ וואָך. נאָר אין אַ וואָך פון אַ יום טוב האָט אַזאַ אקטיאָר געכאַפּט אַ פּאָר צעהנדליג דאָלאַר. און אפילו די גרויסע אקטיאָרען האָבען ניט פערדיענט אזוי פיעל, ווי אַ גוטער שטעפּער, ווען ער ארבייט צו אביסעל שווערער. די אקטיאָרען האָבען דעריבער בעשלאָסען צו גרינדען אַ יוניאָן. די גרינדער פון דער יוניאָן זיינען געווען גאָלד, נאַכאַמקעס, שוואַרץ, קוראַזש, סעם אַדלער און נאָך אַנד. זיי האָבען באַלד צו זיך צוגעצוי־

גען די גרויסע אקטיארען. נאר ווי עס ווייזט אויס, האבען זיי געהאט א שוואכען בעגריף וועגען יוניאניזם, ווייל באלד האבען זיי אין דער יוניאן אויך אריינגענומען די דירעקטארען, וועלכע זיינען אריינגעטראטען מיט דעם איינציגען צוועק צו צושלאגען איהר, און טאקע באלד איז די יוניאן צופאלען געווארען.

מר. חיימאוויטש (היינע) האט צוריק גענומען דעם אריענטאל טהעאטער און ער האט אריינגענומען הורוויטשען אלס אויטאר. נאר הורוויטש האט זיך דארטען לאנג ניט געהאלטען און ער איז אריבער אין פול'ס טהעאטער. פול'ס טהעאטער האט אויף אזא אופן געהאט די גאנצע מאנאפאליע אויף די אויטארס, ווייל לאטיינער איז דארטען נאך פון פריהער געווען אנגעשטעלט. פאר אין ברירה האט מען אין אריענטאל געשפיעלט אלע פיעסען, נאר אפילו מיטביידע או טארען איז פול'ס טהעאטער געווען אויף צרות. מען האט דארטען אויפגעפיהרט צוויי נייע שטיקער פון הורוויטש, נאר זיי זיינען דורכגעפאלען.

עס ווייזט אויס אז די דירעקטארען האבען זיך ארומגעזעהען, אז דער טהעאטער פאדערט נייע בלוט. היינע און מאגולעסקא האבען פאר'ן סיזאן פון 1890 גענומען פול'ס טהעאטער און זיי זיינען אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן אראבברייגגען י. אדלער. אדלער איז דארטען געווען אויף צרות און ער האט זיך אנגעכאפט אן דעם פארשלאג צו קומען קיין ניו יארק.

זיין ערשטען אויפטריט אין ניו יארק, אין פול'ס טהעאטער האט אדלער געמאכט אין דעם „אדעסער בעטלער" און ער איז דורכגעפאלען בתפים ובמחולות. איבעריגענס, עס איז ניט בעוואוסט, צו דורכגעפאלען איז אדלער מיט זיין שפיעלען, צו דורכגעפאלען איז דאס שטיק. נאר אזוי ווי דאס פובליקום פון יענער צייט האט ניט געוואוסט קיין אונטערשיעד פון דעם אקטיאר'ס שפיעלען ביז דעם אקטיאר'ס שטיק, איז אלץ אויסגעלעגט געווארען צום אקטיאר, און דער דורכפאל האט געשמעקט דערמיט, אז אדלער זאל דארפען צוריק פערקערעווען דעם דישעל און זעגנען זיך מיט ניו יארק.

אויף דער צווייטער וואך האט אדלער אויפגעפיהרט א צוויי-

טע שטיק פון זיין רעפערטואר, „משה'לע סאלדאט" און דאס שטיק האט געהאט א געוואלדיגען ערפאלג. אדלער איז דערמיט געשטיעגען אויף הונדערט פראצענט און ניט נאר איז ער דערמיט געווארען א חשובביים פובליקום, נאר אויך די דירעקטארען האבען אנגעהויבען צו מאכען חנ'דלאך צו איהם.

דערביי דארף מען בעמערקען, אז די אקטיארען דירעקטארען האבען דעמאלט געדונגען א טהעאטער אויף אנדערע בעדינגונגען ווי איצט. איצט דינגט דער דירעקטאר א טהעאטער, בעצאהלט דירה געלד און ער איז דער איינציגער בעל הבית. דעמאלט איז דאס געווען אנדערש. דער בעל הבית פון פול'ס טהעאטער איז געווען א געוויסער דייטש הענגען. די אידישע אקטיארען דירעקטארען, היינע און מאגולעסקא האבען ביי איהם געדונגען דעם טהעאטער אויף פראצענטען. הענגען האט געהאט זיין מענשען אין דער קאסע און האט אין טהעאטער גע'בעל־הבית'עוועט. ווען דאס געשעפט האט אנגעהויבען צו געהן שלעכט אין טהעאטער, האבען געליטען דערפון ניט נאר די אידישע קאמפאניע און די אידישע דירעקטארען, נאר עס האט אויך געליטען דער דייטשער בעל הבית פון דעם טהעאטער. עס איז דעריבער איהם שטארק אנגעגאנגען, אז די געשעפטען אין זיין טהעאטער זאלען זיין גוטע. און דעריבער ווען ער האט דערזעהן, אז עס איז געקומען א נייער אקטיאר, וועלכער האט אויסגענומען ביים פובליקום, האט דער דייטשער בעל הבית אנגעהויבען מיט איהם צו קאקעטירען. דאס האט געהייסען אזוי גוט, אז אדלער קען ווערען א דירעקטאר און די פריהעריגע אונטערנעהמער מאגולעסקא און היינע זיינען ביי איהם געפאלען אין פרייז.

ווען היינע איז נאכדעם געקומען אין טהעאטער האט ער גלייך בעמערקט, אז הענגען האט אומגעביטען מיט איהם דעם טאן. ער האט גלייך פערשטאנען, וואס דאס בעדייט און ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און גענומען זוכען א טהעאטער.

די פריהערדיגע צוויי טהעאטערס וואו מען האט ביז איצט געשפיעלט אידישע שטיקער, דער „אריענטאל" און „רומעניא אפערא הויז" זיינען ארויס פון אידישע הענד. אין אריענטאל איז

אריין א טרופע בינעזער, און די רומעניא אפערא הויז האט ניט געקענט קריגען די נויטיגע ערלויבנים. א קורצע צייט איז די רו־מעניא אפערא הויז געווען געשלאסען, דאן איז געקומען אהער א באסטאנער דירעקטאר, א קריסט, מיט'ן נאמען פולינג און האט איבערגענומען דעם טהעאטער פאר וואדעוויל און די רומעניא אפע־רא הויז האט שוין געהייסען „פולינג'ס טהעאטער."

און דא הויבט זיך אן א כאראקטעריסטישע שפרינגענים פון איין טהעאטער אין צווייטען, א מישענים פון די קאמפאניעס, וואס מען האט נאך קיין מאל ניט געזעהען. די שפרינגענים און מישע־נים איז אזוי אינטערעסאנט, אז עס איז כדאי אבצושטעלען זיך אויף דעם כאראקטעריסטישען סעזאן.

דער סעזאן האט זיך ערשט קוים אנגעפאנגען און היינע, דער דירעקטאר פון פול'ס טהעאטער האט זיך פלוצלונג געפונען אויס־געשלאסען. ער האט געקראגען א ידיעה, אז דער גרויסער דייטשער טהעאטער „טהאליא" איז „צום האבען", ווי דער טייטש זאגט, און ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און איז אוועק צו אמבערג, וועלכער איז געווען דירעקטאר פון דעם דייטשען טהעאטער אויף דער 14טער סטריט, און וועלכער האט געהאט צו זאגען איבער טהאליא. היינע האט געקראגען דעם טהעאטער און ער איז גלייך אוועק צו מאגולעסקא און גע'פועל'ט ביי איהם, אז ער זאל מיט איהם אריין אין טהאליא אלס שותף. דער בעריכט, אז אין טהאליא טהעאטער וועט מען שפיעלען אידישע שטיקער איז אריינגעפאלען ווי א באמבע אין דעם קליינעם אידישען טהעאטער וועלטיל. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס מען האט געקריגען אזא גרוי־סען טהעאטער פאר אידישע שטיקער. די הויפט זאך אבער איז געווען, וואס טהאליא טהעאטער איז געווען אין דעם סאמע האר־צען פון אידישען קווארטאל, בשעת פול'ס טהעאטער איז געווען ווייט פון קווארטאל.

היינע האט אראבגעבראכט זילבערמאן און סאפיע קארפ פון קליוולאנד און צוזאמענגעשטעלט א טרופע. דער טהעאטער איז געווען געפאקט, און היינע און מאגולעסקא האבען געלאכט אין די הויפענס פון דער קאמפאניע פון וואנען מען האט זיי אויסגע־

שלאסען.

די שמחה האט אבער לאנג ניט געדויערט, די קאמפאניע פון פול׳ס טהעאטער האט אויסגעדונגען טהאליא טהעאטער. איצט האט פינקעל געקראגען דעם טהעאטער און די קאמפאניע פון פול׳ס טהעאטער א. ז. איבערגעגאנגען צו איהם.

אז פול׳ס טהעאטער איז געווארען לעדיג האבען מאגולעסקא און היינע גענומען צוריק פול׳ס טהעאטער.

פינקעל האט אבער ביים אויסדינגען דעם טהעאטער איבער־געכאפט א ביסעל די מאס, ער איז איינגעגאנגען אויף צו שווערע בעדינגונגען, און די קאמפאניע אין טהאליא טהעאטער האט גע־מאכט ניט קיין גוטע געשעפטען. א חוץ דעם האט י. אדלער דאר־טען ניט געטארט שפיעלען, ווייל העננען האט מיט איהם געהאט א קאנטראקט.

היינע און מאגולעסקא זיינען אויך ניט געבליעבען צופריעדען מיט פול׳ס טהעאטער און ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז פולינג וויל ארויסלאזען זיין טהעאטער זיינען זיי ארוים פון פול׳ס טהעא־טער און אריין אין פולינג׳ס טהעאטער.

דער זעלביגער העננען האט אויך געהאט א קאנטראקט מיט מאגולעסקא און ער האט איהם פערבאטען צו שפיעלען.

אין דער צייט איז נ. מ. שייקעוויטש (שמר) אנגעקומען קיין ניו יארק. זיין נאמען איז שוין געווען גוט בעוואוסט אין דער טהע־אטער־וועלט. די ניו יארקער קאמפאניעס האבען אפט געשפיעלט זיינע אלטע פיעסען, און אזוי גיך ווי ער איז געקומען האט איהם היינע אריינגענומען אלס אויטאר אין פולינגס טהעאטער. דאס ערשטע נייע שטיק וואס ער האט געגעבען דער קאמפאניע איז גע־ווען „רבקה" אדער „א פונק אידישקייט". דאס שטיק האט אויסגע־נומען.

א וואך זעקס אכט האט אנגעהאלטען דער פערבאט געגען אדלער און מאגולעסקא, דערנאך האט דער דירעקטאר פון פול׳ס טהעאטער אויסגעגלייכט זיך מיט די קאמפאניעס און די צוויי דערמאנטע אקטיארען האבען שוין געקענט שפיעלען אין זייערע טהעאטערס.

די קאמפאניע אין טהאליא טהעאטער איז געווען אונצופריעדען, און אנטקעגען ניי־יאהר איז דעם דירעקטאר פון פול'ס טהעאטער געלונגען אבצורעדען פון טהאליא טהעאטער קעסלערען, פיינמאנען און פרוי ליפצין, און פול'ס טהעאטער האט זיך ווייטער געעפענט. י. אדלער איז מיט זיי ניט אריין און אזוי ווי די קאמפאניע אין טהאליא טהעאטער איז צוקלאפט געווארען איז ער געבליעבען אויסגעשטעלט.

היינע האט איצט געפונען די געלעגענהייט אריינצוקריגען צוריק טהאליא טהעאטער און ארויסטרייבען פון דארטען פינקעל מיט זיין קאמפאניע און ער האט עס טאקע געטהאן. און אזוי ווי טהאליא טהעאטער האט זיך גערעכענט פאר א גרויסע מציאה און היינע האט גענומען דעם טהעאטער טאקע אויף בעסערע בעדינגונגען האט ער זיין קאמפאניע, וואס האט געשפיעלט אין פול'ס טהעאטער קיין חלק ניט געוואלט געבען. ער האט נאר צוגענומען פון דארטען מאגולעסקא. דאס איז נאך אלץ געווען די צייט ווען די קאמיקער זיינען געווען דאס אויבערשטע פון שטויסעל און מאגולעסקא צוזאמען מיט היינע האבען שוין צוזאמענגעשטעלט דעם גרעסטען טהייל פון דער קאמפאניע. שייקעוויטש איז געבליבען מיט'ן רעסט פון דער קאמפאניע אין פול'ס טהעאטער. די קאמפאניע פון פול'ס טהעאטער האט געהאט קאנטראקטען אי מיט היינע אי מיט מאגולעסקא און עס האט זיך ווידער אנגעהויבען א לויפענים אין געריכט. היינע און מאגולעסקא האבען זיך בעדארפט היטען, מען זאל זיי קיין הזהרה פון געריכט ניט דערלאנגען. א חוץ דעם זיינען די מוזיקער, די כאריסטען אויך געבליעבען אין פולינג טהעאטער און מען האט געדארפט צוזאמענקלייבען מוזיקער און כאריסטען פון דער גאס. דאך האט מען געשפיעלט אין טהאליא טהעאטער און דער עולם האט מעהר פאטראניזירט דעם דאזיגען טהעאטער. באלד איז אין טהאליא טהעאטער אריין מ. הורוויטש אלס אויטאר און צו די שוישפיעלער זיינען צוגעקומען י. אדלער און פרוי היינע (איצטיגע פרוי אדלער).

צוליעב דער משונה'דיגער שפרינגענים פון איין טהעאטער אין צווייטען, די שנעלע בייטענים פון די קאמפאניעס, האבען זיך

אויך געמוזט טאַסעווען די אויטאָרען און ווען אַן אויטאָר איז געווען אַבּסעל צו לאַנגזאַם אין שפּרינגען, איז ער געבליבען גאָר אויסגעשטעלט. דאָס האָט געעפּענט די טיהר פאַר זייטיגע שרייבער. וועגען שייקעוויטש'ען איז שוין געווען דערמאָהנט, אַז ער איז גלייך ביים קומען קיין ניו יאָרק אריין אַלס אויטאָר אין פּולינג טהעאַטער, אַ זאַך וואָס עס וואָלט געווען אונמעגליך מיט אַ קורצע צייט פריהער, ווען עס זיינען געווען צוויי טהעאַטערע מיט שטענדיגע קאָמפּאַניעס, מיט אַנגעשטעלטע צוויי אויטאָרען, לאַטיינער און הורוויטש. איצט צוליעב די שפּרינגענים איז אַלע ווייַלע לעדיג געוואָרען אַ פּלאַץ פאַר אַ זייטיגען שרייבער, אויב ניט אַז ער זאָל אריינקומען אַלס אַנגעשטעלטער אויטאָר, איז אבער געווען פּלאַץ צו פערקויפען אַ פּיעסע, און אין דער צייט ווייזען זיך אין די טהעאַטערע זייטיגע שרייבער מיט פּיעסען. אין טהאַליא טהעאַטער האָט מען זיך געקליבען שטעלען הורוויטשעס שטיק „דער מבול פון דזשאָהנסטאַון" און די דירעקטאָרען פון פּול'ס טהעאַטער, וועלכע זיינען איצט געווען אויך מעסערם מיט טהאַליא טהעאַטער האָבען זיך מקדים געווען און בעשטעלט ביי יאָהאַן פּאַליי אַ שטיק, וואָס זאָל האָבען צו טהאָן מיט אַ פערפּלייצונג און זאָל הייסען דער „מבול פון דזשאָהנסטאַון". אין פּול'ס טהעאַטער האָט מען דאָס דאָזיגע שטיק אויפגעפיהרט פריהער, נאָר זי איז דאָרטען דורכגעפאַלען. עטוואָס שפּעטער איז אויך מ. זייפערט ארויסגעטראָטען מיט עטליכע היסטאָרישע פּיעסען, צווישען די ערשטע שטיקער זיינען געווען „טיטוס", „שומר ישראל" און „גר צדק" און זיי האָבען געהאַט אַ ערפאָלג. ארום יענער צייט האָבען אויך געמאַכט אַ פערזוך צו שרייבען פּיעסען דוד אַפּאָטהעקער, דער געוועזענער אַקטיאָר שענקמאַן, יעקב טער, דער סופלער ווייסמאַן, וועלכער האָט נאָך אין רוסלאַנד געשריבען פאַר'ן טהעאַטער: י. בילדער, דער אַקטיאָר רודאָלף מאַרקס, וועלכער איז אריבערגעקומען פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק, דער אַקטיאָר פיינמאַן און נאָך אנדערע.

די דירעקטאָרען פון טהאַליא טהעאַטער זיינען אבער ניט געווען זיכער מיט די שטערן פון דער קאָמפּאַניע. י. אדלער האָט געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל איהם ארויפנעהמען אַלס שותף

אויפ'ן קאָנטראַקט, און היינע האָט דיעזע פאָדערונג ניט גע־וואָלט נאָכגעבען, ער האָט איהם אבער אין דעם ניט אָבגעזאָגט אין גאַנצען און האָט איהם אַלץ אָבגעלעגט, אַז שפּעטער וועט מען זעהן.

דערווייל האָט מען אין טהאַליא טהעאטער אויפגעפיהרט הורוויטשעס „מבול פון דזשאהנסטאַון", דאָס איז געווען פאַר פּסח און דאָס שטיק האָט אויסגענומען ביים עולם. היינע, מענעדזשער פון טהאַליא טהעאטער, האָט בשתיקה אָבגעמאַכט מיט קעסלער, פיינמאַן און מרס. ליפּצין, וועלכע האָבען געשפּיעלט אין פּול'ס טהעאטער, אַז ער וועט זיי צאָהלען וועכענטליכע שכירות מיט דער בעדינגונג, אַז זיי זאָלען זיין גרייט צו געהן שפּיעלען ביי איהם, ווי נאָר מען וועט זיי רופען. עס איז אינטערעסאַנט צו בעמער־קען, אַז די שכירות פון אַ שטערן זיינען דעמאָלט געווען אַ דאָלאַר 15 אַ וואָך.

פּסח אין אַ שעהנעם אבענד, אַ קורצע צייט פאַר'ן שפּיעלען איז י. אדלער ארוים מיט אָפענע דבורים און האָט ערקלערט, אַז ער וועט ניט געהן שפּיעלען, אויב מען שטעלט איהם ניט ארויף אויפ'ן קאָנטראַקט. היינע האָט געשיקט רופען קעסלער'ן און ווען ער האָט איהם ערקלערט, אַז ער דאַרף שפּיעלען אדלער'ס ראָליע און טאַקע גלייך זיך נעהמען אָנטהאָן, האָט קעסלער געענטפערט, אַז ער קען אַזא זאַך ניט טהאָן געגען אדלער'ן. און אויף יענעם אבענד האָט היינע געבעטען גאָלד'ן אַז ער זאָל שפּיעלען אדלער'ס ראָל. גאָלד האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט מיטביידע הענד, דאָס איז געווען אַ זעלטענע געלעגענהייט פאַר אַ קלענערען אקטיאָר צו ער־שיינען אין דער ראָל פון אַ שטערן. דאן האָט היינע ערקלערט אדלער'ן, אַז ער קען איהם אויפ'ן קאָנטראַקט ניט ארויפנעהמען. אדלער האָט געענטפערט שטייף, אַז ער וועט ניט געהן שפּיעלען. היינע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דאָס וועט איהם טרעפען ווי אַ דונער פון אַ קלאָרען הימעל ווייל אין אַזא קורצע צייט וועט איהם זיין אונמעגליך צו געפינען אַ פּאַסענדען אקטיאָר, און אד־לער, וועלכער האָט עס אָנגענומען פאַר תורת לאָקשען, איז געוואָ־רען נאָך שטייפער אין זייז דעה און האָט ענטשלאָסען ערקלערט,

אז ער שפּיעלט ניט. און נאָך איידער זיי האָבען געהאט צייט אויס־צו'טענה'ן זיך, האָט זיך דער פאַרהאַנג אויפגעהויבען און אדלער האָט צו זיין פערוואונדערונג דערזעהען, אז גאָלד טרעט אויף אין זיין ראָל.

ביי דערזעלבער פאָרשטעלונג זיינען אויך ארוים פרוי חיימאָוויץ און שענגאָלד און זייערע פּלעצער האָבען פערנומען פרוי ליפּ־צין און פיינמאַן. אויף מאָרגען האָט שוין קעסלער איבערגענומען די ראָל פון גאָלד'ן.

צוליעב דעם וואָס די גרעסערע אקטיאָרען זיינען אוועקגעגאַנ־גען, האָט זיך פּול'ס טהעאטער פערמאכט נאָך פאַר פּסח, און פּר־לינג'ס טהעאטער האָט זיך געשלאָסען נאָך פּסח.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דער סיזאָן פון דער משונה'דיגער שפּרינגענים פון איין טהעאטער אין צווייטען און די בייטענים פון די קאָמפּאַניעס. אבער די שפּרינגענים און בייטענים האָט זיך ניט געענדיגט מיט דעם סעזאָן. די שפּיעל אין קאָץ און מויז איז אנגעגאַנגען אויך ווייטער. עס איז איצט געוואָרען ניט גענוג צו האָ־בען א טהעאטער און א קאָמפּאַניע און אן אויטאָר. א דירעקטאָר האָט געמוזט האַלטעןביידע אויגען אָפען און פיהרען א גאַנצע פּאָליטיק צו זעהן, אז די קאָמפּאַניע זאָל פּלוצים ניט פערשוואונ־דען ווערען, אָדער אז דער טהעאטער זאָל ניט אויסגעכאַפּט ווערען.

אדלער איז נאָך דעם ערשטען סעזאָן אוועקגעפאָהרען פון ניו יאָרק, אויפ'ן וועג האָט ער זיך געטראָפען מיט ב. טהאָמאשעפסקי, וועלכער איז אונטער דער צייט געוואָרען א פּאָלשטענדיגער אק־טיאָר, און וועלכער האָט געשפּיעלט די גאַנצע צייט אויף דער פּראָ־ווינץ, און זיי זיינען אוועקגעפאָהרען קיין שיקאַגאָ. אין יענער צייט איז שיקאַגאָ געווען דער עיר מקלט, וואוהין עס זיינען געפאָה־רען יענע אקטיאָרען, וועמען עס איז ענג געוואָרען אין ניו יאָרק. און אזוי ווי אין יענער צייט איז קיינער ניט געווען בעוואָרענט, וואָס מאָרגען וועט זיין, האָט כמעט יעדער אקטיאָר פריהער אָדער שפּעטער בעזעצט זיך אויף א געוויסע צייט אין שיקאַגאָ, די אויגען אבער האָבען זיי שטענדיג געהאַלטען געווענדעט צו ניו יאָרק און

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האבען זיי געכאפט זייער זעקיל און פעקיל און געקומען צולויפען קיין ניו יארק.

און ווירקליך אדלער מיט זיין קאמפאניע האבען ניט אויסגע־האלטען א סעזאן אין שיקאגא, און פאר פסח זיינען זיי געקומען קיין ניו יארק. אין דעם פערלויף פון דעם סיזאן 1901—2 האט מען געשפיעלט אידישע שטיקער נאר אין צוויי טהעאטערס אין טהאליא און אין פולינג'ס טהעאטער, וועלכער האט שוין וויעדער געהייסען „רומעניא אפערא הויז.“ אין פול'ס טהעאטער האט מען ניט געשפיעלט, און אדלער מיט טהאמאשעפסקי'ן האבען גענומען אויף פסח פול'ס טהעאטער.

דער קאנטראקט וואס היינע און מאגולעסקא האבען געהאט מיט טהאליא טהעאטער האט זיך געענדיגט אין מיטען זומער 1892, און קיין נייען קאנטראקט האבען זיי ניט געקענט קריעגען. פון דייטשלאנד זיינען געקומען די ברידער ראזענפעלד מיט ליליפוטאנער און זיי האבען גענומען טהאליא טהעאטער. איצט איז היינע געבליעבען אויסגעשטעלט און ער איז איצט געפאהרען קיין שיקאגא. טהאמאשעפסקי האט גענומען די „רומעניא אפערא הויז“ און אדלער, מאגולעסקא, קעסלער, פיינמאן האבען גענומען פול'ס טהעאטער.

אויפ'ן ערשטען אויגענבליק קען אויסווייזען ווילד די באפע־נים, יאגענים, שפרינגענים, ווארפענים, נאר דאס איז געשעהען ניט אומזיסט. די איינוואנדערונג איז מיט יעדען יאהר פערגרעסערט געווארען, די פערדיענסטען זיינען געווען גוטע, די צאהל פון טהע־אטער בעזוכער איז געוואקסען און די פריהערדיגע צוויי קליינע טהעאטערס זיינען שוין געווען צו קליין, אונבעדייטענד, אז זיי זא־לען קענען צופריעדענשטעלען די פאדערונגען פון די אידישע טהע־אטער בעזוכער. די ערשטע צייט איז פול'ס טהעאטער אויף דער אבטער סטריט געווען א געווינס און א גרויסער שריט פארווערטס, נאר באלד האט זיך ארויסגעוויעזען, אז די איינוואנדערונג האט שוין איבערגעוואקסען אויף פול'ס טהעאטער. א חוץ דעם איז פול'ס טהעאטער געווען ווייטליך פון דעם אמת'ן אידישען קוואר־טאל. די פאדערונג איז איצט געווען אויף גרויסע טהעאטערס,

וואָס זאָלען זיין אין דעם סאמע אידישען קוואַרטאַל. ניו יאָרק האָט שוין פערמאָגט א גרויסע שטענדיגע מחנה טהעאטער געהער. און דאָס ווייזט דער פאַקט, אז אזוי גיך ווי היינע האָט אין מיטען סע־זאָן אין שיקאַגאָ בעקומען א ידיעה, אז ער קען ווידער קריגען טהאליא טהעאטער, איז ער גלייך געקומען קיין ניו יאָרק און האָט איינגעוויליגט צו צאָהלען מיט 10 טויזענד דאָלאַר א יאָהר דירה געלד מעהר, ווי די ברידער ראָזענפעלד האָבען געצאָהלט, די ראָ־זענפעלדס האָבען געצאָהלט 12 טויזענד דאָלאַר א יאָהר און היינע האָט געשלאָסען א קאָנטראקט אויף 22 טויזענד דאָלאַר א יאָהר. דאָס איז געווען אזא סומע, וואָס מען האָט ביז דעמאָלט ניט גע־הערט צווישען אידישע אקטיאָרען.

א צווייטע אורזאכע איז געווען וואָס צווישען די אקטיאָרען גופא איז אָנגעגאנגען א שטילע רעוואָלוציע. די אקטיאָרען וואָס זיינען געווען פּאָפּולער די ערשטע יאָהרען האָבען אָנגעווענדעט אלע קרעפטען צו האלטען זיך ביי דער חזקה, אונטער דער צייט אבער האָבען אנדערע אקטיאָרען וועלכע זיינען אָנפאנגס ניט געווען אנער־קענט, געשטופּט זיך אלץ שטארקער צום אויבען אָן און געפאָדערט אנערקענונג. דאָס האָט געמוזט פיהרען צו א קאמפף צווישען די אנערקענטע אקטיאָרען פון פריהער און די וואָס האָבען איצט געזוכט אנערקענונג. עס איז געווען גענוג אז אן אנערקענטער אק־טיאָר פון פריהער זאָל קריגען א קלענערען אפּלאָז, ווי איינער וואָס האָט איצט געקריגען חן ביים פּובליקום, אז דאָס זאָל פיה־רען צו א שפּאלטונג אין דער קאָמפּאניע. דערביי דארף מען ניט פערגעסען, אז דאָס זיינען ניט געווען קיין טהעאָרעטישע פראַגען. עס איז געגאנגען אין לעבען ווער עס זאָל זיין דער שטערן און ווער עס זאָל האָבען די דעה אין טהעאטער, און קיין עקשנות אין דעם האָט אויך ניט געהאָלפען. דאָס פּובליקום האָט אָפען ארויסגעווי־זען, מיט וועמען עס סימפּאטיזירט און געגען דעם דעקרעט פון פּוב־ליקום האָט קיינער ניט געקענט געהן.

אין דער צייט האָבען טאקע אָנגעהויבען אונטערצוגעהן עט־ליכע שטערען, וואָס זיינען אהער געקומען מיט א שטארקע סמיכה נאָך פון רוסלאנד אָדער רומעניען, און עס האָבען אָנגעהויבען צו

שיינען נייע שטערען, וועלכע האבען די ערשטע יאהרען פערנר־
מען גאר א קליינעם פלאץ און וועלכע מען האט פריהער גאר נים
בעמערקט.

אין דער צייט איז אויך געקומען יעקב גארדין קיין ניו יארק
און האט אנגעהויבען צו שרייבען פאר דער ביהנע.

אין גיכען האט מאגולעסקא גענומען ווינדזאר טהעאטער און
אין אידישע הענד זיינען אויף אזא אופן אריין די גרעסטע צוויי אי־
דישע טהעאטערס, וואס זיינען דעמאלט געווען אין דעם אידישען
קווארטאל.

דריטער קאפיטעל.

די שעפער פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא

ביים סוף אכציגער יאהרען אין דעם פאריגען יאהרהונדערט זיינען שוין אין אמעריקא געוועזן כמעט אלע פערפאסערס וואס האבען געשאפען פאר דער אידישער ביהנע פון דעם טאג, וואס דער גרונדשטיין פון אידישען טהעאטער איז געלעגט געווארען אין רומעניען. מיט דער ערשטער קאמפאניע איז געקומען קיין ניו יארק יאזעף לאטיינער, מיט דריי יאהר שפעטער איז אנגעקומען משה הורוויטש, וועלכער איז אויפגענומען געווארען אלס פערפאסער פון דער צווייטער קאמפאניע. באלד האט זיך אין ניו יארק בעוויזען דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער אברהם גאלדפאדען און אין צוויי יאהר ארום איז אויך געקומען נחום מאיר שייקעוויטש. זיי אלע זיינען געוועזן פערבונדען מיט'ן אידישען טהעאטער נאך פון רוסלאנד און זיי אלע זיינען צוגעצויגען געווארען צו דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער.

און שוין אין די ערשטע יאהרען פון דעם טהעאטער אין דער נייער היים האבען זיך איבערגעקעהרט די יוצרות. דער פאטער פון דעם אידישען טהעאטער, וועלכער האט אין דעם פערלויף פון די ערשטע זיבען יאהר אין רומעניען און רוסלאנד געהאט די גאנצע השפעה אויפ'ן טהעאטער און פון איהם האט די ביהנע געהאט איהר הויפט יניקה, האט ביים אנקומען אין דער נייער היים געפונען די טהוירען פון דעם אידישען קונסט טעמפעל פערשפארט און אויף זיין קלאפען האט זיך קיינער ניט אנגערופען. אויך שייקעוויטש וועלכער איז געוועזן נאך גאלדפאדען דער פראדוקטיוועסטער דראמענשרייבער אין רוסלאנד, איז אין דער נייער היים אריין אין

טהעאטער נאָר מיט איין פוס און ער האָט נאָכ'ן ערשטען סעזאָן גע־מוזט ארויסטרעטען פון דאָרטען. און, פערקעהרט, יאָזעף לאַטיינער און משה הורוויטש, וועלכע האָבען אין רומעניען און אין רוסלאנד וועניג געשאַפען, האָבען אין דער נייער היים אריינגענומען די גאַנצע ביהנע אין זייערע הענד און נאָר מיט זייער זכות האָט זיך דער טהעאַטער געהאַלטען אין דעם נייען לאַנד. זיי האָבען דעם וועג אויסגעטראָטען אין אמעריקא פאר'ן אידישען טהעאטער, זיי האָ־בען געליפערט כמעט אַלע שטיקער ביז'ן סאמע סוף אכציגער יאָהרען און זיי האָבען זייער שטעמפעל געלעגט אויפ'ן אידישען טהעאטער אין דער נייער מדינה.

דער פאקט, אז דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער האָט ניט געקריגען קיין דריסת הרגל אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא, ווייזט, אז א געוויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען ניט נאָר אין די אקטיאָרען און דעם פובליקום נאָר אויך אין דעם כאראקטער פון די שטיקער, און די דאָזיגע ענדערונג האָט איהם פֿרעמד געמאכט פון טהעאטער אין דער נייער היים.

וואס איז געוועזן די ענדערונג?

יאָזעף לאַטיינער איז געוועזן דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער דראמענשרייבער וואָס איז געקומען קיין אמעריקא. ער האָט זיין קאריער אויף דער אידישער ביהנע אָנגעהויבען אפשר מיט א יאָהר שפּעטער פון גאָלדפאדען. אין זיינע ערשטע ווערק איז ער געגאַנ־גען אין גאָלדפאדענס טריט. „יענטע די פּיפּערנאָטערין", „שמואל שמעלקעס" זיינען געשריבען אין דעם זעלביגען גייסט פון די ערש־טע יאָהרען אין רומעניען. דער סיוזשעט פון „שמואל שמעלקעס" איז א גענומענער און פון איהם האָט באלד נאָכדעם גאָלדפאדען געמאכט „ביידע קוני לעמילס". אויך זיין „ליעבע פון ירושלים" האָט טהיילוויז דעם זעלביגען סיוזשעט, וואס גאָלדפאדענס „שולמית" און איז פריהער געשריבען און געשפּיעלט געוואָרען.

ביז דער טהעאטער איז פערבאָטען געוואָרען אין רוסלאנד, האָט ער זעהר וועניג געשאפען, אויך וועניג האָט ער די ערשטע יאָה־רען אין אמעריקא געגעבען פאר דער ביהנע. נאָר אין די עטליכע שטיקער, וואס ער האָט אָנגעשריבען אין דעם נייען לאַנד האָט ער

זיך נאך געהאלטעןביים מוסטער פון דער אלטער היים. „אסתר און המן“, „יוסף מיט זיינע ברידער“, „משפט שלמה“ זיינען איר־דישע שטיקער, מיט א איד׳שען אינהאלט. ער פרובירט אויך שריי־בען א צייטבילד און שילדערען די לאגע פון די איינוואנדערער אין דער נייער מדינה, נאר דאס געלינגט איהם ניט און זיין „אי־מיגריישאן טו אמעריקא“ האט ניט קיין ערפאלג. נאר מיט׳ן אנ־קומען פון דער צווייטער טרופע, מיט א צווייטען דראמענשרייבער, האט זיך אנגעהויבען א קאנקורענץ און א פערפאסער וואס האט זיך געוואלט האלטען ביי דער ביהנע האט געדארפט קענען שיטען שטיקער פון ארבעל. דער פערפאסער אין דעם נייען לאנד האט זיך געמוזט האלטען ביים אמעריקאנער פרינציפ „הארי אפ“ (אייל זיך צו) און אז מען האט ניט פערשטאנען ווי עס צו טהאן איז מען ארונטער פון ביינקעל.

און הגם אין דער צייט איז שוין די ארבייט פון דעם אידישען דראמענשרייבער פערגרינגערט געווארען און ער האט שוין ניט גע־דארפט אליין שרייבען דאס שטיק און אליין שאפען די מוזיק און אליין פערפאסען די ליעדלאך, און עס זיינען שוין געווען בעזונ־דערע מענשען וואס האבען בעזארגט די בעזונדערע טהיילען פון דער אפערעטע, האט זיך לאטיינער פערלארען אין די ערשטע פאר יאהר, וואס א צווייטער טהעאטער האט זיך געעפענט. ער האט אליין גאר ניט געקענט שאפען און אפילו בארגען א פרעמדען סיו־זשעט און געבען איהם מעהר אדער וועניגער א אידישען פנים איז פאר איהם געווען א שווערע ארבייט, וואס האט געפאדערט צייט. לאטיינער האט ניט געהאט דעם טאלאנט צו שילדערן כאראקטערע און ער איז ניט געבענשט געווארען מיט׳ן אויג, וואס קען ארייננקו־קען אין א מענשענס הארצען. איהם האט אויך געפעהלט פאנטא־זיע, וואס פאדערען זיך פאר סענזאציאנעלע שטיקער. ער איז גע־ווען ניט מעהר ווי א בעל מלאכה פון דער ביהנע און ער האט פער־שטאנען, ווי אזוי מען דארף מאכען א שטיק, וואס זיינען די נויי־טיגע עלעמענטען און ווי מען דארף זיי ארייננשטעלען, און ווי אזוי צו שטעלען צופריעדען די אקטיארען, וואס שפיעלען אין דעם שטיק. ווען ער האט פאר זיך א פארטיגע שטיק, קען ער אויסקליי־

בען די נויטיגע עלעמענטען און צוזאמענשטעלען זיי פאר די בע־זוכער פון זיין טהעאטער.

אויבערפלעכליך קען אויסווייזען, אז ער ווי אויך די אנדערע אויטאָרען פון דעם חדר האָבען זיך דערין ניט אונטער־שיידט פון גאָלדפאדען, ווייל יענער האָט אויך גענומען פאר־טיגע שטיקער און זיי איבערגעמאכט פאר'ן אידישען פובליקום. נאָר עס איז גענוג עטוואס א טיעפערער בליק צו זעהן דעם גרויר סען אונטערשייד. גאָלדפאדען איז געווען געבענשט מיט טאלאנט און דער שטעמפעל פון זיין טאלאנט איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף די שטיקער, וואָס זיינען דורכגעגאנגען דורך זיינע הענד. און ווי גרויס דער אונטערשיעד איז קען מען זעהן דערפון, וואָס לאטיי־נער האָט אָנגעשריבען „שמואל שמעלקעס" און גאָלדפאדען האָט אָנגעשריבען „ביידע קוני לעמילס", לאטיינער האָט אָנגעשריבען די „ליעבע פון ירושלים" און גאָלדפאדען האָט אָנגעשריבען „שולמית" און הגם לאטיינער האָט ביידע שטיקער אָנגעשריבען פאר גאָלדפאדען און האָט א צייט, א צייט לאנג אין אמעריקא גע־האלטען דעם טהעאטער אין זיינע הענד און גאָלדפאדען האָט דאָר־טען קיין דריסת הרגל ניט געהאט, שפּיעלט מען נאָך עד היום גאָלד־פאדענס „קוני לעמיל" און גאָלדפאדענס „שולמית", און לאטיי־נער'ס „שמואל שמעלקעס" און „ליעבע פון ירושלים" זיינען געווען טוידט באלד ווי מען האָט זיי די ערשטע צייט אָבגעשפּיעלט. א חוץ דעם, האָט זיך ביי גאָלדפאדען דער טאלאנט ענטוויקעלט און וואָס ווייטער זיינען זיינע שטיקער ארויסגעקומען בעסער, פיינער, איי־דעלער, בשעת לאטיינער איז געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, און זיינע שפּעטערע שטיקער ווייזען ניט קיין פערבעסערונג. פער־קעהרט, אין די ערשטע יאָהרען, סיי אין רומעניען און סיי אין אמע־ריקא האָבען זיינע שטיקער געהאט לכל הפּחות איינפאכקייט און וואָס ווייטער ווערט אפילו די דאָזיגע איינפאכקייט פערשוואונדען.

ווען לאטיינער האָט זיך געכאפּט, אז די ארבייט צו פעראידי־שען פּיעסען איז ניט נאָר א מאָרודנע נאָר אויך זעהר א שווערע, און דער טהעאטער קען ניט וואַרטען, האָט ער פּשוט גענומען פרעמדע שטיקער, האָט אויסגעשניטען פון זיי דאָס לייב און לע־

בען, כדי צו מאכען פלאץ פאר ליעדלאך און האפקעס און פאר א קאמישען עלעמענט, איבערגעביטען די גוישע נעמען אויף אידישע און דערלאנגט זיי דעם אידישען פובליקום.

אין גרונט איז לאטיינערס א שטיק פון דער שפעטערער צייט דאס רוב גאר ניט קיין דראמע. דאס שטיק איז א ראמאן, נאר אנשטאט קאפיטלאך איז איינגעטהיילט אין אקטען אדער בילדער. דער סיוזשעט איז אזוי פערוויקעלט, פערפלאנטערט, פערדרעהט ווי אין די גרויסע שונד ראמאנען, מיט א צופארבונג פון עפעס א געהיימניסע. נעהמט „די פערבלאנדזשעטע נשמה", למשל, דארטען ווערט דערצעהלט א מעשה פון א רייכען אידען, וואס קומט צו פאהרען פון אמעריקא צו זיין ברודער דעם רב אין גאליציען. דער רב האט צוויי קינדער א בחור מיט א מיידעל, איז דער בחור פערליעבט אין א היינט־מאדישע מיידעל, פון וועלכער דער רב וויל ניט הערען און זעהן. פונקט ווי אין די שונדיגע ראמאנען קלעבט זיך צו דער מיידעל איין צרה נאך דער צווייטער און עס דערגרייכט שוין אזוי, אז אין דער גאנצער שטאדט מיידט מען איהר אויס. צום סוף לאזט זיך אבער אויס, אז די מיידעל איז דעם רייכען אמעריקאנער ברודער'ס א טאכטער, וועלכע האט געזאלט דערטרונקען ווערען אין ים און איז דורך א נס ניט דערטרונקען געווארען און ניט ער האט געוואוסט, אז ער האט א לעבעדיגע טאכטער און ניט זי האט געוואוסט, אז זי האט א לעבעדיגען טאטען.

אדער נעהמט די „סדר נאכט", דארטען פערקאכט זיך א ראמאן צווישען א אידישע מיידעל און א קריסטליכען בחור. דער פאטער פון דעם מיידעל איז אין צווייען אונגליקליך. ביי איהם האט מען אמאל אוועקגערויבט זיין איינציגען זוהן און כדי צו טרייסטען זיך האט ער ערצויגען זיין פלימעניצע. צום סוף פערליעבט זיך די דאזיגע פלימעניצע אין א גוי. די צרות פון דער גאנצער פאמיליע איז גאר ניט משער צו זיין. אין לעצטען אקט לאזט זיך אבער אויס, אז דער קריסט איז דאס טאקע דעם פעטער'ס זוהן.

ווען ניט קיין געהיימניס, איז לאטיינער'ס א שטיק צוזאמענגעשטעלט פון צוויי אדער מעהר פיעסען. דער ערשטער אקט געוועהנליך איז ניט קיין לייכטע פערבינדונג, ווי עס דארף זיין אין

א דראמא, נאר א גאנצע פיעסע אז און פיר זיך און ווייטער ציהט זיך אן אנדער פיעסע איבער די אנדערע אקטען. דערפון ווערט דער סיוזשעט אזוי פערפלאנטערט, אזוי פערדרעהט, אז מען קען ניט געפינען קיין אנהויב און קיין סוף. עס איז רעכט, אז ביי יעדען אקט זאל זיך דאס שטיק ענדיגען, נאר צום גליק ווייסט מען, אז א אידישע שטיק דארף האבען פיער אקטען.

געוועהנליך האט איין סיוזשעט מיט'ן צווייטען גאר קיין שייכות ניט. נעהמט, למשל, „דאס אידישע הארץ", א שטיק וואס איז פון זיינע לעצטערע און וואס האט געהאט א געוואלדיגען ער־פאלג. אין דעם דאזיגען שטיק קומען פאר צוויי בעזונדערע סיו־זשעטען. דער ערשטער, וואס ענטהאלט דעם דראמאטישען עלע־מענט איז אזא: א קריסטליכע פרוי פון מיטעלע יאהרען בעגעגענט זיך מיט א יונגען אידישען ארטיסט און דערקענט אין איהם איהר זוהן, וועלכען זי האט אוועקגעווארפען, ווען ער איז נאך געווען א קליינער. דעמאלט איז זי געווען אן ארימע פרוי. זי איז אנטלאפען מיט א גראף, וועלכער האט מיט איהר חתונה געהאט, געגעבען א פלאץ אין דער הויכער געזעלשאפט, ארומגערינגעלט איהר מיט כל טוב און וועלכער האט מיט איהר געהאט אנדערע קינדער. ניט די קינדער און ניט די הויכע געזעלשאפט ווייסען עפעס דערפון, און זי פיהלט זיך גאנץ בעקוועם, וואס דער געדיכטער שלייער איז פער־צויגען איבער דער אונאנגענעהמער פערגאנגענהייט. ערשט דא בעגעגענט זי איהר זוהן, מיט וועלכע די גאנצע מעשה פון איהר פערגאנגענהייט איז פערבונדען און די מוטער־ליעבע ערוואכט אין איהר. עס הויבט זיך אויף ביי איהר אין הארצען א קאמפף, צו זאל זי איינשטעלען אין קאן איהר איצטיגע גליקליכע לאגע, די ליעבע פון איהרע מיוחסים קינדער אדער צו לאזען זיך פערפיהרען פון דער מוטער־ליעבע צום זוהן, געגען וועלכען זי איז אזא שענדליכען פערברעכען בעגאנגען, אדער זי זאל זיך מאכען גאר ניט וויסענדיג און א מאך טהאן מיט דער האנד אויפ'ן זוהן, וועלכער ניט נאר עפענט דעם שלייער פון דער אונאנגענעהמער פערגאנגענהייט נאר ווייזט איהר נאך א מעהר אונאנגענעהמע צוקונפט.

איהר זעהט, דא איז שוין ניטא קיין געהיימניסע, דא איז שוין

גיטא קיין פּערוויקעלטער, פּערדרעטער סיוזשעט. דא איז א ביטערער קאמף פון געפיהלען, א רייכער שטאף פאר א דראמע. און ווירקליך דאס איז א גאנצע דראמע און ווען אפילו איהר זייט גאר קיין מבין ניט, פערשטעהט איהר, אז דאס איז ניט קיין אידישע דראמע. הגם איהר ווייסט ניט, צו מען האט אזא דראמע געשפּיעלט ביי די גוים. און דער אָריגינאל דערפון איז טאקע געווען געשריבען פון א פרעמדען לעבען פאר א פרעמדער ביהנע.

נאר פאר לאטיינערען האט כלל וכלל ניט געטויגט קיין גוישע שטיק, אבער איבערמאכען א גוישע שטיק אויף א אידישע איז א שווערע שטיק ארבייט, האט ער, ערשטענס, דאס שטיק א נאמען געגעבען „אידישע" הארץ און צווייטענס האט ער א פאר גוישע נעמען אומגעביטען אויף אידישע. אבער דאס איז ניט גענוג, ווייל דאס איז צו טרוקען פאר א אידישען פובליקום, האט ער אין דעם שטיק אריינגעפיהרט דעם קאמישען עלעמענט אין דעם פארם פון א צווייטען סיוזשעט, און דער צווייטער סיוזשעט איז אז און פאר זיך א גאנץ פּערדרעהטער: אן עלטערער איד שדכנ'ט זיך צו א יונגער מיידעל, וועלכע שפּיעלט א ליעבע מיט'ן ארטיסט. וואס ווייטער ווערט אריינגעפיהרט א ליעבע צווישען נאך א יונג פּארל, אבער דאס איז אויך ניט גענוג. אין דעם שטיק ווערט אריינגעפיהרט א מאן, וואס ליעגט ביים ווייב אונטער'ן פאנטאפעל. פון דעם אלעם איז ארויסגעקומען די קאשע, וואס האט געהייסען „דאס אידישע הארץ".

ווען מיר וועלען אנאליזירען, ווי אזוי דער פּערפאסער לאטיינער האט דאס שטיק געמאכט, וועלען מיר געפינען דעם שליסעל צו אלע זיינע ווערק, צו דער גאנצער מלאכה פון מאכען פּיעסען, ווי ער און זיינע חברים האבען עס פערשטאנען.

דער עיקר פון דער פּיעסע, דאס וואס טראגט דעם נאמען פון דער פּיעסע, איז אין גאנצען גויש, נאר אזוי ווי עס טויג ניט צו געבען א גוישע זאך פאר א אידישען פובליקום און דער פּערפאסער האט ניט געהאט קיין כוח צו פּעראידישען דאס שטיק, האט ער נאר משנה השם געווען, אומגעביטען דעם נאמען פון דעם שטיק,

אין פון אזא לייכטער אפעראַציע איז דאָס גוישע שטיק אין איין מינוט געוואָרען „דאָס אידישע הארץ".

אזא ארבייט איז גאָר א גרינגע. דערצו פאָדערט זיך ניט קיין טאַלאנט, קיין גבורה, קיין ביהנענקענטשאפט. אלץ וואָס מען דארף איז צו געפינען א פאסענדע פארטיגע שטיק און געבען איהם אן עכט אידישען נאָמען.

נאָר דאָס איז ערשט א טהייל פון דער מלאכה. אזא שטיק וואָלט געווען פונקט דער היפך פון די שטיקער, וואָס לאטיינער שרייבט פאר'ן אידישען פובליקום. לאטיינער וואָלט ניט געווען לאטיינער ווען ער זאָל זיך בענוגענען דערמיט, וואָס ער נעהמט א פארטיגע גוי'שע שטיק ווי עס שטעהט און געהט און בייט נאָר איי־בער דעם נאָמען פון דער פיעסע און די נעמען פון די העלדען. ער ברענגט אריין אין אזא שטיק א צווייטען עלעמענט און דאָס איז א גאנץ בעזונדערע קאָמעדיע, אָדער פארם אָדער בורלעסק וואָס האָט מיט דער דראמא קיין שום שייכות ניט. די קאָמעדיע ווידער קען זיין א גאנצע קאָמעדיע א גוישע, אָדער דעם פערפאסער'ס אן איי־גענע שאפונג. אויב דער קאָמישער עלעמענט האָט א גאנצע האנד־לונג, מעג מען זיין זיכער, אז דאָס איז גענומען פון א וועלכען עס אי'ז פארם, וואָס מען האָט געשפיעלט ביי די גוים און ניין מאָל פון צעהן וועט מען אזא געפינען. נאָר אויב דער קאָמישער עלע־מענט בעשטעהט נאָר פון נארעש מאכען זיך, איז דאָס זיכער אָרי־גינעל.

דער געדאנק אריינצושטוקעווען א גאנצען פארם אין דער דראמע בעלאנגט צו לאטיינער. דאָס איז זיין אויפטהו. דער חשבו'ן דערביי איז אזא: מען ווייסט ניט, וואָס אן עולם קען געפעלען ווערען, א מאָל וויל ער עפעס ערנסטעס, עפעס זאָל איהם א ציה טהאָן אין הארצען, און אמאָל וויל ער מען זאָל איהם קיצלען, כדי ער זאָל קענען זיך גוט אויסלאכען, און אמאָל וויל ער א שטיקעל נגינה, און אום צו זיין זיכער דארף מען איהם געבען אי א דראַ־מע, אי א קאָמעדיע אי אן אפערעטקע.

דערביי דארף מען בעמערקען, אז הגם אין אלע פיעסען אויף דער אידישער ביהנע מישט זיך דער קאָמישער עלעמענט מיט'ן

דראמאטישען, איז דארטען אבער ניטא אזא מין קאמבינאציע פון א גאנצער בעזונדערער דראמא און א גאנצער בעזונדערער קאמע־דיע. די דאזיגע קאמבינאציע איז אין גאנצען לאטיינער׳ס אויפטהו.

די מלאכה פון דעם פערפאסער דארף זיך ארויסווייזען אין דעם, ווי אזוי צוזאמענמישען צוויי בעזונדערע שטיקער, וואס האַ־בען ניט קיין שייכות איינע צו דער אנדערער.

נאר אט די שייכות פערשטעהט ניט י. לאטיינער. ער פער־שטעהט ניט צו וואס דארף זיין א שייכות פון איין סיוזשעט מיט׳ן צווייטען. ער פערשטעהט איבערהויפט ניט צו וואס דארף זיין א שייכות פון איין אקט צום צווייטען, פון איין פערזאן צו דער צוויי־טער, פון פערזאן צום ארט, צו דער צייט. זיין אויפפאסונג פון א שטיק איז, אז עס דארף ענטהאלטען שטאף, וואס זאל אמאל ארויס־רופען ביים עולם א קעלט איבער׳ן לייב און אמאל זאל ער איהם מאכען לאכען. ווי אזוי מען דערווייזט עס, גערט קיינעם ניט אן. ער זעהט נאר פאר זיך די ביהנע און דאס פובליקום. אט דא, זאגט ער, וועט ארויסגעהן דער ליעבהאבער און זאגען א שטארקען מאנאלאג, וועט עס דעם עולם ריהרען. אט דא וועט ארויסגעהן דער קאמיקער און וועט זאגען אזא המצאה און דער עולם וועט לאכען. האט דער קאמיקער עפעס א שייכות מיט׳ן ליעבהאבער? איז דא דער פלאץ פאר איהם צו ערשיינען? איז איצט די צייט פאר איהם עפעס צו זאגען? דאס געהט איהם ניט אן. פאר׳ן אקטיאר איז דער אריינגאנג צו דער ביהנע פריי און ער קען אריינקומען, ווען דער מחבר הייסט איהם, און זאגען וואס ער וויל און ווי ער וויל, ניט האבענדיג קיין שום פעראנטווארטליכקייט צו זיינע פריהערדיגע האנדלונגען.

אין דער „פערבלאנדזשעטע נשמה", למשל, קומט פאר אן אמעריקאנער באי, וואס קען ניט קיין אידיש. ווי ווייט ער קען קיין אידיש ניט קען מען זעהן פון דעם פאלגענדען געשפרעך:

סעם: סוויט באבעלע, יו נאו, יו אר מאי קאזין.

באבאלע: וואס? דעם חזן דארפסטו? אט וועל איך איהם באלד אריינשיקען.

סעם: יו נאו, יו מאי שוועסטער קינד.

באבעלע: אמת, דו ביזט מיין שוועסטער קינד, אבער זינגען טאר מען נים.

אזוי רעדט סעם, נאר אין צוויי מינוט ארום הערען מיר איהם זינגען אזא ליעד:

לערנען קען איך גוט, אוי, פאפא, אוי, פאפא.
קיין קינד בין איך שוין נים, אוי פאפא, אוי פאפא,
צום לערנען האב איך זיך געשטופט
שטעטס א גוט בוי געוועזן
און צייט איך האב נאר זי געזעהען
האב איך מיך אין איהר פערליעבט א. ז. וו.

וועט איהר דאך פרעגען א קשיא, ווי קומט צום אמעריקאנער באי, וואס קען נים קיין אידיש, צו זינגען אזא ליעדעל? נאר דאס וועט דאך הייסען אז דער פערפאסער איז פעראנטווארטליך פאר דער פריהערדיגער האנדלונג און אזא פעראנטווארטליכקייט נעהמט ער אויף זיך נים. פריהער האט איינער גערעדט אזוי און איצט רעדט ער אזוי, ווייל אזוי פאסט צום רומעל.

און אזוי ווי עס איז נימא קיין שייכות פון איין אקט צום צווייטען, פון איין פערזאן צו דער צווייטער, פון איין מאמענט צום צווייטען אין דער זעלבער פערזאן, איז דאס לעבען, ווי מען קען זעהן אין לאטיינער'ס שטיקער, א מערקווירדיגע. און ווען מיר זיצען אין טהעאטער און קוקען זיך צו צו דעם וואס קומט פאר פאר די אויגען, שיינט אונז אז מען האט אונז אריבערגעפיהרט בשלום דעם טייך סמבטיון און מיר געפינען זיך הינטער די הרי חושך, אזוי פרעמד איז אונז די שפראך, די געפיהלען, די מנהגים, די אויפפיהרונג. מיר ווייסען נים צו מיר שלאפען, צו מיר וואכען, צו דאס שפיעלט מען טהעאטער, צו דאס איז עפעס א חלום. א מלך און א פאסטוך שטעהען געזעלשאפטליך אויף איין מדרגה, דער האר און דער קנעכט עסען פון איין שיסעל, עס איז נימא, קיין נעכטען קיין מארגען, קיין פערגאנגענהייט, קיין צוקונפט, אלץ איז אויסגעמישט צוזאמען. אלעמען שיינט אבצוגעהען די זיבעטע קלעפקע און אלץ איז הפקר. מען דארף קיינעם נים אבגעבען קיין

חשבון, עס איז ניטאָ קיין פאַר וואָס און פאַר ווען, אַזוי וויל דער מחבר און אַזוי דאַרף געשעהן.

עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס ביים גרויסען עולם, וועלכער האָט זיך דורכגעווייקט מיט דער גערדיכטער אַטמאָספערע פון אַזעלכע שטיקער, האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ בעגריף אַז וואָס פאַלש, אונגעוועהנליך, ניט נאַטירליך, אונגעלומפּערט פּאַסט פאַר טהעאַטער. איהר וועט זעהר אָפט הערען, ווען אַ שטייגער מען שטויסט זיך אָן אויף ערשיינונגען, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס לעבערליכקייט אָדער איבערטריבענהייט אַזאַ מין בעמערקונג: „כ'לעבען, אָט האָבען מיר אַ טהעאַטער!" דער בעגריף, וואָס דער עולם האָט אַרויסגעטראָגען פון אַזעלכע שטיקער, איז אַז אויף דער ביהנע דאַרף יעדע זאַך פאָרקומען ניט ווי אין לעבען.

אַזאַ מין בעל מלאכה איז אויך געווען משה הורוויטש.

אַלס אַקטיאָר האָט ער בעשיינפּערליך געזעהן, וואָס ביים עולם נעהמט אויס, פון וואָס דער עולם האָט הנאה און פון וואָס דער עולם לעקט די פינגער. אַ חוץ דעם האָט ער אויך געוואוסט וואָס דעם אַקטיאָר שטעלט צופריעדען און מיט וואָס ער נעהמט זיך איי־בער. מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט גוט געקענט די ביידע עלע־מענטען, פאַר וועלכע מען דאַרף שרייבען דראַמען. און עס האָט איהם לאַנג ניט גענומען צו קומען צום שלום, אַז ער קען די דאָזיגע מלאכה ניט ערגער פאַר אַנדערע.

און מ. הורוויטש, אַזוי ווי לאַטיינער, טרעט צו צו דער אַרבייט פון מאַכען דראַמען ווי צו אַ געוועהנליכער מלאכה. עס קען זיין, אַז אין די ערשטע יאָהרען איז ער געווען פערנאַרט אין זיך און האָט געגלויבט, אַז ער איז געבענשט מיט דעם טאַלאַנט צו שרייבען דראַמען. נאָר שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דעם טאַ־לאַנט דערצו האָט ער ניט. ווי אַ געניטער בעל מלאכה האָט ער געוואוסט, ווי ער דאַרף איינטהיילען די דראַמע, וואו עס דאַרף זיין אַ לאַך, וואו עס דאַרף זיין אַ קנאַק, ער האָט געוואוסט, אַז אַן אַקטיאָר קען ניט אַרויפגעהן אויף דער ביהנע און שוואַרצען דאָס פּנים, מען מוז איהם געבען עפּעס, אַז ער זאָל כאַפּען אַ בראַוואָ, און ער האָט די דראַמעס געמאַכט, ווי אַ שניידער שניידט צו אַ

בגד: מ. הורוויטש האט ביים מאכען די דראמע אויסגערעכענט, אט דא דארף דער עולם א לאך טהאן, אט דא דארף דער עולם דורכגעהן א קעלט איבער׳ן לייב, אט דא דארף ער זיך קאטשען פאר געלעכטער, אט דא דארף זיין א פזמון און דא א טענצעל און דא עפעס אן עפעקט, ביי וועלכען דער עולם זאל עפענען די מיילער און בלייבען פערגאפט.

וואס איז שייך צו הורוויטש וואלט געווען אפשר ריכטיגער צו זאגען, אז ער איז געווען אן ארכיטעקטאר אין זיינע מייסטע דראמען. ער האט אויסגעארבייט א פלאן פאר א דראמע, איינגע־טהיילט אין סצענען און דערמיט האט זיך זיין אייגענע ארבייט געענדיגט. ווען עס איז געקומען צום אנשרייבען די סצענען, האט ער געזאגט צו זיך: שרייבען די סצענען קען איך ניט, דערצו דארף מען האבען טאלאנט, נאר דערפון דארף קיין מניעה ניט זיין; עס זיינען פאר מיר געווען און עס זיינען איצט פארהאן גענוג שריי־בער ביי די גוים, וואס בעזיצען דעם דאזיגען טאלאנט און אלץ וואס מען דארף טהאן איז אבצוזוכען עהנליכע סצענעס אין זייערע ווערק.

מ. הורוויטש האט געהאט א רייכע ביבליאטהעק, ער האט פער־שטאנען דייטש און רומעניש, און ווען ער האט געדארפט, לאמיר זאגען, א סצענע פון ליעבע, האט ער אויפגעמישט א גוישע דראמע, וואו עס געפינט זיך אזא סצענע און האט איהר איבערגעשריבען אדער אדאפטירט און אריינגעשטעלט אין זיין דראמע. האט ער געדארפט א סצענע פון אייפערזוכט, א סצענע פון טרייהייט און איבערגעבענהייט א. ד. גלייכען, האט ער ווידער אבגעזוכט אין די פארטיגע דראמען אזעלכע סצענען און אריינגעשטעלט זיי אין זיין דראמע.

אלס געניטער דראמען־מאכער האט ער געוואוסט, אז מען קען קיין גאנצע גוישע פיעסע ניט געבען דעם אידישען פובליקום. דעם טאלאנט צו שרייבען אריגינעלע אידישע פיעסען האט ער ניט געהאט. האט ער זיינע פיעסען געמאכט אזוי, אז אויפ׳ן קוק הא־בען זיי אויסגעזעהן אידישע און אין אמת׳ן זיינען זיי געווען ניט קיין אידישע און ניט קיין גוישע.

א סך פיעסען האט מ. הורוויטש איבערגעמאכט אויפ'ן זעל־ביגען שטייגער ווי י. לאטיינער און די אנדערע דראמען־מאכער וואס האבען געשריעבען אין יענער צייט, דאס הייסט גענומען א גאנצע גוישע ווערק, אומגעביטען די נעמען אויף אידישע, ארויס־געווארפען דאס לעבען און אריינגעשטוקעוועט קאמישע פערזא־נען נאכ'ן געוויסען שאבלאן, מיט וועלכען אויך לאטיינער און די אנדערע האבען זיך בענוצט. אין דעם פרט שיידט זיך הורוויטש מיט קיין זאך ניט אונטער פון לאטיינער'ן. נאר אין א סך פיעסען האט הורוויטש געברויכט זיין אייגענע מעטהאדע און האט אויס־געפילט זיין אייגענע פאבעל מיט פרעמדע סצענעס, און דאס איז געווען זיין אייגענער אויפטהו.

אפט זיצט מען אויף הורוויטשעס א שטיק און עס איז שווער צו בעשטמען, ווער איז דער פערפאסער פון איהר. עס איז רעכט, אז דער פערפאסער זאל זיין לאטיינער, צו פיינמאן, צו הורוויטש, צו עפעס אן אנדערער פון די דאזיגע אויטארען. די מייסטע פון יענעם סארט שטיקער זיינען אויסגעגאסען פון איין פורעם, איהר זעהט, אז די מענשען אויף דער ביהנע זיינען קיין מענשען ניט, די ווערטער קלעבען זיך ניט איינס צום אנדערען, די האנדלונגען שלאגען איינע די אנדערע אדער האבען קיין שום שייכות ניט איי־נע מיט די אנדערע און פלוצים ווערט איהר נשתומם צו הערען פון א הילצערנעם מענשעלע, וואס געהט אויף ספרונגדזשינעס, ווערטער, ביי וועלכע איהר שפיצט אוים נאז און אויערען. עס ווילט זיך אייך בשום אופן ניט גלויבען, אז א מענשעלע אויף ספרונגדזשי־נעס זאל עפעס אזוינס רעדען. אז אזא מענשעלע קען ברומען ווי א לייב, קען זיך צאפלען און ווארפען, קען קריכען אויף גלייכע ווענד, איז פערשטענדליך, וויל דאס ווערט אלץ געטהאן מיט דער ספרונגדזשינע, נאר ווי קומט עס צו רעדען ווערטער, וואס גרייפען ביים הארצען, ריהרען אן די מענשליכע סטרונע? אין אזא שטיק פיהלט איהר הורוויטשעס אויפטהו. ביי די אנדערע דראמען־מאכער וועט איהר אזא ערפאהרונג ניט האבען.

אין הורוויטשעס שטיקער, וואס זיינען געבויט לויט דער דא־זיגער מעטהאדע קענט איהר אפט טרעפען א סצענע, וואו עס

שפּיעלען זיך אָב אמת׳ע מענשליכע געפיהלען. דאָס איז די גע־באָרגטע סצענע וואָס ער האָט אריינגעשלעפּט אין זיין אייגענעם סיוזשעט. נאָר די דאָזיגע סצענע קלעבט זיך געוואוינליך ניט צו די פּערזאָנען און צו די אומשטענדען. שטעלט אייך פאָר, אז מיכעל דער שטעפּער ווערט אייפערזיכטיג אויף זיין ווייב חייקע, נאָר אנ־שטאָט אנצושרייבען אן אייפערזיכטיגע סצענע צווישען מיכעל און זיין חייקע, נעהמט דער פערפאסער די אייפערזוכטס־סצענע פון „אָטהעלאָ״. די סצענע איז טאקע א שטארקע, נאָר ווען איהר זעהט, ווי זי שפּיעלט זיך אָב ביי מיכעל מיט חייקע, ווי די דאָ־זיגע פאַרשוינען זיינען ביז איצט ארויסגעקומען פון זיין פורעם, דאָס הייסט אָהן ליב און אָהן לעבען, מאכט די סצענע אויף אייך דעם אומעדיגען איינדרוק, אזוי ווי איהר וואָלט געכאַפּט א בליק פון א נאקעטער אייפערזוכט, ווי זי האָט ערגעץ פערבלאָנדזשעט. ווען איהר זעהט אזעלכע שטיקער, אין וועלכע עס גנב׳ענען זיך אריין אזעלכע סצענעס, בעגרייפט איהר די בעדייטונג פון „נשמות דאזלי ערטילאָין״ און רופען ביי אייך אזא סקרוך אויפ׳ן לייב, ווי איהר זאָלט אזעלכע נשמות בעגעגענען.

די קאָנסטרוקציאָן פון הורוויטשעס שטיקער איז כמעט די זעלביגע ווי לאָמיינערס, אזוי ווי זיי וואָלטען ביידע אין איין חדר גענאנגען. דער סיוזשעט איז געוועהנליך א פערדרעהטער, ווי פון א סענזאציאָנעלען שונד ראָמאן. דער סיוזשעט איז אָפט אזוי פערדרעהט, אז דאָס רוב ווייסט מען ניט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ביהנע. עס איז גרינג צו זעהן, אז ער פאסט אויף א דראמע ניט ווי עפּעס א גאנצעס, נאָר ווי בעזונדערע סצענעס, פון וועלכע עס פאָדערט זיך ניט קיין שטייפע צוזאמענבינדונג.

די פּיעסען, וואָס הורוויטש האָט געשריעבען, דארפען איינ־געטהיילט ווערען אין דריי קלאסען: היסטאָרישע, לעבענס־בילדער און צייט־בילדער און אין דעם זעהט זיך ווידער א נייער אויפ־טהו. הורוויטש איז געווען דער ערשטער צו שרייבען צייט־בילדער. זיין ערשטע צייט־בילד איז געווען „טיסא עסלאר״, וואָס איז שוין געווען דערמאָנט פריהער. די צייט־בילדער האָט ער געשריעבען נאָר אנדערש ווי די אנדערע פּיעסען. דאָ האָט ער זיך געהאלטען שטרענג

ביי די פאקטען, אזוי ווי ער וואלט צוזאמענגעקליבען אלע פראטא־קאלען, פערגאנדערגעסארטירט זיין אין סצענעס און אקטען. די צ־יט בילדער זיינען געווען געבויט אויף די הויפט סענזאציעס פון דעם טאג. עס פערשטעהט זיך, אז ביים נאטוראליזם אין צייט־בילדער האט ער זיך נאר געהאלטען דעמאלט, ווען די אורזאכען און פאקטען זיינען געווען קלאר. אדער ווען די אורזאכען און פאקטען זיינען ניט געווען בעשטימט האט ער געגעבען פרייהייט זיין פאנטאזיע.

אין זיינע היסטארישע שטיקער האט ער זיך ניט געהאלטען אלע מאל ביי איין דרך. עס איז געווען ביי איהם רעכט צו האל־טען זיך אמאל ביי דער געשיכטע און ניט אבטרעטען ניט רעכטס און ניט לינקס, אמאל איז געווען רעכט צו איבערטאסעווען די פאקטען און מאכען פון א פערהייליגטע געשטאלט א רויבער און א באנדיט, און אמאל איז גאר רעכט געווען צו נעהמען עפעס א גוישע שטיק פון היינטיגער צייט און געבען איהם א היסטארישען נאמען.

אויב לאטיינערס און הורוויטשעס שטיקער האבען גיכער דערמאנט א ראמאן, וואס איז איינגעטהיילט אנשטאט קאפיט־לאך אין אקטען אדער בילדער, דערמאנען עס נאך שטארקער שיי־קעוויטשעס שטיקער.

נחום מאיר שייקעוויטש האט דעם דאזיגען שניט ניט געקענט כאפען פון לאטיינער און הורוויטש, ווייל ער האט איהם שוין געהאט אין יענער צייט, ווען עס איז נאך געווען אנגענומען גאלד־פאדענס מוסטער. גאלדפאדען און די אנדערע האבען זייערע שטי־קער גענומען פון פרעמדע פיעסען און ווי ווייט איינער האט גע־קענט, האט ער זיי געזוכט צו געבען א אידישען פנים. נאר מיט א אידישען פנים אדער אהן א אידישען פנים זיינען די שטיקער געווען געבויט פאר א ביהנע, און די קאנסטרוקציע פון אריגינאל איז ניט געענדערט געווארען. אבער מיט שייקעוויטש איז דער פאל געווען אנדערש. ווען ער האט גענומען שרייבען פאר'ן אידי־שען טהעאטער, האט ער ניט געזוכט קיין פרעמדע פארטיגע שטי־קער, נאר ער האט זיך געווענדט צו זיינע אייגענע ראמאנען. צווי־שען זיינע ערשטע שטיקער געפינען זיך דער „אידישער פריץ" אדער

„טרפה'ניאק", דער „בעל תשובה", דער „קאטארזשניק", די „אונגע־טרייע ווייב" (דער „בלוטיגער אדיע") דער „פראצענטניק" און זיי זיינען אלע איבערגעמאכט פון זיינע אייגענע ראמאנען אונטער די זעלבינע נעמען. די דערמאנטע שטיקער טראגען אלע אויף זיך דעם שטעמפעל פון א ראמאן. ווען מען זיצט אין טהעאטער ביי די דאָזיגע שטיקער, דאכט אייך, אז איהר הערט, ווי דער פערפאסער זאגט: „און איצט לאזען מיר איבער אונזער העלד און מיר קעה־רען זיך צוריק צו אונזער העלדין." די סצענעס, די בילדער און די שטיקער זיינען ניט מעהר ווי קאפיטלאך אין א פערקירצטער פארם, ווייל עס איז דאך געווען אונמעגליך צו געבען א ראמאן פון עטליכע הונדערט זייטלאך אין פיער אקטען. און אויף אזא אופן איז שייקעוויטש געווען דער ערשטער וואס האט אריינגעבראכט די פארם פון דעם ראמאן אויף דער אידישער ביהנע און אין דער היגזיכט האט ער זיך ניט גענדארפט אבלערנען פון לאטיינער און הורוויטש.

אזוי ווי די מייסטע שטיקער זיינע זיינען איבערגעמאכט פון זיינע ראמאנען איז שייקעוויטש ווייניגער ווי אנדערע אנגעקומען צו פרעמדע שטיקער. נאר ווען ער איז אנגעקומען צו א פרעמדער פיעסע האט ער געברויכט די זעלבינע מעטהאָדע פון לאטיינער און הורוויטש. ער האט ניט גענומען א פרעמדע גאנצע שטיק, און, ווי זיי, האט ער זיך נאר בענוגענט מיט'ן סקעלעט אדער מיט א כא־ראקטער.

שייקעוויטש'ס שטיקער שיידען זיך ניט אונטער פון זיינע ראמאנען. זיינע א שטיק איז אנגעפיקעוועט מיט א סך בעגעבענ־הייטען, וועלכע דארפען האלטען דעם צושויער געשפאנט. די האנד־לונג ענטוויקעלט זיך ניט פון זיך אליין, נאר עס קומען איבעררא־שונגען נאך איבערראשונגען, גראד ווי אין די ראמאנען, און ערשט אין די שפעטערע יאהרען איז די האנדלונג אין זיינע שטיקער געווארען עטוואס איינפאכער.

שייקעוויטש איז געווען א שנעלער שרייבער און ער האט גע־קענט שאפען אזוי פיעל שטיקער, ווי א טהעאטער האט געפאדערט. אין דעם ערשטען סעזאן, וואס ער איז געקומען קיין ניו יארק, האט

ער געליפערט פאר'ן טהעאטער זעקס שטיקער און פון זיין זייט וואלט קיין מניעה ניט געווען, ווען דער טהעאטער וואלט געפאדערט מעהר. אבער שייקעוויטש איז געקומען אויף עטליכע יאהר צו שפעט און הגם זיינע שטיקער זיינען געווען אידישער ווי די אנדערע, האט ער זיך ביים טהעאטער ניט געקענט האלטען.

ארום סוף אכציגער יאהרען האבען זיך בעוויזען פנים חדשות ביים טהעאטער, נאר זיי האבען קיינער קיין נייעס ניט ארויפגע־בראכט אויף דער אידישער ביהנע. זיי זיינען געגאנגען אין די טריט פון לאטיינער און הורוויטש און גענומען זייערע ווערק פאר א מוסטער. עס האט אויסגעוויזען, ווי זיי האבען געזאגט: „אויב דאס איז דער גאנצער קונץ פון שרייבען שטיקער, קענען מיר דעם קונץ ניט ערגער פון זיי", און זיי האבען געוויזען, וואס זיי קענען.

און דאס איז געווען דער טעות זייערער. צו שרייבען אזעלכע שטיקער ווי לאטיינער און הורוויטש האט מען זיי ניט געדארפט. אויף אזעלכע שטיקער האבען יענע געהאט א חזקה און דערצו האבען זיי שוין געהאט יענע געניטקייט, וואס האט געפעהלט די נייע שרייבער.

פון אלע דראמען שרייבער, וואס האבען זיך בעוויזען אין יע־נער צייט, פערדיענט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט משה זייפערט.

זייפערט האט געשמאלצען זיינע שטיקער אין דעם זעלביגען טיגעל, וואו אלע שטיקער פון יענער צייט זיינען דעמאלט געשמאל־צען געווארען. ער איז געגאנגען מיט'ן זעלביגען דרך, וואס די פריי־הערדיגע דראמענשרייבער אין ניו יארק האבען אויסגעטראטען. ער האט אפשר אין זיינע היסטארישע שטיקער מעהר זיך געהאל־טען ביי דער געשיכטע, אין זיינע לעבענסבילדער איז אפשר ניט געווען אזוי פיעל לעבערוואורסט ווי אין די אנדערע, נאר ער האט אויך זיין מאטעריאל ניט געזוכט אין לעבען און געשעפט זיין בע־גייסטערונג פון דעם זעלביגען קוואל, און געברויכט די זעלביגע מיטלען, וואס די אנדערע. פון די אלע פנים חדשות, וואס האבען זיך בעוויזען אין יענער צייט, איז ער געווען דער פראדוקטיווסטער, נאר די ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פערדיענט ער צוליעב זיין שטעלונג צו דעם דראמאטישען פאך. ער איז דער איינציגער פון

אלע אידישע דראמענשרייבער, וואס מאכט חוזק ניט נאר פון די שטיקער, פון וועלכע ער האט דעם שניט גענומען, נאר אויך פון זיינע אייגענע שאפונגען. און אין דער צייט ווען די אנדערע אוי־טארען האבען געגלויבט, אז זיי שאפען עטוואס אונשטערבליכעס, האט ער געמאכט שפאס פון דעם גאנצען רעפערטואר און פון זיי־נע אייגענע ווערק.

מ. זייפערט פערדיענט אויך אויפמערקזאמקייט צוליעב דעם, וואס ער איז געווען פון די ערשטע, וואס האבען איבערזעצט קלא־סישע פיעסען פאר דער אידישער ביהנע.

צווישען די אנדערע שרייבער זיינען געווען זיגמונד פיינמאן, רובענס ווייסמאן, דוד אפאטהייקער, יאהאן פאליי, בילדער און שינקמאן.

אין אלע שטיקער פון די אויסגערעכענטע פערפאסערס, סיי אין היסטארישע און סיי אין אזוי גערופענע לעבענסבילדער, פליסען צוויי פערשיידענע רינגעם — איינע א דראמאטיישע רינגע און די צווייטע א קאמישע. די דראמאטישע רינגע שלעפט מיט זיך דעם העלד און די העלדין. דיזע פיגורען זיינען געוועהנליך געקנאטען פון א העכערע מאטעריע. אין דעם העלד, אז עס צינדט זיך אן א ליידענשאפט איז עס שטארקער פון א פייער־שפייענדען וואולקאן. מיט זיינע פינף פינגער וועט ער בערג איבער־קעהרען, ימים טרוקען מאכען. קיין מאכט אין דער וועלט וועט זיך קעגען איהם ניט קענען שטעלען. דאס איז דער דין מיט א שטארקען העלד. און ווידער א זיידענער העלד איז אזוי ווייך, אז צו זיין ווייכקייט איז ניטא קיין שיעור. מיט זיין גוטסקייט וועלען אפילו מלאכים ניט קענען קאנקורירען. און פערשטעהט זיך, דער העלד פיהרט אוים מיט זיין ווייכקייט גראד אזוי פיעל ווי דער שטארקער העלד מיט זיין שטארקייט. די העלדין איז א פקחית, א גוטע און איבערהויפט א טרייע; צו איהר טרייהייט איז גאר קיין סוף ניטא. און ווער וועד האט איהר שוין ניט געוואלט פערפיהרען! דער גראף־אינקוויזיטאר האט איהר ממש דאס לעבען בעקומען. קיסריים האבען געדראהט די גאנצע אידישע אומה אומצוברענגען, אויב זי וועט ניט ברעכען איהר טרייהייט, גראף־פירסטען האבען זיך ביי

איהרע פיס געוואלגערט, געקושט דעם שטויב ארום איהר, כדי צו געווינען איהר הארץ, עס רים האבען געוואלט אויף איהר פערשווענדען א פערמעגען, נאר איהר הארץ איז געבליבען ווי א טהורעם, און קיינעם א ז ניט געלונגען דעם דאזיגען טהורעם איינצוברעכען. קיין שוואכקייט דרינגט ניט דורך איהר הארץ. זי איז טריי ווען אפילו „ער" איז אונדאנקבאר, ווי עס איז אפט דער פאל מיט איהם, ווייל, ווי איהר ווייסט, איז זי שטענדיג ארומגערינגעלט מיט אינטריגאנטען און זיי טהוען אלץ וואס זיי קענען צו מאכען א שנאה צווישען „איהם" און „איהר", און ער אין זיין בלינדער ליידענשאפט הערט זיך אפט צו צו די בייזע צינגער. דאס איז די דראמאטישע רינע. די צווייטע רינע איז די קאמישע. און זי שלעפט מיט זיך די קאמישע פערזאנען. עס איז שוין געווען דערמאנט, אז אין אזעלכע שטיקער שיינט אלעמען אבצוגעהען די זיבעטע קלעפקע, נאר איבערהויפט ציינענען זיך דערמיט אוים די קאמישע פערזאנען. די קאמישע פערזאנען זיינען שוין געשאפען פון דעם אויטאר גופא און זיי זיינען כמעט אומעדום די זעלביגע.

געוועהנליך זיינען זיי משרתים, דיענסטען, און קומען פארוויז, א זכר מיט א נקבה, און אפט צוויי פאר מיט אמאל. אפט איז געגוג, אז זיי זאלען נאר זיין נארעש, נאר דאס רוב האבען זיי עפעס א מום.

די קאמישע פערזאנען האבען א געוויסע פריוועלעגיע אויף דער ביהנע. בשעת די העלדען פון דער דראמאטישער רינע מוזען זיין ענטוועדער גוט ווי מלאכים אדער שלעכט ווי די טייוואלים אז נ ט האבען זיי ניט קיין דריסת הרגל אויף דער ביהנע, איז די פערזאנען פון דער קאמישער רינע ערלויבט צו טהאן אלץ אין דער וועלט. פאר זיי איז ניטא קיין שום געזעץ, פאר זיי איז די ביהנע פריי און זיי קענען טהאן וואס זייער הארץ געלוסט. נאר געוועהנליך זיינען זיי גוטע מענשען, און זייער ארבייט איז צו דיענען ביי דעם העלד אדער העלדין און דארפען פערהיטען דעם העלד אדער די העלדין פון בייז, דאס הייסט אז מען זאל זיי קיין בייז ניט טהאן. זיי דערשמעקען, ווען די שונאים מאכען עפעס א בלבול אויפ'ן העלד אדער

העלדין און ווען עס דוכט זיך שוין, אז דער צדיק ווערט פערלאָרען און עס איז שוין ניטאָ קיין שום מיטעל צו ראטעווען איהם פון די רשעים'שע הענד, שווימען ארויס די נארעשע, אידיאָטישע, שכור'ע קאָמישע פערזאָנען און עפּענען דער בלינדער גערעכטיגקייט די אויגען און די רשעים כאַפּען זייער מפּלה.

דער קאָמישער עלעמענט איז אין יענער צייט געווען דער וויכטיגסטער, ווייל די גאנצע פּיעסע האָט זיך געהאלטען אויפ'ן זכות פון דעם דאָזיגען עלעמענט. נאָר מיט יעדען יאָהר ווערט זיין טעם און ריח אויסגעוועבט. מיר האָבען געזעהען, ווי גאָלדפאדען האָט שארזשירט, בורלעסקירט, אויב מען קען אזוי זאָגען, האָט שרעקליך איבערטריבען די קאָמישע האנדלונגען. נאָר ווען איהר נעהמט זיינע א קאָמישע סצענקע האָט זי אין זיך א געזונטען קערנדיל און זי איז כאראקטעריסטיש אידיש. איהר געדענקט, ווי אזוי די באבע לייענט דעם „צאינה וראינה“ אין „באָבע און אייניקעל“? ווען די בלעטער זאָלען זיין אזוי צוריסען, קענען אזעלכע זעצע ווי מען הערט דאָרטען בשום אופן ניט ארויסקומען, א חוץ דעם וואָס ביי אזא בעל הבית'טע ווי די באָבע, וואָלט אזא צאינה וראינה שוין לאנג געלעגען צווישען די שמות. נאָר דער געזונטער קערענדעל איז דאָך פארהאן אין דער דאָזיגער סצענע. א „צאינה וראינה“ קען זיין אביסעל צוריסען, און ווען ביי דער באָבען איז דער עיקר צו לייענען דעם הייליגען ספר, אבגעזעהען צו זי פערשטעהט וואָס דאָרטען טהוט זיך צו ניט, קען גרייליך פּאסירען א לייענים, וואו איין וואָרט זאָל זיך ניט קלעבען צום צווייטען. און דאָס איז כאראַקטעריסטיש אידיש, און דעם ריכטיגען איינדרוק טראָגט איהר ארויס פון דער דאָזיגער סצענע, און דאריבער לאכט איהר, ווייל ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דער אויטאָר האָט אויף זיין קונדס'דיגען אופן פערנאַנדערגעבלאָזט א פליה אין אן עלעפאנט, זעהט איהר דאָך פאר אייערע אויגען אן אמת'ן בילד פון דעם אידישען לעבען און די פערנאַנדערגעבלאָזענקייט ברענגט נאָך ארויס בולט'ער פאר אייערע אויגען דעם קאָמיזם פון לייענען הייליגע ספרים, וועלכע מען פערשטעהט ניט. איהר ווייסט אז אייער מאַמע, אייער באָבע, אייער מוהמע זיינען אפשר וואויל קענעוודיגע און וועלען אזא

אונגעלומפערטע עברי נית לייענעז, נאר זיי לייענען א סך ספרים, וואס זיי פערשטעהען ניט.

אדער ווען איהר הערט דעם שדכן טוביה שמעיה אין דערזעלביגען שטיק, ווי ער דערצעהלט וועגען דעם פלפול וואס ער האט געהאט מיט'ן חתן: „איהר מעגט עס אויך הערען. מיר האבען זיך געשפארט איבער א שטיקעל מהר"שא, האב איך איהם געפרעגט: סטייטש, מ ש מ ש ע מ כ ן, האט ער מיר געענטפערט, מ כ י נ ו ס י מ כ נ ו ס י. האב איך איהם געפרעגט: סטייטש, היתכן ב ג ר י ט י ן ו ב ק ל י פ י ן. האט ער געענטפערט: מ י ק י ר י נ ע מ פ א צ ע ר י נ ע, אזוי לאנג אזוי ברייט, ביז איך האב פערשטאנען — אז ער פערשטעהט."

אויב איהר זייט אמאל אין א חדר געגאנגען און האט אריינגעקוקט אין א גמרא זעהט איהר אז דאס איז חוזק געמאכט, און חוזק געמאכט מיט כיון. קען זיין עפעס מעהר בורלעסק ווי אזא מין פלפול? שוין ניט צו ריידען דערפון וואס איין זאץ קלעבט זיך ניט צום צווייטען, זיינען די ווערטער ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און א איד וואס ווייסט וועגען מהרש"א, ווען אפילו ער קען ניט לערנען, וועט אזא פלפול ניט איבערגעבען. און דאך ווען איהר זיצט אין טהעאטער און איהר הערט דעם פלפול, קיצעלט עס אייך און איהר מוזט לאכען. פאר וואס איז דאס? ווייל די סצענע האט ער פון קאפ ניט אויסגעטראכט, פון דער לופט ניט געגריפען. זי איז אין תוך עכט אידיש. די באבע האט קוים זוכה געווען, אז איהר ליעבע זיסע אייניקעל זאל שטעהען אין שידוכים. וואס וויל זי פון דעם חתן, וואס וועט פון איהר צונעהמען דעם אייניקעל?

זי זוכט ניט א חתן, וואס זאל זיין שטארק, געזונט, וואס זאל האבען געלד. וואס זאל זיין א גרויסער פערדיענער. ניין, זי זוכט א חתן געקנאטען אין יחוס און וואס זאל זיין א בן תורה. דער שדכן גיט איהר איבער א פלפול, וואס ער האט געהאט מיט'ן חתן און ווען ער זאל איבערגעבען א ויש לישב ריכטיג וואלט דאס איהר ניט געקלונגען ווענינגער טערקיש, ווי ווען ער מאכט ווערטער וואס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. די באבע האט די זעלביגע הנאה, זי דערקענט דעם בעקאנטען נגון פון דעם למדן, און דער

נגון איז פארהאן, די געמאכטע ווערטער זיינען געגאסען נאך דעם פורעם פון די אמת'ע ווערטער. די אוננאטירליכקייט האט דעריבער ניט נאר א נאטירליכקייט, נאר זי ווייזט א קאריקאטור פון אמת'ן אידישען לעבען.

לאטיינער און די אנדערע פערפאסערס האבען נאר געכאפט די אוננאטירליכקייט, די ווילדקייט און די אונגעלומפערטקייט און דעם פולען לעבען ניט געקענט ארייננעבען.

איבריגענס, מען טאר קיין גרויסע טענות ניט האבען צו די ערשטע פערפאסערס אין אמעריקא. מען דארף ניט פערגעסען, אז זיי האבען דא געהאט די שווערע אויפגאבע אויסצוטרעטען אויף נייען וועג און זיי האבען דא געשאפען א פובליקום פאר'ן אידישען טהע־אטער.

פיערטער קאפיטעל.

עס פלאַצט די הארמאניע.

אין יענער צייט זיינען די אויטאָרען געווען שותפים אין געשעפט, דאָס הייסט ניט אז זיי האָבען געגעבען צושטייער געלד צו נעהמען א טהעאטער בשותפות און טהיילען זיך מיט די פערדיענסטען. די אויטאָרען האָבען דעמאָלט קיין געלד ניט פערמאָגט און זיי האָבען ניט געקענט שאפען קיין געלד צו נעהמען א טהעאטער בשותפות. דער געלד־געבער איז געוואוינליך געווען גאָר א זייטיגער מענש, וואָס האָט מיט דער פּראָפעסיאָן גאָר ניט געהאט צו טהאָן. די ערשטע און צווייטע און דריטע קאָמפּאַניעס האָבען קיין געלד ניט געהאט און זייטיגע מענשען זיינען געווארען ביי זיי דירעקטאָרען. די עובדא פון א דירעקטאָר איז געווען צו שאפען א טהעאטער און אויסלעגען די נויטיגע סומע געלד, די עובדא פון די שוישפּיעלער איז געווען צו שפּיעלען און די עובדא פון דעם אויטאָר איז געווען צו שאפען פּיעסען. דער דירעקטאָר האָט געוואוינליך אראָבגענומען דעם גרעסטען חלק פון דער איינ־נאהמע, אויב עס איז געווען פון וואָס אראָבצונעהמען, און מיט'ן איבעריגען האָבען זיך געטהיילט די אקטיאָרען מיט'ן אויטאָר. דער אקטיאָר וואָס איז געווען מעהר אָנגענומען ביים פּובליקום האָט געקריגען א גרעסערען חלק און די אקטיאָרען, וואָס זיינען ניט גע־ווען שטארק אָנגענומען ביים פּובליקום, האָבען געקריגען א קלע־נערען טהייל. דער אויטאָר האָט געקריגען זיינע „מארקען" ניט נאָר ווען מען האָט געשפּיעלט זיינע שטיקער, נאָר אויך ווען מען האָט געשפּיעלט א פרעמדענס שטיק.

די פערדיענסטען פון דעם אויטאָר אזוי ווי פון די אקטיאָרען

זיינען געווען קלאָגענדיגע; אפט איז ניט געווען געגוג אויף ברויט אין שטוב. איבערהויפט אין די וואכען, ווען די איינגאהמען זיינען געווען צרה׳דיגע. און טאקע דערפאר וואס דאס לעבען ביים טהע־אַטער איז געווען אזוי קלאגעדיג און חושכ׳דיג, זיינען די אוי־טאָרען געשטאנען אויף דער וואך, אז קיין זייטיגער מענש זאָל הס ושלום ניט צוקומען מיט קיין פיעסע אין טהעאטער. די אק־טיאָרען האבען געגלויבט, אז דער אויטאר דארף נאר אריינקומען אין כעס און ניט געבען קיין פיעסען, איז אוים טהעאטער.

לאטיינער און הורוויטש פון זייער זייט, האָבען אַנגעווענדט אלע קרעפטען צו פערשטארקען דעם גלויבען פון די אקטיאָרען אין זיי, און די אקטיאָרען האבען וואס ווייטער אלץ מעהר דורכגעדרונ־גען זיך מיט דעם דאָזיגען גלויבען. די צוויי אויטאָרען האבען גע־בראכט די אקטיאָרען צו אזא מדרגה, אז זיי האָבען געקוקט אויף יעדען איינעם, וואס האט געוואגט צו דענקען, אז ער קען אַנשריי־בען א פיעסע פאר׳ן טהעאטער, ווי אויף א „יאָלד“, פון וועלכען מען דארף חוזק מאכען.

און חוזק מאכען האט מען געדאַרפט אזוי, אז דער עזות׳ניק, וואָס האָט געוואגט אַנצושרייבען א פיעסע זאָל האָבען א צייט צו געדענקען און די אקטיאָרען זאָלען א צייט לאנג האָבען צו דער־מאָנען און לאכען.

די אקטיאָרען האבען דאריבער געשליפען זייערע קעפּ און אויסגעטראכט פערשיעדענע מעטהאָדען פון אבלאכען, אבשפּאָטען, חוזק מאכען.

אויב דער עזות׳ניק האָט זיך ארויסגעוויזען סתם א יאָלד, וואָס ווייסט ניט פון זיינע הענד און פיס און וואָס האָט געגעבען אַנצוהערעניס, אז ער קען זיך לאָזען קאָסטען פאר׳ן כבוד צו זיין דער פערפאסער פון א שטיק, האט מען זיך נאָר גענומען צו זיין קעשענע. מען האָט זיין שטיק אויסגעהערט, געלויבט עס אין טאג אריין און אַנגעוויזען אויף די הוצאות, וואָס עס דארף אריינטריי־בען אין געהייסען איהם צאָהלען. מען האט א־הם אזוי לאַנג גע־פיהרט פאר דער נאָז, ביז ער האָט געקראָגען א פערדאכט, אז מען נעהמט איהם אויף זיכער און ווען ער האט דעם פערדאכט ארויס־

געוויזען, האט מען איהם ערקלערט, אויב מען האט געפונען פאר נויטיג צו געבען א תירוץ, אז דער אויטאר פון טהעאטער האט מורא פאר אזא געפעהרליכען קאנקורענט און לאזט ניט אויפפיהרען דאס שטיק.

נאר אזעלכע פעלע האבען פאסירט זעהר זעלטען. די ליעבסטע מעטהאדע איז געווען צו „גרימירען" דעם פרעמדען שרייבער פון א פיעסע.

ווען מיט א פיעסע איז געקומען איינער אויף וועלכען עס איז געפאלען דער גורל, אז מען דארף איהם גרימירען, האט מען איהם בעשטימט א טאג צו קומען אין טהעאטער ווען מען שפיעלט ניט, און אלע אקטיארען האבען זיך פערזאמעלט צו דער בעשט מטער צייט. דעם שרייבער האט מען אנידערגעזעצט אין מיטען, און די אקטיארען האבען זיך ארומגעזעצט ארום איהם און געהייסען איהם לייענען. אזוי גיך ווי ער האט זיך אביסעל דערווארעמט אין לייענען, האט מען אנגעהויבען צו רייבען שוועבעלאך און מיט'ן שווארצען עק פון די אבגעברענטע שוועבעלאך האט איין אקטיאר פון איין זייט און דער צווייטער אקט'אר פון דער צווייטער זייט פון צייט צו צייט א פיהר געטהאן ווי ניט בכיון דעם שרייבער איבער די באקען. אין א קורצע צייט איז דאס גאנצע פנים ביים שרייבער געווארען בעדעקט מיט שווארצע פאסקעלאך, און די אקטיארען ארום האבען געקוקט אויף איהם און געלאכט. דער ארימער שרייבערל האט נעבאך ניט פערשטאנען, אז מען לאכט פון איהם און ער האט געמיינט, אז דעם געלעכטער רופט ארויס די קאמיזם פון זיין פיעסע.

א צווייטע מעטהאדע איז געווען אזא:

מען האט דעם אונבעקאנטען שרייבער אבגעלייגט א לייענים פון טאג צו טאג, פון וואך צו וואך, און מען האט אויף איהם אלץ געמאכט דעם איינדרוק, אז אויס מורא פאר דעם אויטאר פון טהעאטער מוז מען די לייענים אבלעגען. מיט יעדען טאג האט זיך דער אונבעקאנטער שרייבער אלץ מעהר דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז די אקטיארען האבען מורא פאר דעם אויטאר ווי פאר'ן טויט און אז דאס לייענען פון א שטיק דארף זיין א געהיימנים. אז ניט

שרה אדלער

לעאן בלאנק

זיגמונד פיינמאן

בינע אבראמאוויטש

מאריס מאשקאוויטש

באריס טאמאשעפסקי

בעסי טאמאשעפסקי

מאקס ראזענטהאל

נאט ווייס וואס פאר א שטראף זיי וועלען פון איהם קריגען. ענד־ליך האט מען איהם מיט שמחה ערקלערט, אז היינט קען ער לייענען דאס שטיק. אלע אקטיארען זיינען געווען פערזאמעלט און דעם שרייבער האט מען אנידערגעזעצט ביי א טישעל און געהייסען איהם לייענען. ווען דער שרייבער איז אריין אין טעם און האט אנגעהויבען צו לייענען מיט היטץ, האבען אלע אקטיארען פלוצלונג א הויב געטהאן זיך מיט א געשריי: „דער פראפעסאר קומט!“ און זיי האבען זיך געלאזט לויפען מיט אימפעט פון דער ביהנע. דער אונגליקליכער שרייבער, וועלכער האט בשעת דעם לייענען פערגעסען אויף וואס'ער וועלט ער איז, האט זיך דערשראקען צום טוידט, געכאפט זיין פיעסע און געלאזט זיך לויפען הענדום־פענדום, ווי מען וואלט איהם געכאפט ביי א שרעקליכען פערברעכען און ער דארף אנטלויפען צו ראטעווען זיך מיט'ן לעבען.

„דער פראפעסאר קומט“ האט געהייסען, אז דער אויטאר הורוויטש קומט.

נאך א מעטהאדע פון חוזק מאכען איז געווען אזא:

ווען דער אונבעקאנטער שרייבער איז געקומען לייענען זיין פיעסע, האט מען איהם ערקלערט, אז צו קענען בעסער ריכטען וועגען דעם שטיק, וועלען די אקטיארען זיצען אין די סאמע לעצטע רייהען און ער זאל פון דער ביהנע פאר זיי לייענען און אין דער זעלבער צייט ווי ווייט מעגליך אויך ווייזען ווי צו שפיעלען. דער תמ'עוואטער שרייבער האט געטהאן ווי מען האט איהם געהייסען, און די אקטיארען האבען פון צייט צו צייט געהייסען איהם לייענען העכער. אז די אקטיארען זיינען זאט געווארען מיט'ן שפאס, האבען זיי זיך שטיל אויפגעהויבען און פערלאזט דעם טהעאטער. דער נארעשער שרייבער האט זיך הייזעריג געמאכט שרייענדיג צו די פיער ווענד און קרימענדיג זיך פאר די פיער ווענד, און געגלויבט די גאנצע צייט אז ענדליך האט ער דערגרייכט זיין העכסטע אמ־ביציע, ביז ער האט זיך געכאפט, אז ער איז איינער אליין אין טהעאטער.

דאס זיינען געווען די געוועהנליכע מעטהאדען, ווי צו מאכען חוזק פון די עזות'ניקעס, וואס האבען געוואגט צו שרייבען א

פיעסע. און דאס האבען געטהאן די אקטיארען אויף זייער אייגענעם חשבון, און די אויטארען, האבען זיך אין דעם ניט געמישט. זיי האבען געקענט זיין צושוועהר, אבער קיין אנטהייל האבען זיי אין דעם ניט גענומען.

צו זאגען דעם אמת, זיינען די מייסטע אונבעקאנטע שרייבער וואס זיינען געקומען מיט פיעסען, געווען קיילעכדיגע עם־הארצים און האבען ניט געוואוסט, מיט וואס מען עסט א דראמע. זיי זיינען דאס רוב געווען פערקאכטע בעזוכער פון דעם אידישען טהעאטער און זיינען געווען דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט דער אטמאספער פון דער דאמאלדיגער ביהנע. זיי האבען געפיהלט, ווי אין די שטיקער, וואס מען פיהרט אויף, קלעבט זיך ניט א ווארט צו א ווארט, ווי אלץ אויף דער ביהנע איז הפקר און זיי האט אויסגעוויזען, אז עס איז די גרינגסטע זאך אין דער וועלט אנצושרייבען אזעלכע שטיקער און זיי האבען געשריעבען וואס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. עס זיינען צווישען די דאזיגע אונבעקאנטע שרייבער אויך געווען אזעלכע, וואס האבען געמיינט, אז אלץ וואס מען דארף אנשרייבען אין א פיעסע איז צו מאכען א מין קורצען סצענאריום, א תכן ענינים און ווייטער איז שוין די ארבייט פון די אקטיארען: זאלען זיי ברעכען דעם קאפ און אויסטראכטען וואס צו רעדען אויף דער ביהנע. די אקטיארען האבען ניט פערשטאנען, וואס פאר א פיינעם קאמפלימענט די דאזיגע שרייבער האבען זיי געמאכט: אזעלכע שרייבער האבען געגלויבט, אז וואס דער אקטיאר רעדט אויף דער ביהנע איז דאס אלץ פון זיין אייגענעם קאפ.

עס וועט אבער זיין א גרויסער טעות צו דענקען, אז חוזק האט מען נאר געמאכט פון אזעלכע „יאלדען". אין יענע צייטען האט מען חוזק געמאכט פון יעדען שרייבער וואס איז געקומען מיט א פיעסע, ווען אפילו די פיעסע איז געווען א סך א בעסערע פון די, וואס מען האט דעמאלט געשפיעלט אין די אידישע טהעאטערס. מען האט מיט זיי ניט געמאכט די געוועהנליכע קונצען, ווי גרימירען אדער איבערלאזען זיי מיט די פיער ווענד, נאר חוזק האט מען פון זיי געמאכט. אבער דער חוזק פון די אקטיארען

אין יענער צייט איז געווען ווי פון איינגלאף, וואס לויפען איינעם נאך און וואָרפען איהם מיט שטיינער נאר דערפאר, וואס די על־טערע מענשען האבען וועגען איהם א שלעכטע מיינונג. די אקטיאָ־רען האבען דעמאלט אליין ניט געוואוסט, אז זיי טאנצען נאך אונבעוואוסט זייערע אויטאָרען און פיהרען נאר אויס דעם וואונש פון די לעצטע.

אין דער גראָבער און צייטענווייז אכזריות'דיגער בעהאנדלונג פון דער זייט פון די אקטיאָרען צו די וואס האבען געוואגט צו שרייבען אין יענער צייט א פיעסע, דארף מען זעהן אויך א שפלות, אן אונטערוואָרפענקייט, א קריכענים אויף אלע פיער פאר די דערמאָנטע אויטאָרען. אין דער זעלביגער צייט וואס די אקטיאָרען האבען דערמיט צופריעדענגעשטעלט א גרעבערען אינס־טינקט, האבען זיי אויך געוואָלט נושא חן זיין ביי די פאטענטירטע אויטאָרען. עס איז געווען אזוי גוט, ווי די אקטיאָרען זאָלען זאָגען: איהר זעהט, די אנדערע וואס שרייבען פיעסען האבען ביי אונז א פנים כעפרא דארעא, און נאר פאר אייך פאלען מיר כורעים.

און דאך איז שוין די לאגע פון די אויטאָרען געווען מיט עטליכע מדרגות ניעדריגער, ווי אין דער צייט פון גאָלדפאדען. אין רומעניען און אין רוסלאנד איז גאָלדפאדען ניט נאר געווען דער דעה זאָגער און טאָן־געבער, נאר ער איז פאקטיש געווען דער גאנצער בעל הבית פון טהעאטער אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ער איז געווען דער גאנצער טהעאטער. ער האט גענומען דאס טהעאָ־טער, ער האט געגעבען דאס שטיק, ער האט געפיהרט די הוצאה און האט בעטראכט די אקטיאָרען ווי אָנגעשטעלטע. ער האט זיך מיט זייער מיינונג ניט גערעכענט און זיי פון זייער זייט האבען ניט געוואגט אויפצוהויבען פאר איהם דעם קאפ.

די אויטאָרען אבער אין אמעריקא, הגם זיי האבען געהאט די שטארקסטע דעה, זיינען געווען נאך אלעמען ניט מעהר ווי קליינע שותפים, און זייער גאנצע דעה איז אוועק אויף דעם, אז מען זאָל קיין אנדער שרייבער ניט צולאָזען צו דער ביהנע. די דאָזיגע דעה האט אבער לאנג ניט געקענט אנהאלטען. די אונטערטהעניגקייט

פון די אַקטיאָרען איז ניט געווען קיין נאַטירליכע, זי האָט זיך נאָר גענומען דערפון, וואָס זיי האָבען זיך איינגעוואָהנט מיט גאָלדפאַדען'ס רעזשים, ווען ער איז געווען אַלץ און זיי גאָר נישט. און ווען זיי האָבען אַרויסגעוויזען אונטערטהעניגקייט די אויטאָרען, האָבען זיי נאָך אַליין ניט צוקייעט פאַר וואָס זיי טהוען עס. נאָר דער פאַקט, וואָס די אויטאָרען זיינען געווען ניט מעהר ווי קליינע שותפ ם און וואָס ביים טהיילען די מאַרקען האָט יעדער גרעסערער אַקטיאָר געקריעגען ניט ווייניגער פון דעם אויטאָר, האָט ענדליך געמוזט פיהרען דערצו, אַז אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען זאָל יעדער גרעסערער אַקטיאָר פרעגען דעם אויטאָר: וואָס פאַר אַ פריץ, וואָס פאַר אַ דעה־זאָגער, וואָס פאַר אַ טאָן־געבער ביזטו, אַז דו נעהמסט ניט מעהר מאַרקען פון מיר? און דער זעלביגער אַקטיאָר, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון אַנדערע, וואָס האָבען געוואַגט צו שרייבען אַ פּיעסע, זאָל ענדליך אָנהויבען חוזק צו מאַכען פון דעם אויטאָר גופא. די אויטאָרען האָבען געהאָלפען די שוישפּיעלער דורכדרינגען זיך מיט שפּאָט און פעראַכטונג געגען די זייטיגע שרייבער פון פּיעסען, און עס האָט זיך געפאָדערט דער מינדעסטער שטופּ, אַז די שוישפּיעלער זאָלען אַרויסווייזען דעם שפּאָט און פעראַכטונג געגען די אויטאָרען זעלבסט.

אָבער איידער דאָס איז געשעהן איז צווישען פּובליקום, אויטאָרען און אַקטיאָרען געווען אַ פאָלשטענדיגע האַרמאָניע. דער אויטאָר האָט פערשטאַנען די שוישפּיעלער און פּובליקום, די שוישפּיעלער האָבען פערשטאַנען דעם אויטאָר און דאָס פּובליקום, און דער עולם האָט געלעקט די פינגער פון דעם אויטאָר און אַקטיאָרען.

ביים סוף פון דער ערשטער פּעריאָדע איז שוין דעם פּובליקום דערעסען געוואָרען איינס און דאָס זעלביגע שטיק אונטער פערשיעדענע נעמען, איינע און די זעלביגע תנועות, איינס און דאָס זעלבע טענצעל, איינע און די זעלביגע לצים אין פערשיעדענע געשטאַלטען, און דאָס האָט געהייסען, אַז די האַרמאָניע צווישען די דריי עלעמענטען פּלאַצט. נאָר דער נעפּעהרליכסטער שפּאַלט אין דער האַרמאָניע איז געקומען, ווען די שוישפּיעלער

האבען זיך ארומגעזעהען, אז זיי זיינען ניט מעהר ווי פורים־שפיעלער.

פיעלע וואס האבען געשריעבען וועגען דעם אידישען טהעאטער האבען ניט ריכטיג פערשטאנען די זייט פון דער געשיכטע און נ ט ריכטיג אבגעשעצט די וויכטיגקייט דערפון. פיעלע האבען אבגעלאכט פון די אקטיארען דערפאר, וואס זיי האבען זיך גענומען מעסטען מיט די כחות מיט די גרויסע שוישפיעלער ביי די אומות העולם. פיעלע האבען בעקלאגט, וואס די שוישפיעלער האבען זיך אראבגענומען פון זייער אויסגעטראטענעם וועג, און גענומען זוכען נייע וועגען. זיי האבען ניט פערשטאנען, אז די שטומע אונצופריעדענהייט פון די שוישפיעלער וועט פריהער אדער שפעטער מוזען געבען אן אנדער ווענדונג דער אידישער ביהנע.

אין דער גאנצער צייט פון דער ערשטער פעריאדע האבען די אקטיארען ניט געוואוסט אפילו דעם אלף בית פון שפיעלען. די שטיקער זיינען ניט געשריעבען געווארען פאר אקטיארען וואס קענען שפיעלען. עס איז שוין פריהער געוועזען דערמאנט, אז די פערפאסערס האבען ניט מקפיד געוועזען אז איין סצענע זאל האבען א שייכות מיט דער צווייטער, אז איין אקט זאל זיך בינדען מיט'ן צווייטען אין א פיעסע. מען האט אפילו ניט מקפיד געוועזען, אז איין ווארט זאל זיך קלעפען צום צווייטען. פאר א פערפאסער איז א שטיק געוועזען הפקר און ער האט דארטען געקענט ארייןקלאפען, וואס איהם האט זיך פערקלאטשעט אין קאפ. מען פערשפארט צו זאגען אז די אוטארען האבען ניט געוואוסט, וואס הייסט דורכצופיהרען א כאראקטער. די רייד, די האנדלונגען זיינען געוועזען ווילד, פרעמד, גאר ניט פון מענשען, וואס מען בעגעגענט אין לעבען.

דער אקטיאר איז געגאנגען ביי זיין פערפאסער אין חדר און האט פון איהם געכאפט דעם שניט ווי צו שפיעלען. ער האט געזעהען אז דאס שטיק איז ביים פערפאסער הפקר, האט ער געמאכט פאר זיך די ביהנע הפקר. ער האט געזעהען, אז ביים פערפאסער קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט, האט זיך זיין שפיעלען ניט געקלעבט צו די ווערטער. ער האט זיך דורכגעדרונגען מיט דער

גערינכטער אטמאָספער פון טהעאטער, אז אלץ, וואָס קומט דאָר־טען פאָר איז ווילד, משונה׳דיג, האָט ער אויך געשפּיעלט ווילד, משונה׳דיג.

און דאריבער ווען אן אקטיאָר האָט געדאַרפט ארויפגעהן אויף דער ביהנע, האָט ער ניט געקענט אריינקומען ווי א געוועהנליכער מענש, ווייל וואָס פאַר א פּנים וואָלט עס געהאַט? און ער איז אריינגעקומען מיט א ווילדען שפרונג אָדער מיט א טענציל אָדער ווי עס איז עפּיס אויף א משונה׳דיגען אופן. האָט ער געדאַרפט רעדען האָט ער עס ניט געקענט טהאָן ווי א פּראָסטער בשר ודם טהוט, נאָר מיט עפּעס א משונה׳דיגען קול, אָדער מיט א ברומע־נים אָדער מיט א קוויטשענים, מיט איין וואָרט, עס זאָל נאָר ניט זיין עהנליך אויף א מענשליכען דבור. ווען ער האָט געדאַרפט ארויסווייזען א געפיהל פון כעס, א געפיהל פון שנאה, א געפיהל פון אייפערזוכט און דאָס גלייכען, האָט ער אלע זיינע קרעפטען אנגעווענדט ניט צו ווייזען עס ווי מען טהוט עס אין לעבען. מען קען זאָגען, אז דער שוישפּיעלער פון יענער פּעריאָדע האָט אויף יעדען טריט אויף דער ביהנע געהיט זיך מען זאָל אין איהם ניט בעמערקען קיין מענשליכע תנועה, קיין מענשליכע בעוועגונג. ער האָט פערשטאַנען, אז צו זיין אן אקטיאָר הייסט צו ווייזען אין יעדע זאַך עפּעס א קונץ, ווייל אז ניט, טאָ וואָס איז דער קונץ צו זיין אן אקטיאָר? אויב שפּיעלען זאָל הייסען אז מען דאַרף געהן ווי א מענש, רעדען ווי א מענש, ווערען אין כעס ווי א מענש, ליעבען ווי א מענש, זיין אייפערזיכטיג ווי א מענש, קען דאָך יעדער פון פּוב־ליקום ארויף אויף דער ביהנע און ווערען אן אקטיאָר.

דער פערשטאָרבענער כאראקטער קאָמיקער ס. טאָרנבערג האָט דערצעהלט, אז ווען ער איז נאָכ׳ן ערשטען מאָל שפּיעלען אראָב פון דער ביהנע, האָבען איהם מיט כעס געזאָגט די שויי־שפּיעלער: „ווער האָט עס אייך איינגעשמועסט, אז איהר זייט אן אקט אר? איהר רעדט דאָך אויף דער ביהנע, אזוי ווי מען רעדט אין דער היים.“ נאָך איינער האָט איהם געזאָגט: „אזוי רעדען ווי איהר האָט גערעדט, קען דאָך מיין באָבע אויך!“

און דאָס האָט געשטימט מיט דעם גאַנג פון דער פּיעסע און

די פארערונגען פון פובליקום. דאס פובליקום איז ניט געקומען הע־רען ווי מען רעדט ביי זיך אין דער היים, נאר ווי מען רעדט אין טהעאטער, און אין טהעאטער האט מען געדארפט רעדען אנדערס ווי אין דער היים.

און אום צו ווערען גרויס, האט אן אקטיאר געדארפט זיך אויסצייכענען אין משונה׳דיגע תנועות, אין זיין מארדעווען זיך, אין זיין קריכען אויף גלייכע ווענד, איבערהויפט אויב ער האט געשפיעלט העלדען־ראלען. ער האט געדארפט קאנען צאפלען זיך, ווארפען זיך, טרייסלען זיך בעסער פון יעדען אנדערען און דאן האט ער געקראגען „פאטריאטען", וואס האבען איהם אפלאדירט און ער האט דערגרייכט צו דער מדרגה פון א שטערן.

אינטערעסאנט איז וואס ב. טהאמאשעפסקי דערצעהלט אליין וועגען דעם סוף פון יענע פעריאדע. ער דערצעהלט אזוי:

„די אידישע ביהנע איז דעמאלט געשטאנען אין גאנצען אויף לאטיינערס און הורוויטשעס ליטעראטור.

טריקא מיט גאלדענע קרוינען מיט נאקעטע הענד, אויסגע־שניטענע העלזער, ארומגעוויקעלט מיט זיידענע מאנטלען, האבען דאן אלע סטארס געטראגען. דער אונטערשיעד איז נאר געווען אין די פארבען. קעסלער האט געטראגען אויף דער ביהנע א גרויסען הוט מיט א לאנגען פעדער, מיט נאקעטע פיס און א העמדיל מיט פאטשערקעס פון רויטער פארב; און אדלער האט געטראגען נאך א גרעסערען הוט מיט דריי פעדערען, ארומגעוויקעלט אין א גאלדע־נעם שאל מיט רענדלאך, אויך מיט נאקעטע פיס, נאקעטע הענד און א נאקעטען האלז. נאר אום דאס צו מאכען רעאליסטישער, האט ער זיך אנגעטהאן קייטען מיט בראסלעטען און א פאר לאנגע טערקישע אוירינגלאך און פון גרינער פארב. אום זיי צו איבער־שטייגען און זיי ווייזען, אז דעם קונץ פערשטעה איך בעסער פון זיי, האב איך זיך אנגעטהאן מיט זיידענע זאקען פון דריי קא־לירען, אנשטאט איין מאנטעל האב איך אנגעטשעפעט אויף זיך דריי מאנטלען, מיט קרוינען, שווערדען, פאנצערס, בראסלעטען, אוירינגלאך, טורבאנעס פון פערשיעדענע פארבען און פערשיעדענע

סאַרטען. זיי האָבען נעגען מיר א פנים געהאט ווי פראַסטע סאָל־דאַטען. דאן האָט זיך אָנגעפאנגען אן איבעריאַגעניס: האָבען זיי דעקלאַמירט, האָב איך געזונגען. האָבען זיי געשאָסען, האָב איך געשטאָכען. זיינען זיי אריינגעפאָהרען אויף פערד, בין א ד אריין אין א גאָלדענעם וואָגען מיט א גאַנצער יוניאָן פערד. איז ביי זיי געווען א דונער, איז ביי מיר געווען א בליץ. האָט ביי זיי געשנייעט, האָט ביי מיר גערעגענט. האָט קעסלער געזונגען „מן המצר", האָב איך געזונגען „יתגדל". האָט מען ביי זיי דער'הרג'עט א שונא, האָב איך אויסגע'הרג'עט אלע שונאים אויף איין מאָל."

עס מאַכט ניט אויס, וואָס טהאָמאשעווסקי צומישט דאָ די ארבייט פון דעם דראַמען־מאַכער מיט דעם שפּיעלען פון די אַק־טיאָרען. דאָס בילד גיט א קלאָרען בעגריף וועגען די דאַמאָלדיגע קונצען פון די שוישפּיעלער און מיט וואָס איין אַקטיאָר האָט גע־זוכט איבערצואיאָגען דעם צווייטען.

נאָר אזעלכע קונצען איז געווען גרינג צו מאַכען דעם שוי־שפּיעלער כל זמן ער האָט אליין געגלויבט, אז דערמיט טהוט ער די עבודה אין דעם בית המקדש פון קונסט. גראַדע ווי דער אוי־טאָר קען ניט אָבנאַרען די מאַסע און געבען איהר עפּעס אַזוינס, פון וואָס עס אליין מאַכט חוזק, אזוי קען דער אַקטיאָר ניט מאַכען קיין פּאַיאַצעריי אויף דער ביהנע. ווען ער איז דורכגעדרונגען מיט'ן געדאַנק, אז זיין שפּיעלען איז פּאַיאַצעריי און ער מוז מאַכען די פּוילע שטיק, ווייל דאָס פּובליקום פערשטעהט ניט קיין אנדער שפּיעלען. ווען ביים אַקטיאָר גנב'עט זיך אריין א ספק צו זיין שפּרינגען פון הויט איז אמת'ע קונסט, וועט דער ספק גלייך אי־בערגעהן צום פּובליקום. און ווער רעדט, ווען דער אַקטאָר עפּענט די אויגען און דערזעהט זיין נאַקעטקייט, וועט שוין דער עולם בשום אופן ניט אַפּלאָדירען איהם.

און מיר זעהען טאַקע אז ביי דעם סוף פון יענער פּעריאָדע, וועגען וועלכער טהאָמאשעפסקי דערצעהלט, האָט ער געשפּיעלט אין טהאַליא און אלע שמערען, ווי אדלער, קעסלער, פיינמאַן, מאָ־גולעסקאָ האָבען געשפּיעלט אין ווינדזאָר, און אין טהאַליא, אזוי

דערציעהלט טהאָמאשעפסקי, איז א שטיק געגאַנגען דעם גאַנצען סעזאָן און אין ווינדזאָר איז אלע צוויי וואָכען אויפגעפיהרט געוואָרען א נייע שטיק. טהאָמאשעפסקי דערצעהלט, אז די קאָנקורענטען פון צווייטען טהעאטער האָבען גערעדט און גע׳דרשה׳ט פון דער ביהנע, אז ניט דאָס שטיק ציהט דעם עולם אין טהאליא טהעאטער נאָר טהאָמאָשעפסקי׳ס פאָלקעס. די קאָנקורענטען זיינען דערמיט אויסען געווען צו ווארענען די טהעאטער בעזוכער, אז זיי זאָלען ניט לאָזען זייערע ווייבער און טעכטער געהן אין טהאליא טהעאטער. עס איז שווער צו בעשטימען די ראָל פון די פאָלקעס אין דעם ערפאָלג פון יענעם שטיק. מען האָט דעמאָלט צוגעצויגען אַן עולם מיט א סך נאַרעשערע זאכען ווי מיט פאלקעס. דער עולם איז אין יענער צייט געלאָפען אָנקוקען א סטאַדע שעפסעלאך אויף דער ביהנע און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזעלכע קונצען, האָבען א פּאָר געזונטע מענערשע פאָלקעס געהאט א גרעסערע צוציהונגס קראפט פאר ווייבלאך און מיידלאך, ווי א סטאַדע שעפסען, נאָר דערמיט אליין קען מען ניט ערקלערען דעם ערפאָלג, וואָס טהאָמאשעפסקי האָט יענעם סעזאָן געהאט. די אורזאך דערפון איז א סך א טיעפערע. די אנדערע אקטיאָרען פון דעם צווייטען טהעאטער האָבען געשפּיעלט אין דעמזעלביגען סאָרט שטיקער און האָבען אויך געמאכט די זעלביגע קונצען, נאָר זייער הארץ און נשמה איז שוין ניט געלעגען אין דעם שפּעלען. זיי זיינען געקומען צום בעוואוסטזיין, אז זיי קרימען זיך, לאָמען זיך, ברעכען זיך פאר׳ן פובליקום, אז זיי מאכען זיך נאריש, פּאיאצעווען, און דער דאָזיגער געפיהל האָט זיך גיך איבערגעגעבען צום פובליקום. דאָס פובליקום האָט באלד דערשמעקט, אז די אקטיאָרען שטעלען איהם אויס א מאָראַל׳שע צונג פון דער ביהנע און עס האָט אויפגעהערט צו קומען אין טהעאטער. איבריגענס, די צונג וואָס די אקטיאָרען האָבען אויסגעשטעלט דעם פובליקום איז גאָר ניט געווען קיין מאָראַלישע. די צייט איז שוין ניט געווען ווייט, ווען קעסלער פלעגט אויסשטעלען אן אמת׳ע צונג דעם פובליקום, ווען ער האָט געמוזט ווייזען פּאיאצעריי אויף דער ביהנע. אבער מיט טהאָמאשעפסקי׳ן איז דאָס געווען אנדערש.

ער האָט לאַטיינער׳ס און הורוויטשעס שטיקער געשפּילט מיט הארץ און נשמה. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אז ער ווייזט גרויסע קונסט אין זיין שפּילען און קיין אקטיאָר וועט איהם ניט „ביטען“ אין שפּילען די דאָזיגע ראָלען.

פינפטער קאפיטעל.

דער רעפארמאטאר פון דער אידישער ביהנע.

ארום דער צייט האט זיך געוויזען יעקב גארדין.

יעקב גארדין איז אנגעקומען אין ניו יארק אין 1890 און ער האט גלייך געווענדט זיינע אויגען צום אידישען טהעאטער.

ביז זיין קומען אין ניו יארק האט זיך דער אידישער אינטעליגענטער עולם דא מיט'ן אידישען טהעאטער ניט אינטערעסירט. דער אידישער טהעאטער איז אויפגעהאלטען און אויסגעהאלטען געווארען דורכאוים פון דעם פראסטען המון. אויב אן אינטעליגענטערער מענש האט אמאל פון נייגיערדע פערשמעקט אהין, איז ער ארוים פון דארטען מיט'ן איינדרוק, אז דער אידישער טהעאטער איז א באלאגאן און די אקטארען — קאמעדיאנטשיקעס. ווען מאגולעסקא'ס טרופע איז אנגעקומען, האט זיך אין די אינטעליגענטערע קרייזען געוויזען עפעס אן אינטערעס צום טהעאטער. דער פיהרער פון דער דריטער פארטיע „עם עולם" טאנטשוק, א מאן מיט אן אוניווערזיטעטס בילדונג, א מיטארבייטער פון די בעסטע רוסישע זשורנאלען, האט דעמאלט געמאכט א פערזוך צו ווערען א שוישפיעלער און איז אריינגעפאלען אין מהאמאשעפסקים קאמפאניע אויף דער פראווינץ. אברהם קאהאן, א פיהרער פון די אידישע סאציאליסטען אין ניו יארק, האט אין 1887 אנגעשריעבען א פיעסע, נאר ווען מען האט איהם ערקלערט די פאדערונגען פון דעם אידישען טהעאטער און ווי אזוי מען דארף זיך צופאסען צו איהם, האט ער א קעהר געטהאן דעם רוקען צו דער אידישער ביהנע און האט שוין מעהר קיין פערזוך ניט געמאכט אויפ'ן דראמאטישען פעלד. מסתמא האבען נאך אנדערע אזעלכע אינטעלי־

געגטעז פּרובירט צו שרייבען פאַר דער אידישער ביהנע, און ווען זיי האָבען זיך בעקאַנט מיט די פאָדערונגען האָבען זיי זיך פון איהר אָבגעקעהרט.

י. גאָרדין האָט זיך אויך אָנגעשטויסען אויף די זעלביגע אונ־געלומפּערטע, עם־הארצ׳ישע פאָדערונגען פון די פיהרער פון טהעַ־אַטער, נאָר ער האָט בעשלאָסען צו פּרובען זיינע כחות אויף דער אידישער ביהנע.

יעקב גאָרדין האָט שוין הינטער זיך געהאַט א רייכע קאַריער. ער איז געבאָרען געוואָרען אין 1853, אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גובערניע, און האָט געקריגען א גוטע ערציהונג. ער האָט געהאַט א גוטע ידיעה אין העברעאיש און צו זיבעצעהן יאָהר האָט ער אָנ־געהויבען צו שרייבען פאַר רוסישע צייטונגען ארטיקלען און סקי־צען. די סקיצען זיינען געווען מעהר פעליעטאָניסטיש, און די דאָזיגע פאָרם האָט זיך בעסער געפּאַסט פאַר זיין אונרוהיגען, שאַר־פען גייסט. הגם ער האָט בעלאַנגט צום לינקען פליגעל פון דער אינטעליגענץ, איז ער זיך צוזאַמענגעגאַנגען מיט די השכלה קעמ־פער אויף דער נעגאַטיווער זייט פון זייער קאַמפּף, אבער ניט גלייך צו די משכילים האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט אידעען פון רע־פאָרמען. אלס א כלל זיינען די משכילים ניט געווען קיין בויער, נאָר צושטערער, און ווען זיי האָבען אבגעלאַכט פון פערשימעלטע מנהגים, האָבען זיי קיין פּאָזיטיווע זאַך אין דער אמונה געגעבען. ווייל אין הארצען האָבען זיי קיין אמונה ניט געהאַט. י. גאָרדין האָט זיך ניט בענוגענט מיט׳ן צושטערען און ער האָט אויך געזוכט צו בויען, און צו זעקס און צוואַנציג יאָהר איז ער שוין בעשעפטיגט מיט׳ן גרינדען א נייע סעקטע אין יעליסאַוועטגראַד. די סעקטע האָט געהייסען „ביבלייצעס“, נאָר זי האָט לאַנג קיין קיום ניט געהאַט.

צוליעב דעם אונרוהיגען גייסט, האָט די רעגיערונג געהאַט אויף איהם אַן אויג, און ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען רוסלאַנד.

ווי ווייט עס איז בעקאַנט האָט גאָרדין ביז זיין קומען קיין אמעריקא מיט דער ביהנע קיין שייכות ניט געהאַט.

פון זיין טהעטיגקייט אין רוסלאנד האט מען בשום אופן ניט געקענט ערווארטען, אז ער זאל אויסקלייבען די אידישע ביהנע פאר זיין קאריער. א מענש מיט רעליגיעזע רעפארמאטארישע אידעען האט זיכער ניט געקענט זוכען אין טהעאטער א פעלד פאר זיין טהעטיגקייט. א חוץ דעם, איז ער געווען ווייט פון אידיש. די ערשטע פאר יאהר האט ער גערעדט זעהר א הארבען מאמע לשון, מיט'ן רוסישען כפול שמונה'דיגען ריש און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א רוס וואס ברעכט זיין צונג צו רעדען אידיש. נאר ער ווי אלע אנדערע אינטעליגענטען האט געדארפט צאהלען די שטראף פון וואנדערען. אין דעם נייען לאנד וואס האט אזוי ליעבהארציג געשמייכעלט צו די צעהנדליגע טויזענדער אידישע איינוואנדערער און וואס האט זיי אלעמען פערשפראכען אזעלכע גרויסע מעגליכקייטען, האט דער אידישער אינטעליגענט דערזעהן שווארץ פאר די אויגען און עס האט איהם אבגעגעבען מיט א קאלטען יאוש. איידער די וואנדערער האבען זיך צו עפעס געקענט דערשלאגען, איז פאר זיי געווען אפען דער איינציגער וועג, וואס האט געפיהרט צו דער פאבריק אדער צו פעדלעריי. מילא, די אינגערע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען דאס רוב געווען דורכגעדרונגען מיט סאציאליסטישע אידעאלען, האבען נאך געקענט מאכען א פרעהליכען פנים צום אומעדיגען טאנץ. אבער גארדין איז שוין געווען צו אלט דערפאר. ער איז שוין געווען קרוב פיערציג און האט געהאט א גרויסע פאמיליע, און אין די יאהרען צו זעצען זיך ארבייטען אין א פאבריק, וואלט געווען ניט בעסער ווי א תפיסה.

און קיין אנדער בעשעפטיגונג, וואס זאל קענען צופריעדענשטעלען אן אינטעליגענטען מענשען, איז נאך דעמאלט אין אידישען קווארטאל ניט געווען. די פרעסע איז דעמאלט געווען אין א טרויריגען צושטאנד. א זייטיגער מיטארבייטער האט געקענט האבען א פאר דאלאר א וואך פון אן ארטיקעל און טאקע ניט מעהר. נאר אפילו אויף די דאזיגע ארימע פאר דאלאר זיינען געווען אזוי פיעל בעלנים, אז מען האט זיי ניט געקענט האבען רעגעלמעסיג יעדע וואך. רעדנער האבען דעמאלט ניט געקריגען בעצאהלט פאר זייערע לעקציעס און זיי זיינען געווען צופריעדען, אז זיי האבען

געהאט פאר וועמען צו רעדען. די הונדערטע קהל'שע שטעלען, וועל־כע ווערען געשאפען פאר אינטעליגענטע איינוואנדערער פון פער־שיידענע קלייזלאך הייגטיגע צייטען, זיינען דעמאָלט ניט געווען. עס איז אויסגעקומען אָדער צו זעצען זיך נייהען העמדלאך, די מלאכה ביי וועלכע דאָס רוב ניו יאָרקער אינטעליגענטען פון יענער צייט האָבען געארביים, אָדער צו נעהמען דעם פאק אויפ'ן פּלייצע און פּעדלען.

יעקב גאָרדין איז אין אמעריקא אָנגעקומען אָהן געלד, און שוין די ערשטע טעג האָט ער ניט געוואוסט, פאר וואָס צו נעהמען זיך.

באלד נאָך זיין קומען, האָט מען איהם געמאכט א פאָרשלאָג, ער זאָל ווערען רעדאקטאָר פון א רוסישער וועכענטליכער צייטונג. ער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאפּט מיט הענד און מיט פיס. דאָס איז געווען א בעשעפטיגונג, וואָס האָט זיך בעסער ווי אַלץ געפּאסט פאר איהם. די רוסישע צייטונג, מיט וועלכער ער האָט זיך פער־בונדען, האָט געהייסען „פּראָגרעס", נאָר אויב עס איז דעמאָלט קוים געווען פּלאַץ פאר אידישע פּעריאָדישע שריפטען, איז געווען קיין פּלאַץ ניט געווען פאר א רוסישער. דער „פּראָגרעס" האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטען, און גאָרדין איז געבליבען אויסגעשטעלט און דער קאַלטער יאוש האָט איהם ווידער א קוק געטהאָן אין פּנים.

און ווען ער איז געווען אין אזא פערצווייפעלטער לאַגע און האָט זיך גענומען ארומקוקען, וואו ער איז אין דער וועלט, איז זיין בליק געפאַלען אויפ'ן אידישען טהעאַטער.

ווען יעקב גאָרדין זאָל קומען מיט עטליכע יאָהר פריהער, וואָלט ער אומזיסט די אויגען געוואָרפען צום טהעאַטער, ער וואָלט דאָרטען קיין שום תקומה ניט געפונען. די אקטיאָרען וואָס זיינען געווען איינגעגלויבט אין זייערע געשוואָרענע פערפאסערס, וואָלטען איהם אויפגענומען ווי א יאָלד. נאָר צום גליק איז ער געקומען אין א צייט ווען עס האָט געפּלאַצט די האַרמאָניע צווישען די אקטיאָ־רען און פערפאסערס און ווען די ערשטע האָבען אָנגעהויבען צו בייגקען נאָך מענשליכע ראָלען.

נאר מען דארף ניט מיינען, אז אלע אקטיארען האבען ארויסגעוויזען אזא מין ביינקען און אזא פערשטענדניס. גארדין האט דערצעהלט, ווי אזוי די אקטיארען האבען איהם אויפגענומען, ווען ער האט פאר זיי געלייענט דעם „אידישען קעניג ליר.“ ער האט שוין דעמאלט געהאט אויפגעפיהרט א פאר שטיקער און דעם נאמען גארדין האט מען שוין דערמאנט מיט דרך ארץ אין די טהעאטער קרייזען. נאר פיעלע אקטיארען האבען זיך נאך אלץ ניט געקענט אבגעוואוינען פון דעם געדאנק, אז א נייער פערפאסער איז א „יאלד“. און בשעת גארדין האט פארגעלעזען זיין נייע פיעסע, האט איינער פון די אקטיארען און דוקא פון די וויכטיגסטע דערביי געמאכט אזעלכע פוילע שטיק, אז די אנדערע האבען זיך געהאלטען אין די זייטען פון לאכען. כל זמן דער געלעכטער איז געווען אין די קאמישע שטעלען, האט גארדין איהם צוגעשריבען אויפ׳ן חשבון פון דער פיעסע. נאר ווען א שאל פון געלעכטער האט בעגעגענט א דראמאטישע סצענע, האט ער אויסגעשפיצט זיינע אויערען און באלד אויסגעפונען די אורזאך דערפון. דער שפאס פון דעם דערמאנטען אקטיאר איז געווען אזא גראבער, אז מען קען איהם ניט איבערגעבען אויפ׳ן פאפיר.

ווען גארדין זאל צוטרעטען צו דער ביהנע מיט א כונה צו רעפארמירען איהר, וואלט דערפון גאר ניט ארויסגעקומען און ער וואלט געפונען די טהירען פון דעם טהעאטער פערשלאסען פאר זיך. אזא כונה וואלט בעדייט ארויפצוצווינגען אויפ׳ן פובליקום אזעלכע פיעסען, וועלכע געפעלען איהם ניט, און דאס קען מען ניט דערווייזען אין קיין טהעאטער. יעדער בעזוכער פון א טהעאטער איז זיין אייגענער בעל הבית. און יעדער דירעקטאר רייסט זיך פון הויט צו שטעלען צופריעדען זיין פערלאנג. דער בעזוכער פון דעם טהעאטער צאהלט דעם סכום און דאריבער האט ער די דעה.

די כונה פון רעפארם האט געדארפט זיין זעהר ווייט פון איהם, ווען ער האט זיין בליק געווענדעט צו דער ביהנע. אלס שרייבער האט ער אין דעם טהעאטער געפונען די איינציגע פאסענדע בעשעפטיגונג, וואס האט איהם א׳צט געקענט צופריעדענשטעלען. די דאזיגע בעשעפטיגונג האט ניט נאר צופריעדענגעשטעלט זיין

גייסט, נאר האט אויך געדארפט פערטרייבען די נויט פון זיין הויז. אמת, די פערדיענסטען ביים טהעאטער פאר א זייטיגען פערפאסער זיינען געווען זעהר טרויריגע. הונדערט דאלאר פאר א פיעסע האט זיך גערעכענט א גרויסער פרייז. בעסי טהאמא־שעפסקי דערצעהלט, אז פאר'ן „פאגראם". וואס איז איינע פון זיי־נע ערשטע דראמען, האט גארדין בעקומען זעכציג דאלאר במזומנים. און אויב אין די אנדערע טהעאטערס האט ער געקריגען מיט א פאר צעהנדליג דאלאר מעהר. איז דאס געווען א סך. אויף אזא אופן איז דער האנאראר פאר א פיעסע געווען אזא קליינער. אז ער האט קוים געקענט נעבען וואסער צו קאשע. נאר ווען איינער איז א גרויסער נצרך און, ווי גארדין האט זיך אויסגעדריקט, אז מען דארף קויפען צוועלף פאר שיך פאר דער פאמיליע, איז אזא סומע א גאנצער אייגענס.

און ווי ביטער די נויט איז געווען, קען מען זעהן דערפון. וואס ווען ער האט פערקויפט זיין „פאגראם" אין „רומעניא אפערע הויז" און דער דירעקטאר פינקעל האט איהם געמאכט א פארשלאג. ער זאל שפיעלען די ראל פון דעם פריסטאוו, אנבאטענדיג איהם פאר'ן שפיעלען פינף דאלאר פאר יעדע פארשטעלונג, האט ער זיך לאנג ניט גע'ישוב'ט און געענטפערט:

— גוט, איך האב אצונד נויטיג געלד פאר מיין פאמיליע.

אונטער אזעלכע אומשטענדען האט אפילו קיין רייד ניט גע־קענט זיין וועגען רעפארמירען די ביהנע. די רעפארם איז געקומען דערפון, וואס יעקב גארדין איז געשטאנען מיט צוואנציג קעפ הע־כער פון אלע יענע. וואס האבען ביז איהם געשאפען די דראמע איז אמעריקא סיי אין טאלאנט, סיי אין בילדונג, סיי איז וועלט־אנשויאונג, סיי אין מענשענקענטשאפט סיי אין ווילענסקראפט, און דאס האט זיך ארויסגעוויזען אין זיינע פיעסען און דאס האט געהאט א ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער ביהנע.

זיינע ערשטע דראמען האבען נאר א קנאפען ליטעראַרישען און דראמאטישען ווערטה. ער שרייבט מיט גרעדיכטע פארבען. די כאראקטערען זיינען נאר אנגעדייטעט און זיי זיינען גיכער שא־טענס ווי לעבעדיגע מענשען און אין גאנצען זיינען זיי טאנדעטנע

ארבייט. ער פיהלט זיך נאך ניט היימיש אין דעם טעמפעל פון דער דראמע און ער בעוועגט זיך מיט אונזיכערע טריט.

נאר ווי ניט ליטעראריש די ערשטע שטיקער זיינע זיינען געווען, האבען זיי דייטליך און קלאר געוויזען א נייע שטרעבונג אויף דער ביהנע. שוין די ערשטע שטיק זיינע „סיביריא", צייכענט זיך אויס מיט אזא איינפאכקייט, וואס מען האט ניט געזעהן אויף דער אידישער ביהנע צייט אידישער טהעאטער איז פערבאטען געווארען אין רוסלאנד. דער סיוזשעט איז ניט קיין פערפלאנטערטער, ניט קיין פערדרעהטער, און די האנדלונג האט זיך ניט איבערגעהאקט, ניט איבערגעריסען, ניט פערקראכען אן א זייט. די פערזאנען הגם ניט מעהר ווי שאטענס, זיינען זיי אבער שאטענס פון לעבעדיגע מענשען און זיי זיינען ניט קיין מאנעקינס, ניט קיין מענשעלאך אויף ספרונדזשינעס. די סצענעס האבען א שייכות מיט'ן לעבען און זיי זיינען ניט די פרוכט פון א ווילדער פאנטאזיע. יעדער שפעטערדיגער אקט איז שטייף פערבונדען מיט דעם פריהערדיגען און יעדע הפקרות פון א מחבר צו פון א שוישפיעלער איז אבגעשאפט. די ווערטער בינדען זיך איינס מיט'ן אנדערן און מען פערשטעהט, וואס אויף דער ביהנע קומט פאר. אין טהעאטער דערהערט מען ווידער רייגעס מאמע לשון, ניט קיין אידיש מיט פתחן, ניט קיין דייטשמעריש, נאר אמת'ן „אידישען אידיש".

שוין אין זיין ערשטער דראמע „סיביריא" ווייזט זיך ארויס גארדין מיט זיינע פעהלערען, מיט זיינע מעלות, מיט זיין טענדענץ, מיט זיין אנשויאונג, וועלכע ער בלייבט טריי די גאנצע צייט פון זיין טהעטיגקייט אויף דער ביהנע.

א יונגערמאן רובין קאהן איז פערשיקט קיין סיביר פאר עפעס א פערברעכען און איהם געלינגט צו אנטלויפען פון וועג. ער נעהמט אן אן אנדער נאמען, ראזענקראנץ, און בעזעצט זיך מיט זיין ווייב און צוויי קליינע קינדער אין א פרעמדער שטאדט. ער איז דא מצליח און עלטערט זיך אין כבוד, נאר זיין קאנקורענט בעריל טאראטוטיע געפינט אויס, אז ער איז אנטלאפען פון סיביר און דערלאנגט אויף איהם א מסירה.

אויבערפלעכליך שיינט עס צו זיין סתם א מעשה אין

דער וועלט אריין, נאָר אזוי גיך ווי די דראַמע הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען, ווייזט זיך ארויס די שאַרפע טענדענץ. „סיביריא" איז געשריבען אין דעם גייסט פון השכלה, די פרומע אידען ווער־רען דאָ פערשפּאָט און די היינטוועלטיגע ווערען ארויסגעשטעלט אין א פיינעם ליכט. אָבער גאָרדין גיט זיך ניט אָב מיט מאַכען שפּאַס פון זאַבאַוואָנעס, מנהגים און דינים און נעהמט זיך פאַר דעם אידישען כאַראַקטער. מען זאָגט, אידען זיינען רחמנים בני רחמנים און דער כשר'ער איד בעריל טאַראַטוטיע טרייבט מיט זיין אכזריות זיין אייגענע טאָכטער צו זעלבסטמאָרד, און צוליעב קאָנקורענץ מסר'ט דער זעלביגער בעריל זיין געגנער ראָזענקראַנץ און רוהט ניט ביז יענער פאַלט אריין אין גוטע הענד.

די גאַנצע טראַגעדיע פון „סיביריא" איז געשטיצט אויף מסירה און אכזריות, און די פּיעסע איז דורכגעדרונגען מיט א שאַרפען פּראָטעסט געגען דעם. דאָס איז די אידעע, וואָס האָט דעם שטיק געגעבען לעבען און וואָס האָט געמאַכט דעם צושויער נאָכדענקען, ווען ער איז ארויס פון טהעאַטער.

אז מסירה איז געוואוינליכע ערשיינונג אין אידישען לעבען, איז פערשפּאַרט צו זאָגען. יעדע אידישע שטעדטיל האָט געליטען פון דער דאָזיגער מכה. נאָר מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין גרויסער בעאָבאַכטער צו בעמערקען, אז די חברה־לייט וואָס גיבען זיך אָב דערמיט לויפען ניט דריי מאָל א טאָג אין בית המדרש, לער־נען ניט קיין פּרק משניות נאָכ'ן דאַווענען און זיצען אודאי ניט ביי זיך אין דער היים איבער א בלאַט גמרא. דער וואָס שלאָגט מיט דער צונג דאַרף האָבען גאָר אנדערע געוועהר, ווי מען קען געפי־נען אין בית המדרש. די דאָזיגע חברה לייט האָבען קיין שייכות ניט מיט חובת הלבבות, און דער אמת'ער פרומער איד וועט ניט זיין קיין מסר.

אין „סיביריא" איז בעריל טאַראַטוטיע א פרומער איד און לערנט א בלאַט גמרא בשעת זיין קרבן ראָזענקראַנץ קומט צו איהם וויין מאַכען זיין הארץ.

דער נייער פּנים אין „סיביריא" איז דער סליעדאָוואַטעל סאַ־בוראָוו. כמעט אין אַלע שטיקער, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען

ביז יענער צייט זיינען די קריסטען אלס א כלל געווען געשילדערט שווארצער ווי דער טייוועל. די אידישע דראמענשרייבער האבען די ביהנע אויסגעקליבען פאר דעם פלאץ וואו צו נעהמען ראכע פון די גוים, פאר אלע רדיפות וואס אידען זיינען פון זיי אויסגע־שטאנען. אין „סיביריא" איז סאבוראוו א סימפאטהישע פערזאן, הגם דער פערפאסער געפינט פאר נויטיג צו בעמערקען, אז די אנ־דערע קריסטען זיינען ניט ווי ער.

א נייער אויפטהו פון גארדינען איז געווען צו פערטרייבען פון דער ביהנע די שאבלאנע קאמיקער און ארייננעבען לעבען אין דעם קאמישען עלעמענט. אין „סיביריא" זיינען פארהאן צוויי פערזאן, וואס מאכען פרעהלאך דעם עולם. דער משרת פענדיק און פאניע טאראטוטיע. דער משרת פענדיק ציינכענט זיך ווייניג אויס פון דעם שאבלאנעם משרת פון דער אידישער ביהנע, נאר פאניע איז אין גאנצען אויסגעגאסען אין גארדינס פורעם. פאניע איז א כאראק־טער און ווען זי שטיפט און מאכט אלעמען פרעהלאך, טריפט א־הר הארץ מיט בלוט. און דאס איז געווען א חוק ולא יעבור כמעט אין אלע גארדינ'ס שפעטערדיגע פיעסען, אז דער קאמישער עלעמענט זאל האבען מעהר אדער ווייניגער אן עהנליכקייט צו לעבעדיגע מענשען.

נאך מעהר פון אלץ ווייזט „סיביריא", אז גארדין האט געהאט דעם דראמאטישען חוש אויפצובויען א סיטואציע, וואס זאל פאַ־קען דעם צושויער. דאס זעהט מען אין דעם דריטען אקט אין דער סצענע וואו ראזענקראנץ קומט בעטען בעריל טאראטוטיע, אז ער זאל אויף איהם רחמנות האבען. און הגם די דאזיגע סצענע איז האמעטנע און מעלאדראמאטיש, ווייזט זי אבער פאר וואס די אק־טיארען האבען זיך אנגעכאפט צו שפיעלען אין שטיקער, וואס זיינען געווען גענען אלע געזעצען פון דער לאטיינער־הורוויטש ביהנע, און פאר וואס גארדינען איז בעשערט געווען צו ווערען דער רעפארמאטאר פון דעם אידישען טהעאטער.

צו געווינען א דריסת הרגל אין אידישען טהעאטער איז ניט געווען גענוג צו קומען מיט נייע אידעען און מיט מעהר אייראפעאישע פארמען. די ערשטע און וויכטיגסטע זאך, וואס האט זיך געפאַ־

דערט איז געווען די קראַפט צו ריהרען די הערצער פון די טהעאַ־טער בעזוכער, און די דאָזיגע קראַפט האָט גאָרדין פערמאָגט. דער דראַמאַטישער חוש איז אין יענער צייט געווען ביי איהם פיעל שטאַרקער ווי דער דראַמאַטישער טאַלאַנט און דאָס האָט איהם גע־האָלפען צו געווינען חן ביי די אַקטיאָרען און ביים בעסערען טהייל פון די שטענדיגע טהעאַטער בעזוכער. געפיהרט פון דעם דערמאָנ־טען חוש האָט ער אַלץ מעהר און מעהר געקענט צוטרעפען דעם געשמאַק פון דער מאַסע און זיין טאַלאַנט, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין אַ רויהען צושטאַנד, האָט איהם דערין ניט געשטערט.

דאָס ערשטע שטיק „סיביריא" האָט אויף דעם געוואוינליכען טהעאַטער בעזוכער קיין גרויסען רושם ניט געמאַכט, נאָר זי האָט אין טהעאַטער געבראַכט אַזעלכע מענשען, וואָס מען האָט דאָרטען פריהער ניט געזעהן. דאָס פּובליקום האָט בעקומען אַ צופאַרבונג פון דער אינטעליגענץ, און דער קרייז פון די טהעאַטער בעזוכער איז בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען. די אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט אַ בעגריף וועגען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דער אידישער ביהנע פאַר גאָרדינס ערשיינען, האָט איצט געכאַפּט גרויסע התפּעלות פון דעם נייעם סאָרט פּיעסען. זיי האָבען מיט די אויגען געזעהן, ווי דער נעכטיגער באַלאַגאַן ווערט פערוואַנדעלט אין אַ טהעאַטער און ווי די נעכטיגע קאָמעדיאַנסטשיקעס ווייזען אַלע סימנים פון אמת'ע קינסטלער. זיי האָבען ניט געהאַט קיין אויגען פאַר די גרויסע חסרונות אין די דאָזיגע ווערק און זיי האָ־בען נאָר געזעהן דעם וואונדער וואָס זיי שאַפען.

דאָס ערפאָלגרייכסטע פון גאָרדינ'ס ערשטע שטיקער, איז דער „אידישער קעניג ליער", וועלכער איז געבליבען אין רעפּערטואַר ביז היינטיגען טאָג און וועט נאָך לאַנג, לאַנג ריהרען די הערצער פון די אידישע טהעאַטער בעזוכער. עס איז איבריג צו זאָגען, אז פון אַ ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט איז דאָס דאָזיגע שטיק אַ ביליגע זאַך, און די ביליגקייט וואַרפט זיך נאָך מעהר אין די אויגען דערפאַר, וואָס דער סיוזשעט איז גענומען פון איינער פון די בעס־טע טראַגעדיעס פון דער וועלט ביהנע. נאָר אין יענער צייט איז דער „אידישער קעניג ליר" געווען אַ ריעזיגער שריט פאָרווערטס

פאר דער אידישער ביהנע. עס איז געווען א געוואוינליכע זאך ביי די פריהערדיגע פערפאסערס צו נעהמען א פרעמדע פיעסע, ארויס־קוועטשען פון איהר יעדען טראפען זאפט, איבערבייטען די גוישע נעמען אויף אידישע, אנקלעבען די מאנסביל בערד און פאות'ן און לאזען זיי פאראדירען אויף דער ביהנע אלס אידען.

אין דעם „אידישען קעניג ליר" האט גארדין גענומען נאר דעם טרוקענעם סקעלעט פון שעקספיר, אבער ניט גלייך צו די פריהער־דיגע פערפאסערס האט ער איהם אזוי ניט איבערגעלאזט, נאר ער האט אליין די כאראקטערס געשאפען, ווי אויך די האנדלונג. דער טרוקענער חריף, דער פליאסקעדריגעדיגער חסיד, ר' משה'לע, זיינען אפשר ניט מעהר ווי שאטענס, נאר זיי זיינען שאטענס פון אמת'ע אידען און ארום זיי איז געשאפען געווארען א אידישע אט־מאספער. מען זעהט דא ריין אידישע סצענעס, עס בעוועגען זיך אידישע געשטאלטען און צו גוט צו שלעכט, צו בעסער צו ערגער, טרעט גארדין ארויס אלס שעפער און ניט ווי א בעל מלאכה.

ביז דעם „אידישען קעניג ליער" האט מען געזאגט אין טהע־אטער קרייזען, אז גארדין שרייבט „טרוקענע" שטיקער. די טרו־קענקייט איז בעשטאנען דערין, וואס ער האט ניט ערלויבט ארייג־צוהאקען דועטען, טערצעטען, קווארטעטען און די געוואוינליכע האפקעס פון דער סוברעטין און דעם קאמיקער. דאס הייסט ניט אז אין גארדינס שטיקער איז מען זיך אין גאנצען בעגאנגען אהן זינגען אדער טאנצען, אזוי ווי מען איז זיך ניט בעגאנגען אין גאנ־צען אהן א קאמישען עלעמענט. נאר אנשטאט דעם, אז מען זאל ארייןהאקען פזמונים סתם אין דער וועלט אריין, און דער קאמי־קער מיט דער סוברעטין זאלען פון העלער הויט ארויספלאצען אין א דועט און אנהויבען צו ווארפען מיט די פיסלאך, האט גארדין ארייננעפיהרט ליעדער און טענץ און דערביי געזעהן, אז זיי זאלען מעהר אדער וועניגער אריינפאסען זיך אין דער האנדלונג. און דאס איז געבליבען א הלכה לאידישען טהעאטער, אז אפילו אין די בע־סערע פיעסען מוז מען אריינפיהרען געזאנג און אויב מעגליך אויך טענץ, הגם טענץ קומען ניט אריין אזוי אפט, און דערביי דארף מען זיך אנשטרענגען צו געפינען עפעס א היתר דערצו. און הגם

כמעט אַלע גאָרדינס שטיקער האָבען געזאנג און די ערשטע שטי־קער האָבען געהאט היבש פּזמונים, איז דאָס ניט געווען גענוג פאר די דירעקטאָרען און זיי האָבען דערפאר בעטראכט זיינע פּיעסען אַלס טרוקענע, וועלכע קענען ניט געפינען קיין חן ביי דער גרויסער מאסע. אבער דער גרויסער ערפאָלג פון דעם „אידישען קעניג ליר“ האָט בעשיינפּערליך בעוויזען, אז זייער בעגריף וועגען טרוקענ־קייט איז א פאַלשער, און גאָרדינס פּאָזיציע אין טהעאטער איז פון איצט אָן געוואָרען א שטאַרקערע.

יעקב גאָרדין האָט זיך און דעם טהעאטער גענומען זעהר ערנסט. עס וואָלט געווען לעכערליך צו דענקען, אז די ביליגקייט פון זיינע ערשטע שטיקער האָבען זיך גענומען פון בעוואוסטזיניגען באַגעהר צו שטעלען צופריעדען די גאַליאָרקע. ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען, אז די אקטיאָרען זאָלען אליין ניט אריינשמועלען קיין ליעדלאַך און ניט צוגעבען קיין אייגענע ווערטלאַך. בעסי טהאָמאַ־שעפסקי דערצעהלט, אז ביי דער ערשטער פּראָבע פון „פּאַגראָם“, וואו גאָרדין אליין האָט געשפּיעלט, האָט זיך ביים ערשטען אקט אָנגעהויבען א וכוח צווישען איהם און פינקעל. דער לעצטער האָט געוואָלט אריינשטעלען אין דער סצענע מיט די פאנדען א האַפּקע און א פּזמון און גאָרדין האָט ניט ערלויבט. און ווען פינקעל האָט ערקלערט, אז ער וועט טהאָן ווי ער פערשטעהט, האָט גאָרדין גע־נומען דעם מאנוסקריפּט און איז אוועק פון טהעאטער. ער האָט זיך צוריק געקעהרט ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט איהם צוגע־זאָגט, אז מען וועט טהאָן, ווי ער וועט הייסען.

עס איז שוין געווען דערמאָנט, אז אין „פּאָגראָם“ האָט גאָר־דין געשפּיעלט די ראָל פון דעם פּריסטאַוו. דאָרטען קומט פאָר א סצענע, ווי שרה העני האַלפּערן טראָגט צו דעם פּריסטאַוו א שטי־קעל פיש מיט א שנאַפּס און ווינשט איהם חניפה'דיג, אז ער זאָל עסען געזונטערהייד. די ראָל פון שרה העני האָט געשפּיעלט בונע אבראַמאָוויטש און געוואוינט מיט דעם אלטען רעפּערטואַר, האָט זי צוגעגעבען אַפּאַרט: „דערוואַרגען זאָל ער ווערען!“ גאָרדין האָט פערגעסען ,אז ער שפּיעלט איצט פאַר אן עולם, האָט מיט'ן קולאַק

א זעץ געטהאַן אין טיש און א געשריי געטהאַן: „הערט אויף! דאָס איז אין מאַנוסקריפּט ניטאָ!“

אין אַן אנדער טהעאטער ביי אַן אנדער פּיעסע האָט זיך אמאָל אנגעהויבען א וכוח צווישען איהם און פיינמאַן. דער לעצטער האָט קאטעגאָריש אבגעזאָגט זיך צו פאָלגען, וואָס גאָרדין האָט פערלאַנגט און ערקלערט, אז ער וועט רעדען וואָס ער וויל. גאָרדין איז דערפון אזוי אויפגעבראכט געוואָרען, אז ער האָט איהם דערלאַנגט א פּאטש. ווידער אמאָל איז ער געזעסען אין א לאָזשע, ווען מען האָט געשפּיעלט זיינע א פּיעסע. מאָגולעסקא האָט דאָרטען גע־שפּיעלט א קאָמישע ראָל און מיט׳ן געוואוינליכען היתר פון א קאָמיקער האָט ער אריינגעשטעלט אַן אייגענעם וויץ. גאָרדין האָט פון דער לאָזשע אויסגעזידעלט איהם אויפ׳ן קול.

פון דעסטוועגען האָט ער ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, ווען איהם האָט אויסגעוויזען, אז ער קען געווינען די גרויסע מאסע און ער האָט פּרובירט צו קאָנקורירען מיט די אנדערע פערפאסערס, ארונטערלאָזענדיג זיך צו זייערע מעטהאָדען. ער האָט אָנגעשריי־בען „מחמד“, די „דריי פּרינצען“, דעם „מאָרד אין מעדיסאָן סקווער“ און נאָך אנדערע, נאָר אויף דעם פעלד האָט ער זיך ניט אויסגעצייכענט און די גרויסע מאסע ניט געוואונען.

צו דער מדרגה פון אַן אנגעשטעלטען אויטאָר איז ער דער־הויבען געוואָרען, ווען אדלער האָט איבערגענומען דעם רומעניא אפּערע הויז. אלס אַנגעשטעלטער אויטאָר האָט ער געדאַרפט שי־טען פּיעסען פון אַרבעל. און ער האָט דאריבער ניט געקענט זיין זעהר קלייבעריש. ער האָט אין א קורצער צייט געשאַפען א קליי־נעם רעפּערטואַר: דער „ווילדער מענש“, דער „יודישער גלח, „שלמה חכם“, די „געברידער לוריא“, דער „רוסישער איד“, דער „שווארצער איד“ און נאָך אנדערע. אייניגע פון די דערמאָנטע שטיקער זיינען איבערגעמאכטע, אדאַפּטירטע און אנדערע אָריגי־נעלע, נאָר אלע זיינען טאַנדעט געמאכט און זייער ליטעראַרישער ווערטה איז גאָר א קליינער. אבער ווי ווייניג זיי קענען צופריעדענ־שטעלען א בעסערען געשמאַק, איז גאָרדינס געלונגען אריינצוגע־בען אין זיי אַן אטהעם פון לעבען און אנטהיילען זיי מיט זיין

גייסט. כמעט אלע דערמאַנטע שטיקער זיינען געבליבען אין רע־פּערטואַר און יעדער יונגער שטייגענדער אַקטיאָר ווען ער קומט צו א מדרגה, אַז ער הויבט אָן צו גלויבען אין זיך, איז זיין גרעס־טע אַמביציע צו ערשיינען אין איינער פון יענע פּיעסען אין א הויפּט ראָל. ער קען אויסווייזען זעלטזאַם, וואָס פון דעם דער־מאַנטען צעטעל איז דוקא פערשוואונדען געוואָרען א שטיק, וואָס האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, ניט מיט זיין ערפאָלג נאָר מיט די שארפע וכוחים, וואָס עס האָט דעמאָלט ארויס־גערופען. דאָס איז „דער רוסישער איד אין אַמעריקא" מיט'ן אונ־פּערגעסליכען הוזדאַק, וועמעס קלאַסישער אויסדרוק: „צו וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב א קאָנסטיטוציע", איז אריין צווישען פאָלק און האָט געמאַכט הייסע בלוט. אברהם קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „ארבייטער צייטונג", וועלכער איז אין טהעאַטער געקומען צו א פאָרשטעלונג פון דעם „רוסישען אידען" אלס קריטיקער, האָט פון א לאָזשע אויסגעשריען אין רוסיש: „עטאַ לאָזש!" און לאַנג, לאַנג האָט מען דעבאַטירט און געהיצט זיך צו גאָרדין איז געווען גערעכט צו די יוניאָנס, ווען ער האָט הוזדאַק'ן ארויסגעשטעלט אלס זייער פאָרשטעהער.

קיין שטיק באַראַקטעריזירט ניט אַזוי גאָרדינען, ווי דער „רו־סישער איד". עס איז געווען מעהר ווי געוואַגט צו געבען אַזאַ שנעל אין נאָז די יוניאָנס, ווייל זיינע הייסעסטע אנהענגער האָט ער געהאַט צווישען די פאַרטגעשריטענע ארבייטער. נאָר ער האָט דערפאַר זיך ניט אָבגעשראָקען און האָט זיין בייסיגער סאַטירע אָנגעווענדעט געגען דעם, וואָס ער האָט בעטראַכט פאַר אַן איבעל. און מיט יאָהרען שפּעטער אין אַן אַנדער פּיעסע האָט ער זיך ווידער צוריקגעקעהרט צו דעם זעלביגען איבעל. אין דעם רוסישען אידען דריקט גאָרדין אויך אויס זיינע אייגענע געפיהלען צום נייעם אדאָפּטירטען לאַנד. די געדיכטע פאַרבען זיינען ניט צוליעב אַן עפעקט, נאָר אַזוי האָט ער זיי געזעהען. ער איז געווען זיכער, אַז ער שילדערט א נאַטור טרייען בילד פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקא, נעהמענדיג זיך אליין פאַר א מאָדעל, און האָט ניט בעג־ריפען, אַז ער איז געווען אַן אויסנאַהם פון דעם כלל, און די הונ־

דערטע טויזענדער איינוואנדערער האָבען דאָ געפונען א היים מיט כל טוב און זיי זיינען געווען זעהר צופריעדען מיט'ן נייען לאנד. גאָרדין איז אָפט אזוי שטארק בעהערשט געוואָרען פון זיינע גע־פיהלען, אז דאָס האָט איהם געשטערט צו זעהן די ווארהייט, ווי א קינסטלער דארף זי זעהן.

אלע וואָס זיינען געוואוינט מיט דער אייראָפּעאישער דראַ־מע, קרימען זיך געוואוינליך, ווען זיי זעהען דעם קאָמישען עלע־מענט אין גאָרדינ'ס שטיקער און הערען די פּזמונים, וואָס האָבען דאָרטען קיין פּלאַץ ניט. אין דעם בעסטען פאַל רייסען איבער די דאָזיגע צוויי עלעמענטען די דראמאטישע האנדלונג און מאכען א שווערען איינדרוק אויף דעם בעסערן צושויער. מען גיט זיך אבער דערביי ניט אָב קיין רעכנונג, אז ווען ניט די דאָזיגע צוויי עלע־מענטען, וואָלט קיין גאָרדין ניט געווען אויף דער ביהנע. שוין אָב־גערעדט פון דעם פּובליקום, האָט א פּיעסע פריהער פון אלץ גע־מוזט געפעלען די דירעקטאָרען און הויפּט אקטיאָרען. ווען א שטיק האָט ניט געפונען קיין חן אין זייערע אויגען, האָט עס קיינמאָל ניט געקענט קומען צום פּובליקום. און א שטיק וואָס זאָל זיין אין גאנ־צען אָהן קאָמיזם און אָהן געזאנג, האָט ניט געהאט קיין שום שאנס אין אידישען טהעאטער. אזוי אויך האָבען גאָרדינס שטיקער גע־קריגען א נאָמען פאר טרוקענע, הגם זיי זיינען געווען בעזאָרגט מיט קאָמיזם און געזאנג. און עס איז געווען א דאנק דעם וואָס גאָרדין האָט זיך געקליגט אריינצוגעבען די דערמאָנטע צוויי עלעמענ־טען, איז איהם געלונגען צו געווינען א דריסת הרגל אין טהעא־טער און האלטען זיך. גאָרדינס אויפטהו צו געבען דעם קאָמיזם א לייטישערען פּנים און געפינען א היתר פאר געזאנג איז דאריבער געווען א וויכטיגע רעפאָרם אויף דער ביהנע. דאָס האָט פון איין זייט געהאָלפען פערטרייבען פּאיאצעריי פון דער ביהנע, יויל צו די קאָמישע טיפּען אין גאָרדינ'ס פּיעסען האָט זיך שוין געפאָדערט א כאראקטער שוישפּיעלער, און פון דער צווייטער זייט האָבען זיך די אקטיאָרען און דאָס פּובליקום ביסלעכווייז אנגעהויבען דורכצור־דרינגען מיט א נייען געדאנק, אז די ביהנע איז ניט הפקר, און מען מען גיט, דיר ניט מיר ניט, סתם ארויסקומען אויף דער ביהנע

און זאָגען אָדער טהאָן אָדער זינגען, ווען די האנדלונג פאָדערט עס ניט. און זאָל מען קיין טעות ניט מאַכען און דענקען, אז דאָס איז נאָר א פראגע פון טעכניק: די דאָזיגע רעפאָרם האָט אָנגע־ריהרט דאָס סאמע הארץ פון דער ביהנע און האָט ביסלעכווייז געפיהרט צו דער גרויסער איבערקעהרעניס, וואָס איז שפּעטער גע־וואָרען אין אידישען טהעאטער.

די ערשטע וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען פון דעם נייען גייסט, וואָס גאָרדין האָט ארויפגעבראכט אויף דער ביהנע זיינען געווען די בעסערע אקטיאָרען. זיי האָבען פריהער ווי דאָס פּובלי־קום דערפיהלט די מעגליכקייטען, וואָס ער האָט פערשפּראָכען דער ביהנע, און ניט אזוי פאַר דער ביהנע ווי פאַר זיי גופא. זיי האָבען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז זיי וואקסען אויס אויף דער ביהנע ווען זיי קומט אויס צו שפּיעלען אין א מעהר אָדער ווייניגער מענש־ליכער ראָל. און הגם דעם פּראָסטען עולם איז געפעלען געווען צו זעהן ווי זיי האָבען זיך געוואָרפען און געצאַפּעלט און געברומט און אויף די ווענד געקראָכען, האָבען זיי אבער אליין שוין גע־וואוסט, אז דאָס איז ניט געשפּיעלט און אז דאָס איז ניט קונסט. אויב זיי זיינען פריהער געווען פערנארט אין זיך און האָבען אויך אזוי געגלויבט ווי דער פּראָסטער עולם, האָבען זיך זייערע אויגען געעפענט ווען זיי זיינען געגאַנגען זעהן די גרויסע שוישפּיעלער פון די אומות העולם. אין טהאליא טהעאטער איז פריהער געשטאַנען אַן אויסגעצייכענטע דייטשע טרופּע און די דייטשע שפּראַך איז זיי געווען נאָהענט און זייער בעקאַנטשאַפט מיט די דייטשע דירעק־טאָרען ווייזט, אז זיי זיינען דאָרטען געווען אָפטע בעזוכער. אויב זיי האָבען פריהער מבטל געווען די גוישע שוישפּיעלער, האָט זייער אמונה אין זיך געמוזט פּלאַצען, ווען עס האָבען דאָ גאַסטראָלירט די גרויסע שוישפּיעלער פון אייראָפּע. אין דעם זעלבינען טהאליא טהעאטער, וואָס די אידען האָבען איבערגענומען פון די דייטשען האָבען פריהער גאַסטראָלירט בארניי, זאָנענטהאל, מוטערוואורצער, יאזעף קאַינץ, פּאסארט און נאָך אנדערע באריהמטע שוי־שפּיעלער. זיי האָבען דעמאָלט געמוזט מאַכען א חשבון מיט זיך און זיי האָבען דערזעהן א מאוס׳ען סך

הכל. אויב פון איין זייט האָט די בויערי, די גאס וואו די ערשטע אידישע טהעאטערס זיינען געווען, געלערענט זיי די גראָבע קונ־צען פון דער ווילדער מעלאָדראַמע און פון דעם ביליגען מוזיק האָל, האָט זיי פון דער צווייטער זייט דער דייטשער טהעאטער געוויזען ווי מען שפּיעלט ביי לייטען. און גראַד ווי עס איז קיין פראַגע ניט, אַז די בויערי, וואָס האָט געשאַפען אונטערהאַלטונג פאַר שכור׳ע מאַטראָסען מיט אָבגעבלאַקעוועטע נקבות אויף זייערע קניע און וואו מען האָט געזעהן קונסט דורך אַ גלאָז ביער, האָט איהר שטעמפּעל אַרויפגעלעגט אויף דער אידישער ביהנע, אַזוי איז אויך קיין פראַגע ניט, אַז דער דייטשער טהעאטער פון דער זעלבער בויערי און די בעסערע ענגלישע טהעאטערס האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די אידישע אַקטיאָרען.

אין גאָרדינס שטיקער האָבען די אַקטיאָרען דערזעהן מענשליכע ראָלען און די געלעגענהייט אַרויסצוברענגען אַ מענשליכע געשטאַלט אויף דער ביהנע. דער בעסערער אַקטיאָר האָט זיך דאָ געקענט פלייסען אַריינצוגעבען אין די געשטאַלטען אַזוי פיעל לעבען ווי זיין מענשענקענטשאַפט און טאַלאַנט האָט ערלויבט, און דאָ האָט זיך געעפענט אַ ברייטע פעלד פאַר׳ן שוישפּיעלער צו ווייזען וואָס ער קען שאַפען. ווי דער טהעאטער בעזוכער איז ניט געווען פראָסט, האָט ער איצט בעסער געקענט ריכטען צו דער שוישפּיעלער ברענגט אַרויס אַ לעבעדיגען מענשען צו ניט. אויף אַ מלך און בת מלכה פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק איז ער קיין מבין ניט געווען, נאָר ווען אויף דער ביהנע האָט זיך בעוויזען זיין אייגענע משפּחה, האָט ער גרינג געקענט זעהן, צו דער אַקטיאָר איז אַ הילצערנער מענש צו אַ לעבעדיגער, צו ער שפּרינגט פון די האָלאָבלעס און צו ער דרינגט אַריין טיעפער אין דער נשמה. דערצו האָט זיך ביי די דאָזיגע פּיעסען בעוויזען דער אינטעליגענטערער טהייל פון דער בעפעלקערונג און די אָבשאַצונג פון דעם אַקטיאָר איז געקומען גלייך.

די פאָדערונגען פון אַן אַקטיאָר זיינען דורכדעם געוואָרען נאָר אַנדערע. אויב פריהער איז דער עיקר געווען די שטים, ווייל די

שטיקער זיינען כמעט אַלע געווען אַפּערעטענמעסיגע, האָט איצט די הויפּט זאַך געדאַרפט זיין דער טאַלאַנט צום שפּיעלען, ווייל אויב ליעדלאַך זיינען נאָך ניט אין גאַנצען אַבגעשאַפט געוואָרען, איז דאָס זינגען שוין געוואָרען א טפל. אויב פריהער איז דער קאָמיקער געווען דאָס אויבערסטע פון שטויסעל, ווייל מיט גאָלדפּאָדענס לייכ־טער האנד איז די ראָל פון דעם קאָמיקער געווען די וויכטיגסטע, איז זיין פּלאַץ אין גאַנצען פערשוואונדען אין דער ערנסטער דראַ־מע און אפילו דער כאַראַקטער קאָמיקער האָט פערנומען דעם צווייטען פּלאַץ.

און הגם די נייע פאָדערונגען זיינען נאָך ניט אין גאַנצען אַריין אין קראַפט, האָבען זיי זיך שוין געלאָזט פיהלען. דער קאָפּ פון דער ערשטער קאָמפּאַניע, זילבערמאַן, איז ארויסגעשטופּט גע־וואָרען פון ניו יאָרקער טהעאַטער און ער איז געווען געצוואונגען צו נעהמען דעם וואַנדערשטעקען און אוועקלאָזען זיך איבער דער פּראָווינץ. אבא שעהנגאָלד, וועלכער האָט פערנומען דעם כאָמע אויבען אָן אין דער ערשטער פּעריאָדע אַלס דראַמאַטישער שוי־שפּיעלער, האָט זיך אַבגעזעגענט מיט׳ן ניו יאָרקער אידישען טהע־אַטער און גענומען וואָגלען צוזאַמען מיט זילבערמאַנען, מיט וועל־כען ער האָט געגרינדעט א קאָמפּאַניע און געוואָרען א פּראָווינץ שפּיעלער. אויך מאָגולעסקאָ, דער זייל פון אידישען טהעאַטער אין דער ערשטער פּעריאָדע, האָט זיך ארונטערגערוקט אין הינ־טערגרונד. ער איז אָהן ספק געווען דער בעגאַבסטער אַקטיאָר אין אידישען טהעאַטער, נאָר ער האָט ניט פערשטאַנען דעם נייעם גייסט און האָט געגלויבט, אז פון זיין גדולה איז ער ארונטער, ווייל ער האָט זיך צופיעל אַבגעגעבען מיט שאַפען מוזיק פאַר די שטיקער אין זיין טהעאַטער און האָט אַליין קיין צייט ניט געהאַט צו לער־נען זיינע ראָלען. ער האָט ניט בעגריפען, אז דער סאָרט קאָמיים וואָס ער האָט אזוי ליעב געהאַט קען שוין מעהר ניט פערנעהמען דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע.

דער ערשטער וואָס האָט פערשטאַנען דעם נייעם גייסט איז געווען יעקב אַדלער. עס איז שוין געווען דערמאָנט, אז ער האָט ניט געקענט זינגען, און עס איז איהם גוגע געווען אין זיין גאַנ־

צער קאריער, אז דער נייער גייסט זאָל בעהערשען די ביהנע. ער האָט זיך אָנגעכאפּט אָן גאָרדינען און אויפגעפיהרט זיין ערשטע שטיק און דאָס צווייטע און דעם „אידישען קעניג ליר“. ער האָט זיך אין זיין חשבון ניט גענאַרט און זיין רעפּוטאַציע איז שנעל געוואַקסען. ער האָט זיך מיט די דאָזיגע שטיקער זעהר בעליעבט געמאכט ביים אינטעליגענטערן טהעאטער בעזוכער און זיין נאָמען איז פעראייניגט געוואָרען מיט דער בעסערער דראמע. אדלער האָט שוין געהאט זיין אייגענעם טהעאטער, און די „רומעניא אָפּערע הויז“ האָט געטראָגען זיין נאָמען „אַדלער טהעאטער“ און איז געווארען די היים פון דער בעסערער דראמע.

נאָר דערפון דארף מען ניט מיינען, אז דער נייער גייסט האָט זיך שוין איינגעוואָרצעלט אויף דער אידישער ביהנע, און דער טהעאטער האָט שוין אָנגענומען אן אנדער פּנים. גאָרדין איז דערוויל געווען ניט מעהר ווי א גאַסט אין טהעאטער און אלץ וואָס איהם איז געלונגען ביז יעצט צו דערווייזען, איז געווען, אז מען זאָל אויף איהם ניט קוקען ווי אויף א „יאָלד“ און מען זאָל איהם נעהמען ערנסט. די גרענדע אין טהעאטער פיהרען די פריהערדיגע פערפאסערס און אין קאסע שיט זיך געלד פון לאטיינערס און הורוויטשעס שטיקער. לאטיינער האָט אונטער דער צייט אָנגעשריבען „קרח׳ס אוצרות“, „אלכסנדר“, „בת שבע“ און „בליהמעלע“ און יעדע פון זיי איז געווען אן אוצר פאר׳ן טהעאטער. אויך הורוויטשעס שטיקער האָבען אין דער צייט שטארק אויסגענומען ביים עולם און „בת כהן“, „די עקדה“ און „יפת תאר“ האָבען געגעבען א סך געלד.

האָט מען זיך צוגעקוקט צו דער שמחה אויף דער אידישער ביהנע, האָט מען בשום אופן ניט געקענט זאָגען, אז א נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבען. ניט אין די גאַנגבארע שטיקער און ניט אין דעם „קרעפּטיגען“ שפּיעלען האָט מען עס געקענט מערקען. עס האָט פון אויבען אויסגעזעהן, אז אלץ איז ווי געווען און קיין ענדערונג איז ניט פאָרגעקומען. נאָר דאָס איז אלץ געווען אויבערפלעכליך און אונטען איז אָנגעגאנגען א שטילע רעוואָלוציע די גאנצע צייט. אין טהעאטער האָט מען געפיהלט, אז עפּעס איז ניט

ווי עס בעדאַרף צו זיין און מען האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען דער־מיט וואָס יעדער דירעקטאָר האָט געבראַכט פרישע כחות. אזוי האָט מען אין דער צייט אראָבגעבראַכט פון גאַליציען און לאָנדאָן די בעסטע קרעפטען, וואָס מען האָט דאָרטען געקענט געפינען. אין א קורצער צייט זיינען אָנגעקומען קיין ניו יאָרק דער דראַמאַטישער שוישפּיעלער מאַקס ראָזענטהאַל, דער קאָמיקער בערנאַרד בערנ־שטיין, די פּרימאַדאָנא רעגינא פּראַגער, די דראַמאַטיסטין בערטהא קאַליש, דער ליעבהאָבער און זינגער טאַבאַטשניקאָוו, די סוברעטין ווילענסקי, דער קאָמיקער פישקינד, דער קאָמיקער טאָנצמאַן און פרוי טאַנצמאַן, דער קאָמיקער קאַצמאַן, די דראַמאַטישע שוישפּיע־לערין דינה שטעטין, דער דראַמאַטישער שוישפּיעלער און זינגער עליאַס ראַטהשטיין, דער קאָמיקער פישקינד און אנדערע. די מייסטע פון זיי זיינען געווען ווייט פון וועלכען עס איז צווייפעל און צו־פריעדען מיט די אלטע שטיקער, מיט זיך און מיט'ן פּובליקום און זייערע פרישע כחות האָבען געהאָלפען אָנהאַלטען דעם אלטען גייסט.

זעקסטער קאפיטעל.

די רעוואָלוציע פון די אקטיאָרען.

די שטילע רעוואָלוציע וואָס איז אָנגעגאנגען די גאנצע צייט פון דער צווייטער פעריאָדע, האָט ענדליך ארויסגעפלאצט פון דער זייט פון די אקטיאָרען. און דער חוזק וואָס זיי האבען פריהער ארויסגעוויזען געגען פערפאסער פון דער גאס האָט זיך איצט א קעהר געטהאָן געגען די פאַטענטירטע אויטאָרען גופא.

די אקטיאָרען האָבען איצט צובראכען די אָבגעטער, פאר וועלכע זיי האָבען זיך פריהער געבוקט און מיט א לייכטען הארצען א וואָרף געטהאָן זיך אויף די בעסטע דראמען פון דעם וועלט־רעפערטואר. אין א קורצע צייט האָט גענומען שווייבלען און גריב־לען אויף דער אידישער ביהנע מיט די גרעסטע קלאַסיקער. האמלעט און אָטהעלאָ זיינען שוין פריהער אויפגעפיהרט געוואָרען און איצט קומען „ראָמעא און דזשוליעט", „ריטשארד דער דריטער". „מאקבעט", שילער'ס „טוראנדאָט" אונטער'ן נאָמען „מאיר בעל הנס", די „רויבער", „יוליוס צעזאר", „מאריא סטוארט", „דאָן קארלאָס", די „הוגענאָטען", „ווילהעלם טעל", „פאאוסט", דער „קויפמאַן פון וועגעדיג", „קלעאָפאַטרא" אונטער'ן נאָמען „קול שופר", ווי אויך מאָדערנע אייראָפעאישע דראמען, ווי די „קאמע־ליענדאמע", די „היימאט", די „עהרע", און דאָס גלייכען.

די דאָזיגע שטיקער זיינען מייסטענס איבערזעצט געוואָרען. נאָר די איבערזעצונג איז געווען אזא האמעטנע, אז ניט די שוי־שפּיעלער און ניט דאָס פובליקום האבען געוואוסט פון זייערע הענד און פיס. דער עולם איז געזעסען אין טהעאטער און געקוקט ווי א האָהן אויף „בני אדם", און די אקטיאָרען האָבען געהאקט פראזען,

וואָס זיי האָבען ניט פערשטאַנען. עס איז פערשפּאַרט צו זאָגען, אַז די קלאַסישע שטיקער זיינען דורכגעפאַלען איינס נאָכ'ן אַנדערן און דער חדוש איז, וואָס עטליכע שעקספּירס דראַמען האָבען שטאַרק אויסגענומען. די קלאַסישע פּיעסען, וואָס האָבען נושא חן געווען ביים אידישען עולם זיינען געווען „האַמלעט", „ראָמעאָ און דזשוליעט" און „אָטהעלאָ".

ווען דער טומעל פון די קלאַסיקער איז אריבער, האָבען מאַנ־כע טהעאַטראַלען זיך ניט געקענט ערקלערן די אורזאַך, פאַר וואָס די לעצטע דריי פּיעסען האָבען אַזוי אויסגענומען ביים עולם און זיי זיינען געקומען צו אַ שלום. אַז דאָס איז געווען אויס מורא פאַר דעם גרויסען נאָמען פון שעקספּיר. מענשען האָבען זיך אַזוי פיעל נגעהערט װעגען דעם גרויסען ענגלישען דראַמאַטורג, אַז זיי האָ־בען זיך געשעמט צו זאָגען, אַז זיי געפעלען ניט זיינע דראַמען און ז'י זיינען געלאָפען אין טהעאַטער צו ווייזען זייער מבינות.

אייב אַזאַ ערקלערונג וואָלט געווען ווי עס איז גילטינג פאַר האַלב אינטעליגענטע מענשען, איז זי פּשוט לעכערליך. ווען עס איז נוגע פּראָסטע טהעאַטער בעזוכער, ווייל זיי זוכען ניט צו פּאַ־ראַדירען אַלס מבינים. אַ חוץ דעם דערצעהלט מען, אַז ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „האַמלעט", איז דער עולם געווען אַזוי צופריעדען, אַז זיי האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט דעם פּערפאָרמער און האָבען פערלאַנגט, ער זאָל זיך ווייזען פאַר'ן פאָרהאַנג, און דאָס הייסט, אַז די בעזוכער האָבען קיין בעגריף געהאַט, ווער שעקספּיר איז.

די מעשה איז, אַז די וואָס זוכען ערקלערונגען, זיינען ניט אריין אין דעם תוך פון די דערמאָנטע שטיקער. שעקספּיר איז געווען אַ דראַמאַטורג, וואָס האָט הויפּטזעכליך געשריבען פאַר אַ טהעאַטער און האָט זיך גערעכענט מיט'ן געשמאַק פון זיין פּוב־ליקום, און אַ גרויסער טהייל פון זיין פּובליקום איז אין ענטוויק־לונג ניט געשטאַנען העכער פון די געוואוינליכע בעזוכער פון אי־דישען טהעאַטער. „האַמלעט", „ראָמעאָ און דזשוליעט" פערמאָגען אַלע עלעמענטען, וואָס אַפּעלירען צו דער פאַנטאַזיע פון יעדען דורכשניטליכען טהעאַטער בעזוכער און וואָס ריהרען זיין האַרץ.

פאר'ן סאמע פראָסטען עולם איז די האנדלונג גענוג שטארק און ריהרענד צו האלטען איהם געשפאנט און מעהר אז ער ניט אויסען. דאָס וואָס די דאָזיגע קלאסישע ווערק זיינען ארויסגעקומען צוקאליעטשעט, האָט נאָר געקאָנט שאדען אין די אויגען פון דעם אינטעליגענטען בעזוכער, ווען עס האָט געפעהלט אויף דער אידישער ביהנע דער גאנצער פאָעטישער חן, וואָס די איבערזעצער האָבען ניט געקענט איבערגעבען, און דאָס איז פאר דעם פראָסטען עולם קיין חסרון ניט געווען.

אָבער די אַנדערע קלאסישע ווערק האָבען ניט פערמאָגט די נויטיגע עלעמענטען צו פאנגען די פאַנטאַזיע און הארץ פון א פראָסטען טהעאטער בעזוכער און ער האָט זיך פון זיי אָבגעקעהרט. די גרויסע נעמען פון די פערפאסערס זיינען ניט מעהר ווי א פוסטער קלאנג פאר א פראָסטען עולם.

אין דער שטרעבונג צו די קלאסישע און מאָדערנע אייראָפּעאישע ווערק האָבען זיך בעטהייליגט אלע גרעסערע אקטיארען, און עס האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי זיי האָבען דערויף געקוקט ווי אויף אן עקזאמען, און ווער עס וועט פערפעהלען צו נעהמען דעם עקזאמען, וועט בלייבען אין הינטערגרונד. זיי האָבען דאריבער געזוכט איבערצויאָגען איינער דעם צווייטען, און ווער עס וועט האָבען מעהר קלאסישע ווערק אויף זיין רעכנונג, וועט פערנעהמען דעם אויבען אָן אויף דער ביהנע. אין אָנהויב האט מען נאָר געקענט זעהן די שטרעבונג צו פערפלייצען די ביהנע מיט בעריהמטע ווערק, נאָר שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אז יעדער אקטיאָר האָט זיינע בעזונדערע געטער. טהאָמאשעפסקי האָט זיך אָנגעכאפּט אן שעקספּיר, אדלער האָט ארויסגעוויזען א ברייטערען וואהל אין קלאסיקער, גם קעסלער האָט אויסגעקליבען זודערמאנען. און צו זייער קרעדיט דארף מען זאָגען, אז הגם די גרויסע ווערק פון די אומות העולם האָט קיין געלד ניט איינגעבראכט, האָבען אדלער און קעסלער אָפּט זיי געשפּיעלט פאר לעדיגע הייזער, אבי צופריעדענצושטעלען זייער קינסטלערישע אמביציע.

עס האָט לאנג ניט געגומען און די אקטיארען האָבען זיך

איבערצייגט, אז די ענטוויקלונג פון א טהעאטער געהט ניט נאָך דעם ווילען פון איינצעלנע פּערזאָנען און זי האָט איהרע פעסטע געזעצען, וועלכע מען קען ניט אריבערטרעטען.

דאָס איז געווען א ביטערע ענטטוישונג, וויל דאָס האָט געהייסען צוריקקעהרען זיך צו די פערפאַסערס, וואָס האָבען פערשטאַנען דעם אידישען טהעאטער בעזוכער, נאָר די שרייבער האָבען שוין מעהר קיין מאָל ניט פערנומען זייער פריהערדיגען פּלאַץ. דער עיקר אין טהעאטער איז איצט געוואָרען דער אקטיאָר, וואָס האָט געוואונען א פּובליקום און וואָס איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען סטאַר (שטערן) און דער פערפאַסער און די אנדערע אקטיאָרען זיינען געוואָרען דער טפל. עס איז אמת, אז די סיסטעם פון די אנגעשטעלטע פּאַטענטירטע אויטאָרען איז נאָך דערווייל געבליבען ביים אלטען, נאָר זיי האָבען שוין מעהר קיין דעה ניט געהאַט, און דער שטערן האָט זיי דיקטירט ניט נאָר וואָס צו שרייבען, נאָר אויך ווי צו שרייבען.

די צייט איז געווען א שעת הכושר פאַר נייע שרייבער צו ווייזען זיך אויף דער ביהנע. אברהם מיכל שאַרקאַנסקי, א יונגער פּאָעט, ערשט א פּאָר יאָהר אין לאַנד, איז ארויסגעטראָטען מיט זיין „ונתנה תוקף", און דאָס שטיק האָט געהאַט א גרויסען ערפאָלג. און תיכף נאָכדעם איז ער ארויסגעקומען מיט'ן צווייטען שטיק „כל נדרי", וואָס האָט געפאַנגען דעם טהעאטער בעזוכער. די דאָזיגע צוויי שטיקער האָבען זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען אידישע, ניט נאָר אין נאָמען, נאָר אויך אין דעם אינהאַלט, און וואָס זיי האָבען געהאַט אן אנהויב, א מיטען און א סוף, הגם די פּערזאָנען האָבען געוויזען וועניג לעבען. די דאָזיגע שטיקער זיינען געווען ניט ווייט אוועקגערוקט פון דער דורכשניטליכער היסטאָרישער אָפּערעטע, וואָס מען האָט פריהער געזעהן אויף דער ביהנע: דאָ איז געווען די זעלביגע באָמבאַסטיק, דער זעלביגער ביליגער עפעקט, די זעלביגע געדיכטע פאַרבען, נאָר אין דער זעלביגער צייט איז די האַנדלונג געווען ניט קיין פרעמדע און דער סיוזשעט ניט קיין פערפּלאָנטערטער און ניט קיין פערדרעהטער. אויף אזא אופן האָט שאַרקאַנסקי צוריק פערקניפּט דעם

פאדים, וואס האט זיך איבערגעריסען ביי דער קלאסישער מגפה און האט זיך געלאזט געהן מיט דעם אויסגעטראטענעם וועג פון דער בעקאנטער היסטארישער אפערעטע, אבער ער איז ניט געגאנ־גען אין די זעלביגע טריט פון די פאטענטירטע אויטארען. אין זיי־נע שטיקער האבען זיך די ווערטער געקלעבט און די האנדלונג האט זיך ניט איבערגעריסען.

ווי געזאגט, איז ער געגאנגען אין דעם אויסגעטראטענעם וועג פון דער בעקאנטער היסטארישער אפערעטע, און דאס האט איהם קיין חן ניט צוגעגעבען אין די אויגען פון די אקטיארען. כל־זמן ער האט געשאפען אזעלכע שטיקער, וואס האבען געבראכט געלד אין דער קאסע, האבען די אקטיארען געשוויגען, נאר אזוי גיך ווי די קאסע האט איהם קיין רעקאמענדאציע ניט געקענט געבען, איז ער שטארק געפאלען אין פרייז, ביז ער איז אין גאנצען דערווייטערט געווארען פון דעם טהעאטער. ער האט סך הכל אנ־געשריבען א פינף שטיקער: „כל נדרי", „ונתנה תוקף", „רחל אדער דגל מחנה יהודה", „חבצלת השרון" און „איוב". אויסגענומען הא־בען נאר די ערשטע דריי, און די אנדערע זיינען דורכגעפאלען.

ארום דער זעלביגער צייט איז אויך ארויסגעקומען מיט א היסטארישער פיעסע דער בעוואוסטער פאעט מאריס ראזענפעלד. די פיעסע האט געהייסען דער „לעצטער כהן גדול", און אזוי ווי דאס איז שוין געווען די צייט, ווען די אקטיארען האבען דיקטירט די פערפאסערס וואס און ווי צו שרייבען, האבען זיי צוגעלעגט א האנד צו דער פיעסע און אויסגעשניטען און אריינגעשטעלט וואס זיי האבען געוואלט. דער „לעצטער כהן גדול" איז דורכגעפאלען און אזוי ווי ראזענפעלד האט געהאט אן אורזאך צו דענקען, אז דאס איז געשעהן דערפאר, וואס מען האט זיין פיעסע ניט אויפגעפיהרט, ווי ער האט געשריבען, איז ער ארויסגעטראטען אין א צייטונג געגען די אקטיארען און האט זיי מכבד געווען מיט אזא פארציע, אז ער האט זיך א צייט לאנג ניט געטארט ווייזען אין טהעאטער און דערמיט האט זיך געענדיגט זיין קאריער אלס דראַ־מענשרייבער.

די גרעסערע אקטיארען, אדער ריכטיגער געזאגט די שטערען

זיינען נאָך אפשר שטאַרקער געוואָרען אין זייער איינדרוק, אַז זיי זיינען דער עיקר אין טהעאַטער, און אויב די געשעפטען זיינען ניט קיין געהויבענע, איז דאָס דערפאַר, וואָס זיי קאָנקורירען צווישען זיך. דער לאַגישער שלום דערפון איז געווען, אַז די שטערען זאָלען זיך קאָמבינירען און שפּיעלען צוזאַמען. דער עולם וועט לויפען נאָר אין זייער טהעאַטער און וועט פון אַנדערע ניט וועלען וויסען. אַדלער איז ארויס פון זיין אייגענעם קליינעם טהעאַטער און איז אריין אין טהאַליא טהעאַטער צוזאַמען מיט קעסלער און טהאָמאַשעפסקי, און ביי אַזאַ מין קאָמבינאַציע איז אפילו ניט נויטיג געווען קיין נייע שטיקער. מען האָט ארויסגענומען פון רעפּערטואר גאָרדינ׳ס אַן אבגעשפּיעלטע שטיק „די געברידער לוריא“ און איינגעטהיילט די ראָלען צווישען די שטערען. אבער דער טהעאַטער עולם איז דערפון ניט נתפעל געוואָרען און מען האָט קיין איבריגע ביינקלאָך ניט געדאַרפט ארייּנשטעלען. א חוץ דעם האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אַ ביהנע פון איין טהעאַטער איז צו קליין פאַר עטליכע שטערען, און שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט זיך אָבגעשפּיעלט אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע, וואָס איז אין דער פּיעסע ניט געווען. די קנאה צווישען אַקטיאָרען איז אַ געוואוינליכע זאַך און צווישען די גרעסערע אַקטיאָרען איז זי נאָך פיעל שאַרפער. יעדער האָט דעם צווייטען אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, נאָר אויב קעסלער איז געווען גרייט צו מעסטען זיך מיט די כחות מיט אדלער׳ן, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אנערקענען טהאָמאַשעפסקי׳ן פאַר אַ גוטען אַקטיאָר. אַזוי גיך ווי דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען און אַלע דריי שטערן זיינען ארויף אויף דער ביהנע, האָט קעסלער גענומען נאָכקרימען טהאָמאַשעפסקי׳ן. דאָס האָט דעם לעצטען נערוועז געמאַכט און ער איז ארויס פון די כלים. ער האָט געשפּיעלט די ראָל פון גדליה לוריא און אין דער סצענע געדאַרפט צוברעכען אַ טעלער, האָט ער שוין פאַר כעס צובראָכען צוויי טעלער. קעסלער האָט ניט געשוויגען און האָט זיך אויך גענומען צו די טעלער. דעם עולם איז די מעשה געפעלען געוואָרען, ניט מחמת ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז מען איז איהם מכבד מיט מעהר שפּיעלען, ווי איהם האָט געקומט, ניין, נאָר איהם איז

פשוט געפעלען געוואָרען דער אקט פון ברעכען טעלער, און ער האָט ווארעם אפּלאָדירט. דאָס איז שוין געווען צופיעל פאר אדלער'ן און הגם ער האָט געשפּיעלט די ראָל פון אַ שטילען, רוה גען, בכבוד'יגען רב, האָט ער זיך אויך אַ נעהם געטהאָן צו די טעלער און האָט צובראָכען מעהר פון זיי ביידען.

זיי האָבען קוים דורכגעשלעפּט דעם סעזאָן און די קאָמבינאַציע איז צופאלען געוואָרען. אדלער האָט צוזאמען מיט עדעלשטיין גענומען דעם גרויסען ווינדזאָר טהעאטער און זיי זיינען געוואָרען די דירעקטאָרען, און הגם קעסלער און טהאָמאשעפסקי זיינען אויך אריין אין דעם זעלביגען טהעאטער, איז אָבגעמאכט געוואָרען, אז מעהר זאָלען זיי אלע צוזאמען ניט שפּיעלען, און אזוי ווי די לעצטע צוויי זיינען אין דער דירעקציע ניט געווען פערטראָטען, האָט מען געהאָפּט, אז מען וועט זיך שוין ווי עס איז צוטהיילען מיט די ראָלען. נאָר שוין ביי דעם ערשטען שטיק פון דעם נייען סיזאָן האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אין חכמה, אין עצה ואין תבונה נגד עטליכע גרויסע אקטיאָרען אין איין טהעאטער, און קעסלער איז נאָך די ערשטע פּאָר וואָכען ארויס פון ווינדזאָר און צוריק אריין אין טהאליא.

און אזוי איז דאָס געבליבען דורך אַ משך פון לאנגע יאָהרען און די ווארפּעניס פון די גרעסערע אקטיאָרען פון איין טהעאטער אין דעם צווייטען האָט מעהר אָדער ווייניגער אויפגעהערט. פאר טהאָמאשעפסקי'ן איז געווען גרינג צו בלייבען מיט אדלער'ן אין איין טהעאטער, ווייל ער האָט זיין גרויסקייט אנערקענט און גערעכענט פאר אַ כבוד צו זיין צוזאמען מיט איהם און שפּיעלען די הויפּט ראָלען. און פאר אדלער'ן איז דאָס געווען ווי געוואונשען, ווייל דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט ארויסצומאכען זיך פון די ביליגע שטיקער, וועלכע זיינען נאָך אלץ געווען די גאנגבארסטע סחורה און ניט צו פערלירען די רעפּוטאציע אלס שפּיעלער פון דער בעסערער דראמע. אלס דירעקטאָר פון אַ גרויסען טהעאטער האָט ער מעהר פון אלץ געזאָרגט פאר דער קאַסע, און אזוי ווי אין די טהעאטער־קרייזען איז מען געווען איבערציינגט, אז געלד קען מען נאָר מאכען פון באלאגאנסקע־שטיקער, האָט ער

זיי אַבגעגעבען דעם אויבען אָן. נאָר ווי ווייט ער האָט געקענט האָט ער דעם כבוד פון שפּיעלען די הויפּט ראָל מוחל געווען זיין אינגע־רען קאָלעגע. און דאָס איז איהם געווען גרינג צו דערווייזען, ניט אַזוי דערפאַר וואָס ער איז געווען דירעקטאָר, ווי דערפאַר וואָס ער איז ניט געווען קיין זינגער.

אין גאַנצען איז איהם ניט געלונגען אַרויסצומאַכען זיך פון פּאַיאַציישע ראָלען, און ער טרעט אָפּט אריין אין די שיך פון דעם קאָמיקער און מאַכט זיך נאַריש פאַר׳ן עולם, און הגם ער שילט דערביי די אויטאָרען, קען ער זיך פון די פּאַיאַצקע ראָלען ניט אבזאָגען. נאָר דערפאַר טרייסט ער זיך פון צייט צו צייט דערמיט, וואָס ער פיהרט אמאָל אויף א בעסערע פּיעסע און שפּיעלט אליין די הויפּטראָל, און ווייזט, אז ער האָט זיך נאָך ניט אין גאַנצען אַ קעהר געטהאָן מיט׳ן רוקען צו דער בעסערער דראַמע. און אַזוי איז דאָס שפּעטער געוואָרען די טאַקטיק פון דעם טהעאַטער, אין וועלכען אדלער איז געשטאַנען צוזאַמען מיט טהאָמאַשעפסקי. דער לעצטער האָט דעם גאַנצען סעזאָן געשפּיעלט די נאַרעשע שטיקער. און דער ערשטער האָט אמאָל אין א שמיטה אויפגעפיהרט א בע־סערע פּיעסע, און וואָס ווייטער איז די מחיצה צווישען זייערע שטיקער געוואָרען אלץ גרעסער און די שייכות פון איין אַקטיאָר צום צווייטענס שטיקער אלץ ווענינער.

קעסלער איז יאָהרענלאַנג געבליבען אין טהאַליא טהעאַטער און עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער איז דאָרטען געוואָרען איי־נער פון די דירעקטאָרען. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט אויף ווע־מען אַרויפצוּוואַרפען די הויפּט ראָלען פון די נאַרעשע שטיקער, האָט ער זיי אליין געשפּיעלט און האָט אויף דער ביהנע חוזק גע־מאַכט פון די שרייבער און פון דעם פּובליקום. צוזאַמען מיט איהם האָט געשפּיעלט פיינמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען פּעררעכענט צווישען די גרעסערע אַקטיאָרען. הגם דער לעצטער איז געווען אין איינע יאָהרען מיט איהם, איז ער אבער געווען צו קיילעכדיג צו שפּיעלען יונגע ראָלען און אין יענער צייט זיינען זיי געווען די הויפּט ראָלען און דאָס האָט מעגליך געמאַכט פאַר זיי צו שפּיעלען צוזאַמען. א חוץ דעם האָט פיינמאַן אויך געשריבען שטיקער פאַר

זיין טהעאטער און ער איז געווען צופריעדען נאכצוגעבען קעס־לער'ן אין זאכען, וואס זיינען נוגע געווען צום שפיעלען, אבי ער זאל קענען אויפפיהרען זיינע אייגענע פיעסען. ווען ניט פיינמאנ'ס איבריגע קיילעכדיגקייט, וואס האט איהם אונמעגליך געמאכט אלס ליעבהאבער, וואלט מיט דער צייט קעסלער זיך פערבונדען מיט די בעסערע פיעסען און פיינמאן וואלט געבליבען ביי דעם אלטען סארט שטיקער. אזוי אבער האט קעסלער געשפיעלט די הויפט־ראלען אין ביידע סארטען פיעסען, און וואס ווייטער האט ער זיך אלץ מעהר און מעהר פערבונדען מיט דער בעסערער דראמע.

שייקעוויטש איז די גאנצע צייט געווען דערווייטערט פון דער ביהנע, און ווען ער האט דערזעהן, אז דער קליינער טהעאטער, גע־וועזענער רומעניא אפערע הויז, איז געבליבען לעדיג, האט ער זיך צוזאמענגערעדט מיט מאגולעסקא, וועלכער האט געהאט אן אור־זאך צו זיין אונצופריעדען מיט דער נייער טאקטיק, וואס האט די קאמיקער פערשטופט צום הינטערגרונד, און זיי זיינען ביידע אריין אהין אלס דירעקטארען. שייקעוויטש האט אנגעשריבען א שטיק, וואו די הויפט ראל איז געווען פון א קאמיקער, און דאס האט ארויסגערופען ביי מאגולעסקא די האפנונג צו געווינען צוריק דעם אויבען אן אויף דער ביהנע און צו ווייזען די טראגיקער, אז זיי האבען נאך ניט די בכורה אין טהעאטער. דאס שטיק האט גע־הייסען „המן דער צווייטער", און עס האט שטארק אויסגענומען ביים עולם, נאר די דירעקציאן פון שייקעוויטש און מאגולעסקא האט לאנג ניט געדויערט. די ראד פון טהעאטער האט זיך ניט געלאזט שטופען צוריק, די צייט פון די קאמיקער, אפילו פון אזא בריליאנטענעם קאמיקער ווי מאגולעסקא איז שוין אריבער און די ריכטונג פון דער ביהנע האט ניט געפיהרט צו יענעם סארט שטיקער, וואס שייקעוויטש האט געשאפען.

דורך דער גאנצער צייט וואס די רעוואלוציע אויף דער ביהנע איז אנגעגאנגען, איז פרוי ליפצין געווען דערווייטערט פון טהעא־טער. זי האט חתונה געהאט פאר אן ארויסגעבער פון א טעגליכער צייטונג, און הגם אידישע צייטונגען זיינען דעמאלט געווען זעהר

אין אַן אָרימען צושטאַנד, איז איהר לאַגע דאָך געוואָרען אַזאַ, אַז זי האָט ניט געדאַרפט זיין אַבהענגיג פון דעם טהעאַטער. מיט דער הילף פון איהר מאַן איז איהר געלונגען צו נעהמען אויף אַ וואָך צו צוויי אַ טהעאַטער און אויפפיהרען אַזעלכע פּיעסען, ווי זי אַליין האָט געוואָלט, ניט דאַרפענדיג זיך רעכענען מיט דעם געשמאַק פון דעם פּובליקום און מיט דער קאַסע. אַזוי ווי גאָרדין איז געווען דער איינציגער שרייבער, וואָס האָט געקענט שאַפען אַ בעסערע פּיעסע און וואָס האָט געקענט מאַכען די רעפּוטאַציע פון אַ שוישפּיעלער, האָט זי אָנגעהויבען אויפצופיהרען פון צייט צו צייט זיינע דראַמען. זי האָט ניט געקאָנט שטעלען קיין סך פּיעסען, נאָר דערפאַר האָט זי געהאַט די מעגליכקייט, אַ דאַנק איהר אויסערגעוועהנליכער לאַגע, צו מאַכען די ווענינע פּיעסען אַזוי פּאָפּולאַר, אַז זיי האָבען צו זיך געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעשאַפט אַ קליינעם רעפּערטואַר און דער געווינס איז געווען אַ גענענזייטיגער. איהר נאָמען איז פערבונדען געוואָרען מיט דער גאָרדינישער דראַמע און פאַר גאָרדינען האָט זיך אָנגעהויבען די סאַמע וויכטיגע עפּאָכע פון זיין שאַפען.

נאָר דערווייל האָט זיך די בעסערע דראַמע נאָך ניט איינגעוואָרצעלט אויף דער ביהנע און צו שטעלען אַ גוטע פּיעסע, האָט געהייסען מקריב צו זיין די אינטערעסען פון דער קאַסע. קיין געלד האָט מען פון אַזאַ שטיק ניט ערוואַרט און אַזאַ פערגניגען האָט מען זיך ערלויבט אַמאָל אין אַ שמיטה. נאָר די בעסערע אַקטיאָרען זיינען שוין געקומען צום בעוואוסטזיין, אַז שפּיעלען קען מען נאָר אין אַ בעסערער דראַמע, בשעת אין די באַלאַגאַנסקע שטיקער בלייבט נאָר צו פּאַיאַצעווען. דער חוזק פון די אויטאָרען, וואָס האָבען צוגעשטעלט די באַלאַגאַנסקע שטיקער, איז געוואַקסען. נאָר די שרייבער פון די בעסערע פּיעסען האָבען נאָך דערווייל קיין תקומה ניט געפונען. גאָרדין איז פערשטופּט געוואָרען צום הינטערגרונד און מען האָט איהם זעלטען געזעהן אויף דער ביהנע און אַזוי ווי אין דער צייט האָט שוין ניו יאָרק פערמאָגט צוויי ראַדיקאַלע טעגליכע צייטונגען, איז ער אַריינגעטראָטען אַלס שטענדיגער מיטאַר-

ביימער אין „פארווערטס" און האט דארטען געשריבען נייעס, ארטיקלען, סקיצען פאר צעהן אדער צוועלף דאלאר א וואך.

נאר אויב די בעסערע פיעסע איז נאך בעטראכט געווארען אלס שטיפקינד אויף דער ביהנע, האט זי שוין געוואונען א נאמען. וואס האט קיין גוטס ניט פערשפראכען דעם אנדער סארט שטיקער. איהר נייער נאמען איז געווארען עהרען־פיעסע און דאס האט בעדייט אזוי פיעל, אז א טהעאטער קען זיך פערשאפען כבוד מיט דער בעסערער דראמע און פון איהר אליין קען דער שוישפיעלער ערווארטען א לארבער־קראנץ פאר זיין שפיעלען, אבער מעהר ווי דאס קען זי ניט געבען. ווען אן אקטיאר וויל האבען ברויט פון זיין שפיעלען, מוז ער אנקומען צו די ביליגע שטיקער, וועלכע האבען דערפאר געקראגען דעם נאמען פון ברויט־פיעסען.

און ווען די אקטיארען האבען זיך קלאר געמאכט וואס יעדער סארט פיעסעס, זיי ברענגען זיינען זיי געקומען צו א שלום, אז ווען נאר א טהעאטער קען ניט ערווארטען קיין גרויסע הכנסה זאל מען שטעלען א בעסערע פיעסע. אזוי, למשל, איז געווען בעקאנט, אז די ערשטע און די לעצטע וואכען פון דעם סעזאן ברענגען ניט קיין געלד און די איינגאהמע אין דער קאסע איז זעהר א מאגערע. די פאטענטירטע שרייבער, ווען זיי זיינען געווען פערבונדען מיט א טהעאטער האבען קיין מאל ניט דערלאזען, אז זייערע א שטיק זאל מען אויפפיהרען איידער דער אמת'ער סעזאן האט זיך אנגעהויבען, דאס הייסט די פאר וואכען פאר סכות און אויך ניט די עטליכע וואכען נאך פסח. זיי האבען געוואוסט, אז אין די דערמאנטע צייטען קען קיין שטיק ניט אויסנעהמען און זיי האבען פערגונען זייטיגע שרייבער צו מאכען זיך א רעפוטאציע אלס פערפאסערס פון מפיל־שטיקער. איצט האבען שוין די גרעסערע אקטיארען געזעהן, אז פאר'ן סעזאן אוןביים סוף פון סעזאן זאל מען לכל הפחות שפיעלען די בעסערע דראמע. אז מען קען קיין געלד ניט ערווארטען, זאל מען כאטש האבען כבוד. און עס איז געווארען א מנהג אין טהעאטער, אז דער אנהויב און אויסלאז פון דעם סעזאן זאל זיין מיט די בעסערע פיעסען.

דאס איז געווען א מעלה און א חסרון פאר דער עהרען־פיעסע.

די מעלה איז געווען וואָס דער שטערן האָט צו אַזאַ שטיק ניט אַרויסגעשטעלט קיין איבעריגע פאָדערונגען. סיי ווי סיי ערוואַרט מען ניט קיין גליקען פון אַזאַ פיעסע און עס מאַכט ניט זעהר אויס, אויב אפילו זי איז גאָר אַ טרוקענע. פערקעהרט, וואָס ליטעראַרישער אַזאַ פיעסע איז געווען איז אַלץ בעסער געווען. נאָר פערשטעהט זיך, די ליטעראַרישקייט האָט בעדאַרפט זיין א.א. וואָס דער שטערן זאָל בעגרייפען. דאָס האָט געגעבען דעם בעסערן שרייבער די מעגליכקייט אַרויסצולאָזען פון אויג די ספּעציעלע פאָדערונגען פון דעם אידישען טהעאַטער און שרייבען מעהר ווי איינער האָט געפיהלט און פערשטאַנען. נאָר פון דער צווייטער זייט זיינען אַלע אַזעלכע שטיקער שוין פון אָנהויב אָן פער'משפט געוואָרען צו אַ דורכפאַל און ביי די בעסערע שרייבער איז פערשטאַרקט געוואָרען די רעפּוטאַציע, אַז פון זיי קען מען ניט ערוואַרטען קיין ברויט־פּיעסען.

די חזקה אויף דעם אָנהויב און סוף סעזאָן האָט געהאַט יעקב גאָרדין און דאָס איז געווען אין גאַנצען וואָס איהם איז געבליבען פון זיין פריהערדיגער טהעטיגקייט אויף דער ביהנע. נאָר איצט האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען פנים חדשות אויפ'ן פעלד פון דער בעסערער דראַמע. מ. קאַץ, אַן אָנגעזעהענער ראַדיקאַלער רעדנער און זשורנאַליסט. האָט אַדאַפּטירט אַ פּיעסע פאַר אַדלער'ן, נאָר זי איז גלייך דורכגעפאַלען. איך שלאָג זיך מיט דער דעה, צי זאָל איך דערמאָנען מיין אייגענעם דעביוט אַלס דראַמענשרייבער, וואָס איך האָב דעמאָלט געמאַכט, נאָר אַ זייטיגע אורזאַך בעוועגט מיך צו טהאָן, און די אורזאַך איז דער נאָמען פון מיין ערשטען שטיק. די פּיעסע וואָס איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבען, האָט מען אין טהעאַטער אַ נאָמען געגעבען „דער ווילנער בעל הבית'ל". ביי מיר האָט זי געהאַט אַן אַנדער נאָמען, און אַזוי ווי מיט פיעל יאָהרען שפּעטער האָט מאַרק אַרנשטיין אויך אָנגעשריבען אַ שטיק מיט'ן זעלביגען נאָמען, געפין איך פאַר נויטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען. אַז זיין פּיעסע האָט מיט מיינער גאָר ניט געהאַט צו טהאָן, ווייל אין מיין פּיעסע האָט גאָר ניט פיגורירט דער „ווילנער בעל־הבית'ל". לעאָן קאָברין האָט אָנגעשריבען זיין ערשטע דראַמע

„מינא" און אין טהעאטער האט מען איהם געראטהען, ער זאל זיך ווענדען צו יעקב גארדין, וועלכער האט זיין האנד צוגעלעגט צו דער פּעסע און זי איז באלד אויפגעפיהרט געווארען אין ווינדזאר טהעאטער פון יעקב אדלער'ן.

א כאראקטעריסטישער אינצידענט האט פּאסירט ביי דער אויפפיהרונג פון „מינא". אויף די אפישען און אויף די פּראגראמען איז אנגעגעבען געווארען אלס פערפאסער דער נאמען פון יעקב גארדין און קאברינ'ס נאמען איז לחלוטין אויסגעלאזט געווארען. אויב יעקב גארדין האט צו „מינא" צוגעלעגט א האנד, איז אבער זיין ארבייט דערביי ניט געוועזען אזא, וואס זאל איהם בערעכטיגען צו א פּרעטענזיע פון כלה שלי. ער האט קאברינ'ען אנגעוויזען, וואס צו פערבעסערן, וואס צו פערפיינערען אין דעם שטיק און האט אליין צוגעשריבען דעם פיערטען אקט. און דער פאקט, אז גארדין האט זיך ניט אבגעזאגט צו אנטפּלעקען פאר אן אנפאנגער די סודות פון דראמענשרייבעריי און געהאלפען איהם צו שטעלען זיין שטיק אויף דער ביהנע, ווייזט בשום אופן ניט, אז ער זאל וועלען פערנעהמען א מהייל פון א פרעמדען פערפאסער. מען דארף דאריבער פערשטעהן, אז דאס האט דער טהעאטער ניט געוואלט האבען אויף דער אפישע און פּראגראם דעם נאמען פון אן אנפאנגער. דער אקטיאר האט קיין צוטרוי ניט געהאט צו א נייעם שרייבער, הגם דער נאמען קאברין איז שוין געוועזען בעקאנט די לעזער פון דער בעסערער ליטעראטור אין אמעריקא, און אויף זיין אייגענער מבינות האט ער ניט געקענט שטעלען.

און דאס ווייזט די טרויעריגע לאגע פון דער אידישער ביהנע. ביז דער לעצטער רעוואלוציע פון די אקטיארען זיינען געוועזען פּאטענטירטע דראמענמאכער, וועלכע האבען ניט געדארפט אנפרעגען און אויסהערען די מבינות פון דער קאמפּאניע. זיי האבען געשריבען ווי זיי האבען פערשטאנען און דער רעזולטאט האט געוויזען, צי די קאמפּאניע זאל מיט זיי זיין צופריעדען צי ניט. נאך דער רעוואלוציע זיינען די אקטיארען געשטעלט געווארען אין אזא פּאזיציע, אז זיי האבען געהאט די גאנצע דעה איבער פּיעסען און נאר אויף זייער מבינות זיינען זיי אנגענומען אדער פערבראקירט גע־

וואָרען. די מבינות וואָס זיי האָבען פּערמאַנט האָט זיך באַזירט אויף די פריהערדיגע מוסטערן פון דער ביהנע. דאָס האָט געמוזט פיה־רען דערצו, אַז די שטיקער זאָלען האָבען אַ געוויסע עהנליכקייט, ווייל קוים איז אַ נייע שטיק אָבגעטראָטען פון דעם אָנגענומענעם מוסטער, האָט מען שוין צו איהם קיין צוטרוי ניט געהאַט. נאָר אפילו שוין מיט אַ שטענדיגען מוסטער פאַר די אויגען, האָט זיי די מבינות ווייט ניט אוועקגעפיהרט, ווייל אַ ביהנע איז אַ לעבעדיגע זאַך און דער געשמאַק ביים עולם בייט זיך. און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז ביים טהעאַטער זיינען געבליבען פירמען, אויף וועלכע דער אַקטיאָר האָט זיך פערלאָזט. ווען מען האָט דעם אַקטיאָר געבראַכט אַ נייע שטיק האָט ער די ערשטע זאַך אַ קוק געטהאָן אויף דער פירמע. איז זי געווען אַ בעקאַנטע, האָט ער אַרויס־געוויזען צוטרוי צו איהר. קוים אָבער איז דער פערפאַסער געווען אַן אונבעקאַנטער אויף דער ביהנע, האָט ער זיך פון איהם אָבגע־קעהרט. און דאָס איז די אורזאַך, פאַר וואָס אַזוי ווענ'ג גוטע שריי־בער זיינען צוגעטראָטען צו דער ביהנע.

די לאַגע פון די פּאַטענטירטע שרייבער איז מיט יעדען יאָהר געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. זייער פירמע האָט שוין אַזוי גוט ווי געפּלאַצט. לאַטיינער איז כמעט אַרונטערגעשטופּט געוואָרען פון דער ביהנע און הורוויטש האָט געקעמפּט מיט די לעצטע כחות. זיי־נע שטיקער זיינען געפאַלען איינס נאָכ'ן אַנדערן, און אויב ער האָט זיך ביז איצט געהאַלטען מיט'ן זכות פון די פריהערדיגע ער־פאָלגען, איז ער איהם שוין מעהר ניט בייגעשטאַנען. עס האָט אויס־געזעהן, אַזוי ווי הורוויטש האָט פערלאָרען דעם דופק פון דעם טהע־אַטער געהער און קען איהם מעהר ניט אַנטאַפּען. אין דער צייט האָט ניט זעלטען פּאַסירט, אַז אַ נייע שטיק וואָס ער האָט אויפגע־פיהרט פרייטאָג אָבענד, זאָל שוין שבת געהן צו דער קבורה. ביים טהעאַטער האָט מען ניט בעגריפען, אַז דאָס קומט פאַר דער לאַנג־זאַמער אַקט פון אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע און אין אַזאַ צייט פאַלען אַלערליי שטיקער, סיי קלוגע, סיי נאַרישע, סיי בעסערע, סיי ער־גערע. מען האָט די שולד געוואָרפען אויף די צוויי אויטאָרען, און עס האָט שוין געהאַלטען, אַז הורוויטש זאָל געהען דעם זעלביגען

וועג, וואס זיין קאלעגע לאטיינער, נאר אין דער זעלביגער צייט האט זיך דער דירעקטאר היינע אויף דערפיהלט ענג אין טהאליא טהעאטער, וואו ער איז געשטאנען צוזאמען מיט הורוויטש, קעסלער און פיינמאן, און ער האט בעשלאסען איבערצונעהמען מיט הורוויטש'ן דעם ווינדזאר טהעאטער. אין יענעם יאהר זיינען אדלער און עדעלשטיין ארויסגעטראטען פון דעם דאזיגען טהעאטער און האבען איבערגענומען דעם גרויסען און שעהנעם פיפלס טהעאטער, וועלכער איז ביז דעם יאהר געווען אבגעגעבען פאר בילינגע ענגלישע שטיקער. דאס האט פערלענגערט הורוויטשעס אנהאלטביים טהעאטער אין א צייט, ווען דארטען איז פאר איהם מעהר קיין פלאץ ניט געבליבען.

וואס שאקעלדיגער עס איז געווארען די פאזיציע פון די פריהערדיגע פאטענטירטע דראמענמאכער, אלץ ברייטער האט זיך געעפענט די טהיר פון דעם טהעאטער פאר נייע כחות. קאברין איז אויפ'ן צווייטען יאהר נאך „מינא" ארויסגעטראטען מיט זיין „איסט סייד גהעטא" און זיין פלאץ ביים טהעאטער איז געווארען א געזיכערטער. יצחק זאלאטארעווסקי, אן אונבעדייטענדער אקטיאר פון דער פראווינץ האט זיך בעוויזען מיט זיין „אידישען מארטירער אדער ישיבה בחור", געשריבען נאך דעם בעקאנטען מעלאדראמאטישען שניט און דאס שטיק האט געבראכט גרויס שפע אין טהעאטער ניט נאר אין דעם סעזאן, וואס טהאמאשעפסקי האט עס אויפגעפיהרט אין ווינדזאר טהעאטער, נאר אויף דעם צווייטען סעזאן אין פיפלס. מ. קאץ האט דעמאלט אדאפטירט עטליכע פיעסען און די בעסטע פון זיי איז געווען „דער אידישער דאן קיכאט", און הערמאלין האט א קורצע צייט געליפערט היבש שטיקער פאר אלע טהעאטערס, נאר זיין מלוכה האט געדויערט סך הכל א פאר סעזאנען און ער איז פערשוואונדען אזוי אונבעמערקט, ווי ער האט זיך בעוויזען אונבעמערקט. און באלד האט זיך אויך בעוויזען ז. ליבין, וועלכער האט זיך שוין א נאמען געמאכט אין די ראדיקאלע קרייזען אלס סקיצענשרייבער פון אידישען לעבען אין אמעריקא.

זיבעטער קאַפּיטעל.

טהעאַטער אין גאַליציען און רומעניען.

אַלע קאַמפּאַניעס וואָס האָבען אַרומגעוואַנדערט איבער רומעניען האָבען זיך פון צייט צו צייט אַריינגעכאַפּט אין גאַליציען און געגעבען דאָרטען פאָרשטעלונגען, און אין אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען האָבען זיך אין גאַליציען געגרינדעט בעזונדערע קאָמפּאַניעס. דאָרטען האָט מען אָהן א קאָנצעססיע ניט געקענט שפּיעלען און פאַר פרעמדע איז געווען שווער, אויב ניט אונמעגליך צו קריגען די נויטיגע ערלויבניס. א געוויסער וואָלגעשאַפּען איז געווען אַן אויסגעדיענטער סאָלדאַט און פאַר דעם דאָזיגען זכות האָט ער געקריגען א קאָנצעססיע אַרומצופאָהרען איבער די קלענערע שטעדט מיט א טרופּע וואָס איז בעשטאַנען פון שמואל לוקאַטשער, מייעראָוויטש, פרוי מייעראָוויטש, פריילין אייזנהאָרן, סעם אַדלער און נאָך אַנדערע. ווידער האָט קלמן יאַוועליר געהאַט א קליינע טרופּע און איז אַרומגעפאָהרען איבער גאַליציען און רומעניען. אַרום 1885 האָט טרייטלער געקריגען א קאָנצעססיע צו שפּיעלען אויף דער פּראָווינץ און זיין טאָכטער, די איצטיגע פרוי לאָבעל, איז דעמאָלט אויפגעטראָטען צום ערשטען מאָל אין קאָלאָמעא אין „עתליה“, אין דער ראָל פון דעם קינד יואש. דאָס זיינען אַלץ געווען נע ונד קאָמפּאַניעס און זיי זיינען לאַנג ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. דער ערשטער צו קריגען א קאָנצעססיע אויף א סטאַבילען טהעאַטער אין לעמבערג איז געווען יעקב בער גימפּעל.

גימפּעל איז געווען א מאַלער פון שילדען, און אַלס אַזעלכער איז זיין זכות ניט געווען גרויס גענוג צו קריגען אַזאַ וויכטיגע קאָנצעססיע, וואָס האָט טהאַטזעכליך געהאַט די בעדייטונג פון א

מאנאפאליע אויף אידישען טהעאטער אין דעם כרך פון גאליציען. גימפעל האט געהאט א גוטע שטים און אלס יונגער בחור איז ער אריינגעטראטען אין דעם כאר פון דעם פוילישען טהעאטער, וואו ער איז פערבליבען פיערציג יאהר לאנג. און פאר דער דאזיגער חשיבות האט ער געקריגען די קאנצעסיע פאר לעמבערג. ער האט זיין טהעאטער גערופען „זשידאווסקי פאלסקי טהעאטער” אין אנדענקונג מסתמא פון די פיערציג יאהר וואס ער האט געדיענט אין דעם פוילישען טהעאטער, נאר די פאליאקען זיינען אויפגעבראכט געווארען דערפון און זייער פראטעסט האט געווירקט, אז גימפעלס טהעאטער זאל הייסען נאר אידישער טהעאטער.

דאס איז געווען אין יאהר 1888, און דער טהעאטער האט באלד צוגעצויגען וויכטיגע קרעפטען: ב. בערנשטיין, סוברעטין ווילענסקי, טאבאטשניקאוו, די וויינשטאקס, פישקינד, זעליג שאר, שליפערשטיין, פתחיה גראף, ח. שראמעק. פון זיי אלעמען איז דערמאלט געווען דער וויכטיגסטער שפיעלער טאבאטשניקאוו, וועלכער האט גענומען לעמבערג מיט שטורם. אין א קורצע צייט ארום איז צוגעקומען די פרימאדאנא טאנצמאן מיט איהר מאן דעם קאמיקער. די קאמפאניע האט געשפיעלט דעם רעפערטואר פון רוסלאנד, וואס איז זיי אלעמען געווען בעקאנט און מייסטענס גאלדפאדענס שטיקער. איז א יאהר צוויי ארום האט גימפעל אריינגענומען אין זיין טהעאטער די פרייליניס פראגער און בערטהא קאליש,ביידע געבארענע לעמבערגער.

בערטהא קאליש איז געווען נאך גאר א יונגע מיידעל, ווען זי איז אריינגעטראטען צו גימפעל. איהר פאטער האט געהאט א בערשטעל פאבריק און איהר מוטער האט געהאט א ווערקשטאט, וואו מען האט גענייהט פרויען־קליידער. נאר ביידע זיינען ניט געווען די מענשען צו זארגען וועגען א תכלית. דער פאטער האט ליעב געהאט צו שפיעלען פידעל און די מוטער האט אפט מיטגענומען די טאכטער אין דער אפערע. בערטהא האט ארויסגעוויזען א נייגונג צו נגינה נאך גאר פון די קינדערשע יאהרען. איהר ערשטען איינדרוק פון אידישען טהעאטער האט זי געהאט. ווען די בראדנערס האבען גאסטראלירט אין לעמבערג פאר זייער אבפאהרען קיין

רוסלאנד. זיי האבען דעמאלט געשפיעלט די „כשוף׳מאכעריז" און יאהרען און יאהרען נאכדעם האט זי ניט געקענט פערגעסען די גראדנערשע.

ווען זי איז אלט געווען א יאהר צעהן, האט זי זיך בעקאנט מיט דער פוילישער פרימאדאנא באבינסקא, וועלכע האט געוואוינט אנטקעגען איבער זייער דירה. זי פלעגט אפט אריבערקוקען פון פענסטער צו איהר, ווען יענע האט פראקטיצירט און יענע האט איהר פון צייט צו צייט אריינגענומען צו זיך און בעקאנט געמאכט איהר מיט די סאמע עלעמענטארע כללים פון זינגען.

די תשוקה צום זינגען איז ביי איהר געווען גרעסער פון אלץ. א דירעקטאר פון דייטשען טהעאטער האט זיך מיט איהר פער־אינטערעסירט און געלערענט איהר קלאוויר, דעקלאמירען און אונ־טער זיין אויפזיכט איז זי צום ערשטען מאל אויפגעטראטען אין אן איינאקטער. די פארשטעלונג איז געווען אין א גרויסען האטעל, אבער זי האט דעמאלט ארויסגעוויזען מעהר נייגונג צום זינגען, און דער דירעקטאר האט איהר געראטהען אריינצוטרעטען אין דעם שטאדטישען קאנסערוואטאריום און א שכנה האט איהר דערין געהאלפען און מען האט איהר אריינגענומען אהן געלד. זי איז אין דעםקאנסערוואטאריום פערבליבען סך הכל א האלב יאהר און איז פון דארטען באלד אריין אין פוילישען טהעאטער אלס כאריסטקע. אין דעם דאזיגען טהעאטער האט מען געשפיעלט אפערע, דראמע און אפערעטע און עס האט לאנג ניט געדויערט און מען האט איהר אנגעהויבען אנצופערטרויען קלייניגקע ראלכלאך און זי האט גלייך ארויסגערופען די קנאה פון די קריסטליכע כאריסטקעס.

אין דעם כאר האט זי דארטען געטראפען פריילין פראגער און גימפעל, און דער לעצטער האט דא איבער איהר געגומען רעדען, אז זי זאל געהן מיט איהם אין זיין טהעאטער. אלס איינער וואס האט פיערציג יאהר פערבראכט אין דעם כאר, האט ער איהר ערקלערט, אז זי וועט דא קיין האניג ניט לעקען. וואס מעהר זי וועט זיך אויסצייכענען אלץ מעהר נגישות וועט מען איהר אבטהאן און איהם וועט קיין וואונדער ניט זיין, אז מען וועט איהר דא פער׳סם׳ען. לאפוקי אבער ביי איהם אין טהעאטער וועט זיך פאר איהר עפענען

א קאריער און זי וועט מיט דער צייט ביי איהם פערנעהמען א גרויסען פּלאץ.

זי איז אבגעווען אנדערטהאלבען יאהר אין דעם פּוילישען טהעאטער און איז נאכדעם אריבער צו גימפּעל.

זי איז דא אריין אין כאר און מען האט איהר אויך געגעבען קלענערע ראלען. א שטארקען איינדרוק האט דא אויף איהר געמאכט די פּרימאדאנא טאנצמאן און זי האט זיך צוגעקוקט צו איהר שפּיעלען און פערנומען איהר זינגען. אין דער צייט איז אין לעמבערג אנגעקומען פון אמעריקא מאנדעלקערן, וועמען מען האט געשיקט נאך א פּרימאדאנא. פרוי טאנצמאן האט זיך ניט געלאזט בעטען און איז באלד אוועקגעפאהרען צוזאמען מיט מאנדעלקערן. גימפּעל איז געבליבען אהן א פּרימאדאנא און בערטהא קאליש האט איצט געהאט די זעלטענע געלעגענהייט אריינצוכאפּען זיך אין די פּרימאדאנישע שיך. גימפּעל האט זיך געקווינקעלט, נאר ער האט געמוזט נאכגעבען, און קאליש איז אויפגעטראטען אין „שולמית", „שלמה המלך" און „בר כוכבא". אין דער צייט האט מען אויך אויפגעפיהרט די אפּערעטע „שמשון הגבור", און די מוזיק דערצו האט פערפאסט דער לעמבערגער חזן ברוך שאר. נאכ'ן צווייטען אקט האט דער עולם איהם ארויסגערופען, און קאליש, וועלכע האט געשפּיעלט די ראל פון דלילה, האט איהם געדריקט די האנד אויף דער ביהנע. די לעמבערגער קהלה האט איהם פאר דעם המא אבגעשיקט דעם כתב. אין גיכען איז אין לעמבערג אנגעקומען אברהם גאלדפאדען. דאס איז שוין געווען נאך זיין צוריקקעהרען זיך פון אמעריקא און גימפּעל האט איהם גלייך אריינגענומען צו זיך און איבערגעגעבען איהם די לייטונג פון דעם טהעאטער. דא האט מען צום ערשטען מאל אויפגעפיהרט גאלדפאדענ'ס „רבי יאזעלמאן", „ראטהשילד" און „דאס צעהנטע געבאט". נאר לענגער ווי א סעזאן אדער צוויי האט זיך גאלדפאדען דא ניט געהאלטען. ער האט זיך צוקריגט מיט'ן דירעקטאר און איז ארויס פון דעם טהעאטער. גאלדפאדען איז אין זיינע בעסטע צייטען קיין בעל תכלית ניט געווען און בפרט ווען ער האט געדארפט נעהמען שכירות פון אן ארימען דירעקטאר. און ווען ער איז ארויס פון

טהעאטער איז איהם טאקע פשוט אויסגעקומען צו הונגערען. אין דער צייט ווען ער פלעגט א הונגעריגער שפאצירען איבער די ארדישע גאסען פון לעמבערג און ער האט דערהערט פון העל־בעלויכטענע הייזער, ווי מען איז זיך משמח און מען זינגט די ליעדער פון זיינע אפערעטען, האט ער מיט יאוש געפרעגט: ווייסען זיי דארטען, אז ניט ווייט פון זיי שלעפט זיך ארום דער פערפאסער און ווייסט ניט מיט וואס זיין הונגער צו שטילען.

ער איז באלד אוועק קיין בוקארעסט, און איז אריין אלס דירעקטאר אין דעם טהעאטער זשיגניצע, וואו ער האט געטראפען די סעגאלעסקא־צוקערמאן קאמפאניע. צוקערמאן איז, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען, דא געווען דער בעליעבטעסטער קאמיקער און סעגאלעסקא האט צו יענער צייט פערנומען דעם אויבען אן אויף דער ביהנע. גאלדפאדען האט באלד אריבערגעבראכט קאליש און שראמעק און אויפגעפיהרט „דאס צעהנטע געבאט“. קאליש האט דא אזוי שטארק אויסגענומען ביי די טהעאטער בעזוכער, אז איהר שם האט דערגרייכט צום אימפרעסאריא פון דעם רומענישען נאציאנאל טהעאטער און ווען זי האט דעם דריטען סעזאן געשפיעלט ביי גאלדפאדען, האט ער איהר אנגאזשירט פאר דעם טהעאטער. זי האט באלד איינגעשטודירט א רומענישע אפערעטע „די ווייסע דאמע“ און איז געווארען א קייזערליכע זינגערין. א רומענישער טענאר האט איהר געווארענט, אז זי זאל ניט טרינקען קיין וואסער אין טהעאטער און ניט שמעקען די בלומען, וואס מען וועט איהר שענקען, ווייל די קנאה פון די אנדערע זינגערינס איז געווען זעהר גרויס צו איהר און מען האט געדארפט מורא האבען, אז מען זאל איהר ניט זוכען צו פער'סמ'ען. דער דאזיגער אומשטאנד האט פיעל געווירקט, אז ווען באלד איז אין בוקארעסט אנגעקומען עדעלשטיין פון דעם טהאליא טהעאטער אין ניו יארק און האט איהר אנגעבאטען צו נעהמען איהר קיין אמעריקא, און זי וועט קריגען אזעלכע שכירות, וואס האט זיך א רומענישער פרימאדאנא אפילו ניט גע'חלומ'ט און זי וועט שפיעלען אין אזא טהעאטער, אנטקעגען וועלכען דער קייזערליכער רומענישער טהעאטער זעהט אויס ווי א באלאגאן און זי וועט דארטען טרעפען אלע בעקאנטע אקטיארען.

מיט וועלכע זי האט געשפּיעלט ביי גימפעל, זאל זי זיך צו איהם צוהערען און האט געבראכען דעם קאנטראקט מיט'ן נאציאנאל טהעאטער און איז אין א קורצע צייט ארום אנטלאפען מיט איהם פון רומעניע צוזאמען מיט איהר מאן לעאפּאלד שפּאכנער.

עס איז איצט געוואָרען א שווערע אויפגאבע פאר א אידישען טהעאטער אין וועלכער עס איז מדינה צו שאפען און אנצוהאלטען די נויטיגע קרעפטען. פון לעמבערג זיינען אוועקגעפאָהרען אלע אקטיאָרען, וואס זיינען אהין געקומען פון רוסלאנד, און עס איז געוואָרען שווער צו קריגען אקטיאָרען פון ערגעץ אנדערסוואו. און אזוי גיך ווי די איינענע קרעפטען האבען אנגעהויבען ארויסצואווייזען טאלאנט, האבען זיך בעוויזען אמעריקאנער דירעקטאָרען און אויסגעכאפּט זיי. און דאס איז געוואָרען א כלל פאר אלע טהעאטערס אין גאליציען, רומעניען, ענגלאנד. די אמעריקאנער דירעקטאָרען האבען געהאט אן אויג אויף די שפּיעלער מעבר לים און אזוי גיך ווי א סעזאָן האט זיך אין ניו יאָרק געענדיגט, האט זיך א דירעקטאָר אדער א שליח אוועקגעלאזט אין יענע מדינות, וואו אידישע אקטיאָרען האבען געשפּיעלט און פערנומען ועמען זיי האבען געדארפט.

ווען גימפּעל האט פערלאָרען אלע זיינע אקטיאָרען האט ער צוזאמענגעשטעלט א קאמפּאניע פון לעמבערגער קרעפטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען קארל זילבער, י. גוטמאן, א. מעלצער. און שפּעטער זיינען צוגעקומען אנא בריה, ראָזא בריה, אידא בריה, פריילין זויער און פריילין יתום (די לעצטע צוויי כאַריסטעקעס פון פּוילישען טהעאטער) בערטהא פישלער און אנדערע.

אונטער דער צייט האבען זיך די נע ונד טרופּען פערמעהרט אין גאליציען און זיי זיינען ארומגעפאָהרען איבער די קלענערע שטעדט, ווי אויך אריבערגעכאפּט זיך קיין רומעניען. א חוץ די טרופּען וואס זיינען פריהער געווען דערמאָנט, האבען ארומגעוואנדערט איין טרופּע אונטער דער דירעקציאָן פון טאנענצאפּ, א צווייטע אונטער דער דירעקציאָן פון בערגמאן, א דריטע אונטער דער דירעקציאָן פון מרגליות. נאר זיי אלע זיינען געווען ניט קיין וויכטיגע און זיי זיינען געווען אויף גרויסע צרות. די דירעקטאָרען

האבען אנגעכאפט, אנגעבארגט וואו זיי האבען געקענט און ניט בעצאהלט און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז ווען א אידי־שע טרופע איז געקומען אין אזא שטאדט, האט מען אויף זיי גע־קוקט ווי אויף שווינדלער. אין די רעסטאראנען האט מען קיין זאך צום טיש ניט דערלאנגט, איידער די אקטיארען האבען בעצאהלט און אין די אכסניות האט מען זיי געהיט ווי דאס וויסעל פון אויג.

אין רומעניען איז דער איינציגער סטאבילער טהעאטער געווען זשיגניצא, אין בוקארעסט, און ווי שוין געזאגט, האט דארטען גע־שפיעלט די סעגאלעסקא־צוקערמאן קאמפאניע. א לענגערע צייט האט מען אידישע שטיקער געשפיעלט אין דעם נאציאנאל טהעא־טער אין באטושאן, און די שפיעלער זיינען געווען די וואנדערענדע טרופען, נאר שפעטער האבען איהם די קריסטען איבערגענומען. געוואוינליך האבען די וואנדערענדע טרופען געשפיעלט אין די עטליכע גרעסערע רומעניער שטעדט, ווי יאסי, באטושאן, פאלטע־שאן, ראמאן, פיאטרא, פאקשאן, גאלאץ, בראהילא און קראיעווא, נאר אין דער צייט פון ירידים זיינען זיי אויך געפאהרען איבער די קלענערע שטעדט. און אין רומעניען ווי אין גאליציען האבען זיך די נע ונד קאמפאניעס געמאטערט און ווען זיי האבען אבגע־שפיעלט אין א שטאדט האבען זיי דאס רוב ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען זייערע חובות. נאר אין יעדער שטאדט האט יעדע קאמפאניע געהאט צווישען די בעלי מלאכה איהרע אנהענגער, וועל־כע האבען זיי אויסגעהאלפען ווי ווייט זיי האבען געקענט.

לייזער צוקערמאן האט דעמאלט נאך אלץ פערנומען דעם אויי־בען־אן אויף דער ביהנע, נאר דארטען ווי אין אמעריקא האבען די קאמיקער אין די נייינציגער יאהרען געמוזט אברוקען זיך צום הינ־טערגרונד און מאכען פלאץ פאר דראמאטישע שוישפיעלער, און דעם אויבען אן האט פערנומען סעגאלעסקא. אבער דער לעצטער האט זיין ראל ניט אויסגעהאלטען און צום סוף נייינציגער יאהרען האט ער זיך אין גאנצען ארונטערגערוקט און גענומען זיך צו חזנות. קארל שראמעק איז געווען דער בעריהמטסטער אבישלום (אין שולמית) נאר ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא איז פון זיין בעריהמטקייט

אויף דער ביהנע וועניג געבליבען און ער איז געווארען א חזן אין א נויארקער שוהל. נאך צוקערמאן איז דער קאמיקער פערקויף געווען פעררעכענט צווישען די בעסטע אין רומעניען. טרייטלער האט זיך אויסגעצייכענט אין ראלען פון מלכים און אין באטושאן האט מען זילבערט'ן ממש אויף די הענד געטראגען.

ווען בערטהא קאליש איז אוועק פון זשיגניצא האט גאלדפאדען בעצויגען פריילין טרייטלער (איצטיגע לאבעל) און איהר פאטער און זיי זיינען אריין אין זיין קאמפאניע. נאר בוקארעסט מיט די ארימע טהעאטער בעזוכער איז ניט שטארק געפעלען געווען גאלדפאדען און אין 1896 איז ער פון דארטען אוועקגעפאהרען קיין פאריז.

סיי אין גאליציען און סיי אין רומעניען האט מען געשפיעלט די אלטע שטיקער פון גאלדפאדען, הורוויטש, לאטיינער און שייקעוויטש, מעהר פון אלע גאלדפאדענס רעפערטואר. און פון צייט צו צייט האט מען אימפארטירט א שטיק פון דעם נייעם רעפערטואר אין אמעריקא. ווען גאלדפאדען איז אריין צו גימפעל אין לעמבערג און נאכדעם אין זשיגניצא אין בוקארעסט, האט ער זיך ניט בענוגענט מיט זיינע אלטע שטיקער און האט דארטען געשאפען „משיח'ס צייטען", „רבי יאזעלמאן" („מליץ יושר"), „ראטהשילד", „דאס צעהנטע געבאט", („לא תחמוד") „עקדת יצחק", נאר קיין אנדערע דראמענשרייבער זיינען דארטען ניט געווען. אמאל אין א שמיטה האט זיך עמיצער ארויסגעכאפט מיט א נייע שטיק, נאר קיין נויטיגקייט איז דערין ניט געווען. און ערשט צום סוף פון די נייניציגער יאהרען האט מען אויפגעפיהרט משה ריכטער'ס ערשטע שטיק „חרם דרבנו גרשם", און ער האט נאכדעם געליפערט מעהרערע שטיקער פאר דער ביהנע אין גאליציען און רומעניען און האט אליין בעקומען א קאנצעסיע ארומצופאהרען מיט א קאמפאניע איבער דער פראווינץ.

צום סאמע סוף פון די נייניציגער יאהרען האט זיך געעפענט א שמאלץ־גרוב פאר די טהעאטערס אין גאליציען און רומעניען. פון אמעריקא האט זיך צוריקגעקעהרט קיין לעמבערג דער סופלער

צוויבעל און ער האט געבראכט דעם גאנצען רעפערטואר פון די אידישע טהעאטערס אין אמעריקא.

ארום דער זעלביגער צייט האבען היינע און הורוויטש איבער־גענומען אין ניו יארק דעם ווינדזאר טהעאטער און הורוויטש איז אוועקגעפאהרען קיין רומעניען און האט געבראכט פאר זיין טהע־אטער כמעט א גאנצע קאמפאניע, וואס איז בעשטאנען פון יאוועליר, גראף, זילבערט, כעם ראזענשטיין, שרגא און אנדערע. אדלער האט אין דער צייט אראבגעבראכט דעם קאמיקער לייזער צוקער־מאן און פון די מעהר בעקאנטע אקטיארען איז דארטען קיינער ניט געבליבען און דאס איז געווען א טוידט קלאפ פאר דעם אידישען טהעאטער אין רומעניען.

נאך דער מהומה איז פרינסעס קלוב אין לאנדאן איז דער אי־דישער טהעאטער דארטען ניט אונטערגעגאנגען. די אקטיארען זיי־נען א קורצע צייט געבליבען ווי אבהענדיג און וועד עס האט געקענט איז אנטלאפען, נאר גראדנער האט זיך פון ארט ניט געריהרט און ער האט אריבערגעבראכט דעם קאמיקער נאדאלסקי און זיין פרוי און מיט נאך עטליכע קרעפטען האט ער צוריק געעפענט דעם פרינ־סעס קלוב. ער האט אבער קיין נחת פון טהעאטער ניט דערלעבט צו זעהן. אין א קורצע צייט ארום איז גראדנער געשטארבען אין לאנדאן (1887).

דעמאלט האט זיך אדלער צוריקגעקעהרט פון שיקאגא און ער צוזאמען מיט פרוי גראדנער זיינען אוועקגעפאהרען קיין ווארשא, וואו זיי האבען געשפיעלט א קורצע צייט און פון וואנען זיי זיי־נען צוריקגעקומען קיין לאנדאן.

אין לאנדאן איז איצט געווארען פרעהליכער. צוזאמען מיט אדלער איז געקומען טאבאטשניקאוו און בערנשטיין. פון ווארשא איז אויך אנגעקומען ראטשטיין מיט א קווארטעט און פון אמערי־קא איז געקומען קארפ. אדלער האט אויפגעפיהרט „אחשורש“ און עני העלד האט געשפיעלט די ראל פון אסתר המלכה. אין דעם זעלביגען יאהר, 1888, איז געשטארבען פרוי גראדנער.

טאבאטשינקאוו און בערנשטיין זיינען לאנג אין לאנ־דאן ניט געבליבען. צוזאמען מיט עני העלד זיינען זיי

געפאהרען קיין פאריז, וואו עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע אויסשטעלונג (1889) און פון דארטען איז טאבאטשניקאוו און נאכדעם בערנשטיין אוועקגעפאהרען קיין לעמבערג.

אין דער צייט איז גאלדפאדען געקומען פון אמעריקא קיין לאנדאן, און ער איז אריין אין פרינסעס קלוב. אדלער צוזאמען מיט ראזענטהאל, רודאלף מארקס, קאצמאן און פריילין וואקס־מאן האט גענומען דעם ווינקארט האל, נאר ער האט דא לאנג ניט געשפיעלט, ווייל באלד איז אנגעקומען היינע און האט איהם פער־נומען קיין ניו יארק.

גאלדפאדען איז אויך לאנג ניט געשטאנען אין פרינסעס טהע־אטער, ווייל די פאליציי האט באלד ארעסטירט דעם דירעקטאר סמיטה און דעם טהעאטער צוגעמאכט. דאס איז געשעהן דערפאר, ווייל א קלוב האט ניט געטארט זיין קיין טהעאטער. עס איז אפשר כדאי צו בעמערקען, אז סעמועל מאנטעגיו, וועלכער איז נאכדעם דערהויבען געווארען צום טיטעל לארד סוויטלינג איז געווען פרע־זידענט פון דעם פרינסעס קלוב.

עס איז גרינג צו בעמערקען, אז ביז איצט האט לאנדאן קאנקורירט מיט ניו־יארק אין אלע הינזיכטען, א חוץ אין די געביידען, וואס מען רופט טהעאטער. לאנדאן האט צייט טהעאטער איז פערבאטען געווארען אין רוסלאנד, געהאט די בעסטע אידישע אקטיארען און אקטריסעס. לאנדאן איז געווען דער ערשטער פונקט צו וועלכען עס האבען זיך געצויגען סיי איינצעלנע שפיעלער און סיי גאנצע טרופען, נאר מעהר פון אלץ האט זיך די שטרעבונג צו זיין זעלבסטשטענדיג ארויסגעוויזען אין דעם, וואס לאנדאן האט פערמאגט א קליינעם רעפערטואר אייגענע פיעסען. פון 1887 איז כמעט ניט אריבער דאס יאהר, אז נחום ראקאוו זאל ניט ליפערן א נייע שטיק. דארטען האט אויך רודאלף מארקס איבערזעצט אדער אדאפטירט עטליכע שטיקער און דארטען האט אויך געשריבען פאר דער ביהנע דזשייקאב דזשייקאבס.

נאר די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אידישער ביהנע אין לאנדאן האט אנגעהאלטען ניט ווייטער ווי ביז'ן אנ־הויב פון די נייגציגער יאהרען. מיט'ן טוידט פון די גראדנערס און

אדלערס אריבערקלייבען זיך קיין אמעריקא, איז די אידישע ביהנע אין לאנדאן באלד ארונטערגעזונקען צו גאר א נידריגער מדרגה. א פאר יאהר האט זיך נאך אין וויינקארט האל געהאלטען א קאמ־פאניע, צווישען די מיטגליעדער פון וועלכע עס זיינען געווען מאקס ראזענטהאל, און דער קאמיקער קאצמאן, נאר זיי זיינען אויך פער־שלעפט געווארען פון דעם מעכטיגען שטראם, וואס האט זיך גע־צויגען קיין אמעריקא, און די ביהנע אין לאנדאן איז איבערגעגאנ־גען אין די הענד פון אמאטארען.

א געוויסער גאלדשמיד, וועלכער האט זיך געקענט איבער־נעהמען דערמיט, וואס ער האט געשפיעלט ביי גאלדפאדען, האט צוזאמענגענומען א קאמפאניע פון שניידער, שוסטער און אנדערע בעלי מלאכה און האט מיט זיי געשפיעלט אין פעלהעם סטריט קלוב גאלדפאדענס ערשטע אפערעטען. דער דאזיגער קלוב האט אונטען געהאט א שענק און באלד איז גאלדשמיד געווארען אונ־טען דער שענקער און דער קלוב אויבען איז אויפגעגעבען געווארען. אין דער צייט האט נחום ראקאוו אפט צוזאמענגעשטעלט א טרופע פון אמאטארען, געדונגען ערגעץ א האל און געשפיעלט מיט זיי. ארום דער צייט איז אויך טהעטיג געווארען מארים וואקסמאן, וועלכער האט אנגעהויבען צו שפיעלען אונטער דער לייטונג פון גאלדשמיט, און אזוי ווי קיין ריכטיגע אקטיארען זיינען שוין מעהר אין לאנדאן ניט געבליבען, איז ער דארטען אין 1897 ארויסגע־טראטען אלס שטערן און דירעקטאר. די הויפט מיטגליעדער פון זיין טרופע זיינען געווען זיין שוועסטער פעני וואקסמאן און דזשעני קייזער, וועלכע האט אמאל געשפיעלט מיט אדלער. קיין שטענדי־גען טהעאטער האט ער ניט געהאט און ער פלעגט דינגען אין לאנ־דאן א האל אויף שבת אדער אויף יום טוב און ארומפאהרען איבער דער פראווינץ. נאר אין דער צייט פון דער דרייפוס געשיכטע האט דאס שטיק „קאפיטאן דרייפוס" געהאט א גרויסען ערפאלג אין לאנדאן, און דער רעזולטאט דערפון איז געוועזען, וואס וואקסמאן האט געקריגען א שעהנעם האל, דעם סטענדארד טהעאטער און ער האט דארטען עטליכע יאהר געשפיעלט א פאר מאל א וואך.

דורך דער דאזיגער גאנצער צייט האט וואקסמאן קיין קאנ־

קורענטען אין לאנדאן ניט געהאט. פון צייט צו צייט פלעגען קו־מען קלענערע אקטיארען פון אמעריקא נאר זיי האבען קיין אויג אויף לאנדאן ניט געהאט, און ערשט אין דעם סאמע אנהויב פון הייטיגען יאהרהונדערט איז אנגעקומען טרייטלער מיט זיין קאמ־פאניע, צווישען די מיטגליעדער פון וועלכע עס זיינען געווען פרוי לאבעל, שערמאן, אקסעלראד און אנדערע. די קאמפאניע איז אנגע־קומען פאר פסח און האט גענומען אויף יום טוב דעם פאוויל אן טהעאזער. אבער דער טהעאטער איז געווען צו גרויס און מען האט צו דער אונטערנעהמונג צוגעלעגט געלד. נאר דאס האט ניט אב־געהאלטען א געוויסען מארים כהן צו אנגאזשירען די טרופע און געהמען א קליינעם טהעאטער אין א בעסערער געגענד און צו מא־כען א פערזוך צו שפיעלען יעדע נאכט. דער דאזיגער טהעאטער האט געהייסען מאנאר טהעאטער און צו דער ערשטער פארשטעלונג זיינען געקומען זאנגוויל און באנקיר זעליגמאן. די הוצאה אין דעם מאנאר טהעאטער איז געווען א קליינע און אין אנהויב האט אויסגעוויזען, אז די טרופע וועט זיך האלטען. נאר באלד האבען די אקטיארען אנגעהויבען אריינצוטרייבען אין א גרויסע הוצאה און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז דער דירעקטאר האט ניט אויסגעהאלטען און דער טהעאטער האט זיך פערמאכט. א טהייל פון דער טרופע איז איבערגעגאנגען צו וואקסמאן און טרייטלער מיט די איבריגע האבען זיך אוועקגעלאזט קיין קאנאדא. פריי לא־בעל איז אין גיכען אנגעקומען פון דארטען קיין ניו יארק און איז אריינגעטראטען אלס דראמאטישע שוישפיעלרין אין פיפלס טהעאטער.

במעט אלע אקטיארען וואס זיינען געשטאנען מיט קאמפאניעס אין לאנדאן האבען זיך פון צייט צו צייט אריבערגעכאפט אין פא־ריז און געגעבען דארטען אידישע פארשטעלונגען, נאר לאנג זיינען זיי דארטען ניט געשטאנען.

ארום דעם אנהויב פון הייטיגען יאהרהונדערט האט כמעט יעדער אידישער שוישפיעלער, וואס האט זיך ערווארבען עפעס א נאמען אנגעשפארט אין ניו יארק און די האפנונג פון די אנדערע אידישע אקטיארען אין די פערשיידענע מדינות איז געווען צו שפיע־

לען אמאל אין אידישען טהעאטער אין ניו יארק. עס האט אויס־געזעהן, אזוי ווי אמעריקא האט איינגעשלונגען די גאנצע אידישע טהעאטער קונסט. ניו יארק האט פערמאגט די בעסטע קינסט־לער, וואס די אנדערע אידישע טהעאטערס פון דער גאנצער וועלט האבען ארויסגעגעבען, ניו יארק האט פערמאגט די גרעסטע און שעהנסטע אידישע טהעאטערס, און ענדליך האט נויארק פערמאגט אלע שרייבער, וועלכע האבען געקענט שאפען פאר דער אידישער ביהנע. און מיט ברעקלאך וואס זיינען פון איהר אבגעפאלען האבען זיך גענעהרט אלע אנדערע אידישע טהעאטערס אין די פערשיידענע מדינות.

אכטער קאפיטעל.

די גאלדענע עפאכע.

זינט די רעוואלוציע פון די אקטיארען האט זיך אנגעהויבען, איז שוין מעהר ניט געווען אזא טהעאטער וואס זאל זיך אין גאנ־צען אבגעבען מ־ט א געוויסען מין שטיקער. אויף דער זעלביגער ביהנע אין דעם זעלביגען טהעאטער האבען די זעלביגע אקטיארען היינט געשפיעלט א ווילדע שונד שטיק און מארגען א קלאסישע ווערק. אזוי ווי פריהער איז ניט געווען קיין שייכות צווישען איין אקט און צווייטען, צווישען איין זאץ און צווייטען, צווישען איין פערזאן און צווייטער אין איין שטיק, אזוי איז נאכדעם ניט געווען קיין שייכות צווישען איין פיעסע און דער צווייטער. קיין טהעאטער האט ניט געהאט קיין אויסגעהאלטענעם פראגראם, קיין אויסגעהאלטענע טאקטיק און קיין בעשטימטען כאראקטער. וואס מעהר די גרעסערע אקטיארען האבען געוואונען די דעה און די מאכט אין טהעאטער, אלץ ווענינער בעשטימט איז געווארען זיין פנים.

ווען היינע און הורוויטש האבען איבערגענומען ווינדזאר טהעאטער, האבען זיך בולט'ער גענומען ארויסווייזען די ריכטונגען פון יעדען טהעאטער בעזונדער. אין ווינדזאר איז הורוויטש געווא־רען פיעל תקיפ'ער ווי ער איז ווען געווען, און דא האט מען גע־שפיעלט דעם זעלביגען סארט שטיקער, מיט וועלכע ער האט זיך קונה שם געווען. דא האט מען ווייטער געשפיעלט די היסטארישע אפערעטע אזוי ווי אין די פריהערדיגע צייטען, ווי עס וואלט קיין שום ענדערונג ניט פארגעקומען ניט אין דעם געשמאק פון דעם פובליקום און ניט אין דעם געשמאק פון די אקטיארען. איבריגענס,

דער דאָזיגער טהעאטער האָט זיך בעוואָרענט מיט אימפּאָרטירטע אַקטיאָרען, וועלכע זיינען געווען אין גאַנצען אונבעריהרט פון דעם גייען גייסט פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא.

דער הויפּט דירעקטאָר און דעה זאָגער אין פּיפּעלס טהעאַטער איז געוואָרען יעקב אדלער. ווען ער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען דירעקטאָר פון דעם רומעניא אָפּערא הויז, איז זיין טהעאטער געוואָרען די היים פון דער בעסערער דראמע. אין זיין טהעאטער איז גאָרדין אָנגעשטעלט געוואָרען פאַר דעם גאַנצען סעזאָן און דורך דער בעסערער דראמע איז אדלער געוואָרען דער איינציגער אנערקענטער אקטיאָר ביי דער אידישער אינטעליגענץ אין אמעריקא. אבער אין פּיפּלס טהעאטער האָט ער שוין מעהר די אנערקענונג ניט געדאַרפט, זיין רעפּוטאַציע איז שוין געווען א פאַרטיגע און ער האָט זיך בענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון די שונד־שטיקער און האָט רוהיג געלאָזט זיין איינגערן שותף בארים טהאָמאשעפסקי געווינען לאָרבער קראַנצען אויף דעם דאָזיגען פעלד. איידער זיי האָבען זיך אריבערגעצויגען אין פּיפּלס טהעאטער, ווען זיי זיינען צוזאמען געשטאַנען אין ווינדזאָר האָט נאָך אדלער אָפט געמוזט נעהמען א ראָל אין א נארעשען שטיק און מאכען זיך נארעש גלייך מיט די אנדערע. דאָס האָט געפאָדערט דאָס געשעפט און צוליעב געשעפט האָט מען געדאַרפט פערבויגען דעם כבוד. נאָר אין פּיפּעלס האָט טהאָמאַשעפסקי געגאַרט צו ווייזען, אז ער קען זיין שטעדטיל אליין בעשטעהן, און קען אויף זיינע אייגענע פּלייצעס טראָגען די שטיקער וואָס ער פיהרט אויף. און אזוי ווי ער האָט אויפגעפיהרט די גזאַנג און טאַנץ־שטיקער האָט ער געשפּיעלט גוטע דריי פּיערטעל סעזאָן, און אדלער פלעגט זיך ווייזען פון צייט צו צייט מיט א בעסערער פּיעסע. אויף אזא אופן האָט פּיפּלס טהעאטער אָנגענומען די געשטאַלט, וואָס טהאָמאשעפסקי האָט מאָדעלירט. און הגם פון אויבען אויף האָט געקענט אויסווייזען, אז פּיפּלס און ווינדזאָר האָבען דעם זעלביגען פּנים, האָט זיך אבער דער אונטערשייד צווישען זיי ארויסגעוויזען, ווען מען האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו זיי. טהאָמאשעפסקי איז געווען א יונגער בחור׳ל, כמעט נאָך א אינגעל ווען ער איז געקומען קיין

אמעריקא, און ער מעהר ווי אלע אנדערע אקטיארען האט זיך גיכער דורכגעדרונגען מיט דער אזוי גערופענער אמעריקאנער עקס־טראוואגאנצא. די עקסטראוואגאנצא איז א ריינער אמעריקאנער פראדוקט און דער אמעריקאנער עולם לעקט דערפון די פינגער. די גאנצע אונטערהאלטונג בעשטעהט פון א זונג, א שפרונג, א וויץ, המצאה, שעהנע האלב נאקעטע מיידלאך און שעהנע עפעק־טען. דער אייראפעאישער קאפע שאנטאן איז א קבצנישע זאך און דערצו וואולגאר, בשעת די אמעריקאנער עקסטראוואגאנצא צייכענט זיך אויס מיט א רייכקייט און לוקסוס און ערלויבט ניט קיין גראב־קייט. די אמעריקאנער יוגענד און אמעריקאנער עלטערע מענשען שלאגען פשוט אב די שוועלען פון א טהעאטער, וואו מען גיט אזא אונטערהאלטונג. און ווייל טהאמאשעפסקי איז געווען אינגער פון אלע אנדערע אקטיארען ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, האט די עקסטראוואגאנצא געמאכט אויף איהם א שטארקערן איינדרוק, ווי אויף די אנדערע און אין דעם טהעאטער וואו ער האט גע־שפיעלט האט ער תמיד געזוכט אריינצוברענגען דעם דאזיגען גייסט. דאס הייסט ניט, אז זיינע שטיקער זיינען געווען אויסגע־גאסען אין דעם פורעם פון דער עקסטראוואגאנצא, פאר דער אידי־שער ביהנע איז זי צו לייכט, צו פריוואל, צו בדחניש, נאר טהא־מאשעפסקי האט אונבעוואוסטזיניג שטענדיג געשטרעבט צו געבען זיינע שטיקער לכל הפחות א צופארבונג פון דעם דאזיגען סארט אונטערהאלטונג. אין טהאמאשעפסקי'ס מעהר ווי אין וועלכען אנ־דער טהעאטער איז אבגעשאפט געווארען די מחיצה צווישען דער ביהנע און דעם פובליקום און די בעזוכער זיינען קאמעראדשאפט־ליך איינגעלאדען געווארען צו בעטהייליגען זיך אין א פזמון און זינגען אלע צוזאמען. אין טהאמאשעפסקי'ס מעהר ווי אין וועלכען אנדער טהעאטער האט מען געפאכט מיט דער אמעריקאנער פאהן, און ווען דער נאציאנאליזם האט זיך אנגעהויבען צו פערשפרייטען צווישען די אידען אין אמעריקא איז אויך צוגעקומען די בלויע ציור־ניסטישע פאהן. טהאמאשעפסקי'ן האט מעהר ווי די אנדערע גע־צויגען צו דער מוזיקאלישער קאמעדיע, וואס איז די גאנגבארסטע

סחורה אויף דער אַמעריקאַנער ביהנע און וואָס איז א האַלבע אַפּגע־רעטע און א האַלבע עקסטראַוואַגאַנצא.

עס וואָלט געווען פאַלש צו זאָגען, אַז טהאָמאַשעפסקי האָט דעם דאָזיגען גייסט אַרויפגעבראַכט אויף דער אידישער ב הנע. שוין ווען די ערשטע ראַיעלע קאָמפּאַניע האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אין ניו יאָרק האָט זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען מאַקס אַווראַמאָ־וויטש. וועלכער איז צום אידישען טהעאַטער איבערגעגאַנגען פון א דייטשען קאַפע שאַנטאַן און ער איז געווען א מומחה אין דעם פאַך. אויף אַזא אופן האָבען אַלע אידישע טהעאַטערס געהאַט דעם קאַפע שאַנטאַנישען גלאַנץ שוין פון די ערשטע טריט פון דער אי־דישער ביהנע אין אַמעריקא. נאָר אין טהאָמאַשעפסקי׳ס טהעאַטער איז דאָס געווען מעהר אָרגאַניש און האָט בעסער געקענט צופריע־דענשטעלען די מעהר אַמעריקאַניזירטע יוגענד. און דאָס איז געווען דער שטעמפּעל וואָס טהאָמאַשעפסקי האָט אַרויפגעלעגט אויף פּיפּלס טהעאַטער.

דערפון דאַרף מען אָבער ניט דרינגען, אַז טהאָמאַשעפסקי׳ס שטיקער זיינען געווען אַלע געגאָסען אין איין פורעם. טהאָמאַ־שעפסקי האָט זיך אויך געקענט פערגינען צו שפּיעלען א בעסערע פּיעסע. ער האָט אין יענער צייט אויף זיין אייגענעם סמך אויפגע־פיהרט גאָרדינ׳ס „דבורה׳לע מיוחסת“, און האָט זיך דווקא אויסגע־צייכענט אין דער ראָל פון דעם שמיעד. ער האָט אויך אויפגע־פיהרט גאָרדינ׳ס „דוד׳ל משורר“ און אין א קורצער צייט אַרום איז ער אין א משך פון עטליכע יאָהר געווען דער איינציגער וואָס האָט אויפגעפיהרט קאָברינ׳ס פּיעסען און נאָכדעם ליבינ׳ס. ווי עס איז שוין אויבען געווען דערמאָנט איז ניט געווען קיין טהעאַטער, וואָס זאָל זיין געשוואָרען צו איין סאָרט שטיקער. אין ווינדזאָר טהעאַ־טער האָט מען באַלד ווי היינע און הורוויטש זיינען אַהין אַריין אויפגעפיהרט א בעסערע שטיק „צוריסענע קייטען“ פון ל. קאָברין. אָבער דאָס האָט דעם כאַראַקטער פון דעם טהעאַטער ניט געענדערט. און אַזוי ווי הורוויטש האָט אַרויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויף ווינדזאָר, אַזוי האָט טהאָמאַשעפסקי אַרויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויף פּיפּלס, און ווי שטאַרק זיין איינפלוס האָט זיך געפיהלט קען

מען זעהן דערפון, וואס ביים נעהמען דעם פיפלס טהעאטער איז אדלער געווען דער הויפט דירעקטאר און טהאמאשעפסקי איז נאר געווען א שותף אויפ'ן פאפיר, און אין עטליכע יאהר ארום, האט אדלער געמוזט פערלאזען דעם דאזיגען טהעאטער און טהאמאשעפסקי איז געווארען דער הויפט בעל הבית.

אין טהאליא טהעאטער איז קעסלער געווארען דער וויכטיגסטער דירעקטאר און ער האט געקריגען די הויפט דעה. א דאנק זיין שפיעלען אין די בעסערע פיעסען האט ער זיך א רוק געטהאן צום אויבען אן. נאר אין דער זעלביגער צייט איז ער געווען פרעמד דעם אינטעליגענטען אידישען פובליקום. די קלאסישע דראמען ווי אויך זודערמאנ'ס מאדערנע פיעסען, וואס ער האט אויפגעפיהרט האבען דעם אינטעליגענטען אידישען בעזוכער ניט פעראינטערעסירט און די מאנאפאליע אויף די בעסערע אידישע שטיקער האט ביז דעמאלט געהאט אדלער. קעסלער איז דאריבער געשטאנען אין א פאלשער פאזיציע, פון איין זייט האט ער זיך לוסטיג געמאכט איבער דעם נארעשען פובליקום, וואס האט די פינגער געלעקט פון די באלאגאנסקע שטיקער און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען פרעמד דעם בעסערען פובליקום.

גראד דעמאלט האט קעני ליפצין אנגעהויבען ארויסצוטרעטען אונאבהענגיג פאר'ן ניו יארקער פובליקום מיט בעסערע פיעסען. אזוי ווי זי האט קיין טהעאטער ניט געהאט, פלעגט זי דינגען אזא, ווען דערצו האט זיך געמאכט א געלעגענהייט, און די געלעגענהייט האט זיך געוואוינליך געמאכט אין יענע וואכען, ווען די געשעפטען אין טהעאטער זיינען גאנץ שוואך. אזוי ווי שטיקער זיינען דעמאלט געפאלען איינם נאכ'ן אנדערן אין אלע טהעאטערס, האט ליפצין געקענט אויסקלייבען וועלכען טהעאטער זי האט געוואלט, נאר א חוץ די ערשטע צוויי דראמען האט זי אלע איהרע בעסערע פיעסען אויפגעפיהרט אין טהאליא טהעאטער. דא האט זי אויפגעפיהרט „מירעלע אפרת", די „שחיטה", די „שבועה" און הגם די הויפט ראל אין די דאזיגע פיעסען איז פאר א פרוי, איז דער אינטעליגענטער עולם אנגענעהם איבערראשט געווארען צו זעהן קעסלער'ן אין די פערשיידענע כאראקטערע פון די דערמאנטע פיע-

סען. מען האָט וועגען קעסלערן אנגעהויבן צו רעדן, דעבאַטי־רען וועגן זיין טאַלאַנט און קעסלער האָט גרינג געזעהן, אַז ער דאַרף נאָר האָבען די ריכטיגע פּיעסען און ער וועט זיך פּערמעס־טען מיט די כחות מיט אבי וועמען אויף דער ביהנע.

צוזאַמען מיט קעסלער׳ן האָט אין טהאַליא טהעאַטער גע־שפּיעלט בערטהא קאַליש. געקומען איז זי קיין ניו יאָרק אַלס פּרי־מאַדאָנא, נאָר באַלד האָט זי געגומען אַרויסווייזען, אַז זי באַזיצט אַ דראַמאַטישען טאַלאַנט. די שטיקער אין וועלכע זי האָט געשפּיעלט האָבען איהר ניט געגעבען די מעגליכקייט אַרויסצושיינען אין איהר פולער קראַפט און אַלס אַרטיסטין האָט זי דערפיהלט, אַז די שאָב־לאָנע שטיקער זיינען אַ קבר פאַר איהר טאַלאַנט. זי האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען מיט׳ן זעלביגען מיטעל, ווי די אַקטיאָרען פאַר איהר ווען זיי האָבען זיך דערזעהן אין אַזאַ לאַגע, דאָס הייסט זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איראָפּעאישע פּיעסען און מען האָט פאַר איהר איבערזעצט אַ פּאָר שטיקער פון סאַרא בערנהאַרדט׳ס רעפּערטואַר. און דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלביגער, וואָס מיט די פריהערדיגע שוישפּיעלער. דער פּראָסטער עולם האָט געגע־נעצט אין טהעאַטער און דער בעסערער עולם איז ניט געקומען און אין די אינטעליגענטע קרייזען האָט מען אפילו ניט געוואוסט, אַז אַ העכסט בעגאַבטע אַקטריסע וואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו פּער־נעהמען אין גיכען דעם סאַמע אויבען אָן אויף דער ביהנע.

אָבער די בעסערע דראַמע האָט איצט אָנגעהויבען צו ווערען אַ טייערער ביסען. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פּיעסע געווען אַ נישקשה׳דיגער פּרייז, נאָר „מירעלע אפרת" האָט דעם פּרייז בעדייטענד אַ הויב געטהאָן און ווען נאָכדעם האָט קעסלער בעשטעלט ביי גאָרדינען דריי פּיעסען פאַר אַ סעזאָן, האָט די סומע בעטראָפען אכטצעהנהונדערט דאָלאַר. מען האָט דעמאָלט אין טהאַליא טהעאַטער אויפגעפיהרט אָנהויב סעזאָן „גאָט מענש און טייוועל" און סוף סעזאָן „די אידישע סאַפּהאָ". ביידע שטיקער זיינען דורכגעפאַלען, נאָר אויב מען איז געוואוינט אַז די עהרענ־פּיעסען, וואָס מען האָט געשפּיעלט אָנהויב און סוף סעזאָן זאָלען קיין ערפאָלג ניט האָבען, בפרט ווען די ברויט פּיעסען אין מיטען

סעזאָן זיינען איצט געפאלען ווי פּלאַכעס, איז מען אבער ניט געווען געוואוינט צו צאָהלען פאר דורכגעפאלענע פּיעסען ווי דעמאָלט האָט אויסגעוויזען אזא גרויסען פּרייז. און די דירעקטאָרען צווישען זיך האָבען גענומען רעדען, אז כבוד איז טאקע א גוטע זאַך, אבער מען קען זיך ניט לאָזען בדלות ווערען צוליעב דעם.

נאָר צי מען איז בדלות געוואָרען פון די פּאָר בעסערע פּיעסען צי ניט, איין זאַך האָבען זיי קלאָר דערוויזען, אז אין זיי ליגט די קראַפט צו מאכען די רעפּוטאַציע פון א שוישפּיעלער. „די אידישע סאפהאָ“ האָט גלייך צוגעצויגען צו דער יונגער קאַליש די אויפמערקזאמקייט פון דעם בעסערען פּובליקום און דאָ האָט זי צום ערשטען מאָל געהאט די מעגליכקייט צו ווייזען זיך אין איהר פולען גלאַנץ און צו צייגען, אז זי בעזיצט אן אויסעראָרדענטליכען גרויסען טאַלאַנט.

מיט א:א געווינס אין רענאָמע האָבען די אקטיאָרען בשום אופן ניט געקענט אבזאָגען זיך פון די בעסערע פּיעסען און הגם זיי האָבען אפשר מאַטעריעל צוגעליטען, האָבען זיי געשטרעבט צו שפּיעלען אין אזעלכע פּיעסען, וואו זיי האָבען געקענט ארויסווייזען זיך און אויסצייכענען. און אויסגעצייכענט האָבען זיך ניט נאָר די שטערען, נאָר אויך די אנדערע בעסערע אקטיאָרען. אין „גאָט, מענש און טייוועל“ האָט מאָריס מאָשקאָוויטש א שטארקען איינדרוק געמאכט מיט זיין שפּיעלען אין דער סאמע וויכטיגער ראָל פון אוריאל מזיק. אין דער זעלביגער דראמע האָט זיך אויך אויסגעצייכענט לעאָן בלאַנק אין דער קליינער ראָל פון דראכמע. אין דער „שחיטה“ און אין „סאַפהאָ“ האָט זיך מאָגולעסקאָ געוויזען אין אזא ליכט, אין וועלכען מען האָט איהם ביז דעמאָלט ניט געזעהן. אין דער „שחיטה“ האָט ער געשפּיעלט ר׳ זיסעלע, א ראָל פון העכערער קאָמעדיע און אין „סאַפהאָ“ — מאַטיאַס פינגערהוט, א כאַראַקטער ראָל. אין גאָרדינ׳ס רעפּערטואר האָט זיך בעליעבט געמאכט ביי דעם בעסערן פּובליקום שמואל טאָרנבערג, איינער פון די אינטעליגענטערע שוישפּיעלער, און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אין טהעאטער האָט זיך פאָרמירט א גרופּע „גאָרדיניס־

טען". זיי האבען פיעל געהאלפען, אז די „ארדינישע דראמע זאל זיך טיעפער איינוואָרצלען אויף דער ביהנע.

איבריגענס, אין די אנדערע טהעאטערס וואו מען האט זיך שטרענגער געהאלטען ביי די שאבלאנע שטיקער איז אויך ניט געוועזען פרעהליכער, און עס איז געוועזען גיכער אן אויסנאהם, ווען דארטען האט זעהר שטארק אויסגענומען א שטיק. אזא אויסנאהם איז געוועזען אין פיפלס טהעאטער, ווען מען האט דארטען אויפגעפיהרט שייקעוויטשעס „עמיגראנטען", און אפשר זיינען געוועזען נאך איינע אדער צוויי אזעלכע אויסנאהמען. אבער אלס א כלל זיינען דעמאלט שטיקער געפאלען איינס נאכ'ן אנדערן — און דאס האט געקענט זיין א טרייסט פאר א טהעאטער וואס האט זיך לכל הפחות געקענט בעריהמען מיט בעסערע פיעסען.

נאר פלוצים איז די דאזיגע טרייסט אוועקגענומען געווארען. אין ווינדזאר טהעאטער האט מען אויפגעפיהרט א שטיק מיט'ן נאמען „בן הדור" פון מ. הורוויטש, און דער ערפאלג איז געוועזען אזא, וואס מען האט שוין יאהרען און יאהרען ניט געזעהן אין טהעאטער. מען האט געשפיעלט „בן הדור" דריי און צוואנציג וואָכען נאכאנאנד, דאס הייסט דריי פיערטעל סעזאן און דאס איז או סנעטייטשט געווארען, אז דער עולם פערלאנגט דורכאוים אזעלכע שטיקער, וואס הורוויטש און לאטיינער האבען געליפערט פאר'ן טהעאטער אין די גוטע אלטע צייטען. די הערצער פון די דירעקטאָרען פון די אנדערע טהעאטערס זיינען געווארען פערביטערט און מעהר פון אלעמען איז צורייצט געווארען קעסלער. אין טהאליא טהעאטער איז אין דעם זעלביגען סעזאן געוועזען אן אמת'ע מגפה אויף שטיקער, ערגער ווי אומעדום. אזוי גיך ווי מען האט א נייע שטיק אויפגעפיהרט, האט מען עס געמוזט ארונטערנעהמען און די פאליטיקער פון דער קאסע האבען ערקלערט, אז טהאליא האט מיט די עטליכע בעסערע פיעסען פון די פאריגע סעזאנען אזוי פערטריבען דעם עולם, אז קיינער וויל שוין גאר אין טהעאטער ניט פערשמעקען. גארדין האט אנגעשריבען א סענזאציאנעלע נארעשע שטיק „אמעריקא" און מען האט עס אויפגעפיהרט אין דער האפענונג, אז איצט וועט קומען דער נארעשער עולם. נאר דאס האט אויך

ניט געהאלפען. און ווען גארדין איז באלד נאכדעם געקומען לייענען זיין „קרייצער סאנאטא“, האט קעסלער פערבראקירט די פיעסע. און הגם בערטהא קאליש האט די דאזיגע פיעסע אויפגעפיהרט אויף איהר אייגענעם סמך און „קרייצער סאנאטא“ האט געהאט א גרויסען ערפאלג, איז שוין קעסלער געבליבען אונצופריעדען און אויפ'ן קומענדען סעזאן האט ער איבערגעלאזט די גאנצע גדולה פון זיין א דירעקטאר און איז אריינגעטראטען אויף שכירות אין ווינדזאר טהעאטער.

קיינער האט זיך קיין רעכנונג ניט אבגעגעבען, פאר וואס דער „בן הדור“ האט געהאט אזא אונגעוואוינליכען און אונפערדיענטען ערפאלג. דער „בן הדור“ איז ניט געווען קיין נייע שטיק. מיט יאהרען פריהער האט מ. הורוויטש אויפגעפיהרט עס אונטער אן אנדער נאמען, דעמאלט האט עס געהייסען „יחזקיהו המלך“ און עס איז דורכגעפאלען. און ווען אפילו ער וואלט עס אויסגעבעסערט, האט עס אונטער געוואוינליכע אומשטענדען קיין גרויסען ערפאלג ניט געקענט האבען, ווייל דארטען איז אויסער דעם דענען ניטא קיין זאך, וואס זאל אזוי נעהמען אן עולם.

דער אויסערארדענטליכער ערפאלג פון „בן הדור“ איז געקומען גאר פון א זייטיגער זאך. עס איז געווען דאס יאהר ווען אידען זיינען פערטריבען געווארען פון רומעניען, און א גרויסע צאהל פון זיי זיינען אנגעקומען אין ניו יארק. די דאזיגע פערוואגעלטע וואנדערער האבען אין ווינדזאר טהעאטער געטראפען דאס גאנצע ביסעל ארימקייט, וואס הורוויטש האט אימפארטירט פון רומעניען. אין ווינדזאר טהעאטער האבען זיי געטראפען אלע יענע רומענישע אקטיארען, וועלכע האבען זיי אונטערהאלטען אין יאסי, אין באטושאן, אין בראהילא, אין גאלאץ, אין בוקארעסט אין א משך פון לאנגע יאהרען און זיי זיינען געלאפען אין ווינדזאר ווי אין א בעקאנטען טהעאטער. פאר זיי איז „בן הדור“ געווען די סאמע ריכטיגע סחורה, ווייל קיין בעסערס האבען זיי ניט געזעהן און דאס האט געמאכט מעגליך, אז א שטיק וואס איז מיט עטליכע יאהר פריהער דורכגעפאלען זאל זיך איצט קענען האלטען דריי פיערטעל סעזאן.

נאָר בשעת מעשה האָט קיינער ניט בעגריפען די אורזאַך און מען האָט שוין אָנגעהויבען צו רעדען גאַנץ הויך, אַז עס איז צייט צוריקצוקעהרען זיך צו די פריהערדיגע אויטאָרען און אבגעבען פון דער ביהנע יעדען סימן פון דער רעאַליסטישער דראַמע.

אַז דער ערפאָלג פון „בן הדור" איז געווען א צופאל און ניט קיין געוואוינליכע ערשיינונג האבען געוויזען די קומענדע פּאַר סעזאָנען אין דעם זעלביגען ווינדזאָר טהעאטער. שוין אויפ'ן דריטען סעזאָן האָט הורוויטש געזוכט צו ראטעווען זיין טהעאטער דערמיט, וואָס ער האָט איהם פערוואַנדעלט אין אַן אָפּערע הויז. ער האָט אריבערגעבראכט פון אייראָפּא א קאָמפּאניע זינגערס און מען האָט אין ווינדזאָר אָנגעהויבען צו שפּיעלען אָפּערעס. ער האָט אליין ניט בעגריפען, אַז דערמיט שרייבט ער אונטער פאר זיך אליין אלס אויטאָר א טוידט אורטהייל, ווייל ווען אפילו די אונטערנעהמונג זאָל געלינגען, האָט ער אלס דראַמענשרייבער גאָר ניט צו טהאָן דערמיט. נאָר ער האָט קיין ברירה געהאט. ער האָט געזעהן דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון דער דראַמע און איז געקומען צום שלום, אַז אויף דער אידישער ביהנע איז שוין מעהר קיין פּלאַץ ניט געבליבען פאר דעם סאָרט שטיקער, וואָס ער און זיינע קאָלעגען האָבען געשריבען. און דאָס איז געווען דער לעצטער סעזאָן, וואָס ער איז געווען פערבונדען מיט'ן טהעאטער. די אונטערנעהמונג מיט דער אָפּערע איז געווען א דורכפאל און ער האָט פערלאָרען יעדען סענט וואָס ער האָט פערמאָגט. איבריגענס, ער האָט קיין מאָל קיין געלד ניט געהאט און ער האָט פערלעבט, פיעל ער האָט פערדיענט. ער איז פון הארצווייהטאָג פּאַראַליזירט געוואָרען און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אבגעמאטערט עטליכע יאָהר איז ער געשטאָרבען עלענד און פערלאָזען (4טען מערץ, 1910.)

דערווייל האָבען די עטליכע אקטיאָרען, וואָס האָבען אין די פריהערדיגע יאָהרען אויפגעפיהרט די בעסערע היימישע דראַמע, אָנגעשטויסען זיך אויף א מערקווירדיגע ערשיינונג. זיי האָבען בעמערקט, אַז די זעלביגע פּיעסען, וואָס זיינען דורכגעפאלען בשעת מען האָט זיי אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל און זיי האָבען קוים דערצויגען א וואָך אָדער צוויי אויף דער ביהנע האָבען מיט דער

צייט אנגעהויבען צו ווייזען אלץ מעהר און מעהר לעבען. געוואוינליך ווען א שטיק פאלט דורך די ערשטע אדער צווייטע וואך, דארף מען נאך דעם זאגען א רבנן קדיש. אזא שטיק ווערט טוידט פאר דער ביהנע און קיין קראפט קען עס מעהר פון קבר ניט ארויסשלעפען. גאר גאר אנדערס איז דער פאל געווען מיט די מייסטע עהרענפיעסען. א פיעסע פון דעם מין האט געמעגט דורכפאלען די ערשטע אדער צווייטע וואך, און מען האט שוין געגלויבט אז זי איז בעגראבען און פערשאטען. נאר אין א קורצערע אדער לענגערע צייט ארום, האט מען די דאזיגע פיעסע פרובירט שטעלען א שבת בייטאג ווען די אייננאהמע איז געוואונליך א שוואכע, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז א גרעסערער עולם ווי מען האט ערווארט איז געקומען זעהן איהר און זי האט אויסגענומען. און אז מען האט עס געטהאן נאך אמאל און נאך אמאל, איז דער עולם אלץ געווארען גרעסער, און די פיעסע איז אלץ ווארעמער אויפגענומען געווארען.

דערביי איז נויטיג צו בעמערקען וועגען דעם סדר פון שפיעלען נייע שטיקער. אין אידישען טהעאטער שפיעלט מען יעדען אבענד אין וואך און, א חוץ דעם, שבת און זונטאג אויך בייטאג, אין אלעמען ניין מאל א וואך. די וויכטיגע פארשטעלונגען ווערען געגעבען פרייטאג אבענד, שבת בייטאג און אבענד און זונטאג בייטאג און אבענד. די דאזיגע פינף פארשטעלונגען ווערען געגעבען „פאר דעם הויז“, דאס הייסט פון זיי האט דער טהעאטער די הויפט הכנסה. ווען א שטיק האט אויסגענומען און דער טהעאטער איז געווען פול האט מען אין די צייטען פון טהאליא און ווינדזאר געקענט אייננעהמען אין דער קאסע אן אבענד א קיימא לן פון א דאלאר אכט הונדערט. די אייננאהמע שבת און זונטאג בייטאג איז בעדייטענד א קלענערע און ארום ביי פולע הייזער זיינען די דערמאנטע פינף פארשטעלונגען געווען גוט פאר דריטהאלבען—דריי טויזענד דאלאר. די אנדערע פיער פארשטעלונגען, וואס ווערען געגעבען מאנטאג, דינסטאג און דאנערשטאג, זיינען שוין ניט פאר דעם הויז. די דאזיגע אבענדען ווערען פערדונגען פאר בענעפיטען און פאר אזא אבענד האט דער בענעפיציאנט דעמאלט געצאהלט א

דאָלאַר צוויי הונדערט און דער טהעאַטער האָט מיט דער איינגאַהמע גאָר ניט געהאַט צו טהאָן.

די פינף פאָרשטעלונגען פון פרייטאג, שבת און זונטאג רע־בענען זיך אויף טהעאַטער לשון א וואָך. די זאָרג וועגען א פּיעסע איז פאַר די דאָזיגע דריי טעג. ווען מען פיהרט אויף א נייע שטיק שפּיעלט מען עס נאָר די דריי טעג, און וואָס איז שייך צו די אַנדע־רע וואָכעדיגע פיער טעג שפּיעלט מען אַלטע שטיקער און דער בע־נעפיציאַנט קלייבט אויס פון אָנגעגעבענעם רעפּערטואר אַזאַ וואָס איהם געפעלט.

אין יענער צייט איז די מורא פאַר א דורכפאַל געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט ניט געוואַגט צו שפּיעלען אַלע פינף מאָל פון פרייטאג, שבת און זונטאג די נייע פּיעסע און מען האָט אַזאַ דאָס רוב נאָר געשפּיעלט אין די דריי אָבענדען, בשעת אויף שבת ביי־טאג און זונטאג בייטאג האָט מען אויפגעפיהרט א רעפּערטואר פּיעסע, וואָס איז געווען א גאַנגבאַרע סחורה ביים עולם. א טהעאַ־טער האָט געציטערט איבער אַזעלכע רעפּערטואר פּיעסען און האָט זיי גערעכענט פאַר א גרויסען נדן. אָפט האָט מען זיך אין דער לעצטער מינוט געכאַפּט, אַז די נייע פּיעסע קען אפילו ניט געשפּיעלט ווערען אין די דריי אָבענדען און מען האָט אין דער גיך איהר פער־ביטען מיט די שטאַרקסטע רעפּערטואר פּיעסען.

א חוץ דעם האָט א רייכערער רעפּערטואר געהאַט א גרויסע בעדייטונג פאַר די וואָכעדיגע אָבענדען. ווי שוין געזאָגט, האָט מען אַזעלכע אָבענדען פערדונגען פאַר בענעפיטען און געטהאָן האָט מען עס דערפאַר, ווייל א טהעאַטער האָט קיין מאָל ניט געקענט האָפען אַריינצונעהמען אין דער קאַסע אין מיטען וואָך אַזאַ סומע, ווי מען האָט בעצאָהלט פאַר א בענעפיט און עס איז געווען אין די אינטערעסען פון טהעאַטער צו האָבען אַזעלכע אין מיטען וואָך וואָס מעהר. וואָס רייכער דער רעפּערטואר פון א טהעאַטער, אַלץ גרעסער איז דאָרטען געווען די צאָהל פון די בענעפיטען, און הגם די אמת'ע גאַנגבאַרע רעפּערטואר פּיעסען האָט מען געוואוינליך פאַר קיין בענעפיט ניט געגעבען, האָט מען זיי אָבער פאַר א גע־וויסער גרעסערע סומע זיי געקענט קריגען, און דאָס האָט ווידער

נעמאכט א בעזונדער קוואל פון הכנסה פאר דעם שטערן. וועלכער איז אויך געווען דער הויפט דירעקטאר.

די ראזינע בענעפיסען האבען אויך פיעל געהאלפען די בעסערע פיעסען אויפצושטעהן תחית המתים. דער גרעסערער אקטיאר וועט איהם איז שטארק געפעלען געווארען א ראל אין זיינער א דורכגעפאלענער בעסערער פיעסע פלעגט צורעדען די בענעפיציאנטען צו איהר און די האלטונג פון דעם פובליקום אין טהעאטער איז געווען דער וועיזער פאר איהם.

אויף אזא אופן זיינען אויפגעשטאנען תחית המתים די מייסטע בעסערע היימישע פיעסען. וועלכע זיינען פריהער דורכגעפאלען און דאס איז געווען א נייע ערפאהרונג ביים טהעאטער. מיט די שאבלאנע שטיקער האט אזא פאל ניט פאסירט. פערקעהרט, די ערפאהרונג האט געוויזען אז דאס רוב שאבלאנע שטיקער וואס האבען איינגעבראכט אוצרות געלד בעת מען האט זיי אויפגעפיהרט נייערהייד, זיינען געווארען טוידט אזוי גיך ווי מען האט זיי ארונטערגענומען פון דער ביהנע. און די עטליכע אקטיארען וואס האבען זיך פריהער בעקלאגט, אז זיי זיינען בדלות געווארען פון די בעסערע פיעסען. האבען מיט אמאל אויסגעפונען אז זיי האבען אליין ניט וויסענדיג אנגעזאמעלט אין זיי א גרויסען אוצר.

איצט האט מען זיי שוין ניט געשפיעלט פאר'ן און נאכ'ן סעזאן און פון עהרענפיעסען זיינען זיי געווארען ברויט פיעסען. איז טהאליא טהעאטער איז די בעסערע פיעסע געווארען די תושב'טע און האט זיך ברייטלאך אויסגעזעצט אויף דער ביהנע. דער אידישער טהעאטער, הגם ער איז געווען אויף א פעררופענער גאס און אויף יעדען טריט האט מען זיך אנגעשטויסען אדער אויף א שכור אדער אויף א נאסענמיידעל פון סאמע רינשטאק, האט אנגעהויבען צוציהען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער העכערער אמעריקאנער אינטעליגענץ. עס פלעגען קומען אין טהעאטער אמעריקאנער פראפעסארען, ליטעראטען און אלע יענע וואס האבען זיך אינטערעסירט מיט א בעסערען צושטאנד פון דער אמעריקאנער ביהנע. עטליכע בעריהמטע אמעריקאנער קריטיקער האבען ארויסגעשטעלט דעם אידישען טהעאטער פאר א ביישפיעל צו דעם אמעריקאנעם

פּובליקום און האָבען בעדויערט, וואָס אויף דער אמעריקאַנער ביה־נע שטעלט מען ניט אַזעלכע ערנסטע פּיעסען ווי אין אידישען טהעאַטער.

אין אידישען טהעאַטער זיינען אויך געקומען דירעקטאָרען פון אמעריקאַנער טהעאַטערס און זיי, תמיד אויף דער וואך פאַר נייע קרעפטען, האָבען זיך צוגעקוקט צו די אידישע אַקטיאָרען. זיי האָבען ערוואַרט צו טרעפען קונצענמאַכער, פּאַיאַצען און צו זייער גרויסער איבערראַשונג האָבען זיי דאָ דערזעהען אמת'ע קינסטלער, מאַנכע גאָר גרויסע, וואָס האָבען געקענט זיין אַ ציערונג אויף דער אמעריקאַנער ביהנע.

עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די איבערגאַנגס עפּאָכע האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען זיך, און דער גרויסער ניו יאָרקער עולם האָט זיך שוין באַלד קלאָר געמאַכט וואָס צו פאָדערען פון אַ טהעאַטער. די היים פון דער בעסערער דראַמע איז געוואָרען טהאַ־ליאַ טהעאַטער און די זיילען אויף וועלכע זי האָט זיך געשטיצט זיינען געווען קעסלער, קאַליש און ליפּצין. די פריהערדיגע אויטאָרען וועלכע האָבען פריהער געהאַט די גאַנצע ביהנע אין זייערע הענד, האָבען זיך איצט מעהר ניט אַנגעזעהן. די וויכטיגסטע קראַפט אויף דער ביהנע איז געוואָרען גאָרדין און אין דער צייט האָבען זיך אויך אָנגעהויבען צו לאָזען הערען קאָברין און ז. ליבין. אין די יאָה־רען האָט ליבין געמאַכט זיינע ערשטע שריט אויף דער ביהנע און געטראָטען איז ער מיט אונזיכערע טריט. אַלע זיינע ערשטע שטי־קער זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען אין טהאַליאַ טהעאַטער און ביז „הענעלע" זיינען זיי כמעט אַלע דורכגעפאַלען. נאָר ליבין האָט גע־האַט אַ גוטען נאָמען אַלס סקיצענשרייבער און מען האָט פון איהם ערוואַרט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער אַרויסקומען מיט אַ בעסערע דראַמע, וואָס וועט אין דער זעלביגער צייט זיין נאָהענט צום פאָלק.

ל. קאָברין האָט נאָך „מינא" אויך געזוכט אַ מקום מקלט אין טהאַליאַ טהעאַטער און דאָרטען האָט מען אויפגעפיהרט זיין „איסט סייד גהעטאָ." זיין נעקסטע פּיעסע „סאָניע פון איסט בראָדוויי" אָדער „נאַטור, מענש און חיה" האָט מען אויפגעפיהרט אין פּיפּעלס

טהעאטער און זי איז דורכגעפאלען. לויט דעם כאראקטער פון יענעם טהעאטער איז דארטען ניט געווען קיין פלאץ פאר א שרייבער פון א בעסערער דראמע, נאר דאס איז אויסגעפאלען אין דער צייט ווען דאס שאבלאנע שטיק האט מעהר קיין קאפ ניט געקענט אויפהויבען און מען האט זיך געדארפט קליגען, ווי אזוי אנצוהאלטען א פובליקום, און עטליכע יאהר נאכאנאנד האט קאברין געשריבען אויסשליסליך פאר טהאמאשעפסקי.

די השפעה פון דער בעסערער דראמע האט זיך אויף אזא אופן פערשפרייט אויף דער גאנצער ביהנע און דער שם און דער מאטעריעלער צושטאנד פון דעם אידישען טהעאטער איז געווארען אזא, אז גרויסע אידישע שוישפיעלער, וואס האבען געשפיעלט ביי די אומות העולם אין איירָאפא האבען געווארפען אן אויג אויף איהם. דער ערשטער פון אזעלכע אקטיארען איז געווען מאריץ מאריסאן, א קייזער קעניגליכער שוישפיעלער פון דער ראמאנטישער שולע. ער איז געקומען גאסטראלירען אין דעם דייטשען טהעאטער און פון דארטען האט ער פערבלאנדזשעט צו דער אידישער ביהנע, נאר ער איז קיין מאל ניט אבגעטראטען פון דעם קלאסישען רעפערטואר. ער אליין האט געשפיעלט אין דייטש און די אנדערע אקטיארען האבען געבראכען די צונג אין די דייטשע ראלען, און פון דעמאלט אן פלעגט ער כמעט יעדען יאהר קומען און געבען א געוויסע צאהל פארשטעלונגען. אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז ער אין גאנצען געווען אבהענגיג פון אידישען טהעאטער.

עטליכע וואס זיינען געווארען געטראפען פון דער נייער ארדנונג אויף דער ביהנע האבען זיך געזוכט צו ראטעווען דערמיט, וואס זיי האבען בעאיינפלוסט א געוויסען אויפגעקומענעם רוסישען אידען מר. הערי פישעל, ער זאל פאר זיי בויען א טהעאטער אין סאמע הארצען פון אידישען קווארטאל. צווישען זיי זיינען געווען: מארים פינקעל, סאפיע קארפ, יאזעף לאטיינער, דער קאפעלמייסטער פרידזעל, און זיי האבען אויך צוגעצויגען דעם קאמיקער ב. בערנשטיין. דעם טהעאטער האט מען אויסגעבויט אויף גרענד סטריט און מען האט דאריבער איהם א נאמען געגעבען גרענד טהעאטער.

דאָס איז געווען דער ערשטער טהעאַטער וואָס איז געבויט געוואָרען לכתחילה פאַר אַ אידישע טרופּע און פאַר אַ אידישען פּובליקום. ער איז געעפענט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד אין דעם יאָהר 1903. אין דעם טהעאַטער האָט די קאָמפּאַניע געזוכט צו בע־שיצען זיך געגען דעם נייען שטראָם וואָס האָט שוין פּערפּלייצט די ביהנע. לאַטיינער איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ היסטאָרישע אָפּע־רעטע „ציון אָדער על נהרות בבל", וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידט פון זיינע אַמאָליגע שטיקער. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער ווי די מיטגליעדער פון זיין קאָמפּאַניע ניט געוואָלט גלוי־בען, אַז דער עולם איז אויסגעוואַקסען פון דעם פּורים שפּיעל, און ער איז געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז דאָס זיינען די דירעקטאָרען, וואָס האָבען זיך געשטעלט געגען די שאַבלאָנע שטיקער פון די אַכ־ציגער יאָהרען. אין אַן אייגענעם טהעאַטער און אַליין אַ דירעקטאָר וועט ער ווייזען, אַז דער געשמאַק ביים עולם איז דער זעלביגער. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די קאָמפּאַניע האָט איינגע־זעהן, אַז קעגען שטראָם קען מען ניט געהן. דער פּועל יוצא פון דער שלים מזל'דיגער אונטערנעהמונג איז געווען, אַז די קאָמפּאַניע האָט ניט אויסגעהאַלטען און סאַפּיע קאַרפּ איז באַלד פון שברת הלב גע־שטאָרבען.

פון דער בעסערער דראַמע האָט מען נאָך דערווייל אויך ניט געמאַכט קיין גרויסע גליקען נאָר אַלע האָבען שוין געזעהן, אַז זי איז די דראַמע פון מאָרגען. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע און באַלד נאָכדעם ווי די לעצטע אַנשטרענגונג פון הורוויטש האָט זיך געענדיגט מיט אַ קראַך, האָט זיך די קאָמפּאַניע פון טהאַליאַ אונטער דער דירעקציאָן פון לעאָפּאָלד שפּאַכנער און דוד קעסלער קאָמבינירט מיט קעני ליפּצין און איבערגענומען דעם ווינדזאָר טהע־אַטער און די ביידע גרויסע קונסט טעמפּלען זיינען געווען געוויד־מעט דער בעסערער דראַמע.

ניינטער קאפיטעל.

דער פאל פון דער בעסערער דראמע.

אין דער צייט וואס די בעסערע דראמע האט זיך ענטוויקעלט מיט אזא וואונדערבארע שנעלקייט און פערשפראכען צו ווערען דער שטאלץ פון אידען, האבען אונערוואראטעט אנגעהויבען צו פאלען גרויסע שטיינער אין איהר וועג.

דער ערשטער גרויסער שטיין וואס איז געפאלען אין וועג דער בעסערער דראמע איז געוועזן די פארמירונג פון א יוניאן צווישען די אקטיארען.

דער אמת איז, אז די אקטיארען האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט. כל זמן שפיעלען טהעאטער איז געוועזן מעהר מעשה קונדס, האט מען זיך מיט דער מאטעריעלער פראגע ווייניג אבגעגעבען. מען האט געשפיעלט און אז עס איז אריינגעפאלען א מטבעה, האט מען געהוליעט, און אז די מטבעה איז ניט געוועזן האט מען צוגעהונגערט און געהאלפען זיך אויף פערשיידענע וועגען. זעהר אפט גאר אויף מאוס'ע און שענדליכע וועגען... נאר דאס איז אלץ געוועזן רעכט ווען דער טהעאטער איז געוועזן אן ארימע אינסטיטוציאן און די שפיעלער זיינען געוועזן יונגע חברה וואס האט וועגען קיין זאך ניט געטראכט און וועגען קיין זאך ניט געזארגט. נאר שוין ארום סוף אכציגער יאהרען האט דער אידישער טהעאטער אין אמעריקא אנגעהויבען צו ווייזען סימנים פון זאטקייט און רייכקייט און וואס ווייטער איז די רייכקייט געוואקסען, און די נעכטיגע יונגע הפקר אקטיארען זיינען געווארען מענער פון ווייבער, טאטעס פון קינדער, מיט א יאך אויפ'ן האלז.

דעמאלט האט זיך טאקע געגריגדעט די ערשטע אקטיארען יוניאן, און הגם זי איז באלד צופאלען געווארען, זיינען אבער געבלי-

בען די זעלביגע אומשטענדען, וואס האבען איהר געשאפען. און וואס ווייטער איז די פאדערונג אויף א יוניאן געווארען גרעסער און שטארקער.

עס האט געהייסען, אז די קאמפאניע אין א טהעאטער האט געארבייט אויף א קאאפעראטיווען פרינציפ. דער גאנצער פראפיט איז צוטהיילט געווארען צווישען די דירעקטארען און שפיעלער און דעם אויטאר לויט דער מארקען סיסטעם. די דאזיגע סיסטעם איז בעשטאנען דעריז, וואס יעדער אקטיאר, דירעקטאר און אויטאר איז אבגעשאצט געווארען אויף אזוי פיעל און אזוי פיעל מארקען, וואס גרעסער דער אקטיאר איז געווען פעררעכענט, אלץ מעהר מארקען האט ער בעקומען. אזוי, למשל, האט א גרעסערער אקטיאר בעקומען הונדערט מארקען, א קלענערער זעכציג און גאר א גרויסער הונדערט און פופציג. די מארקען פון אלע אקטיארען און דירעקטארען זיינען צוזאמענגערעכענט געווארען און ווען, למשל, די סומע פון אלעמענס מארקען האט בעטראפען צוויי טויזענד און דער פראפיט פאר דער וואך איז געווען טויזענד דאלאר איז דער ווערטה פון א מארקע געווען פופציג סענט, און דער אקטיאר וואס האט געהאט זעכציג מארקען האט געקריגען דרייסיג דאלאר. ווען דער פראפיט פאר דער וואך איז געווען הונדערט דאלאר, איז דער ווערטה פון א מארקע געווען פינף סענט, און דער זעכציג מארקעדיגער אקטיאר האט געקריגען דריי דאלאר און דער הונדערט פופציג מארקעדיגער אקטיאר האט בעקומען אכטהאלבען דאלאר.

עס פערשטעהט זיך, אז איידער מען האט אנגעהויבען אויסצוטהיילען דעם פראפיט האט מען פון דער הכנסה ארונטערגענומען דירה געלד, די קאסטען פון בעהייצונג און בעלייכטונג, די שכירות פון די אנגעשטעלטע ארבייטער און די אלע אנדערע הוצאות, וואס א טהעאטער האט דורך דער וואך.

די דאזיגע חלוקה איז אן און פאר זיך א גאנץ ריכטיגע. דאס האט געהייסען אז די גאנצע קאמפאניע איז איהר אייגענער בעל הבית און אז דער פראפיט איז א גרעסערער האבען אלע מעהר שכירות און אז דער פראפיט איז א קלענערער האבען אלע ווייניגער שכירות.

איז אבער געווען די צרה, וואס ביי דער חלוקה האבען די די־רעקטארען געמאכט צו גרויסע חשבונות און די אקטיארען האט מען קיין ביכער ניט געוויזען. זיי האבען געזעהן, אז מען שפּיעלט א וואך צייט פאר געפאקטע הייזער, נאר אז עס קומט צו דער חלוקה ווייזען זיך ארויס אזעלכע הוצאות, אז א מארקע האט געהאט גאר א קליינעם ווערטה.

דאס האט געטריבען די אקטיארען צו פאדערען געוועוינליכע שכירות און די סיסטעם פון מארקען זאל אין גאנצען אבגעשאפט ווערען. די אקטיארען האבען מעהר ניט געוואלט זיין אליין בעלי בתים און ארבייטען אויפ'ן רוח און האבען בעסער פערלאנגט צו ווערען בעטראכט אלס אנגעשטעלטע ארבייטער און קריגען יעדע וואך שכירות. און כדי דאס צו דערוויייזען האבען זיי זיך געמוזט ארגאניזירען אין א יוניאן.

אויבערפלעכליך ווייזט אויס, אז דאס האט גאר ניט צו טהאן מיט דער ענטוויקלונג פון דער בעסערער דראמע. עס איז געווען ניט מעהר ווי רעכט, אז ווען דער טהעאטער איז רייך געווארען, זאלען די אקטיארען דערפון געניסען, און די בעסערע דראמע האט ניט געקענט פערלירען און ניט געווינען, צו וועמען דאס געלד פון דער קאסע איז ניט אריינגעפאלען. נאר באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז די יוניאן איז טהיילווייז געבוים געווארען אויפ'ן חשבון פון דער בעסערער דראמע.

די אקטיארען האבען אין גיכען אויסגעפונען, אז אויב עס קומט צו'א צוזאמענשטויס מיט די בעלי בתים, וועלען זיי גיכער גע־ווינען זייער קאמף, אויב אלע וואס ארבייטען ביים טהאטער וועלען זיין ארגאניזירט. און זיי האבען ארגאניזירט די כאריסטען, די מוזיקער, די שמשים, די אנציהער, די טהיר־שטעהער און דאס גליי־כען און וואס מעהר זיי האבען דערפיהלט זייער קראפט, אלץ מעהר האבען זיי דעם טהעאטער פערוואנדעלט אין א פאבריק. זיי האבען גע'פסק'עט פיעל אקטיארען א טהעאטער זאל בעשעפטיגען, פיעל מוזיקער, פיעל כאריסטען, פיעל אנציהער, פיעל שמשים זאלען אנגעשטעלט ווערען און פיעל מען זאל זיי צאהלען. זיי האבען אריינגעטריבען א טהעאטער אין אזא הוצאה, אז עס איז רעכט, אז

חען ער מאַכט בלויז עטליכע וואַכען שלעכטע געשעפטען זאָל ער פּלאַצען.

עס איז פריהער געווען דערמאָנט, ווי אַזוי כמעט אַלע בעסע־רע פּיעסען זיינען די ערשטע צייט וואָס מען האָט זיי אויפגעפיהרט געווען אַ דלות פאַר'ן טהעאַטער און ערשט שפּעטער זיינען זיי גע־וואָרען אַ קוואַל פון גרויסע הכנסות. ווען די יוניאָן איז אַריין אין איהר פולער קראַפט, איז דאָס געוואָרען אַן אונמעגליכקייט. אַ טהע־אַטער האָט געמוזט דעקען אַזוי פיעל הוצאות אַ וואָך און האָט ניט געקענט ערלויבען זיך צו נעהמען קיין שאַנסען.

אין דער צייט ווען די אידישע דראַמע האָט אָנגעהויבען אויפ־צובליהען, האָט זיך פאַרמירט צווישען די אַקטיאָרען אַ קרייז פון גאַרדיניסטען. זיי זיינען געווען גרייט צו שפּיעלען פאַר קלענערע שכירות אין אַ טהעאַטער, וואו מען האָט אויפגעפיהרט גאָרדינס פּיעסען. שפּעטער איז יעדער דורכשניטליכער אַקטיאָר געוואָרען אַן אמת'ער שונא פון אַ בעסערער דראַמע, ווייל איהם האָט אויסגעווי־זען, אַז זי איז מקפּח זיין פּרנסה און פיעלע אַקטיאָרען שרעקען זיך פאַר אַ גוטע פּיעסע, ווי דער שטן פאַר ווייראַך.

מען דאַרף בשום אופן ניט דענקען, אַז זיי איז ליעבער צו שפּיע־לען אין נאַרעשע שטיקער, זיי ווייסען אויסגעצייכענט, אַז אַרויס־ווייזען זיך אַלס שוישפּיעלער האָבען זיי נאָר אַ מעגליכקייט אין דער בעסערער דראַמע, נאָר זיי זיינען זאַט געוואָרען און אין דער זאַטקייט איז פאַרשוואונדען געוואָרען דער אַרטיסטישער אינס־טינקט.

איבריגענס, די אַקטיאָרען אַליין זיינען נאָך אַ האַלבע צרה. זיי בעגרייפען ווען זיי כאַפּען איבער די מאָס. אַזוי איז אָנפאַנגס געווען שטרענג דורכגעפיהרט אַז די טהירען פון דער יוניאָן זאָלען זיין פאַרשלאָסען פאַר נייע מיטגליעדער און דאָס האָט געהייסען, אַז קיין פרישע בלוט זאָל מעהר ניט צוקומען צו דער ביהנע. זיי האָבען אויף אַזאַ אופן פאַר'משפּט דעם אידישען טהעאַטער צו אַ טוידט דורך אויסצעהרונג. צו זאָגען דעם אמת, איז דאָס ניט אַזוי געווען אַ מיטעל צו בעזאָרגען זיך מיט לעבענסלאַנגליכען ברויט, ווי צו בעוואָרענען זיך נעגען די דירעקטאָרען, אַז זיי זאָלען ניט

פערפלייצען די אידישע טהעאטערס אין אמעריקא מיט אימפאר־טירטע אקטיארען. זיי האבען געזעהן, ווי די דירעקטארען האבען געמאכט א מאדע אוועקצולאזען זיך יעדען סוף סעזאן נאך אייראָ־פא און ברענגען פון דארטען גאנצע קאמפאניעס, און די פערמאכ־טע טהירען פון דער יוניאן זיינען געווען אן ענטפער דערויף. און מען דארף ווידער זאגען דעם אמת, אז געגען אימפארטירטע אנער־קענטע גרעסערע שוישפיעלער האבען זיי קיין זאך ניט אנגעווענדט און ניט געמאכט זיי קיין שוועריגקייטען צו שפיעלען אין טהעא־טער. שפעטער האבען די אקטיארען איינגעזעהן, אז דער פרינ־ציפ פון פערשלאסענע טהירען קען זיך ניט צופאסען צו א יוניאן פון אקטיארען און זיי האבען די טהירען עטוואס געעפענט.

די גרעסטע צרה פאר דער בעסערער דראמע זיינען די אנדערע יוניאנס, וואס זיינען פערבונדען מיט'ן טהעאטער. די דאזיגע יו־ניאנס זיינען געגרינדעט געווארען אין א צייט, ווען דער אידישער טהעאטער האט געהאט אן אפערעטישען כאראקטער. דאס האט נויי־טיג געמאכט כאריסטען, מוזיקער, שניידער און דאס גלייכען און נאך איצט קען מען זיך אהן זיי אין גאנצען ניט בעגעהן, ווייל גע־זאנג און טאנץ איז ניט אבגעשאפט געווארען אין אידישען טהעא־טער. אבער דער דאזיגער גאנצער באלאסט איז לחלוטין איבריג אין א טהעאטער, וואס זאל זיך ווערען אין גאנצען אבגעבען צו דרא־מע. ווען אזא טהעאטער זאל זיך ווערען עפענען, וועלען די יוניאנס ניט ערלויבען. פאר זיי איז גאנץ עגאל צי א טהעאטער דארף הא־בען דעם איבריגען באלאסט צי ניט. אהן דעם וועט זיך קיין פאר־האנג אין א טהעאטער ניט אויפהויבען. אלענפאלס אזוי איז גע־ווען ביז היינטיגען טאג. און אויב אזוי זאל אנהאלטען ווייטער וועט זיין שווער צו האבען א בעסערע דראמע אין אידישען טהע־אטער אין אמעריקא.

א צווייטער קלאפ פאר דער אידישער ביהנע איז געקומען פון די אמעריקאנער דירעקטארען. זיי האבען געווארפען אן אויג אויף די אידישע שוישפיעלער און די ערשטע וויכטיגע קראפט וואס די אמעריקאנער ביהנע האט צוגענומען פון דעם אידישען טהעאטער איז געווען בערטהא קאליש.

ביז דער צייט איז דער אידישער טהעאטער אין ניו יאָרק געווען דער צענטער צו וועלכען די אויגען פון אלע אידישע אקטיאָרען זיינען געווען געווענדט. די אידישע ניו יאָרקער דירעקטאָרען האָבען געזוכט און געאקערט אין יעדער מדינה, וואו אידישע אקטיאָרען האָבען געשפּיעלט און וואו נאָר זיי האָבען געטראָפען א מעהר אָדער וועניגער וו כטיגע קראַפט, האָבען זיי איהר געבראכט אין דער נייער היים פון אידישען טהעאטער. דער אמעריקאנער דאָלאר האָט אריבערגעוואויגען יעדע אנדערע מטבעה פון יעדער אנדערער מדינה און א חוץ דעם האָט די ניו יאָרקער אידישע ביהנע גע'שם'ט ווייט און ברייט. און איצט האָט אנגעהויבען צו שוועבען א געפאהר, אז די אמעריקאנער ביהנע וועט צונעהמען פון אידישען טהעאטער יעדע בעסערע קראַפט.

בערטהא קאליש האָט געהאט די פּאָסטאציע, די פיגור, דעם פּנים וואָס האָבען איהר געגעבען די מעגליכקייט צו ערשיינען אין די פערשיידענסטע ראָלען, און ארויסברענגען א פולשטענדיגע אילוזיע. זי האָט געקענט זיין מאַ עסטעטיש, אינטעליגענט, אויסגעלאסען, פערגרעבט. זי האָט געהאט א וואונדערבארע שטים און דיקציע און א דאנק דעם האָט זי געקענט רעדען אויפ'ן נאטירליכסטען אופן און איהר שטים זאָל דערגרייכען אין די סאמע ווייטסטע ווינקלען פון טהעאטער. איהר טעמפּעראמענט האָט איהר ערלויבט אויסצודריקען די ט עפסטע, שטארקסטע און איידעלסטע געפיהלען און די מוסקולען פון איהר געזיכט האָבען זיך אזוי געלאָזט קאָנטראָלירען, אז אָהן דער מינדסטער אנשטרענגונג איז זי אריבער פון איין מוטה אין דעם צווייטען. איהרע אויגען האָבען זיך מאָמענטאַן פון דער ווייכסטער ליעבע אָנגעצונדען מיט העלישען פייער. די בויגזאמקייט פון איהר שטימע און געזיכטסציגע האָבען פאר איהר מעגליך געמאכט א בערצוגעבען די איידעלסטע שאטירונגען פון א געפיהל און דאָס האָט איהר געמאכט אונשאַצבאַר פאר אינטעליגענטע ראָלען.

ווי ווייט דער קלאָפּ האָט זיך געפיהלט אויף דער ביהנע קען מען זעהן דערפון, אז מיט איהר אוועקגעהן פון אידישען טהעאטער איז אונמעגליך געוואָרען צו שפּיעלען עטליכע פּיעסען פון איהר רע

משה הורוויטש

משה זײפֿערט

יוסף לאטײנער

מארק ארנשטײן

נ. מ. שײקעוויטש
(שמ״ר)

משה קאַץ

ז. ליבין

לעאָן קאָברין

פערטואר. אזוי זיינען פערשטופט געווארען צום הינטערגרונד „סאפהא” און „קרייצער סאנאטא”. און דאס הייסט אז געוויסע בעסערע פיעסען וועלכע וואלטען געווען מעגליך מיט קאליש אויף דער אידישער ביהנע, האבען אהן איהר קיין ערפאלג ניט געקענט האבען.

עס איז געווען ניט מעהר ווי א צופאל, וואס די אמעריקאנער דירעקטארען האבען אוועקגענומען בלויז בערטהא קאליש פון אידישען טהעאטער. ווען יעקב אדלער זאל זיין אינגער, וואלטען זיי איהם אויך פערנומען. ער האט שטארק חשק געהאט צו שפיעלען אויף א פרעמדער ביהנע און זעהר געגארט צו געווינען אנערקענונג פון א פרעמדען פובליקום. אבער איהם איז אין וועג געשטאנען זיין עלטער און עס איז ניט געווען קיין שום האפנונג, אז ער זאל זיך ווען אויסלערנען ענגליש. און ער האט זיך געמוזט צופריעדען שטעלען דערמיט, וואס ער האט עטליכע פארשטעלונגען געגעבען אויף א פרעמדער ביהנע, מיט אן אמעריקאנער קאמפאניע און ער האט זיין ראל געשפיעלט אין אידיש און די אנדערע אקטיארען האבען געשפיעלט אין ענגליש. דאס איז געווען גרינג צו דערווייזען דערפאר, וואס צו די דאזיגע פארשטעלונגען האט ער אויסגעקליבען די פיעסע „שיילאק”.

דוד קעסלער האט אויך שפעטער געמאכט א פערזוך צו שפיעלען אויף דער אמעריקאנער ביהנע, נאר די פיעסע אין וועלכער ער איז ארויסגעטראטען איז גלייך דורכגעפאלען און ער האט זיך תיכף צוריקגעקעהרט צום אידישען טהעאטער.

אדלער און קעסלער זיינען פון די מענער שפיעלער די סאמע וויכטיגסטע אקטיארען אויף דער אידישער ביהנע. יאהרענלאנג האבען זיי געזוכט צו מעסטען זיך מיט די קרעפטען, גראד ווי פראפעסיאנעלע אטלעטען מעסטען זיך אין אמעריקא מיט פיזישער גבורה, ווער פון זיי איז א גרעסערער שוישפיעלער, און זיי האבען ניט בעגריפען, ווי פערשיידען זיי זיינען איינער פון דעם צווייטען. אדלער איז א רעאליסטישער שפיעלער מיט א נייגונג צו ראמאנטישע פארבען, און קעסלער איז א נאטוראליסטישער אקטיאר מיט אן אויג פאר לעבענס־ווארהייט. אדלער וועט אנלייגען

א סך וועג צו מאכען א שטארקערן איינדרוק, און קעסלער וועט זיך גיכער רעכענען מיט דער מענשליכער נאטור. אדלער פיהלט זיך ווי א פיש אין וואסער ווען ער קען ערשיינען אויף דער ביהנע אין גייסטיגע עפּאַלעטען, און קעסלער פיהלט זיך מעהר אין זיין עלע־מענט אין די ראָלען פון הפקר יונגען. אדלער'ס שטים איז ווייך און לאסטשעדיג אין די אונטערסטע טענער און זיין פנים איז מאג־נעטיש, נאָר דערפאר האבען זיינע אויבערסטע טענער און אונאנ־גענעמע שארפקייט און אן אנגעשטרענגטקייט. ביי קעסלער'ן, פער־קעהרט, ווען ער רעדט שטיל קומען אַפט ארויס די ווערטער מבולבל און צוזאמענגעגאסען, נאָר דערפאר זיינען די אויבערסטע טענער לייכט און פריי און יעדער אטאם ביי איהם איז פול מיט בעהאלטע־נער קראפט.

ביידע, סיי אדלער און סיי קעסלער קענען פיהלען שטארק און ביידע צייכענען זיך אויס אין העפטיגע סצענעס, נאָר דאס רוב ווענדען זיי דערצו אַן עלעמענטארע מיטלען. זיי האבען ביידע אויסדרוקספולע פנימ'ער און קענען לייכט איבערגעבען די פער־שיידענסטע געפיהלען.

אלס א כלל האבען די אידישע שוישפיעלער וואס האבען פע־נומען דעם אויבען אַן אין אידישען טהעאטער ניט געהאט קיין אנגענעהמע ערפאהרונג אויף דער אמעריקאנער ביהנע. אפילו בערטהא קאליש, וועלכע איז פערבליבען אויף דער אמעריקאנער ביהנע ביז היינטיגען טאג, האט קיין גרויסע מציאה ניט געכאפּט. זי האט ערווארבען א גרויסען נאמען און פערדיענט מעהר געלד ווי אין אידישען טהעאטער, נאָר זי האט די גאנצע צייט געפיהלט דארטען א פרעמדקייט און קאלטקייט, בשעת אויף דער אידישער ביהנע האט זי געהאט מעהר אנערקענונג, מעהר כבוד און קיין געלד האט איהר אויך ניט געפעהלט. און איהר אוועקגעהן פון אידישען טהעאטער איז געווען א גרויסער פערלוסט פאר דער בע־סערער דראמע.

אבער דעם גרעסטען קלאפּ האט די בעסערע דראמע געקריגען פון דער גרויסער איינוואנדערונג, וואס האט זיך אנגעהויבען נאָך די שרעקלישע קעשענעווער פאגראמען. די זעלביגע אימה'דיגע

רדיפות אין רוסלאנד וואס האבען אין די אכציגער יאהרען געשאפען אין אמעריקא די היים פון דעם אידישען טהעאטער, און פון וועלכע ער האט אלע יאהרען געצויגען זיין יניקה און דערהויבען זיך צו אזא גדולה, האבען אין עטליכע און צוואנציג יאהר ארום געגעבען דער בעסערער דראמע אין אמעריקא א טוידט קלאפ. נאך די קעשענעווער רציחות האט די אידישע איינוואנדערונג אין אמע־ריקא דערגרייכט די העכסטע מדרגה. די גרעסטע צאהל פון די דא־זיגע איינוואנדערער האבען ביז זייער קומען קיין אמעריקא קיין טהעאטער ניט געזעהן, און ווען זיי האבען דא אביסעל אבגעכאפט דעם אטהעם און זיינען געקומען צו זיך, זיינען זיי נייגיעריג גע־ווארען צו זעהן א אידישע פארשטעלונג. זיי האבען זיך א שאט גע־טהאן אין טהעאטער מחנות־וויז, נאר די בעסערע פיעסען און דער העכערער סארט שפיעלען האבען ביי זיי קיין חן ניט געקענט גע־פינען. זיי איז בעסער געפעלען געווארען יענער מין אונגעלומפער־טע שטיקער און יעדער מין גראבער שפיעלען, וואס איז אין א משך פון א פאר צעהנדליג יאהר פערשטופט געווארען פון דער ביהנע. אבער אפילו די ביליגע שטיקער זיינען געוועזן צו הויך פאר זיי, די דאזיגע שטיקער האבען שוין איצט געהאט א געוויסע פאליטור און דאס איז געווען א חסרון צום שידוך. די נייע בעזוכער האבען גע־דארפט האבען עפעס אזוינס, וואס זאל האבען א נאהענטע שייכות מיט אן אמת׳ן פורים־שפיעל.

ארום דער צייט האבען אויפגעבליהט די מוזיק האלס. זיי הא־בען זיך געוויזען מיט א פאר יאהר צוריק אין אידישען קווארט־טאל, נאר זיי האבען זיך געמאטערט. דער עולם האט זיך געהאל־טען ווייט פון זיי, הגם באלד פון דער ערשטער צייט האבען זיך דארטען בעוויזען פיינע קרעפטען. דארטען האט זיך בעוויזען קעס־סין, א טאלאנטירטער בוף קאמיקער, וועלכער האט שוין יאהרענ־לאנג געשפיעלט אויף דער פראווינץ; דארטען האט זיך בעוויזען קלארא יאנג, א בעגאבטע סוברעטין; דארטען האט געשפיעלט וויינטרויב און זיין פרוי, און שפעטער בירנבוים — אלע שפיעלער מיט טאלאנט און נאך אנדערע. איבריגענס, קעסטין און קלארא יאנג זיינען דארטען לאנג ניט געבליבען און מען האט זיי אריינגענומען

אין דער יוניאן און זיי זיינען באלד געווארען מיטגליעדער פון א ראיעלער טהעאטער קאמפאניע, און דאס זעלבע איז אויך געשעהן מיט די וויינטרויבס און בירנבוים. אבער נאכדעם ווי די גרויסע איינוואנדערונג האט זיך אנגעהויבען האבען מוזיק האלס ארויסגעשפראצט איבער'ן גאנצען אידישען קווארטאל און אומעדום איז געווארען א גרויסע שפע. די אונטערהאלטונג אין א מוזיק האל איז געווען ווי געוואונשען פאר די נייע אריבערגעקומענע און זיי האבען דא אבגעשלאגען די שוועלען.

די מוזיק האלס זיינען געווארען א מכה אין זייט די טהעאטערם. די דירעקטארען האבען זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער שפע דארטען און זיי האבען גענומען זוכען עצות, ווי אזוי צו געווינען אזא גרויסע פובליקום. עס האט זיי לאנג ניט גענומען צו בעגרייפען, וואס דער דאזיגער גרויסער עולם פארלאנגט און עס האט זיך אנגעהויבען א שארפע קאנקורענציע צווישען די טהעאטערס און די מוזיק האלס און איינע האבען געזוכט איבערצושטייגען די אנדערע. אויב די טהעאטערס האבען געהאט מעהר געלד, מעהר ערפאהרונג, מעהר טאלאנט און מעהר מעגליכקייט צו געבען ספעקטעקלדיגע זאכען, האבען די מוזיק האלס דערפאר געהאט יוגענד, שעהנקייט און מעהר וואריעטע. צו הויבען א פיסעל אין א טענצעל האט א יונגע שעהנע מיידעל אין מוזיק האל געקענט עס דערווייזען מיט מעהר חן ווי אן עלטערע סוברעטין אין טהעאטער און צו זינגען א פזמון האט דער יונגער בחור פון מוזיק האל מיט זיין פרישער שטים געקענט גיכער אויסנעהמען ווי דער עלטערער קאמיקער פון טהעאטער מיט זיין געבראכענעם קול. דער קאמף האט אנגעהאלטען עטליכע יאהר.

דאס איז געווען א ביטערע צייט פאר דער בעסערער דראמע. אונטער דער צייט האט אדלער איבערגענומען דעם גרענד טהעאטער און דא איז ער געווארען אליין בעל הבית, נאר ער האט זיך פערלארען און ניט געוואוסט אויף וועלכער זייט צוווארפען זיך. דעם ערשטען סעזאן אין גרענד האט ער אויפגעפיהרט א סענטימענטאלע מעלאדראמע פון ז. ליבין, „די צובראכענע הערצער“, וועלכע האט געהאט א גרויסען ערפאלג. נאר אויפ'ן צווייטען סע־

זאן איז שוין גארדין געווען אנגעשטעלט אין גרענד אלס אויטאר, און עס האט געהאלטען, אז אלע בעסערע קרעפטען זאלען זיך קאמבינירען צוזאמען. דאס איז געווען קירצליך פאר דעם, ווי בערטהא קאליש איז אוועק פון אידישען טהעאטער און עס האט געהייסען, אז יעקב אדלער, סאניע אדלער, קעסלער און קאליש זאלען צוזאמען שפיעלען אין גרענד. נאר די קאמבינאציע האט לאנג ניט אנגעהאלטען און ווי מען האט געדארפט ערווארטען זיינען די לעצטע צוויי אין גיכען ארויסגעטראטען פון דעם טהעאטער. צוויי סעזאנען האט גארדין געשריבען פאר אדלער און אין גרענד זיינען אויפגעפיהרט געווארען „דער מטורף“, „אלישע בן אבויה“, „אמת’ע קראפט“, „גאליציע“ און נאך א פאר אנדערע. פון זיי זיינען א פאר דורכגעפאלען מיט א קנאק. „אלישע בן אבויה“ האט זיך קוים געהאלטען א וואך צי צוויי און „גאליציע“ האט אפילו איין וואך ניט דערצויגען. און צווישען אדלער און גארדין האט זיך אנגעהויבען די אייביגע לאדענים. עס האט ביי זיי זעלטען געטראפען, אז זיי זאלען אבשטעהן א סעזאן אדער צוויי צוזאמען און ניט אנקורמען צום געריכט. גארדין איז געבליבען אהן א טהעאטער און הגם ער האט שוין פאר זיינס א ווערק געקריגען א פאר טויזענד דאלאר, האט ער אבער דערפיהלט, אז ער פערלירט דעם באדען אונטער זיינע פיס און זיין אנהאלט אין טהעאטער איז געווארען שוואכער.

ער אליין האט עס צוגעשריבען צו דעם נאציאנאלען ערוואכען פון דעם אידישען פאלק. דעמאלט האט זיך אנגעהויבען צו פערשפרייטען דער נאציאנאליסטישער געדאנק צווישען אידען, און זיינע דראמען וואס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט’ן קאסמאפאליטישען גייסט האבען שוין ניט געקענט ארויסרופען יענעם ענטהוזיאזם וואס זיי האבען פריהער בעוועגט אין די ראדיקאלע קרייזען. עס איז מעגליך, אז ביז א געוויסען גראד האט דער ערוואכטער נאציאנאליזם געשאפען א געגנערשאפט געגען זיין ראדיקאלער טענדענץ. זיין „טהרת המשפחה“ האט ארויסגערופען א שארפען פראטעסט אין די נאציאנאל געזאנענע קרייזען. צו זיין „גאליציע“ און „אלישע בן אבויה“ איז קיינער ניט געקומען; אבער דאס

איז ניט געווען די הויפט אורזאך, פאר וואס דער באדען האט זיך גענומען אוועקגלימשען פון אונטער זיינע פיס, ווייל דער זעלבי־גער „אלישע בן אבויה“ האט מיט עטליכע יאהר שפעטער, אין דער סאמע צייט פון גאטזוכענים געהאט א גרויסען ערפאלג. גארדין האט אנגעהויבען צו פערלירען זיין פלאץ אויף דער ביהנע, ווייל די גרויסע מחנות פון די ניי אריבערגעקומענע איינוואנדערער האבען ניט געקענט פערדייהען קיין בעסערע דראמען, און די דירעקטא־רען האבען זיך פון הויט געריסען צו געווינען דעם גרויסען עולם אויף זייער זייט. אין דער צייט האט אין גרענד טהעאטער געהאט דעם גרעסטען ערפאלג זייפערט׳ם היסטארישע אפער „די מלכה שבא“, אין דער צייט האט זיך אדלער אוועקגעלאזט אויף קונץ און איז דורך א קוימען געקראכען, אבי צו נושא חן זיין ביי דעם נייען טהעאטער בעזוכער.

ארום דער צייט אדער מיט א יאהר פריהער איז אנגעקומען אברהם גאלדפאדען צום צווייטען מאל אין אמעריקא, נאר איצט שוין מיט׳ן געדאנק אויסצולעבען זיינע לעצטע טעג אין דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער. און הגם שוין א קראנקער און אויסגעמאטערטער האט ער נאך חשק געהאט צו שרייבען פאר דער ביהנע. דורכגעדרונגען מיט׳ן נאציאנאליסטישען געדאנק, האט ער זיך גענומען צו דראמאטיזירען „דניאל דערונדא“, און אין א משך פון א פאר יאהר איז דערפון ארויסגעקומען זיין לעצטע דראמע „בן עמי“, וועלכע, מחשבות׳ן, האט מיט דעם דערמאנטען ענגלישען ראמאן גאר ניט צו טהאן. נאר קיין גרויסען נחת האט ער פון זיין לעצטען ווערק ניט געהאט.

נאך די בעקאנטע פרייהייטס־טעג און פרישע פאגראמען איז רוסלאנד איז אין ניו יארק אויך אנגעקומען שלום עליכם. ער איז געקומען מיט עטליכע פארטיגע דראמען און איהם האט אויסגע־וויזען, אז אויף זיין גורל איז אויסגעפאלען צו רעפארמירען די אידישע ביהנע. אלענפאלס, אזוי האבען בעשלאסען די פריינד און אנהענגער פון דעם גרויסען הומאריסט. מען האט פאר איהם גע־מאכט א ברוך הבא אין אדלער׳ם גרענד טהעאטער און א גרויסער עולם איז געקומען בעגריסען דעם בעליעבטען שרייבער. נאך די

געוואוינליכע רעדעס און בעגריסונגען האט מען ארויפגעפיהרט אויף דער ביהנע דעם פאטער פון אידישען טהעאטער אברהם גאלדפאדען און ער האט די ביהנע איבערגעגעבען שלום עליכם'ען. עס איז איבריג צו זאגען, אז אברהם גאלדפאדען האט קיין ביהנע ניט געקענט איבערגעבען אפילו אין א גייסטיגען זין, ווייל ער אליין איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט ביהנע און שלום עליכם האט קיין ביהנע ניט געקענט איבערנעהמען, ווייל אלס דראמאטורג איז ער געווען גאנץ אונבעקאנט.

אין צוויי טהעאטערס האט מען גלייכצייטיג אויפגעפיהרט זיינע צוויי פיעסען. אין גרענד טהעאטער האט אדלער געשטעלט דעם „אויסוואורף" אדער „שמואל פאסטערנאק", און אין פיפלס האט טהאמאשעפסקי געשטעלט די דראמע „סטעמפעניו", און ביידע זיינען דורכגעפאלען און געמאכט גלייך א סוף צו שלום עליכם'ס קאריער אלס דראמענשרייבער פאר דעם אידישען טהעאטער אין ניו יארק.

קיין בעסערען מזל האט אויך ניט געהאט דוד פינסקי מיט זיין דראמע „די מוטער", וואס קעני ליפצין האט א פאר יאהר פריהער אויפגעפיהרט. דאס איז געווען די ערשטע פיעסע פון פינסקים פעדער אין אידישען טהעאטער און זי איז דורכגעפאלען די ערשטע וואך.

די גאנצע צייט אבער איז נאך די קאנקורענץ צווישען די מוזיק האלס און טהעאטערס געווען אזוי שארף, אז די לעצטע זיינען נאך ניט געווען אין גאנצען זיכער, וואס דער עולם פערלאנגט פון זיי, און האט מעגליך געמאכט פאר די בעסערע שרייבער לכל הפחות אריינצושטעלען פון צייט צו צייט א פוס אין טהעאטער. קעסלער האט דעמאלט אויפגעפיהרט „גאט פון נקמה" פון שלום אש און די פיעסע האט אויסגענומען. עטוואס פריהער האט בערטהא קאליש, שוין ביים געזעגנען זיך מיט'ן אידישען טהעאטער אויפגעפיהרט פרץ'ס „שוועסטער" און דער עולם האט זיי פריינדליך אויפגענומען. אין גרענד טהעאטער האט אדלער אויפגעפיהרט קאברינ'ס „דער גרויסער איד" און די פיעסע האט שטארק אויסגענומען. דאס האט אריינגע-

ווארפען די דירעקטארען איז א צווייפעל און זיי האבען ניט גע־וואגט אין גאנצען איבערצווייסען מיט דער בעסערער דראמע.

אבער איהר דעקרעט איז שוין געוועזען אונטערגעשריבען און פער'חתמ'עט. עס האט זיך נאר געווענדט אן דעם עולם, וואס איז נאך אלץ געלאפען אין די מוזיק האלס. ער האט זיך נאך געדארפט דורכלייטערען ביז ער וועט זיך אויפהויבען צו דער מדרגה, אז ער זאל פערדייהען א שונד שטיק, און דעמאלט וועט שוין יעדער צווייפעל פערשווינדען ביי די דירעקטארען און פאר דער בעסע־רער דראמע וועט מעהר קיין פלאץ ניט בלייבען.

סוף 1907 האט מען אין פיפלס טהעאטער אויפגעפיהרט אברהם גאלדפאדען'ס לעצטע דראמע „בן עמי". די דאזיגע פיעסע האט פריהער געקויפט אדלער, נאר ער האט קיין חשק ניט געהאט צו שפיעלען אין איהר. ענדליך האט טהאמאשעפסקי זיך מרחם גע־ווען אויף איהר, אבער ער האט איהר ניט געשטעלט, ווי גאלדא־דען האט פערלאנגט. גאלדפאדען האט געוואלט אז זיין לעצטע פיעסע זאל זיין אהן מוזיק און זאל אויפגעפיהרט ווערען אלס א דראמע, נאר די דירעקטארען האבען אנדערש בעשלאסען, און „בן עמי" איז אויפגעפיהרט געווארען אלס אפערעטע.

ווי וועניג נחת גאלדפאדען האט ניט געהאט פון זיין לעצטער פיעסע, איז איהם אבער נאך בעשערט געווען צו זיין ביי דער אויפפיהרונג. די פיעסע איז דורכגעפאלען און מען האט שוין געזאלט ארונטערנעהמען איהר פון דער ביהנע, נאר פלוצים איז ער קראנק געווארען און אין עטליכע טעג ארום האט ער אויף אייביג פערמאכט זיינע אויגען. אברהם גאלדפאדען איז געשטארבען דעם 9טען יאנואר, 1908, און מיט זיין טוידט האט ער א ניי לעבען געגעבען זיין לעצטער פיעסע.

אברהם גאלדפאדען איז ניט געווען דער ערשטער פון די איד־דישע דראמען־שרייבער, וואס איז געשטארבען אין דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער. מיט דריטהאלבען יאהר פריהער, דעם 24טען נאוועמבער, 1905 איז געשטארבען נחום מאיר שייו־קעוויטש.

די לעצטע דראמע, וואס גארדין האט אנגעשריבען, האט

געהייסען „דעמענטיא אמעריקאנא". די דאָזיגע פּיעסע האָט פּרי־
הער אבגעקויפט קעסלער, אבער אין מיטען האָט ער זיך דער־
שראָקען און חרטה געקריגען. נאָכדעם האָט זיך טהאָמאשעפסקי
אונטערגענומען אויפצופיהרען די פּיעסע און ניט זיינענדיג זיכער,
ווי אזוי דער עולם וועט איהר אויפנעהמען, האָט ער פריהער געגע־
בען א פּארשטעלונג אויף דער פּראָווינץ און ערשט נאָכדעם אויפ־
געפיהרט אין פּיפּלס טהעאטער. די פּיעסע האָט ניט אויסגענומען,
און דאָס האָט פערשאפט איבריגען שברת הלב דעם רעפאָרמאטאָר
פון דער אידישער ביהנע אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען. ער
איז שוין דעמאָלט געווען געפעהרליך קראנק. ער האָט געליטען פון
א ראַק און אין א האלב יאָהר ארום איז ער געשטאָרבען (13טען
יוני, 1909).

דער דורכפאל פון „דעמענטיא אמעריקאנא" איז געווען ווי א
סיגנאל, אז די עפּאָכע פון דער בעסערער דראמע האָט זיך געענ־
דיגט.

גאָרדין איז געשטאָרבען אין דער פולער קראפט פון זיין שאַ־
פען און האָט זיין לעצטען וואָרט דער ביהנע ניט געזאָגט. הגם ער
האָט אָנגעהויבען צו שרייבען פאַר'ן טהעאטער אין אן עלטער, ווען
דער טאלאנט איז שוין אין גאנצען פארמירט, האָט איהם גענומען
היבשע לאנגע יאָהר ביז ער האָט געפונען זיין וועג.

אין די ערשטע יאָהרען פון זיין דראמאטישער טהעטיגקייט,
איז ער געווען אויבערפלעכליך און זיינע ערשטע דראמען האָבען
גאָר א קנאפּען ליטעראַרישען ווערטה. די בילדער זיינען זעלטען גע־
צייכענט און עס זעהט זיך אויף זיי א געדיכטע פארב. די האנדלונג
איז א גראָבע און מעהר מעלאָדראמאטישע. זייער גרויסער פער־
דיענסט בעשטעהט מעהר אין דעם, וואָס זיי האָבען דעם טהעאַ־
טער עולם ארייננגעגעבען א ריכטיגערען בעגריף וועגען דראמע ווי
אויף זייער אייגענעם ווערטה. ווי ווענינ ליטעראריש זיי זיינען געווען,
איז אין זיי געמאכט געוואָרען דער ערשטער פערזוך אין אמעריקא
צו געבען די קאָנסטרוקציע פון א דראמע, צו שאפען און ניט צו־
זאמענצושטעלען, צו שילדערען א כאראקטער און דורכצופיהרען
אן ערנסטע אידעע.

א נייע עפאכע אין זיין שאפען הויבט זיך אן פון „מירעלע אפרת". דער יסוד פון „מירעלע אפרת" איז דער זעלביגער ווי פון „אידישען קעניג ליר", ביידע זיינען באזירט אויף שעקספּירס בע־ריהמטע טראגעדיע. נאר ווי גרוים איז דער שפרונג פון „ליר" צו „מירעלע אפרת". אין „ליר" זעהט מען ווי דער פערפאסער האט מורא אליין צו מאכען א טריט און ער כאפט זיך אלע ווייליע פאר שעקספּירס פאלע. אבער אין „מירעלע אפרת" שטעהט שוין גארדין פעסט אויף זיינע אייגענע פיס. די האנדלונג, די פערזאנען הא־בען קיין שום שייכות ניט מיט שעקספּירס טראגעדיע, און די פּיעסע איז אין גאנצען זיינע אן אייגענע. נאר דאס איז ניט דער עיקר. אין „מירעלע אפרת" האט גארדין געפונען זיין וועג. אנשטאט דעם וואס ביז דעמאלט האט ער אין זיינע דראמען בענוגענט זיך מיט שילדערן דראמאטישע פאסירונגען, וואס האבען בלויז געהאט א שייכות איינע מיט דער אנדערער, האט ער זיך איצט מעהר אב־געשטעלט אויף דער פּסיכאלאגישער זייט פון דער האנדלונג. מיט אנדערע ווערטער אנשטאט א גרופּירונג פון דראמאטישע בעגע־בענהייטען האט זיך בעקומען די ענטוויקלונג פון א גאנצער האנד־לונג, און דערמיט הויבט ער זיך אויף צו א העכערער מדרגה פון קונסט. און זיינע ווייטערדיגע דראמען האבען אנגענומען די נייע העכערע פארם.

וואס ווייטער ווערט אויך זיין אויג שארפער און זיין בליק דרינגט טיעפער אריין אין דער מענשליכער נשמה. און וואס ברייט־טער דאס לעבען וויקעלט זיך פערנאנדער פאר איהם, אלץ מעהר ווייזען זיך איהם די מענשענקינדער אין זייער קליינקייט, נישטיג־קייט און פערדארבענקייט. אנגעהויבען ווי יעדער פון דער השכלה צייט מיט א לויב געזאנג פאר די היינטוועלטיגע און מיט'ן שטע־לען צום שאנדקלאץ דעם פרומען אידען, וואס איז אזוי פערגלי־ווערט געווארען אין דעם מעכאנישען אבהיטען דעם בוכשטאב פון געזעץ, אז ביי איהם איז אבגעשטארבען יעדער מענשליכער געפיהל, ווי דאס ווייזען „סיבירא", „אידישער קעניג ליר" און אנדערע שטיקער, האט ער באלד איינגעזעהן, אז ער האט די דאזיגע וועלט־אנשויאונג גענומען אויף פראקאט און ער האט זיך פון איהר גלייך

אבגעטרייסעלט. אין זיינע „געברידער לוריא“ געפינט ער שוין ניט גענוג העלע פארבען פאר דעם גוטען זיידענעם רב ר' שרגא. אין דעם „רוסישען אידען“ ווערט שוין זיין ענטהוזיאזם אבגע־קיהלט פאר דעם אָרימען „ארבייטאָרער“ און ווענדט אַן זיין ביי־סיגע סאטירע געגען דער נייער טיראַניי פון דעם פיערטען שטאנד. שפעטער קעהרט ער זיך דערצו צוריק אין דער „קרייצער סאנאטא“. נאָר שוין מעהר אריינגעטראַכט און די פריהערדיגע בייסיגע סאַ־טירע ווערט פערוואנדעלט אין א לייכטען הומאָר. אין „דבורה'לע מיוחסת“ הויבט זיך אַן ארויסצואווייזען זיין ענטטוישונג אין די געבילדעטע, וועלכע האבען פאר דעם ביסעל וויסען בעצאָהלט מיט זייער גאָט און געוויסען.

דער באנקראָט פון בילדונג רופט ביי איהם ארויס אַן איבער־שאצונג פון ווערטהען. ער קעהרט זיין בליק צוריק צו די פרומע כשר'ע נשמות, פון וועלכע ער האָט זיך אמאָל אָבגעקעהרט. דאָר־טען אין די פיער איילען פון דער הלכה, ווי ענג דער קרייז איז ניט געווען, איז דאָך געווען א טיעפער גלויבען, א הויכער אידעאל. ער שטעלט הערשעלע דובראָוונער („גאָט מענש און טייוועל“) צו דער פּראָבע, אפשר איז דעם פרומען הערשעלע געווען אזוי גרינג צו זיין אזוי אידעאליסטיש, ווייל ער איז געווען דערווייטערט פון דעם קאָך פון לעבען און האָט קיין נסיונות ניט געהאט. הער־שעלע האָט אויך די פּראָבע ניט אויסגעהאלטען, נאָר ער האָט לכל הפחות איינגעזעהן, אז געלד האָט איהם אין א זומפּ פערשלעפּט, פון וועלכען ער קען ניט ארויסקריכען און ער בעצאָהלט דערפאר מיט'ן לעבען.

ביי הערשעלען האָט דעם מזיק ניט געלונגען אין גאנצען צו טויטען דעם אידעאל און דאָס פערביטערט גאָרדינען נאָך מעהר געגען די געבילדעטע, און זיין גרעסטע פעראכטונג צו זיי ווייזט זיך ארויס אין דעם „עץ הדעת“, „מטורף“ און אנדערע.

גאָרדין זוכט אומעדום דעם אידעאל און ער וויל זעהן א נייע בעסערע אָרדנונג, וואו עס זאָל ניט נאָר הערשען דער קאלטער פערנונפט נאָר אויך א ווארימע הארץ. ער הויבט זיך זעלטען אויף צו דער רוהיגער בעאָבאכטונג פון דעם פילאָזאָף און מעהרסטענס

בלייבט ער שטעהן אויף דער מדרגה פון דעם קאָמפּער. ער בע־קעמפּט דאָס שלעכטע, דאָס נידריגע, דאָס פּערדאַרבענע אומעדום וואו ער בעגעגענט עס און ער שאָנעוועט ניט קיינעם. פאַר איהם איז ניט גענוג צו שרייבען אַ פּיעסע, וואָס זאָל דעם עולם אַמו־זירען, ער דאַרף אויך אַז דער עולם זאָל האָבען וועגען וואָס צו דענקען, ווען ער געהט אַרויס פון טהעאַטער.

און זיינע פּיעסען, סיי אין די ערשטע און סיי אין די לעצטע, סיי אין די ערגערע און סיי אין די בעסערע איז דער טאָן ערנעץ ניט אויסגעהאַלטען. ווען מען זיצט אין טהעאַטער ביי גאָרדין׳ס אַ שטיק, פיהלט מען ערטערווייז ווי בעליידיגט פון די פּלאַכקיי־טען און תיכף ווערט מען איבעראַשט פון זעלטענע טיעפקייטען. ערטערווייז ווייזט זיך אַרויס אַ קינדישקייט און אונבעהאָלפענ־קייט און באַלד ווידער ערשיינט אַ צוויבערער פון דער ביהנע און אַ זעלטענער חן ווערט אויסגעגאָסען אויף אַלץ אַרום.

דער געמיש פון דעם קאָמישען עלעמענט מיט׳ן דראַמאַטישען שלאָגט צום האַרצען דעם בעסערען צושויער. דער קאָמיקער צו־שטערט אָפט אַ שטאַרקען דראַמאַטישען איינדרוק, דערצו האָבען כמעט אַלע פּערזאָנען אַזעלכע פילאָזאָפישע ווערטלאַך אָדער אַפאָ־ריזמען, וואָס געהט זיי בשום אופן צום פּנים ניט. גאָרדין לעגט אָפט אַן אַ לאַנגען וועג כדי צו קאָנען אַרויספאַהרען מיט אַ קלוגען ווערטעל און ער וואַרפט מיט אַפאָריזמען ביי יעדער געלעגענהייט און ניט געלעגענהייט. די ווערטלאַך זיינען ביי איהם איינער פון די יסודות פון דער דראַמע און אָהן זיי גיט ער זיך ניט קיין ריהר. און דער איינדרוק איז, אַזוי ווי גאָרדין שטעהט הינטער דער פּלייצע פון זיינע העלדען און זאָגט זיי אונטער זיינע אַפאָריזמען. די אַק־טיאָרען און דער דורכשניטליכער טהעאַטער בעזוכער האָבען גרוי־סע התפּעלות געכאַפּט פון די קלוגע ווערטלאַך, און אַזוי ווי גאָר־דין האָט געשאַפען דעם מוסטער פון דער בעסערער דראַמע אין אַמעריקאַ, איז אַ צייט לאַנג אָנגענומען געוואָרען, אַז אַפאָריזמען זיינען אַ פונדאַמענטאַלע נויטווענדיגקייט פון דער בעסערער דראַמע.

זיין טעכניק איז, אויף אַ פּערלעטערטע, זיינע דראַמען זיינען

פול מיט בעמערקונגען „אפארט“, „ביי זייט“. זיינע העלדען בלייבען אפט אליין אויף דער ביהנע און האלטען פאר די פיער ווענד לאנגע מאנאלאגען, און דאס מאכט א שווערען איינדרוק אויף א מאדערנעם טהעאטער בעזוכער.

אט די דאזיגע חסרונות, וואס האבען אין אמת'ן מיט דעם עצם פון דער דראמע ניט צו טהאן, האבען אפט געפיהרט דערצו, אז מען האט ניט ריכטיג אבגעשאצט גארדינ'ס ווערק. נאר מעהר פון אלץ האט געפיהרט צו א ניט ריכטיגער אבשאצונג די אונבעקאנטשאפט מיט'ן אידישען טהעאטער.

די גרעסטע און וויכטיגסטע פערדיענסט פון יעקב גארדין בעשטעהט דעריין, וואס ער האט פערוואנדעלט א באלאגאן, ווי ער האט דעם טהעאטער געטראפען אין אמעריקא אין א טעמפעל פון קונסט, און קינצלער אין גרויסע קינסטלער. און דערוויזען האט ער עס דערמיט, וואס ער האט קיין מאל ניט פערגעסען, אז ער שרייבט פאר א טהעאטער מיט א לעבעדיגען פובליקום. און שרייבענדיג פאר א טהעאטער מיט א לעבעדיגען פובליקום, האט ער תמיד געשטרעבט צו שאפען אלץ בעסערס און העכערס. עס איז אמת, ער האט געהאט א לינקע און א רעכטע האנד, און אין דער זעלביגער צייט וואס די רעכטע האנד שרייבט פאר דעם בעסערען פובליקום, קיצעלט ער מיט דער לינקער דעם געשמאק פון דעם סאמע גראבען פובליקום. אבער אהן דער ארבייט פון דער לינקער האנד, וואלט ער אפשר גאר ביים טהעאטער ניט געקענט האלטען זיך. פראפעסאר יאקאבי, אונטער וועלכען נאמען ער האט געשריבען נארעשע זאכען פאר'ן פראסטען טהעאטער בעזוכער, האט געגעבען די מעגליכקייט יעקב גארדין צו שאפען ווי זיין טאלאנט האט איהם ערלויבט. און אין דער זעלביגער צייט וואס זיין טאלאנט ענטוויקעלט זיך ווערט אויך פרייער און איידעלער דער געשמאק פון דעם טהעאטער געהער, ביז עס ווערט מעגליך אז גארדין זאל שאפען „גאט און מענש און טייוועל“ און דער דורכשניטליכער טהעאטער בעזוכער זאל פון אזא דראמע האבען אן עסטהעטישען גענוס.

צעהנטער קאפיטעל.

טהעאטער אין רוסלאנד און אנדערע מדינות.

דורך דער גאנצער צייט וואס אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא איז אנגעגאנגען אזא פיעבערהאפטע טהעטיגקייט און די אידישע בעפעלקערונג אין ניו יארק האט זיך דערשלאגען צו דריי גרויסע טהעאטערס און דער ניו יארקער רעפערטואר איז געווארען די איינציגע גייסטיגע שפייז פאר אלע אנדערע אידישע טהעאטערס אין דער וועלט, איז די אידישע ביהנע אין רוסלאנד געווען כמעט טוידט. ביז דער צווייטער העלפט פון די אכציגער יאהרען האבען אלע יענע וואס זיינען געווען פעראינטערעסירט אין אידישען טהעאטער געהאט זייערע בליקען אויף ווארשא, וואו אונטער דער מאסקע פון דייטשע פארשטעלונגען האט מען פון צייט צו צייט געשטעלט אידישע שטיקער. אבער נאכדעם האט זיך ארויסגעוויזען, אז די האפנונג איז אן אומזיסטע און ווער עס האט געקענט, האט זיך אוועקגעלאזט אין אנדערע מדינות.

דאך זיינען געבליבען פיעלע אקטיארען פון גאלדפאדענס פריהערדיגע קאמפאניעס און עס זיינען אויך צוגעקומען נייע און זיי האבען ארומגעוואנגעלט פון איין שטאדט אין דער צווייטער און געווארט אויף א געלעגענהייט צו געבען עטליכע פארשטעלונגען. זעלטען האבען זיי אזא מעגליכקייט געקריגען, אבער דאס רוב ניט, נאר אפילו ווען זיי האבען שוין געקריגען די נויטיגע ערלויבנים זיינען זיי קיינמאל ניט געווען זיכער, צי א פארשטעלונג וועט אבגעהן גלאט. געהייסען האט, אז די פארשטעלונגען ווערען געגעבען אין דייטש און הגם די אקטיארען האבען ארויסגעווארפען אלע קמצ'ען און פערביטען זיי מיט פתח'ן, איז דערפון ווייט קיין

דייטש ניט געווארען און זיי האבען געדארפט מורא האבען, אז מען זאל זיי ביים חטא ניט כאפען און ניט ארונטערלאזען דעם פאר־האנג אין מיטען שפיעלען.

אפט האט זיך א העברעער בעאמטער דערבארעמט אויף די ארימע אקטארען און האט זיך פערקוקט, כדי זיי זאלען קענען שפיעלען, נאר אפילו אין אזעלכע פעלע זיינען זיי ניט געווען זיכער, צי די פארשטעלונג וועט אבגעהן כשורה. עס האט ניט זעלטען פאסירט, אז א הויכער בעאמטער האט געגעבען אן ערלויבנים צו שפיעלען, און א קלענערער בעאמטער האט געמאכט צרות דער קאמפאניע. אין מינסק האט דער גובערנאטאר ניט ערלויבט פיש־זאהנס קאמפאניע צו שפ עלען און ווען דער דירעקטאר האט זיך טעלעגראפיש געווענדט קיין פעטערבורג און עס איז אנגעקומען אן ענטפער אונטערגעשריבען פון זווערעוו, וועלכער איז געווען דער הויפט פון דעם דעפארטמענט איבער דרוק זאכען, און דער ענטפער האט געלויטעט, אז עס איז ערלויבט צו שפיעלען, איז דאס נאך ניט געווען גענוג. דער גובערנאטאר האט געפאדערט, אז אזא ערלויבנים זאל קומען דירעקט פון דעם מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען, פלעהווע האט דעמאלט געהאט דעם דאזי־גען פארטפעל, און ער האט ניט געלאזט שפיעלען ביז עס איז פון פלעהווע אנגעקומען אן ענטפער, אז דערמיט האט צו טהאן זווערעוו.

אין ראסטאוו האט פישזאהן געקריגען פון דעם נאמעסטניס אן ערלויבנים צו שפיעלען דארטען, נאר דער פאליצמייסטער האט ניט געלאזט געבען קיין פארשטעלונג אונטער דעם אויסרייד, אז אידען האבען דארטען ניט קיין וואוינרעכט. עס האבען ניט גע־האלפען די טענות, אז אין דער ערלויבנים פון דעם נאמעסטניק צו שפיעלען איז ממילא אריינגערעכענט וואוינרעכט, ביז מען האט זיך ווידער געדארפט ווענדען צום נאמעסטניק און בעטען ערלויב־נים צו וואוינען.

יערער בעאמטער בעזונדער איז געווען זיין אייגענער בעל הבית און ווי עס האט איהם פערדרעהט דער קאלטען אזוי האט ער געהאנדעלט, און אויף אזא אופן האט פאסירט, אז אין איין שטאדט

האבען די אקטיארען געקענט שפיעלען א קורצע צייט און א צוויי־טער האבען זיי קיין פארשטעלונג ניט געטארט געבען.

די ערגסטע צייט איז געווען פון די סוף אכציגער און דורך די נײנציגער יאהרען. און עס איז געווען א מין קאנטראבאנד ארייצוכאפען א פארשטעלונג, און די אקטיארען האבען זיך גע־פיהלט ניט בעסער ווי קאנטראבאנדיסטען. דאך ארום דעם סוף ניינציגער און אין אנהויב פון דעם היינטיגען יאהרהונדערט האט די קאמפאניע אונטער דער דירעקציאן פון ספיוואקאווסקי און פישזאהן געצעהלט פינף און זעכציג נפשות, די כאריסטען און מוזיקער אריינגערעכענט. דאס איז געווען די וויכטיגסטע קאמ־פאניע און געשפיעלט האט מען דעם אלטען רעפערטואר פון גאלד־פאדען און אין אנהויב פון היינטיגען יאהרהונדערט זיינען די גאנגבארסטע שטיקער געווען „שמענדריק", „קאני לעמעל" אדער „שולמית" און „בר כוכבא".

אין 1900 איז פון אמעריקא אנגעקומען סעם אדלער אין אדעס, וואו ער האט געטראפען די ספיוואקאווסקי־פישזאהן טרופע, וועלכע איז בעשטאנען פון ראפעל, ריבאלסקי, זאנבערג, בליפעלד, פריילין זאסלאווסקאיא, פריילין נעראסלאווסקאיא, פרוי זאנבערג, פעני קאץ, פרוי שווארץ און אנדערע. סעם אדלער האט מיטגע־בראכט פיעסען פון ניו יארק און ספיוואקאווסקי איז אוועקגעפאה־רען קיין פעטערבורג צענזורירען זיי. דער ארימער רעפערטואר פון דער ארימער קאמפאניע איז מיט אמאל רייכער געווארען. נאר אין אדעס האט דער גראדאנאטשאלניק ניט ערלויבט צו שפיעלען און די קאמפאניע האט זיך אוועקגעלאזט איבער דער פראווינץ.

א חוץ סעם אדלער האבען אויך פישזאהן און סאבסאי אריינ־געבראכט אין רוסלאנד דעם אמעריקאנעם רעפערטואר, וועלכען זיי האבען געקריגען דורך רומעניען און גאליציען. ארום דער צייט איז געווארען עטוואס גרינגער צו שטעלען אידישע פיעסען און די פערשיידענע קאמפאניעס האבען שוין געהאט די מעגליכקייט צו שטעהן א לענגערע צייט אין א שטאדט. דער אידישער טהעא־טער האט אויף דאס ניי אויפגעלעבט און עס האט זיך אנגעהויבען א בעוועגונג פאר בעסערע פיעסען.

אסתר רחל קאַמינסקא

מאַרק מאירסאָן

א. פישזאָן

בראגינסקא (פרוי פישזאָן)

ל. זאַסלאַווסקי

פּ. ווייסמאַן

יעקב ליבערט

קאַמינסקי

נאָר אויך די דאָזיגע פּאָדערונג איז פּערענטפערט געוואָרען מיט'ן בעסערען רעפּערטואר אין אמעריקא. בּיסלעכווייז האָט זיך די דראמע געגומען אָבטהיילען פון די אָפּערעטען און די אמביציע־זע אקטיאָרען האָבען אָנגעהויבען פון צייט צו צייט צו שפּיעלען גאָרדינס פּיעסען, און ווען יוליוס אדלער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אמעריקא האָט ער געבּראַכט גאָרדינס נייערע פּיעסען ווי אויך קאברינ'ס „צוריסענע קייטען“, ליבינ'ס „געבּראָכענע הערצער“.

אין רוסלאנד איז אבער די בעוועגונג פאר דער בעסערער דראמע אָנגעגאנגען נאָר פון אויבען. בשעת דאָס פּובליקום וואָס איז אין טהעאטער געגאנגען האָט נאָך ניט געקענט געגוג אָנלעקען די פינגער פון די נארעשע אמעריקאנער אָפּערעטען. די בעסערע פּיעסען האָבען זיך ניט געוויזען אויף דער ביהנע אין דעם סדר פון זייער נאטירליכע ענטוויקלונג, נאָר זיי זיינען ארויפגעוואָרפען געוואָרען אויפ'ן פּובליקום אין דער אָרדנונג ווי זיי זיינען אריינגע־פאלען דעם דירעקטאָר אין די הענד. און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען אן אונצופריעדענהייט פוןביידע זייטען. די בעסערע פּיעסען זיינען פאר'ן פּובליקום געווען צו טרוקען און עס האָט זיך פון זיי אָבגעקעהרט, און דער אינטעליגענט, וואָס איז ניט געווען קיין בעזוכער פון אידישען טהעאטער און איז נאָר אריינגעפאלען אהין צופעליג האָט או סגע'בטל'ט אלע בייזע חלומות צום דירעק־טאָר פאר זיינע בעסערע פּיעסען.

די צרה מיט דעם אינטעליגענט אין רוסלאנד איז געווען, וואָס ווען ער אליין האָט געהאט א בעדערפניס צו געהן אין טהעאטער איז גאָר געגאנגען אין דעם רוסישען אָדער פּוילישען און איהם איז אפילו ניט איינגעפאלען צו געפינען אונטערהאלטונג אין אידישען טהעאטער. אויב ער איז אמאָל געגאנגען אין אידישען טהעאטער איז דאָס געווען אלס קוריאָז. אויב ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פערבעסערונג פון דער אידישער ביהנע איז דאָס געווען ניט פאר זיך, נאָר פאר די פּראָסטע אידען וואָס קענען אין קיין גוטען טהעאטער ניט געהן. דער אידישער טהעאטער איז ביי איהם געווען ניט קיין לעבעדיגע וועזען נאָר א טהעאריע און ביי זיך אין קאבינעט האָט ער איהר ענטוויקעלט. און טהעאָרעטיש איז געווען

גאנץ פערשטענדליך, פאר וואס זאלען אלע אידישע טהעאטערס נים זיין ווי דער כודאזשעסטוועני טהעאטער אין מאסקווע? און פאר וואס זאל מען נים אויסקאסירען פון דער אידישער ביהנע אלע נארעשע שטיקער און שפיעלען בעסער איבסען, מעטערלינק, הויפטמאן, פשיבישעווסקי, אנדרעיעוו, און דאס גלייכען?

דער אקטיאר איז געשטאנען צווישען דעם טהעאטער בעזוכער און דעם אינטעליגענט, און ער האט זיך אין גאנצען פערלארען. ער אין רוסלאנד ווי זיין קאלעגע אין אמעריקא, אויב ער איז נאר נים געווען קיין קאמיקער האט בעגריפען, אז א נאמען קען ער נאר גע־ווינען דורך די בעסערע פיעסען און ער האט שטארק געגארט אויס־צוצייכענען זיך און ער האט זיך א ווארף געטהאן אויף דעם בע־סערען אמעריקאנער רעפערטואר. ער האט ערווארט אז דערמיט וועט ער צופריעדענשטעלען די פאדערונגען פון דעם א נטעליגענט. אבער דער אינטעליגענט האט די בעסערע פיעסע נים געמאסטען מיט דער פריהערדיגער נארעשער אפערעטע און האט איז איהר נים געזעהן די נאטירליכע געזונטע ענטוויקלונג. זיין מאסשטאב איז געווען איבסען און מעטערלינק אדער לכל הפחות פשיבי־שעווסקי, און ער האט א תל געמאכט פון איהר.

עס איז קיין צווייפעל נים, אז א סך שעהנקייט האט די בעסע־רע פיעסע פערלארען דערפון, וואס אין איהר האבען געשפיעלט נים די ריכטיגע אקטיארען. אין אן אנדער קאפיטעל איז שוין גע־ווען דערמאנט, אז מיט קאליש'עס אוועקגעהן פון דער אידישער ביהנע איז אונמעגליך געווארען אויפצופיהרען עטליכע פיעסען פון איהר רעפערטואר. גראד אזוי וועט נים האבען קיין טעם א פיעסע אין וועלכער עס האט זיך אויסגעצייכענט אדלער אדער קעס־לער, ווען זי וועט אויפגעפיהרט ווערען פון אנדערע אקטיארען. אבער דאס איז נים געווען די וויכטיגסטע אורזאך פאר וואס די בעסערע פיעסע פון אמעריקאנער רעפערטואר איז בעגעגענט געווא־רען אין אידישען טהעאטער אין רוסלאנד מיט אונצופריעדענהיים. מען האט זיך דארטען נים גערעכענט מיט די פאדערונגען פון א טהעאטער בכלל און פון אידישען טהעאטער בפרט. מען האט דארטען נים בעגריפען, אז א פובליקום איז א נויטיגער אטריבוט

פון טהעאטער און אז דער טהעאטער קען זיך ניט אויפהויבען העכער פון דעם דורכשניטליכען בעזוכער.

אין 1904 איז ענדליך אנגעקומען א פרעהליכע בשורה פון צענזורנעם קאמיטעט, אז ער וועט דורכקוקען אידישע פיעסען און די אידישע דראמע האט געקריגען די ערלויבניס ארונטערצואווארפען איהר דייטשע מאסקע. מען זאגט, אז די ערשטע זיינען געווען דער אקטיאר י. ל. פאווסקי און פישזאהן, וואס האבען אויסגעווירקט צו צענזורירען א אידישען עקזעמפליאר. דאס האט אויך געמאכט א סוף צו די מסירות וואס זיינען די גאנצע צייט אנגעגאנגען אין אידישען טהעאטער. די פריהערדיגע צענזורקעס האבען זיך ניט געהאלטען ביים אריגינאל און דערמיט האט זיך בעו צט א קאנקורענט און געלאזט וויסען וואו מען דארף.

ווען די בעוועגונג פאר דער בעסערער דראמע איז ברייטער געווארען האט מען אויפגעפיהרט די פיעסען פון די גוטע שרייבער אין רוסלאנד. מען האט געשטעלט י. ל. פרץ'עס „שוועסטער", „אין פאליש אויפ'ן קייט"; שלום אש'עס „גאט פון נקמה"; שלום עליכם'ס „צווייט און צושפרייט" און אנדערע. מעהר אדער ווייניגער ערפאלג האבען געהאט די לעצטע צוויי פיעסען און אלע אנדערע זיינען דורכגעפאלען. נאר די בעוועגונג איז אנגעגאנגען און אין 1908 האט פרץ הירשביין צוזאמענגעשטעלט א טרופע פון יונגע אינטעליגענטע מענשען, אייניגע אקטיארען און אייניגע דילעטאנטען און גענומען אויפפיהרען בעסערע פיעסען. די טרופע איז בעשטאנען פון בן עמי, זילבערבערג, פריעד, וויסבלאט, נעמי, רות, דאלסקאיא, עסטרין און ארלאווסקאיא און האט די ערשטע פארשטעלונג געגעבען אין אדעס, אין זאל „הארמאניע". דער רעפערטואר איז בעשטאנען פון הירשביינ'ס „די נבלה", „תקיעת כף", יואל", גארדינ'ס „גאט, מענש און טייוועל", שלום אש'עס „מיט'ן שטראם", „יחוס", שלום עליכם'ס „מענשען", קאצענעלסאנס „בחורים", פינסקי'ס „יאנקעל דער שמיד" און נאך א פאר אנדערע. די טרופע האט א לענגערע צייט געשפיעלט אין אדעס, ווארשא און ארומגעוואנדערט איבער ליטא און האט זיך אומעדום געמא־

טערט, און סוף צוויי יאהר האט זי גיט אויסגעהאלטען און געפּלאצט.

פון 1909 האט די בעסערע דראמע געוואוגען א ווינקעל אין קאמינסקים טהעאטער אין ווארשע, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר ערנסטער ווי די אנדערע, נאר די גאנגבארסטע שטיקער אויף דער אידישער ביהנע זיינען געווען די סאמע נארעשע אמעריקאנער אפּערעטקעס. דאס אידישע טהעאטער פּובליקום אין רוסלאנד האט נאך ניט געהאט גענוג צייט צו ענטוויקלען א געשמאק פאר דער בעסערער דראמע און די אוננארמאלע לאגע פון דעם אידישען טהעאטער האט נאך די זאך ערגער געמאכט. דער אידישער טהעאטער האט נאר עטליכע יאהר אבגעאטהעמט פרייער און ווען די רעאקציע האט זיך אנגעהויבען, האט ער ווידער דערפיהלט די שווערע לאפּע פון רדיפות. פון 1910 האט מען ווידער אנגעהויבען צו פּאדערען שטרענגער, אז דאס שפּיעלען זאל זיין אין דייטש און דאס האט קיין טובה דער בעסערער דראמע ניט געקענט טהאן. די אמעריקאנער אפּערעטקע האט וועניג געליטען פון פּתח'ן אנשטאט קמצ'ען, נאר די בעסערע דראמע האט דערפון געקריגען א פּנים פון חוזק. און בכלל האט דאס אוועקגעשטעלט דעם גאנצען טהעאטער אויף א פונדאמענט פון זאמד.

די אוננארמאלע לאגע האט זיך אויך אבגערופען אויף די קרעפטען פון טהעאטער, און הגם זייער צאהל איז שטארק אויסגעוואקסען און האט דערגרייכט צו עטליכע הונדערט, האבען זיך אבער זעהר וועניגע אויסגעצייכענט. די וויכטיגסטע דראמאטישע שוישפּיעלערין רעכענט זיך רחל קאמינסקאיא און די בעסערע שפּיעלער זיינען יאנקעל ליבערט, א. זאסלאווסקי, מ. דראנאוו, מ. מאירסאן, לאנדא, זשעליאזא, יוליוס אדלער (ארטשיכעס), אדאלף בערמאן, עפּשטיין, בראנדעסקא, ספּירא, שריפטזעצער, ליכטענשטיין, ארקא, יאנקעל שומסקי, מ. ראפּעל, מאניע טרילינג, פּעני עפּשטיין, נעמי, בודקין, בערטהא אדלער, זינא ראפּעל, פר. דאלסקי, סאניע איידעלמאן, נאדיא נאדינא, אסתר גערעסלאווסקאיא, זינא גאלדשטיין, פר. נאטהאנזאן און אנדערע.

די פרייהייט וואס רוסלאנד האט ניט לאנג צוריק געוואונען

און דער נאציאנאלער בעוואוסטזיין וואס האט זיך אין דער לעצ־טער צייט אויפגעהויבען צווישען אידען, וועלען זיכער האבען א שטארקע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען טהע־אטער אין רוסלאנד און וועלען איהם אויפהויבען אויף א העכערע מדרגה.

אידישער טהעאטער אין אפריקא.

דער ערשטער אקטיאר וואס איז אנגעקומען אין יאהאניסבורג איז געווען יאנקעל ראזענפעלד פון גאלדפאדענ׳ס רומענישען חדר און ער האט צוזאמענגענומען דילעטאנטען און געשפיעלט מיט זיי. שפעטער איז צו זיי צוגעקומען פון לאנדאן דער אקטיאר סעם דאיען, גרינבערג פון אמעריקא און אין 1896 איז אהין אנגע־קומען יאנקעל קאצמאן צוזאמען מיט וואלערשטיין און זיין כלה אסתר. זיי האבען געדונגען א צירק און אנגעהויבען צו שפיעלען דריי פיער מאל א וואך. דאס ערשטע שטיק וואס ער האט אויפגעפיהרט איז געווען „חיים אין אמעריקא" און דער צירק איז געווען גע־פאקט. אין עטליכע חדשים ארום איז אה ין אנגעקומען זילבערמאן, וועלכער איז שוין אין דער צייט אין גאנצען ארויסגעשטופט גע־ווארען פון דעם אידישען טהעאטער אין אמעריקא, צוזאמען מיט די מאנדעלטארטס און ער האט גענומען דעם צירק. קאצמאן איז אריין אין דער קלענערער ראיאל טהעאטער און צווישען זיי האט זיך אנגעהויבען א קאנקורענץ. קיין גוטע געשעפטען האבען ביידע קאמפאניעס ניט געמאכט און אין עטליכע וואכען האבען זיי זיך פעראייניגט און אלע צוזאמען האבען געשפיעלט אין ראיאל טהעא־טער.

געשפיעלט האט מען טהיילווייז גאלדפאדענ׳ס, נאר מעהר דעם אמעריקאנער רעפערטואר און נאכ׳ן סעזאן האט זיך די קאמ־פאניע אווערגעלאזט איבער די אנדערע שטעדט און ווען זי האט זיך סוף זומער צוריקגעקעהרט קיין יאהאניסבורג, איז שוין דאר־

טען געווען נאטהאנזאן מיט זיין פרוי. זיי זיינען געקומען פון לאנדאן, וואו זיי האבען אבגעשפיעלט א סעזאן מיט ערפאלג. פון די אלע קרעפטען וואס האבען ביז דעמאלט גע־שפיעלט אין יאהאניסבורג זיינען די נאטהאנזאנס געווען די וויכטיגסטע און א טהייל פון דער פריהערדיגער קאמפאניע ווי אויך דער יונגער שוישפיעלער שאכט האט זיך אנגעשלאסען אן זיי. דער עולם האט איצט זיך מעהר פעראינטערעסירט מיט'ן טהעאטער און עס האט אויסגעזעהן, אז יאהאניסבורג וועט אין גיכען האבען א סטאביל טהעאטער, נאר באלד האט אויסגעבראכען דער בויערען קריעג, וועלכער האט פערטריבען אלע אנגעקומענע אקטיארען.

נאכ'ן קריעג איז פון לאנדאן אנגעקומען אין יאהאניסבורג וואקסמאן מיט זיין טרופע און איז דארטען געשטאנען א פאר יאהר. א חוץ יאהאניסבורג האבען די אידישע טרופען אויך גאסט־ראלירט אין פרעטאריע און קייפ טאון און געוואוינליך האבען די חזקה אויף דער דאזיגער מדינה די לאנדאנער אידישע אקטיארען.

אידישער טהעאטער אין ארגענטינא.

ביים סוף נײַנציגער יאהרען זיינען פערוואגעלט געווארען קיין בוענאס איירעס א פאר אקטיארען פון גאלדפאדען'ס חדר. איינער פון זיי איז געווען יחיאל בלאנק, קאמיקער, און דער צווייטער אברהם ניימאן ליעבהאבער און זינגער. זיי האבען צוזאמענגע־קומען דילעטאנטען און אנגעהויבען צו שפיעלען אין זאלען. עטליכע מיטגליעדער פון דער קאמפאניע זיינען געווען אזעלכע וואס האבען געלעבט אויפ'ן חשבון פון געפאלענע פרויען און געפיהרט מיט זיי א מסחור. די קאלאניע פון די געפאלענע פרויען און פון די וויי־טע שקלאפענהענדלער איז געוואקסען ווי אויף הייוועז און איז גע־ווארען גרויס געגוג און רייך גענוג צו שטיצען א טהעאטער. דעמאלט האבען זיי געשיקט נאך דעם אקטיאר גוטענטאג און זיין כלה. וועל־

כע האָבען פריהער געשפּיעלט אין גאַליציען און אין לאָנדאָן און גענומען פאַר זיי דעם טהעאטער „אָלימפּאָ". די אימפּאָרטירטע צוויי שפּיעלער האָבען חתונה געהאַט און זיינען געוואָרען דירעקטאָרען פון דעם טהעאטער. גוטענטאַג האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין ניט פעהיג צום געשעפט און מען האָט אראָבגעבראכט פון לאָנדאָן מאַריענהאָף צו שטעלען דעם טהעאטער אויף א פעסטען יסוד. דער לעצטער איז געווען א גוטער געשעפטסמאַן, נאָר ער האָט ווייניג געקענט אויפטהאָן, ווייל גוטענטאַג האָט איהם געשטערט, און דער סוף איז געווען, אז מאַריענהאָף האָט אליין איבערגענומען דעם אָלימפּאָ טהעאטער און גוטענטאַג מיט זיין פרוי און א טהייל פון דער קאָמפּאַניע איז אריבער אין זאַל גאַריבאַלדי.

גוטענטאַג האָט געהאַט מיט וואָס איבערצונעהמען זיך געגען זיין קאָנקורענט: די הויפּט און איינציגע דראַמאַטישע שוישפּיעלערין אין בוענאָס איירעס איז געווען פרוי גוטענטאַג. נאָר מאַריענהאָף האָט זיך געגעבען אן עצה, ער האָט אָנגעהויבען צו אימפּאָרטירען שוישפּיעלער און אויף אזא אופן האָט ער אראָבגעבראכט זיגמונד פיינמאַן, דינה פיינמאַן, מאָריס מאָשקאָוויטש, זילבערט, וואַקסמאַן, גאָלדינבורג, יאָוועליר און פרוי אבראַמאָוויטש. ער האָט די דאָזיגע אטראַקציעס אראָבגעבראכט ניט צוזאַמען, נאָר איינציגווייז אָדער פּאָרווייז, אין א משך פון עטליכע יאָהר. דער קאַמף צווישען די צוויי דירעקטאָרען האָט לאַנג ניט געדויערט און זיי האָבען געמאַכט שלום.

אין 1913 האָבען זיך ווידער געעפענט צוויי טהעאטערס מיט צוויי בעזונדערע סאָרטען פּובליקום. איין סאָרט פּובליקום איז בעשטאַנען פון גאַסענפרויען און ווייסע שקלאַפענהענדלער און דער צווייטער סאָרט — פון די אנדערע אידישע טהעאטער בעזוכער. דאָ איז נויטיג צו בעמערקען, אז דער מסחור מיט פרויען אין בוענאָס איירעס איז אָנגעגאַנגען אָפען און די אידישע פרויענהענדלער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין א חברה, וואָס האָט געצעהלט זעקס טויזענד פּערזאָן, מיט אן אייגענער שוהל, מיט אן אייגענעם בית עולם, מיט אייגענע שיינקען און דאָס גלייכען. די דאָזיגע חברה איז אין טהעאטער געקומען ניט נאָר זעהן א שטיק, נאָר אויך צו

ווייזען זיך און זייער סחורה און מען האט גערעדט וועגען גע־שעפט. דאס האט געפיהרט דערצו, אז די פיינערע מענשען האבען אויפגעהערט צו קומען אין טהעאטער. און ווען עס זיינען געווארען צוויי טהעאטערס האבען די חברה לייט פאטראניזירט זייער טהע־אטער און דער צווייטער איז געווען פאר דעם אנדער סארט פוב־ליקום. אבער דער צווייטער טהעאטער האט זיך ווידער לאנג ניט געהאלטען. די מוניציפאליטעט האט פערבאטען צו שפיעלען אין א זאל און געבליבען איז דער איינציגער טהעאטער „אלימפא“ און די געסט זיינען אוועקגעפאהרען.

סוף 1913 האט דער סאציאליסטישער דעפוטאט פאלאסיאס דורכגעפיהרט אין פארלאמענט, אז מען זאל ארויסשיקען אלע פרויען־הענדלער פון לאנד. א סך, א סך פון זיי האבען פערנומען זייער געלד און פערלאזען ארגענטיניען. א פונקט אין דעם געזעץ האט געלויטעט, אז אלע יענע וואס וועלען אויפגעבען דעם שענדלי־כען מסחור מיט פרויען און ווערען אנשטענדיגע מענשען וועלען קענען בלייבען און א סך זיינען אויף דעם סמך געבליבען. איינער פון זיי אברהם ניימאן, וועלכער איז פריהער דערמאנט געווארען, האט איבערגענומען דעם אלימפא און אנגעשטעלט מאריענהאף אלס פיהרער פון געשעפט. ער האט ווידער אראבגעבראכט דינה פיינמאן, שערמאי און גאלדינבורג, נאר די פרעסע האט שטארק אטאקירט דעם טהעאטער צוליעב ניימאנס פערגאנגענהייט און דער אנשטענדיגער עלעמענט האט פון איהם געווייכט און קיינע אט־ראקציעס האבען ניט געהאלפען. מען האט אויך אראבגעבראכט מאשקאוויטש'ן, נאר דעם צוטרוי פון דעם אנשטענדיגען פובליקום האט מען אלץ ניט געקענט געווינען. ניימאן האט אויפגעגעבען דעם טהעאטער און מאשקאוויטש האט איהם איבערגענומען, נאר אין דער צייט איז געווארען א קאנפליקט צווישען די גאסטראלירענדע אקטיארען. און גאלדינבורג איז אריבער אין „גאריבאלדי“, וועלכען מען האט דורך פראטעקציע געקריגען און עס האט זיך אנגעהויבען א קאנקורענציע צווישען די צוויי טהעאטערס. וואס האט אנגעהאל־

טען דריי חדשים. און דער סוף איז געווען, אז מאשקאוויטש איז אוועק מיט זיין קאמפאניע אויף דער פראווינץ און איז באלד אב־געפאהרען צוריק קיין לאנדאן.

די גזרה געגען די פרויענהענדלער האט לאנג ניט אנגעהאלטען. די רעגיערונג האט זיך ארומגעזעהן, אז זיי פיהרען אוועק מיט זיך א סך געלד פון לאנד און האט פאר זיי צוריק געעפענט די טהירען. די חברה לייט האבען זיך ווידער ברייטליך אויסגעזעצט אין טהע־אטער און פערטריבען די אנשטענדיגע מענשען. זיי מיט זייערע גרינגע פערדיענסטען קענען גרינגער אויסהאלטען א טהעאטער ווי דער צווייטער עלעמענט, נאר קיין טהעאטער קען זיך ניט האלטען מיט איין סארט פובליקום.

נאך מאשקאוויטשעס אוועקפאהרען איז גאלדענבורג אריין אין „אלימפא" און צו איהם האט מען אראבגעבראכט פון אמעריקא די דראמאטישע שוישפיעלערין פרוי לאבעל. אויף א קורצע צייט איז א ז טהעאטער פרעהליכער געווארען, נאר לאנג האט עס ניט אנגעהאלטען.

מיט'ן אידישען טהעאטער אין בוענאס איירעס אינטערעסי־רען זיך מייסטענס די ווייסע שקלאפען־הענדלער און די גאסען־פרויען און זיי איבען אוים אויף איהם דעם גאנצען איינפלוס. זיי פערלאנגען פרעהליכע שטיקער, דאס הייסט אפערעטקעס, נאר זיי האבען ניט קיין ריכטיגען כאר און קיין מוז קער דערצו. דער כאר בעשטעהט פון ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט א גאנצען טאג ביי זייער מלאכה, קיין מיידלאך אין כאר קען מען ניט קריגען, און די מוזיקער זיינען אויך בעלי מלאכה און קעלנער. די הענדלער זאגען אויך א דעה ווענען די שפיעלער.

דאס העכערע אינטעליגענטערע פובליקום געהט ניט אין אי־דישען טהעאטער, נאר די יוגענד וואס האט זיך דורכגעדרונגען מיט'ן נאציאנאליסטישען בעוואוסטזיין אינטערעסירט זיך מיט דער בעסערער דראמע און ביי די גאסטראלען פון בעקאנטע אידישע שוישפיעלער ווייזען זיי זיך אין טהעאטער.

די אורטיגע שפיעלער זיינען: די גוטענטאגס, די מאריענהאפס, די לאגערס, דאווידזאן, איזידאר צוקערמאן, גלאזינאוו, באכנאוו, אלבערטינא, פאלינא, מארסעלא, סעם וועלער און אנדערע.

עלפטער קאפיטעל.

הארץ, נשמה, פינטעלע.

אויפ'ן גורל פון קעסלער איז אויסגעפאלען צו פייערען דער ערשטער דעם זיעג פון שונד איבער דער בעסערער דראמע. בשעת מען האט אין פיפלס טהעאטער געשפיעלט גארדינס לעצטע דראמע „דעמענטיא אמעריקאנא", האט קעסלער אויפגעפיהרט אין טהאליא טהעאטער „דאס אידישע הארץ" פון י. לאטיינער. און געגען אלע ערווארטונגען האט דאס לעצטע שטיק שטארק אויסגענומען. די דירעקטארען האבען פשוט זייערע אויגען נ ט געגלויבט, נאר וואס א וואך ווייטער האט זיי די קאסע אלץ מעהר איבערציינגט אין דעם אונגעהערטען ערפאלג. אין טהעאטער האט מען עס צוגעשריבען די פערדיענסטען פון די גרעסערע אקטיארען. די פרעסע האט דעם ערפאלג צוגעשריעבען מאגולעסקאס פיסעל. אין דעם דאזיגען שטיק דארף דער קאמיקער א טופע טהאן מיט'ן פוס און די ראל פון דעם קאמיקער האט געשפיעלט מאגולעסקא און ער האט עס געטהאן אזוי חנ'עודיג קאמיש, אז די פרעסע האט באמונה שלמה געגלויבט, אז דער עולם קומט זעהן דאס שטיק צוליעב דעם טופע מיט'ן פיסעל. און קיינער האט זיך בשעת מעשה ניט געקענט אנשטויסען, אז דאס איז א רבנן קדיש נאך דער בעסערער דראמע.

דער לאנגער קאמף צווישען די מוזיק האלס און די טהעאטערס האט זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר די לעצטע, און דער גרויסער ערב רב האט זיך איצט אהין א שאט געטהאן. טהאמאשעפסקי האט זיך גלייך אנגעשטויסען, אז עפעס אן ענדערונג א ז פארגעקומען און ער האט ניט פערזאמט די געלעגענהייט און איז באלד ארויסגעטראטען מיט טער'ס א שטיק „די אידישע נשמה". דער חשבון

איז דא פון אויבען אויף און דריקט זיך אפען אוים אין דעם נא־מען. אויב די טהעאטער בעזוכער האבען זיך אזוי אנגעכאפט אן א אידישע הארץ, וועלען זיך אויך אנכאפען אן א אידישע נשמה. און ער האט קיין טעות ניט געמאכט. זיין שטיק האט געהאט ניט קיין קלענערען ערפאלג, ווי קעסלערס. דער לעצטער האט טריאומפירט דעם ערשטען האלבען סעזאן און ער האט טריאומפירט דעם צווייטען האלבען סעזאן.

אבער דערמיט האט זיך טהאמאשעפסקי ניט בענוגענט. ער האט איצט געהאט מעהר צייט און ער האט זיך אונטערגענומען צו דערווייזען, אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען א שטיק מיט קונצען וועט ער אלע אנדערע דירעקטארען אויסטרייסלען פון ארבעל. און טאקע צום קומענדען סעזאן האט ער צוגעגרייט זייפערטס א שטיק אונטער'ן נאמען „דאס פינטעלע איד“, אלץ אויף דעם זעלביגען סמך, אז עס האבען אויסגענומען „אידישע הארץ“ און „א דישע נשמה“ דארף „פינטעלע איד“ געווים נושא חן זיין. און ער האט געוואוסט, וואס ער טהוט. דער ערפאלג פון „פינטעלע איד“ האט איבערשטייגט אלץ, וואס איז ביז דעמאלט געווען אין אידישען טהעאטער. עטליכע און צוואנציג וואכען נאכאנאנד, דאס הייסט במעט א גאנצען סעזאן האט זיך דאס שטיק געהאלטען און האט איינגעבראכט אן אוצר געלד. אינטערעסאנט איז דערביי צו בעמערקען, אז מ. זייפערט האט זיך אבגעזאגט פון דעם כבוד פון דעם שטיק.

עס איז גרינג צו בעמערקען, אז די פערפאסערס פון די דער־מאנטע שטיקער זיינען אלע מעהר אדער ווייניגער פערבונדען מיט דער ביהנע אין איהר ערשטער פעריאדע אין אמעריקא און אזוי גיך ווי לאטיינער האט אויסגענומען מיט זיין „אידישע הארץ“ האט מען זיך א קעהר געטהאן צו זיי נאך סחורה און מען האט ריכטיג געטראפען צו וועמען צו ווענדען זיך.

נאך דעם „ניכט־דא־געוועזענעם“ ערפאלג פון „פינטעלע איד“ האט זיך פשוט אנגעהויבען א חוכא וטלולא איבער דער בעסערער דראמע. אין דעם קאנטאר פון יעדען טהעאטער האט מען חוזק געמאכט פון יעדען איינעם, וואס האט נאר דערמאנט די בעסערע

פיעסען. ביי די אנדערע דירעקטאָרען זיינען יעצט ממש די אויגען ארויסגעקראָכען פון קנאה. און זיי האָבען געזוכט און געאקערט א שטיק, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט'ן „פינטעלע איד". אדלער האָט פערקויפט זיין זכות פון גרענד טהעאטער צו א קינאָמאטאָגראף קאָמפאניע און איז אליין נאָכדעם אריין אין טהאליא. קעני ליפּצין האָט אליין געעפענט א טהעאטער און א נאָמען גע־געבען איהם ל פּצין טהעאטער. און אלע דירעקטאָרען האָבען פער־געסען זייער רעפּוטאציע און איינער דעם צווייטען געזוכט איבער־צויאָגען אין שונד. דער ליפּצין טהעאטער האָט זיך געעפענט אלס „די היים פון דער אידישער דראמע", נאָר דער דירעקטאָר האָט דעם נסיון ניט געקענט בייקומען און אויפגעפיהרט זאלאטארעווס־קי'ס „ווייסע שקלאפען" און דער ערפאָלג איז געווען א גרויסער.

נאָכ'ן „פינטעלע איד" האָבען שוין די אנדערע שטיקער, וואָס זיינען געווען געגאָסען אין דעם פורעם ניט געהאט אזא מזל. דעם עולם איז פשוט איבערדריסיג געוואָרען אלץ די זעלבינע מעשה מיט א וואריאציע. און איצט האָט זאלאטארעווסקי געוויזען דעם וועג, מיט זיין גרינגער האנד האָט זיך אנגעהויבען א סדרה פון גאסענ־פרויען אויף דער ביהנע און ווען זיי זיינען איבערדריסיג געוואָ־רען איז געקומען א סדרה פון ממזרים און נאָכדעם פון באנדיטען און די ביהנע איז ממש פערגאָסען געוואָרען מיט שמוץ.

אזוי ווי אלע טהעאטערס האָבען זיך איצט אבגעגעבען מיט איין סאָרט שטיקער איז אומעדום געגאנגען די זעלבינע סדרה, און אלע שטיקער האָבען געהאט איין פנים און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז קיינס זאָל ניט האָבען קיין גרויסען ערפאָלג און אלע זאָלען באַלד נמאס ווערען. אבער יעדער דירעקטאָר האָט איצט גע־האט אין זינען דעם ערפאָלג פון דעם „פינטעלע איד" און געהאָפט, אז ניט היינט איז מאָרגען וועט ער אזא שטיק דערטאפּען און אנ־שיטען אוצרות גאָלד.

אין דער צייט האָט אדלער איבערגענומען טהאליא טהעאטער און אויך פערנומען זיך אויף דעם זעלבינען וועג. ער האָט אין דעם דאָזיגען טהעאטער געשפּיעלט צוויי יאָהר, און הגם די איינציגע צוויי פּיעסען, וואָס האָבען דאָרטען אויסגענומען זיינען געווען

„אלישע בן אבויה", וועלכע איז מיט עטליכע יאָהר צוריק דורכגע־פאַלען אין גרענד טהעאַטער און ל. קאַברינס דראַמע „שונאים". איז אָבער די שטרעבונג נאָך א צווייטע „פּינטעלע" געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געשטעלט איין נאַרעשע שט״ק נאָכ׳ן צווייטען און זיי זיינען אַלע דורכגעפאַלען און דער סוף איז געווען, אַז אין צוויי סעזאָנען האָט ער פערלאָרען אַזוי פיעל געלד, אַז פון דער־מאָלט אָן האָט ער שוין מורא געהאַט צו נעהמען אַליין א טהעאַטער און ער שפּיעלט אָדער פאַר שכירות אָדער ער מאַכט אַזא שותפות, אַז ער זאָל קיין געלד ניט דאַרפען איינשטעלען.

דער איינציגער שרייבער וואָס האָט געקענט די ביהנע און געקענט שאַפען א בעסערע ידראַמע איז נאָך גאָרדין געבליבען לעאָן קאָברין. די אַנדערע בעסערע שרייבער האָבען קיין דריסת הרגל אין טהעאַטער ניט געהאַט.

קאָברין האָט א סך געשאַפען אין איין צייט מיט גאָרדינען, און ער איז פערטונקעלט געוואָרען פון דעם לעצטען ניט אַזוי דערפאַר, וואָס יענער האָט טיעפער געקענט אריינדרינגען אין לעבען און האָט געהאַט א ברייטערען בליק אויף דער וועלט, ווי מחמת ער האָט זיך טאַלאַנט ניט אויסגענוצט צו שאַפען דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקענט. קאָברין האָט א שטאַרקע שילדערונגס־קראַפט, אַן אויג און אויער פאַר די העלע פאַרבען און טענער פון די עלעמענטאַרע געפיהלען און ליידענשאַפטען, א פּרימיטיווען געזונטען אַפּעטיט נאָך לייב און פליישׁ, א ליעבע צו מגושם׳דיגע סצענעס און א סך טעמפּעראַמענט, און די דאָזיגע אַלע אייגענשאַפטען האָבען זיך גוט געפּאַסט פאַר א שרייבער פון דער אידישער ביהנע. נאָר קאָב־רין האָט ניט קיין מאָס און קיין טאַקט און אונטער דעם שווערען איינפלוס פון דעם אידישען טהעאַטער איז ער דאָרטען, וואו ער האָט געוואָלט קרעפטיג שילדערען, אריינגעפאַלען אָפט אין סענ־זאַציע; וואו ער האָט געזוכט צו זיין מגושם׳דיג פרעהלאַך איז ער אָפט געוואָרען באַנאַל. די פּרימיטיווע נאַטירליכקייט איז אָפט געוואָרען מעלאָדראַמאַטיש און שונדיג. נאָך „מינא" איז זיין ערש־טע פּיעסע געווען „די איסט סייד גהעטא", א ביליגע מעלאָדראַמאַ־טישע שטיק. אין דער „פערלאָרענעם גן עדן" ווערען די עטליכע

בעסערע שטעלען פערזונקען אין וואולגאריטעט און שונד. „דער בלינדער מוזיקאנט“ איז נאך א סך ערגער פון די פריהערדיגע פיעסען, דאס מעלאדראמאטישע, דאס שונדיגע רייסט דא בעזונדערס שטארק די אויגען. און אויך ניט בעסער אויב ניט ערגער איז געווען זיין „יעקב בלומבערג“.

צווישען די אויסגערעכענטע שטיקער האט מען אויך אויפגעפיהרט זיין „סאניע פון איסט בראדוויי“ און „צוריסענע קייטען“,ביידע בעסערע פיעסען, וועלכע זיינען דורכגעפאלען און, משמעות, זיי האבען איהם געוויזען, אז ווען מען וויל אויסנעהמען ביים פובליקום, דארף מען אנווענדען אנדערע מיטלען, און די דירעקטארען זיינען ניט געווען פויל צו העלפען איהם ווערען פאפולער.

דער אמת איז, אז קאברינס ערשטע שטיקער זיינען אפשר ניט געווען ערגער פון גארדינס ערשטע, נאר ווען קאברין האט געשריבען זיין „פערלארענעם גן עדן“, „בלינדער מוזיקאנט,“ „יעקב בלומבערג“, האט שוין דער עולם און די קריטיק לאנג פערגעסען, אז גארדין האט געהאט ערשטע שטיקער און דאס איז שוין געווען לאנג נאכדעם, ווי גארדין האט געשאפען „מירעלע אפרת“, „סאפהא“ און „גאט, מענש און טייוועל“. דער מאסשטאב פון דער בעסערער דראמע איז שוין געווען א סך א העכערער און אנשטאט צו שטרעבען צו שאפען וואס בעסערע ווערק, האט ער, פערקעהרט, געלאזט זיך בעאיינפלוסען פון די דירעקטארען און געמאכט חנ׳דלאך צו דער מאסע. און דאס האט געפיהרט דערצו, אז כל זמן גארדין האט געלעבט, איז קאברין געשטאנען אין שאטען.

און ערשט נאך גארדינס טוידט האט זיך קאברין א כאפ געטהאן, אז דער וועג מיט וועלכען ער איז געגאנגען האט קיין טובה ניט געטהאן זיין טאלאנט און ער האט אנגעשריבען איינע פון די בעסטע אידישע ארבייטער פיעסען אונטער׳ן נאמען „שונאים“ און איצט מעהר ווי אלע מאל איז ער געווען ענטשלאסען צו געווינען דאס בעסערע פובליקום.

די צייט איז אבער איצט ניט געווען פאר בעסערע פיעסען

און הגם זיין דראמע „שונאים“ האָט אויסגענומען, האָט ער זיין מעמד ביים טהעאטער ניט פעסטער געמאכט. פערקעהרט, ער איז איצט געוואָרען איין איינגעבעטענער גאסט און עס איז רעכט, אז א סעזאָן זאָל אריבער און מען זאָל קיין איינציגע פיעסע זיינע ניט שפּיעלען. דער זכות פון די „שונאים“ איז נאָך געווען גענוג, אז מען זאָל דעם צווייטען סעזאָן אויפפיהרען זיין „בריטש אָוו פּראָמיס“, א גוטע און געזונטע קאָמעדיע, וועלכע האָט געליטען צוליעב א סטרייק, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעבראָכען אין טהעאַטער, וואו מען האָט איהר געשפּיעלט, און נאָכדעם מוז ער שוין אָנקומען צו קליינע טהעאטערלאך. זיין נעקסטע פיעסע „יאנקעל בוילע“, איינע פון זיינע בעסטע פיהרט מען שוין אויף אין א קליינעם טהעאטערל, מיט א צווייטע קלאסע שפּיעלער. און קאָברין איז דער איינציגער וואָס זוכט איצט צו געבען א בעסערע ליטעראַרישע פּיעסע.

קיין בליצען פון א טיעפען אינטעלעקט פון א שארפע בעאבאכטונגס־קראַפט און פון א ברייטער קענען דאָס לעבען, זעהט מען ניט אין קיינע פון קאָברינס פּיעסען. אפט רופען זיי ארוים א פערדרוס מיט זייער פלאכקייט און רויהייט, נאָר זיינע בעסערע דראמען צייכענען זיך אוים מיט א טהירישער געזונטקייט. ער איז געשטאַנען נעהענטער צום פאָלקס־מענשען ווי גאָרדין און אריינגעבראכט מעהר אמעריקאנער פארב פון אידישען לעבען, ווי גאָרדין און הגם ער איז אידישער ווי גאָרדין, פעהלט אויך אין זיינע דראמען דער אמת׳ער אידישער גייסט.

כמעט אין דער זעלביגער צייט מיט קאָברינען האָט אָנגעהויבען צו שרייבען ז. ליבין.

ליבין האָט געהאַט אן אויג פאַר שטילע און רוהיגע פארבען. ער האָט גענוג קאָליר געפונען אין דעם גרויען אין לעבען און אונטער זיין פּענזיל זיינען די סאַרסטע פאַרבען פּרעהליכער געוואָרען. דער גערויש און טומעל פון לעבען, די קאָכעדיגע ליידענשאַפטען האָבען איהם געלאָזט קאַלט און ער האָט זיין בעגייסטערונג געזוכט אין דעם וואָכעדיגען ווערקשטאַט, אין די קליינליכע אַלטעגליכע פּאַסירונגען.



מאריס שוואַרץ

יאזעף שענגאלד

מוני ווייזענפריינד



בן עמי

צעליע אדלער

בערטא גערסטען

לודוויג זאַץ

ש. גאלדענבורג

פון איהם האט מען ערוואַרט, אז ער וועט ארויסברענגען מעהר נאטירליכקייט, מעהר אמת׳ן לעבען אויף דער ביהנע, ניט די אויסערגעוועהנליכע זעלטענע פאסירונגען, וואס זיינען דאס רוב די פרוכט פון דער פאנטאזיע, נאר די געוואוינליכע בעגעבענהייטען, מעשים בכל יום, און בעשטראהלען זיי מיט דעם חן, וואס זיין אויג האט אין זיי געזעהן. אפשר האט ער די ערשטע יאהרען געשטרעבט דערצו, נאר מחמת ער איז נאך געווען אונערפאהרען איז דאס איהם ניט אזוי געלונגען. זיכער איז, אז די ערשטע יאהרען איז ער געווען ערנסטער אין זיין שאפען, נאר זיין קאריער אויף דער ביהנע איז אוועק אנדערש ווי ביי גארדין און קאברין. מיט די „געבראכענע הערצער" הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין זיין דראמאטישער טהעטיגקייט, אבער דער נייער וועג פערשפרעכט ניט קיין גוטס זיין טאלאנט. וואס ווייטער ווערט ער אלץ מעהר סענטימענטאל־מעלאדראמאטיש און אלץ מעהר רוקט ער זיך אוועק פון דעם רעאלען לעבען. אין גיכען האט ער געוואונען א נאמען אלס דער דראמענשרייבער, וואס קען ציהען טרערען, און אין דער צייט וואס די בעסערע דראמע איז פערטריבען געווארען פון דער ביהנע, האט ער דארטען פערנומען גאר א גרויסען פלאץ. אלס פערפאסער פון מעלאדראמען און דערצו מיט א נאמען פון א בעסערען שרייבער, איז ער געווארען ווי געוואונשען פאר דירעקטארען, וואס האבען נאך אביסעל בושה געהאט פאר זיך אליין.

ליבין אזוי ווי אלע אנדערע, וואס האבען געשריעבען פאר׳ן אידישען טהעאטער האט ארייגעפיהרט אין זיינע שטיקער דעם קאמישען עלעמענט, און פון א ליטעראַרישען שטאנדפונקט, איז זיין קאמישער עלעמענט דער וויכטיגסטער טהייל, ווייל ער איז גענומען פון לעבען און טראגט אויף זיך דעם ריכטיגען שטעמפעל פון ליבין. אמאל איז דער קאמישער עלעמענט גראב און וואולגאר און פשוט עקלהאפט, אין איינער פון זיינע ערשטע פיעסען געהט ארום דער קאמיקער מיט א ליכט זוכען וואנצען אין די ווענד, אין זיין סאמע נייעסטער פיעסע גיט דער קאמיקער אנצוהערענים, אז ער לויפט אויף נקיות, נאר דאס רוב איז דער דאזיגער עלעמענט

א שטיק פון לעבען, וואס הויבט אן שטראהלען אונטער ליבינס ווייבען הומאָר.

עס איז פערשפּארט צו זאגען, אז זיינע שטיקער זיינען גע־וואוינליך גלאטיג און צו ריכטען פון זיין „איינציגען עדות" האט ער די קראפט דורכצופיהרען א פסיכאלאגישע האנדלונג און געבען א בעסערע קאנסטרוקציע.

און אין דער צרה'דיגער שלים־מזל'דיגער צייט איז אין ניו־יארק געקומען דער אידיש־דייטשער שוישפּיעלער רודאלף שילד־קרויט. ער איז געקומען גאסטראלירען אין דעם דייטשען טהעא־טער און אויסגעכאפּט האט איהם טהאמאשעפסקי פאר פּיפּלס טהעאטער. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער בעזיצט א געזונטען אידיש און ווען ער זאל קומען אין דער צייט פון דער אויפבלי־הונג פון דער בעסערער דראמע, וואלט ער א גרעסערן קיום גע־האט אין אידישען טהעאטער, נאר דער נייער עולם האט שילד־קרויט'ן נים געקענט אבשאצען און זיין שפּיעלען אין ריינעם אידיש איז געווען א חסרון, ווייל דאס האט בעשיינפערליך בעווי־זען דעם פּראסטען טהעאטער געהער, אז מען נעהמט איהם אויף זיכער און מען רעדט איהם איין פויגעלאך אין בוזים.

נאר א קורצע צייט איז שילדקרויט געשטאנען אין פּיפּלס טהעאטער און איז נאכדעם דעם גאנצען סעזאן ארומגעגאנגען לע־דיג. אויפ'ן צווייטען סעזאן איז ער אריין אין נאוועלטי טהעא־טער, אונטער דער דירעקציאן פון פרוי אדלער. און הגם דער טהעא־טער „נאוועלטי" איז געווען מחוץ למחנה, און אין אלע ניו יארקער טהעאטערס זיינען שטיקער געפאלען, האט אויסגעזעהן אזוי ווי שילדקרויט האט געבראכט די גאולה פאר דער בעסערער דראמע. נאר פרוי אדלער האט אויסגעדוכט, אז זי ווערט פערדונקעלט פון שילדקרויט'ן און עס האט זיך אנגעהויבען א רייסעריי מיט נגישות מיט אונטערפיסלאך, און דער פועל יוצא איז געווען, אז ער האט גע־מוזט ארויסטרעטען פון טהעאטער אין מיטען סעזאן. און הגם אין טהעאטער איז אריין פרוי טהאמאשעפסקי, זעהר א בעליעבטע סוברעטין, מיט א גרויסער אנהענגערשאפט און זי האט צוגעטרא־פען מיט א שטיק אין דעם סאמע גוסט פון דעם פּראסטען טהעא־

טער בעזוכער, האט זיך דער טהעאטער נאך געהאלטען עטליכע וואכען און צום סוף געפלאצט.

נאך אזא ערפאהרונג איז שילדקרויט פערבליבען אין ניו־יארק ביז נאכ'ן סעזאן און איז צוריק אוועקגעפאהרען קיין דייטש־לאנד.

אין 1909 זיינען פון רוסלאנד אנגעקומען געסט. זיי זיינען געווען רחל קאמינסקא, פריילין זאסלאווסקא און פישזאן. מיט די לעצטע צוויי האט קעסלער געעפענט דעם סעזאן אין טהאליא טהעאטער, נאר זיי האבען זיך דא ניט אנגענומען און זיי האבען זיך באלד צוריקגעקעהרט קיין רוסלאנד. נאך זיי איז אין טהאליא טהעאטער אריין רחל קאמינסקא און זי איז אבגעשטאנען א גאנ־צען סעזאן. אין עטליכע חדשים ארום איז צוגעקומען א. קאמינסקי, נאר ער איז ערגעץ ניט אנגאזשירט געווארען. ער האט געדונגען א קליין פערוואורפען טהעאטערל, אבער האט זיך דארטען לאנג ניט געהאלטען.

אין דער צייט איז אין אמעריקא געקומען שלום אש. ער איז שוין געווען בעקאנט דעם טהעאטער־בעזוכער דורך זיין „גאט פון נקמה". מען האט דא פריהער אויך אויפגעפיהרט דעם „חלום פון מיין פאלק" און „מיט'ן שטראם", נאר זיי זיינען דורכגעפאלען. ער האט געווארפען אן אויג אויף דער ביהנע, נאר די דירעקטארען האבען קיין איבריגען ענטהוזיאזם ניט ארויסגעוויזען מיט זיין קו־מען. דאס איז געווען די צייט פון „פינטעלע איד" און אלץ וואס איהם איז געלונגען איז געווען צו פערקויפען קעסלער'ן דעם „לאנדסמאן", א ביליגע קאמעדיע וואס איז אויפגעפיהרט געווארען שוין נאך אש'עס אוועקפאהר און וואס איז דורכגעפאלען די ערשטע וואך. דער „לאנדסמאן" איז אויפגעפיהרט געווארען אין דעם ניי־ען טהעאטער, וואס איז ערשט פארטיג געווארען און געטראגען דעם נאמען „קעסלער טהעאטער". דער דאזיגער טהעאטער איז געבויט געווארען פאר דער אידישער ביהנע אויף א שעהנער גאס און איז דער גרעסטער, וואס אידען פערמאגען.

אין דעם נייען טהעאטער איז די שפע געווען א גרעסערע ווי אין די אנדערע טהעאטערס. און דער ערשטער סעזאן איז דארטען

געווען פּרעהליכער ווי אומעדום, און דאָס האָט די דירעקטאָרען איינגעגעבען א געדאנק, אז די אַלטע פּעררופּענע גאַס, וואו זייערע טהעאטערס זיינען געשטאַנען איז אויסגעשפּיעלט, און זיי האָבען אָבגעזוכט אן אונטערנעהמער, וואָס האָט זיך פאַר זיי געשטעלט בויען א נייען טעמפּעל פון קונסט אין שכנות מיט „קעסלער'ס טהעַ־אטער".

ווען דער צווייטער נייער טהעאטער, אויך אזוי גרויס ווי קעסלערס, האָט געהאַלטען ביים פאַרטיג ווערען, האָבען זיך די דירעקטאָרען דערשראָקען. אין ניו יאָרק איז דאָס יאָהר געוואָרען אן אויסבאַפּעניש אויף טהעאטערס. די מוזיק האַלס וואָס זיינען איצט געווען איינגאנצען אויסגעשפּיעלט, האָבען זיך פערוואַנ־עלט אין טהעאטערס און אין ניו יאָרק האָט מען דעם סעזאָן אָנגעַ־צעהלט א גאַנצען צעהנדליג. די דירעקטאָרען פון די גרויסע טהעאַ־טערס האָבען בעשלאָסען צו מאכען א טראַסט און געגען אַלע ערוואַרטונגען האָבען זיי עס דורכגעפיהרט, איידער זיי האָבען צייט געהאַט גוט צו בעטראַכטען זיך.

דער חשבון איז געווען, אז ווען זיי וועלען אַלע זיין צוזאַמען און ניט דאַרפען קאָנקורירען איינער מיט'ן צווייטען, וועט ניט זיין נויטיג צו האָבען א בעזונדער טהעאטער פאַר יעדען שטערן. עס האָט זעלטען געטראָפען, אז אַלע טהעאטערס זאָלען האָבען אין דעם זעלבינען סעזאָן גרויס שפע און געוואוינליך ווען איינער אָדער צוויי גרויסע טהעאטערס האָבען זעהר גוט אויסגעמאַכט, איז דער דריטער געווען אויף צרות. מען האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסען אין וועלכען טהעאטער די מזל ברכה וועט אריין. דער ערשטער אויפטהו איז געווען צו בעגרענצען די צאָהל גרויסע טהעאטערס אויף צוויי, און די שטערן האָבען זיך אריינגעקליבען אין די צוויי נייע טהעאטערס. טהאליא טהעאטער איז געבליבען שטעהן לעדיג און פּיפּלס איז פערדונגען געוואָרען פאַר גוי'שע פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען פון איין זייט אן עקאָנאָמיע, און פון דער צווייטער זייט האָט דער נייער פּלאַן בעפרייט א שטערן פון שפּיעלען אין ניו יאָרק און ער האָט געקענט ארומפאָהרען איבער דער פּראָ־ווינץ און מאכען פאַר'ן טראַסט בעסערע געשעפטען, ווי ווען ער

איז געשטאנען אין א בעזונדער טהעאטער אין ניו יארק. א חוץ דעם האבען די דירעקטארען געהאפט, אז צוזאמען וועלען זיי קענען אויפהויבען א קאפ קעגען דער אקטיארען יוניאן און דיקטירען איהר זייערע בעדינגונגען און טאקע איידער דער טראסט איז אלט געווארען עטליכע חדשים האט אויסגעבראכען א סטרייק אין זייערע צוויי טהעאטערס.

די צרה מיט'ן טראסט איז געווען, וואס די דירעקטארען האבען זיך געלאזט פערפיהרען פון א נאמען און זיי האבען פערגעסען, אז דאס איז געווען די אלטע קאמבינאציע מיט א נייען אונטערשלאק. זיי האבען ניט בעגריפען, אז א חוץ אלעמען קען א טראסט פון צוויי טהעאטערס קיין קיום ניט האבען, ווען ער איז ארומגערינגעלט מיט פינף מאל אזוי פיעל אונאבהענגיגע טהעאטערס. און דער עיקר איז, זיי האבען ניט פערשטאנען, אז ווען דער מוסטער פון קונסט אויף דער ביהנע ווייזט זיך ארויס אין א „פינטעלע איד“, זיינען שטערען א גאנץ איבריגע זאך אין טהעאטער. קונסט געהט דעמאלט אריין אין שוסטער־גאס און ווער עס וויל קען שפיעלען און ווער עס וויל קען שרייבען. און טאקע א פאר קלענערע טהעאטערס האבען געמאכט א סך, א סך בעסערע געשעפטען פון דעם טראסט.

דער טראסט האט געדויערט איין סעזאן און די נאכווייהענים האט אנגעהאלטען נאך א קארגען סעזאן. כדי צו פערבעסערן זייער איינענע מערכה האבען זיך קעסלער און טהאמאשעפסקי אוועקגעלאזט קיין רוסלאנד אנהויב זומער צווישען די צוויי סעזאנען. דארטען האט זיך טהאמאשעפסקי געטראפען מיט אסיף דימאוו, וועמעס „שמע ישראל“ ער האט מיט עטליכע יאהר צוריק אויפגעפיהרט. ער האט בייגעוואוינט א פארשטעלונג פון דעם „אייביגען וואנדערער“ און ער האט בעשיינפערליך געזעהן דעם איינדרוק, וואס די דאזיגע פיעסע האט געמאכט אויף'ן צושויער. ער האט אנגעבאטען דימאוו'ן צו קומען קיין אמעריקא און יענער האט דעם פארשלאג אנגענומען.

דא האבען זיך די יוצרות ווידער איבערגעקעהרט. די בעסערע פיעסען האבען איצט דעם איינציגען מקום מנוחה געפונען איז

טהאָמאַשעפסקי׳ס נעשאָנאַל טהעאַטער, און בשעת אַדלער האָט אין דיזאַי טהעאַטער גע׳מענגדעל־ביילים׳ט עם כל הנערים, און קעס־לער האָט געשטעלט ליבינס אַיין מעלאָדראַמע נאָך דער צווייטער, האָט טהאָמאַשעפסקי אויפגעפיהרט טאָלסטאָי׳ס לעצטע דראַמע, וואָס איז דורכגעפאַלען און אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער גע־שטעלט דעם „אייביגען וואַנדערער" פון אָסיפּ דימאָוו, ניט אַבטענ־דיג אויפ׳ן ראַטה פון די שותפים און היימישע מענשען, און די אַקטיאָרען וואָס האָבען געשפּיעלט אין דער דראַמע און האָבען מיט איין מויל נביאות געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ חרפּה צו זיין אין טהעאַטער דעם אַבענד פון דער ערשטער פאַרשטעלונג, אַזוי מאָוס וועט די פּיעסע דורכפאַלען. נאָר די נבואה איז ניט מקוים געוואָרען, און דער „אייביגער וואַנדערער" האָט שטאַרק אויסגענומען ביי ניו־יאָרקער פּובליקום. נאָך דעם זעלביגען סעזאָן האָט טהאָמאַשעפסקי אויפגעפיהרט דימאָוו׳ס „געדונגענעם חתן" און די נייע פּיעסע איז דורכגעפאַלען. דעם צווייטען סעזאָן האָט ער דעם טהעאַטער געעפענט מיט דימאָוו׳ס צייט־בילד „מלחמה", און די דאָזיגע פּיע־סע איז אויך דורכגעפאַלען.

אין דעם זעלביגען סעזאָן איז ווידער געקומען קיין אַמעריקאַ שלום אש און ער האָט אויך אַ מקום מקלט געפונען אין נעשאָנאַל טהעאַטער פאַר זיין „אונזער גלויבען", וואָס האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. דאָ האָט מען אויך דעם סעזאָן געשפּיעלט אַברהם שאָמער׳ס „גרינעם מיליאָנער", פּאַרסמעסיגע קאָמעדיע, אָהן פּרעטענזיעס, אַבער אַ גלאַטע און פון לעבען גענומען. און דעם דריטען סעזאָן האָט ער אויפגעפיהרט „ישראל׳ס האָפנונג", אַ דראַמע, און „די נעקסט־דאָריגע" אַ קאָמעדיע פון ל. קאָברין און דער „שנירעל פּערל" פון שלום אש. אונטער די אַלע דריי יאָהר האָט מען אין קעסלערס טהעאַטער אויפגעפיהרט בלויז צוויי בעסערע פּיעסען: „דער פאַלשער משיח" פון מאַרק אַרנשטיין און „יעדער מיט זיין גאָט" פון ד. פּינסקי. אויך אַדלער האָט אויפגעפיהרט צוויי בעסערע פּיעסען דער „איד" פון עדלין און קופּערמאַן און „צובראָכענע געטער" פון בוקשטיין.

עס האָט שוין אָנגעהויבען אויסצוזעהן אַזוי ווי די פּערטריי־

בענע בעסערע דראמע געווינט צוריק א פלאץ אויף דער ביהנע, אויב ניט דעם בכבוד'יגען פלאץ וואס זי האט פריהער פערנומען, איז לכל הפחות אן אייגענעם ווינקעל. און הגם אין די דערמאנטע עטליכע יאהר האבען ווידער געהאט אן אונגעהויער גרויסען ער־פאלג צוויי מעלאדראמעס, וועלכע האבען אלעמען איבערראשט דערמיט, וואס זיי זיינען געקומען גלייך איינע נאך דער צווייטער אין דעם זעלביגען טהעאטער, פון דעם זעלביגען אויטאר, און יעדע פון זיי איז געגאנגען כמעט א גאנצען סעזאן, אדער ריכטיגער צו דריי און צוואנציג וואכען. די דאזיגע צוויי מעלאדראמעס זיינען געוועזן „די לעבעדיגע יתומים“ און דער „פרייז פון ליעבע“ פון י. זאלאטארעווסקי. דאך איז די לאגע פון דער ביהנע שוין ניט געוועזן אזוי טרויריג ווי אין די יאהרען פון דער „אידישער נשמה“ און „פינטעלע יוד“. די דערמאנטע מעלאדראמעס גופא זיינען שוין געוועזן א שריט פארווערטס. אין זיי איז שוין ניט געוועזן די הפקרות פון אמאליגער היסטארישער אפערעטע און פון „פינטעלע איד“. אין דעם „פרייז פון ליעבע“ זיינען די סצענעס געוועזן געפלאכטען איינע אין דער אנדערער און די אקטען פערבונדען איינער מיט'ן צווייטען. אבער דער עיקר איז, אז דער ערפאלג איז ניט געוועזן קיין נויטווענדיגער נאר א צופעליגער און האט ניט אויסגעשלאסען די בעסערע דראמע פון דער ביהנע, און אויב די לעצטע האט ניט געקענט אזוי שטארק אויסנעהמען, האט זי שוין אבער געהאט א געוויסען קרייז, וועלכען זי איז געפעלען געוועז און דאס הייסט, אז עס האט זיך שוין פערמירט פון דעם נעכטיגען ערב רב א געוויסער עולם פאר בעסערע פיעסען.

די מלחמה האט כמעט אין גאנצען אבגעשטעלט די איינוואנדערונג אין לאנד און דער שטענדיגער טהעאטער בעזוכער האט דערווייל צייט געהאט מעהר אדער ווייניגער צו ענטוויקלען זיין געשמאק. און דער געשמאק ענטוויקעלט זיך אפילו אהן דער הילף פון אויפקלערונג. און ניט האבענדיג קיין נייען עלעמענט אין טהעאטער. האבען די דירעקטארען געמוזט זיך ריכטען מיט דער העכערער מבינות, וואס איז צוגעקומען דעם שטענדיגען טהעאטער בעזוכער.

נאָר עס געדויערט א לאנגע צייט ביז א געשמאק ענטוויקעלט זיך און דערווייל איז געשאפען געוואָרען אין טהעאטער אַן איבער־גאנגס עפּאָכע, גראד ווי דאָס איז געשעהן אין די ניינציגער יאָה־רען, און דאָס מאכט מעגליך אז מען זאָל שפּיעלען סיי א נארעשע שטיק און סיי א בעסערע דראמע און ביידע סאָרטען האָבען א שאנס אָדער דורכצופאַלען אָדער אויסצונעהמען.

אין גרונט ווידערהאָלט זיך אין טהעאטער די זעלביגע גע־שיכטע פון די ניינציגער יאָהרען, מיט דעם אונטערשייד וואָס איצט דארף מען אָנהויבען צוריק פון אלף בית, בשעת פאר די אוי־גען שטעהט א גאנצער רעפּערטואר פון גוטע דראמען. און דאָס שטעלט אין א שלעכטער לאגע דעם בעסערען שרייבער. ער איז גע־צוואונגען צו מאכען קאָמפּראָמיסען, וועלכע מיט פינף און צוואנ־ציג יאָהר זיינען בעגעגענט געוואָרען מיט לויב־געזאנגען און פאר וועלכע איצט קען ער נאָר געטאָדעלט ווערען.

די ערשטע דראמענשרייבער זיינען כמעט אלע ארונטער פון דער סצענע, די מייסטע זיינען געשטאָרבען און די אַנדערע האָבען פערלאָרען זייער אָנהאַלט אויף דער ביהנע. דער איינציגער וואָס ווייזט זיך נאָך אמאָל אויף דער ביהנע, איז יאָזעף לאטיינער, אבער אין טהעאטער האָט מען שוין לאנג פערגעסען זיין אמאָליגע גדולה. די שרייבער וואָס זיינען נאָכדעם געקומען, א חוץ קאברין און לי־בין, וועגען וועלכע עס איז שוין געווען גערעדט, זיינען יצחק זאָ־לאטארעפסקי, נחום ראקאוו, משה ריכטער, י. קארנבליט, אברהם שאמער און פארטיגע דראמענשרייבער פון רוסלאנד זיינען צוגע־קומען ד. פינסקי, שלום אש און אָסיפּ דימאָוו. דאָס הייסט די צאָהל פון די שרייבער וואָס מאכען פיעסען פאר'ן אידישען טהעאטער איז א סך, א סך גרעסערע, נאָר די אנדערע אָדער זיי ווייזען זיך אמאָל אין א שמיטה אָדער זיי קומען ארויס מיט א פּאָר שטיקער און ווערען פערשוואונדען. פון די אויסגערעכענטע שרייבער האָבען זיך מעהר אָנגעזעהן אויף דער ביהנע צייט עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס פאַלען פון דער בעסערער דראמע זאָלאָטאָרעפסקי און ראקאוו, ביידע האָבען געקענט די מלאכה פון דער ביהנע, וועלכע זיי ווייסען מעהר פון אינערווייניג ווי פון דרויסען. דער ערשטער איז יאָהרע־

לאנג געווען אן אקטיאר און דער צווייטער איז געווען נאהענט פער־בונדען מיט'ן טהעאטער אין לאנדאן. ראקאוו האט ארייגגעבראכט דאס גאנצע פעקיל גרינס אין טהעאטער און ער האט אויף זיין אייגענעם רעכענונג א גאנצע סדרה שטיקער, וואס האבען צו טהאן מיט גרינע, ווי „דער גרינער בחור", „די גרינע מויד" און דאס גלייכען. זאלאטארעפסקי ווידער האט ארייגעבראכט „די ווייסע שקלאפען" אין די סאמע נידריגע אונטערוועלט אין טהעאטער, הגם ראקאוו האט מיט איהם אין דעם קאנקורירט.

זאלאטארעפסקי האט די ערשטע יאהרען זיך מעהר געשניטען אויף לאטיינער און הורוויטשעס שטייגער און זיינע ערשטע שטיקער זיינען צוזאמענגעשטעלט ווי זייערע, מיט דער גאנצער גוזמאדיגקייט, איבערטריבענקייט און הפקרות. זיינע שאנסען צו האבען א שטיק אויפגעפיהרט איז מעהר אבגעהאנגען אן דעם ערפאלג אדער דורכפאל פון זיין פריהערדיגער שטיק. אויב זיינע א שטיק איז דורכגעפאלען, זיינען די טהירען פון טהעאטער פאר איהם פערמאכט געווארען אויף א לאנגע צייט, נאר ווען א שטיק זיינע האט אויסגענומען האט ער געהאט די מעגליכקייט צו פערקויפען א צווייטע. ער האט דאריבער א לאנגע צייט זיינע שטיקער אויפגעפיהרט אין קליינע טהעאטערס אין ניו יארק אדער גאר אויף דער פראווינץ און ארויסגערוקט צום פראנט האט ער זיך ערשט אין דער צייט פון די „לעבעדיגע יתומים" און „פרייז פון ליעבע", און צוויי סעזאנען איז ער געווען דער צויבערער פון דער ביהנע. אבער אזוי ווי ער האט דעם זעלביגען צויבער נאך אמאל ניט דערוויזען, איז ער ווידער פערדרוקט געווארען צום הינטערגרונט. זיינע שטיקער צייכענען זיך אויס מיט שטארקע סיטואציעס און זיי האבען שטענדיג א מוסר השכל.

אין ראקאוו'ס שטיקער ליגט די געוויכט מעהר אויפ'ן פארסישען עלעמענט, א גראבער, האמאטנער, און וואו זאלאטארעפסקי נעהמט מיט די שטארקע מעלאדראמאטישע סיטואציעס, נעהמט ראקאוו מיט'ן גראבען פארס.

דער קאנטראסט פון זיי איז אברהם שאמער: זיינע שטיקער צייכענען זיך אויס מיט לייכטקייט, וואס איז כמעט פרעמד דער

אידישער ביהנע. זיינער א סיוזשעט, צו א פארם, צו א קאָמעדיע, צו א טראגעדיע איז זעהר איינפאך און ער בעזיצט א געבוירענע פער־שטענדניס פאר דער ביהנע. ער בעשאפט מיט גאָר קליינע מיטלען שעהנע עפעקטען. זיינס א שטיק איז ניט קיין זאק, וואו עס איז אנגעשטופט מיט כל המינים, נאָר בעשטעהט פון א גאנצער האנד־לונג, דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער עקאנאמיע. זיינע שטיקער זיינען דאָס רוב פלאך, אבער זיי בעליידיגען ניט דעם בעסערען גע־שמאק און אמוזירען דעם ברייטען עולם.

משה ריכטער, הגם זיין „טייבעלע" האָט געהאט מיט יאָהרען צוריק א היבשען ערפאָלג, איז ער ביז די לעצטע יאָהרען געווען דערווייטערט פון דער ביהנע און ארויסגעריסען האָט ער זיך מיט זיין „צו שפעט" און „איהר ערוואכונג",ביידע שטיקער פון דער אונטערוועלט. ער און אזוי אויך קארנבליט שיידען זיך אונ־טער פון די אנדערע שרייבער פון דעם סארט דערמיט, וואָס זייערע שטיקער זיינען איינפאכע און עס בעמערקט זיך אין זיי מעהר אדער ווייניגער א שטרעבונג צו נאטיר־ליכקייט. אין זיי בעגעגענט מען אפט א לאָקאלע סצענע מיט דעם ריכטיגען קאָליר, געמאָלט אויף א בעל הבית'ישען אופן.

שלום אש האָט געשאפען איין פיעסע, וואָס שיינט ארויס פון דעם אידישען רעפערטואר מיט איהר גאנצקייט, ווייכקייט און קינסטלערישער שעהנקייט. דאָס איז „דער גאָט פון נקמה". דער טאָן איז אויסגעהאלטען פון אנהויב ביז'ן סוף און אלע איינצעל־הייטען פיהרען צום אונפערמיידליכען שלום. אין דער פיעסע זעהט מען ניט נאָר דאָס הייזעל נאָר אויך די נשמה פון די געפאלענע און נעזונקענע און זי איז ארויסגעבראכט אין די איידעלסטע שטרי־כען. אבער אין די אנדערע פיעסען איז שלום אש ניט געווען אזוי גליקליך. איינינע בעלאַנגען גיכער צו דער דראמאטישער ליטעראַ־טור און אנדערע האָבען ניט קיין איבריגען ליטעראַרישען און קיין דראמאטישען ווערטה.

דוד פינסקי הגם ער שרייבט שוין פיעסען א יאָהר צוואנציג, האָט נאָך אלץ זיין וועג ניט געפונען. דאָס געוואוינליכע, דאָס אל־טעגליכע האָט פאר איהם קיין בעדייטונג ניט און ער זוכט דאָס אוי־

סערגעוואוינליכע און פאלט דאריבער אפט אריין אין מעלאדראמע און זיין סטיל ווערט באמבאסטיש. זיין „מאמע" דארף זיין א גאנץ רעאליסטישע זאך, נאר עס פעהלט אין איהר לעבען. „יעדער מיט זיין גאט" דארף שוין זיין סימבאליסטיש און קומט ארויס מעלא־דראמאטיש. „גאברי און די פרויען" איז ניט קיין לעבען, ניט קיין פאנטאזיע, דאס איז א נאקעטער טהעזיס מיט באמבאסטישע פראזען.

אסיף דימאוו איז געקומען צום אידישען טהעאטער מיט דער פארטיגער פארם, וואס איז די לעצטע יאהרען געברויכט געווארען אויף דער אייראפעאישער ביהנע. זיינע פיעסען צייכענען זיך אויס מיט מעהר שטימונג ווי אינהאלט, זיי זיינען מעהר סצענעס ווי דראמען. ניט דורכגעטראכט נאר אנגעווארפען אונטער דעם ערש־טען איינדרוק. די שילדערונגען זיינען לייכט, אבגעריסען. דער אי־בערגאנג פון דער רוסישער ביהנע צו דער אידישער האט איהם אביסעל צוטומעלט, ער האט פארלארען זיין מאסשטאב און געגור־מען טאפען אין דער פינסטער. עס האט צו איהם אפעלירט די שווע־רע האנדלונג, וואס גרעניצט מיט סענזאציע, און זיין לייכטער זשאנר האט זיך אין דעם פערלארען. „מלחמה" איז געווען די פרוכט פון דעם דאזיגען איינפלוס און עטליכע יאהר נאכאנאנד האט ער זיין גלייכגעוויכט ניט געקענט געפינען. געקומען צוריק איז ער אין זיין פיעסע „די וועלט אין פלאמען", וואס איז געשריעבען לייכט, אבגעריסען, מיט א מיסטישער צופארבונג, ניט דערעדט און ניט דערזאגט און איז פול מיט שטימונג.

א חוץ די שרייבער, וואס שאפען פאר דער ביהנע זיינען פאר־האן נאך אנדערע, וואס פערדיענען גרויס אויפמערקזאמקייט און דאס זיינען יענע, וואס רעכענען זיך ניט מיט קיינע פאדערונגען פון דעם טהעאטער און שרייבען ווי די מוזע דיקטירט זיי.

דער וויכטיגסטער פון די דאזיגע שרייבער איז י. ל. פרץ. עט־ליכע זאכען זיינע האט מען געשפיעלט סיי אין רוסלאנד און סיי אין אמעריקא, נאר דאס איז געשעהען מעהר צוליעב דעם שרייבער ווי צוליעב די ווערק, און ביי דעם גאנצען כבוד וואס דאס פאלק האט אויף איהם געלעגט, האבען זיי קיין ערפאלג ניט געהאט.

פּרץ איז ניט געווען קיין דראַמענשרייבער פאַר דער ביהנע. פּרץ איז אַ שרייבער פון בליצען, וועלכע קענען אַנהאַלטען נאָר אַ הרף עין, אבער ניט פון קיין דראַמע וואָס מוז האָבען אַן אָנהויב, אַ מיטען און אַ סוף. ווען ער איז שוין געווען אריבער פיערציג, דאָס הייסט מיט אַ געשטעלטען טאַלאַנט, האָט זיך איהם אפילו ניט גע׳חלומ׳ט אַז ער וועט ווען עס איז פּרובירען דאָס פעלד פון דראַ־מע. דעמאָלט האָט ער אַליין ערקלערט, אַז דאָס איז ניט פאַר זיין טאַלאַנט, גראַד ווי דער ראָמאַן איז ניט געווען פאַר זיין זשאַנר. זיין גרויסקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען אין קורצקייט, שאַרפקייט און גייסטיגע פייערווערק. און הגם איהם איז שפּעטער געלונגען צו שאַפען עטליכע דראַמאַטישע ווערק צייכענען זיי זיך מעהר אויס מיט זייער ליטעראַרישען ווערט, ווי מיט׳ן דראַמאַטישען.

מערקווירדיג, וואָס פּרץ, וועלכער האָט דער ערשטער אריינגע־פיהרט דעם מענשען אין דער אידישער ליטעראַטור האָט אין דער דראַמע דוקא אריינגעבראַכט דעם אמת׳ן עכטען אידען. זיינע דראַ־מען זיינען די סאַמע אידישע וואָס אונזער ביהנע פערמאָגט. אין זיין וויכטיגסטער דראַמע „די גאָלדענע קייט" איז פערקערפּערט די גאַנצע אידישקייט מיט איהרע האָפנונגען און גלויבען און שטרע־בען און טראַכטען, און זי איז די אידישטע דראַמע וואָס איז ווען געשריבען געוואָרען. אידיש איז דער גייסט, אידיש איז די אַטמאָס־פער, אידיש איז דער סטיל, און אַ זעלטענער חן פון פּאָעזיע איז אויסגעגאָסען אויף אַלץ. דער דראַמאַטישער איינדרוק ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, נאָר ער קומט ניט אַזוי פון געוואוינליכער בעדייטונג, וואָס די ווערטער דריקען אויס, ווי פון אַ צווייטער שטו־מער בעדייטונג, וואָס די אַטמאָספערע שאַפט אַרום און פרעסט איין אויפ׳ן מארך.

אויף קיין ביהנע וועט „די גאָלדענע קייט" ניט מאַכען דעם איינדרוק, וואָס זי רופט אַרויס ביים לייענען. דאָס איז אַ פאַנטאַ־זיע, וואָס טאָר ניט האָבען קיין מגע ומשא מיט ערדישער בעקליי־דונג און מאַכט אַ רושם נאָר, ווען זי אַפּעלירט צום לעזער׳ס פאַנטאַ־זיע. דאָס איז אַ דראַמע געשאַפען פאַר דער ליטעראַטור און ניט פאַר דער ביהנע.

א צווייטע פּרץ'ס דראמע איז אין „פּאליש אויפ'ן קייט". דא איז דוקא פארהאן א דראמאטישע האנדלונג, וואס דארף זיין פער־שטענדליך פאר יעדען איינעם, נאר דער דראמאטישער איינדרוק ווערט דא צושוואומען.

פון די אנדערע דראמען שרייבער, וואס בעלאנגען מעהר צו דער ליטעראטור זיינען די וויכטיגסטע פּרץ הירשביין און וויטער. פּרץ הירשביין האט שוין אנגעשריבען קרוב דריי צעהנדליג דראמען און אמאטארען שפּיעלען אפט זיינע פּיעסען און עס איז א חדוש פאר וואס מען פיהרט ניט אויף געוויסע פון זיי אין טהעאטער. פּיעלע פון די ערשטע פּיעסען זיינע שטעהען נעהענטער צום טהעא־טער ווי צו דער ליטעראטור.

עס איז שוין געוועזן דערמאנט, אז איין סעזאן האט ניו־יארק אליין געהאט אן ערך פון צעהן אידישע טהעאטערס. די צאהל פון שטענדיגע אידישע טהעאטערס איז פאר די לעצטע אכצעהן־צוואנ־ציג יאהר געוועזן געוואוינליך דריי און אפט אויך פינף. דאס זיינען די גרויסע „לעגיטימע" און אנערקענטע טהעאטערס. נאר זייט ביי זייט מיט זיי זיינען אויך געוועזן אין די לעצטע צעהן יאהר קליינע זייטיגע טהעאטערס. אזעלכע זיינען געוועזן אמאל איינער און אמאל גאנצע זעקס און אפשר זיבען. דער אונטערשייד צווישען זיי איז בעשטאנען אין דעם, וואס אין די לעגיטימע טהעאטערס האבען גע־שפּיעלט אנערקענטע אקטיארען, אלע פון דער יוניאן, מיט א שטערן בראש יעדער קאמפּאניע און די שטיקער זיינען געוועזן נייע, בשעת אין די קליינע טהעאטערלאך זיינען די שפּיעלער געוועזן אזעלכע, וואס זיינען ערשט אריבער פון מוזיק האל צום טהעאטער און האָ־בען ערשט געזוכט אנערקענונג אדער אקטיארען פון דער אלטער וועלט וואס זיינען אריבערגעקומען אין דער צייט, וואס די יוניאן איז שוין געוועזן געגרינדעט און מען האט זיי אהין ניט אריינגענו־מען. עס פערשטעהט זיך, אז אין די קליינע טהעאטערס זיינען קיין שטערן ניט געוועזן און אויך די שטיקער וואס מען האט דארטען געשפּיעלט זיינען געוועזן אדער אלטע אזעלכע וואס מען האט אין די גרויסע טהעאטערס ניט געוואלט אויפפיהרען.

די קליינע טהעאטערס האבען אויף אזא אופן נעענטפערט נאר

א לאָקאַלע פאַדערונג און זיינען מייסטענס פאָרגאַניזירט געוואָרען פון די שכנים פון די אַרומיגע גאַסען.

נאָר אויב אין די ערשטע יאָהרען איז זייער בעדייטונג פאַר דער ביהנע געווען נאָר א קליינע, איז זי פיעל גרעסער געוואָרען אין די לעצטע עטליכע יאָהר. א דאַנק א געוויסער תקנה וואָס איז דורכ־געפיהרט געוואָרען אין ניו יאָרק מיט א יאָהר זעקס צוריק, איז ניט נאָר זייער צאָהל פערקלענערט געוואָרען, נאָר זיי מוזען אויך האָ־בען א פּנים פון טהעאַטערס. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז אין די קליינע טהעאַטערס זאָלען בלייבען די בעסערע קרעפטען און עס איז מעגליך געוואָרען אויפצופיהרען דאָרטען א נייע פּיעסע.

עס איז אמת, אז דער צושטאַנד פון די קליינע טהעאַטערס איז אזא, אז זיי קענען בשום אופן ניט קויפען קיין נייע פּיעסע פון א בעקאַנטען פערפאַסער, דאָרטען קען מען ניט שפּיעלען מעהר ווי פינף מאָל איין זאַך. נאָר דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען דער בעקאַנ־טער אויטאָר קען אויפפיהרען זיינע שטיקער אין די גרויסע טהעאַ־טערס. אבער אזוי ווי אין די גרויסע טהעאַטערס גלויבט מען אין פירמעס, טרעפט מיט יעדען פערפאַסער, אז די דירעקטאָרען זאָגען זיך אב צו קויפען זיינע ווערק, ווען א צוויי דריי שטיקער זיינע פאַ־לען דורך איינס נאָך דעם אַנדערען. דעמאָלט קומען איהם צו הילף די קליינע טהעאַטערס און זיי גיבען איהם א געלעגענהייט צו ווייזען די דירעקטאָרען, צו זיין נייע פּיעסע געפינט חן ביים עולם צו ניט. אויף אזא אופן זיינען אין די לעצטע עטליכע יאָהר אויפגעפיהרט געוואָרען פריהער אין די קליינע טהע־אַטערס שטיקער, וואָס זיינען לכתחילה פערבראַקירט געוואָ־רען פון די לעגיטימע טהעאַטערס, און נאָכדעם ווי די דירעקטאָרען האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן ווי אזוי דער עולם נעהמט זיי אויף אין א קליינעם טהעאַטער, האָבען זיי די זעלבינע שטיקער אויפגעפיהרט ביי זיך.

נאָך וויכטיגער איז וואָס די קליינע טהעאַטערס גיבען די מעג־ליכקייט נייע פערפאַסערס צו ווייזען זיך אויף דער ביהנע. די קליינע טהעאַטערס קענען ניט זיין אזוי קלייבעריש און זיי עפענען א וועג פאַר זיי צו די גרויסע טהעאַטערס. עס איז אמת, אז די קליינע קייען

וואס די גרויסע שפּייען, פון דעסטוועגען קען זיין מעגליך, אז אין די קליינע טהעאטערס זאל מען אויך אויפפיהרען בעסערע פּיעסען, וואס מען וואלט זיך אבגעשראקען צו שטעלען אין די גרויסע און אויף אזא אופן קענען זיי האבען זייער פערדיענסט ביי דער בע־סערער דראמע.

דאס פיהרט דערצו, אז די מחיצה צווישען די קלענערע און גרעסערע טהעאטערס זאל אבגעראמט ווערען. אזוי איז פון א קליי־נעם טהעאטער ארויסגעשפּרונגען אין די לעצטע צוויי יאהר גע־בעלס טהעאטער. אליין אן אקטיאר און פּערפאסער האט געבעל יאה־רענלאנג געשפּיעלט אין א קליינעם טהעאטער. ביסלעכווייז האט ער געשאפען אן אייגענעם רעפּערטואר און אין 1916 האט ער אי־בערגענומען ליפּצין טהעאטער און שפּיעלט איצט מיט א געמישטער קאמפּאניע, דאס הייסט עטליכע אקטיארען זיינען אזעלכע וואס האבען פריהער געשפּיעלט אין די גרויסע טהעאטערס.

די מיטגליעדער פון די קליינע טהעאטערס האבען אויך גע־גרינדעט זייערע א יוניאן און עס וועט מסתמא לאנג ניט געדויערען און די אקטיארען פון ביידע יוניאנס וועלען זיך אזוי אויסמישען, אז מען וועט ניט וויסען, ווער איז ווער.

א חוץ די גרויסע און קליינע טהעאטערס האבען אין ניו יארק און אין אנדערע גרויסע שטעדט אין אמעריקא פונקציאנירט דרא־מאטישע קלובען.

די ערשטע דראמאטישע קלובען זיינען דאס רוב בעשטאנען פון פערקאכטע טהעאטער בעזוכער, אדער ווי זיי הייסען אויפ'ן לשון פון אידישען טהעאטער „פּאטריאטען“. דאס זיינען געווען יונגע בחורים, וואס זיינען געווען גרייט ניט צו דערעסען און ניט צו דערטרינקען אבי צו געהן אין טהעאטער. ווען זיי האבען געגרינ־דעט א דראמאטישען קלוב, איז זייער איינציגער צוועק געווען צו שפּיעלען. אזעלכע קלובען האבען לאנג קיין קיום ניט געהאט און ווי זיי זיינען שטיל געבארען געווארען אזוי זיינען זיי שטיל אונ־טערגעגאנגען. איינער פון די עלטערע קלובען האט געטראגען דעם נאמען פון אברהם גאלדפאדען. שפּעטער האט יעדער מעהר אדער וועניגער בעקאנטער אקטיאר געהאט א קלוב, וואס האט געטראגען

זיין נאַמען. און עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט אידענטיפיצירט מיט קיינע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

פון די דאָזיגע קלובן זיינען אַרויסגעקומען פיעלע אַקטיאָרן, וואָס פאַרנעהמען מעהר אָדער ווייניגער אַן אַנגעזעהענעם פּלאַץ אין אידישן טהעאַטער. פון די עלטערע קלובן זיינען אַרויסגעקומען בעלאַ גודינסקי, טאַרנבערג, בועז יאָנג, וועקסלער, האָכשטיין, שניאָר, וועלכער האָט זיך אין אַ קורצער צייט צוגערוקט גאָר נאָהענט צום סאַמע אויבן אָן און וועלכער איז פריהצייטיג געשטאָרבען (1915). שפּעטער זיינען פון די קלובן אַרויסגעקומען רובין, שוואַרץ, גאָלדסמיטה, טענענהאָלץ און אַנדערע.

די מייסטע שפּעטערדיגע דראַמאַטישע קלובן זיינען געגרינדעט געוואָרן מיט אַ רעפּאָרמאַטאָרישן צוועק און האָבן געזוכט צו ענטוויקלען אַ פּובליקום פאַר דער בעסערער דראַמע. דער לייטענדער גייסט פון דעם וויכטיגסטען דראַמאַטישען קלוב אין ניו־יאָרק איז געווען יואל ענטין, און אונטער זיין אויפזיכט זיינען אויפגעפיהרט געוואָרן איינאַקטערס, איבערגעמאַכט פון פּרץ'ס סקיצען, ווי „דער בטלן“, „משוגע'נע“, „אין קעלער שטוב“ און אויך פון אַנדערע גוטע שרייבער. זיי האָבן אויך אויפגעפיהרט גאַנצע דראַמען, ווי שלום עליכם'ס „צוזייעט און צושפּרייט“, הירשביינס „תקיעת כף“, „איינזאַמע וועלטען“, „אין דער פינסטער“ און דאָס גלייכען.

צוליעב דעם מאַנגעל אין בעסערע אידישע דראַמען, האָט דער קלוב אויפגעפיהרט איבערזעצטע דראַמען, ווי „דאָס גליק אין ווינקעל“, „שמעטערלינג שלאַכט“ פון זודערמאַן, „דאָס גליק“ און „טאַנץ פון ליעבע און טויד“ („זלאַטאָ רונאָ“) פון פּשיבישעווסקי, „ליעבעליי“, „ליטעראַטור“, „פּופּענשפּיעלער“ פון שניצלער, „איינזאַמע מענשען“, „פריעדענספעסט“ פון הויפּטמאַן און דאָס גלייכען.

אַרום 1912 האָבן די מיטגליעדער פון דיעם פּראָגרעסיווען דראַמאַטיק קלוב דערוויזען צו דינגען אַ שעהנעם און אַנשטענדיגען זאַל, נאָר צוליעב די נייע שטאָדט תקנות האָבן זיי דעם זאַל ניט געקענט עפענען און דער קלוב איז אונטערגעגאַנגען.

שלום אש

פּרץ הירשבײן

אָסיפּ דימאָוו



י. ל. פּרץ



31 שלום עליכם

דוד פּינסקי

די וויכטיגסטע דראמאטישע קלובען מיט א העברעען צוועק זיינען איצט אין קליוולענד און שיקאגא. זיי, מיט דער הילף פון אנדערע אזעלכע דראמאטישע קלובען, האבען ארויסגעגעבען פרץ הירשביינ'ס דראמאטישע ווערק אין פינף כרכים, און זיי זיינען גרייט צו טהאן פאר דער בעסערער דראמע אלץ וואס זיי קענען.

ביים סוף 1917 איז די מאטעריעלע לאגע פון די אידישע טהעאטערס פיעל פארבעסערט געווארען. ניו יארק גופא צעהלט איצט צוויי גאר גרויסע טהעאטערס — קעסלער'ס צווייטע עוועניו טהעאטער און נעשאנעל טהעאטער — צוויי גרויסע טהעאטערס — פיפלס און גרענד — און צוויי קלענערע טהעאטערס — געבעל'ס און לענאקס עוועניו טהעאטער.

אין ברוקלין, וואס איז אפגעטהיילט פון ניו יארק דורך א טייך, זיינען פארהאן צוויי אידישע טהעאטערס: ליבערטי און ליריק.

די הוצאה פון גאר א גרויסען טהעאטער בעטרעפט צווישען פיער און פינף טויזענד דאלאר א וואך. די הוצאה פון א גרויסען טהעאטער איז צווישען דריי און פיער טויזענד א וואך.

א חוץ ניו יארק זיינען פארהאן אידישע טהעאטערס אין פילא־דעלפיא (צוויי), נוארק (איינער), באלטימאר (איינער), קליוולענד (איינער און אמאל צוויי), שיקאגא (איינער), דעטראיט (איינער). אויך קענעדע פארמאגט א פאר אידישע טהעאטערס. די דאזיגע זיינען אלע סטאבילע טהעאטערס. און וואס איז שייך צו צו־פעליגע פארשטעלונגען, איז ניטא קיין שטאדט און שטעדטעל אין די פאראייניגטע שטאטען, וואס ווערט ניט בעזוכט פון א אידישער קאמפאניע. געוויינליך, אזוי גיך ווי דער סעזאן ענדיגט זיך אין די סטאבילע טהעאטערס, לאזען זיך אוועק די קאמפאניעס אויף א טור איבער'ן לאנד און וואו נאר עס וואוינען אידען, שטעלען זיי זיך אפ און גיבען פארשטעלונגען.

די צאהל אנערקענטע אקטיארען וואס בעלאנגען צו דער יוניאן לאקאל איינס דערגרייכט קרוב צו הונדערט. אין דער דאזיגער יוניאן קומען אריין אלע אקטיארען פון די גרויסע טהעאטערס, א חוץ פיער־פינף, וועלכע זיינען די שטערען אדער בעלי־בתים. פיע־

לע אקטיארען זיינען שוין געווען דערמאנט פריהער און די אנדערע זיינען: ב. אויערבאך, בן עמי, ד. בארץ, א. קאנראד, י. קאהן, ס. פערקויף, ל. פריער, ל. גאלדשטיין, י. גילטמאן, ד. גראל, האכ־שטיין, ל. היימאן (פרעזידענט פון דער יוניאן), י. קעסלער, א. ליאנסקי, ד. לעווענסאן, ס. מאגע, ה. מייזעל, ח. נאטאנזאן, ה. נאדאלסקי, מ. סימאנהאף, א. שראגע, משה שאר, נ. שאכט, י. שעהנ־גאלד (זוהן פון אבא שעהנגאלד), מ. שווייד, א. שווארץ, מ. טעפ־ליצקי, י. וועקסלער.

די פרויען זיינען:

אבראמאוויטש, ציליע אדלער, פרענסים אדלער (ביידע טעכ־טער פון יעקב אדלער) בריה, אפעל, בירנבוים, קאהן, עפשטיין, פערקויף, דינע פיינמאן, גודינסקי, גרינבערג, גרינפעלד, גאלד־שטיין, גורעוויטש, גערסטען, קארפ (טאכטער פון שרה קארפ), לאוויטש, לאבעל, לאסקער, פריילין לובריצקי, פרוי לובריצקי, מאַ־גע, מאגולעסקא, (טאכטער פון קאמיקער מאגולעסקא), נאדאלסקי, רעגינא פראגער, סאבינא ראזענטהאל, שראגע, שאר, שאפירה, שניאר, זילבערט, טאבאטשניקאוו, עני טהאמאשעפסקי, ווילענסקי, דארא וויסמאן, בעסי וויסמאן, וויינטרויב, רעגינא צוקערבערג און זיבעל.

די אקטיארען פון די קלענערע טהעאטערס זיינען אין צאהל במעט אזוי גרויס ווי די אנדערע און זיי האבען שוין אויך ארויס־בעגעבען עטליכע שוישפיעלער, וואס וועלען מיט דער צייט פערנעה־מען אן אנגעזעהענעם פלאץ אויף דער ביהנע.

די אנערקענטע טהעאטערס זיינען די גרויסע און גאר די גרוי־סע אין ניו יארק, און זייער השפעה ווערט פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד און אויך איבער די אנדערע לענדער. פינף און נייג־ציג פראצענט פון אלץ וואס ווערט געשאפען פאר דער אידישער ביהנע אין אמעריקא קומט פריהער אין די דאזיגע טהעאטערס און ווען א שטיקט נעהמט דא אויס, האט עס א פארטיגע הסכמה פאר דער פראווינץ און, פערקעהרט, ווען א שטיק פאלט דא דורך, ווערט עס אן אבגעשלאגענע הושענא פאר יעדען אנדער טהעא־טער.

אויף אזא אופן שטעקט די גאנצע ביסעל אָרימקייט פון דער אידישער דראמע אין די גרויסע און גאָר גרויסע טהעאטערס, און די שטרעבונג אין ניו יאָרק איז תמיד געווען צו האָבען די אידישע טהעאטערס וואָס גרעסער.

אָבער דער פיזישער וואוקס פון דעם טהעאטער קומט ניט אין פּראָפּאָרציע מיט דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער דראמע. פערקעהרט, וואָס גרעסער א טהעאטער וואקסט אין שטח, וואָס מעהר שטוהלען עס ווערען אהין ארייינגעשטעלט, אַלץ וועניגער ווערט דאָרט דער פּלאַץ פאר דער בעסערער דראמע. דער גרויסער טהעאַטער פאָדערט א גרויסע מאסע בעזוכער, און די גרויסע מאסע איז קיין מאָל ניט קלייבעריש. דער עסטעטישער געשמאק ביי א גרעסערער מאסע איז אין דורכשניט פיעל גרעבער ווי ביי א קלענערען פּובליקום. א פּאָרשטעלונג אין א גרויסען טהעאטער נעהמט גיכער אָן דעם כאראקטער פון א ספּעקטאקעל און א שטיק מוז דאָ פערמאָגען מעלאָדראמאטישע עלעמענטען. א חוץ דעם, איז זעהר שווער צו שפּיעלען אין גאָר א גרויסען טהעאטער מעהר אָדער וועניגער נאטירליך, ווי עס פּאָדערט די בעסערע דראמע. דער אקטיאָר מוז אָנשטרענגען זיין קול, כדי די בעזוכער פון די ווייטסטע רייהען זאָלען איהם הערען. און דער רעזולטאַט דערפון קען זיין נאָר איינער: דער זעלביגער קול וואָס קלינגט אין די ווייטסטע רייהען נאַטירליך, קומט ארויס אין די נעהענטערע רייהען שרייענדיג און גרילצענד. אויך די בעוועגונגען פון דעם אקטיאָר און זיין מימיק מוזען זיין איבערטריבען. עס איז איבריג צו זאָגען, אז אין אזאַ טהעאטער קענען ניט ארויסקומען קיין האלבע טענער און איידעלע שאטירונגען, און דאָס בעסטע אין שפּיעלען ווערט פערלאָרען.

דער איניציאַטאָר פון גאָר די גרויסע טהעאטערס איז געווען מאקס ווילנער, אן אמעריקאניזירטער יונגערמאן מיט מעהר אונטערנעהמונגס־גייסט, ווי די פריהערדיגע דירעקטאָרען. נאָר די בעסערע דראמע האָט דערפון ניט געוואונען.

די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעהויבען צו מערקען א בעוועגונג פאר קלענערע אינטימע טהעאטערס, נאָר דאָ שטעהען אין וועג די טהעאטער יוניאָנס.

די ערשטע יאָהרען אין אמעריקא איז די גאַנגבאַרסטע סחורה אויף דער אידישער ביהנע געווען די היסטאָרישע אָפּערע, נאָר אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר האָט זי אָנגעהויבען צו פאַלען אין פּרייז, ביז זי איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, און עס איז פון איהר מעהר קיין זכר ניט געבליבען.

עס וואָלט געווען אונמעגליך צו ערקלערען אזא ערשיינונג מיט א ראַדיקאַלער ענדערונג און דעם געשמאַק פון דעם טהעאַטער בעזוכער. פון די געצעהלטע עטליכע היסטאָרישע שטיקער, וואָס זיי־נען אויפגעפיהרט געוואָרען אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר, האָבען עטליכע דוקא געהאַט א גרויסען ערפאָלג, ווי, למשל, הורוויטש'עס „בן הדור", זייפערט'ס „מלכת שבא", נאָר פיעלע אורזאַכען האָבען געאַרבייט צו פערטרייבען איהר פון דער ביהנע.

די היסטאָרישע אָפּערע האָט געפאָדערט א רייכע אויסשטאַ־טונג און רייכע דעקאָראַציעס און זי האָט אריינגעטריבען אין א גרויסע הוצאה. צוזאַמען מיט די גרויסע אויסגאַבען וואָס א טהעאַ־טער האָט די לעצטע יאָהרען, איז דאָס א גאַנצער פערמעגען, און ווען אזא שטיק פאַלט דורך, קען ווערען א סוף מיט'ן טהעאַטער. אין „לעבענשטיקער" לאָזט זיך די הוצאה אויף אויסשטאַטונג און דעקאָראַציעס קירצען ווי מען וויל און די מאָס פון ריזיקע איז דאריבער א סך א קלענערע.

די אַקטיאָרען גופא האָבען אויך פערלאָרען דעם חשק צו דער היסטאָרישער אָפּערע. ווען זיי זיינען יונג געווען, איז געווען א קרן צו קענען זיך ווייזען פאַר אַן עולם אין לייב קאָלירטען טריקא און קעקעריש טראָגען א מאַנטעל פערוואָרפען איבער די אַקסלען און שפּאַנען גאוה'דיג מיט א שווערד איבער דער ביהנע. נאָר די אַק־טיאָרען זיינען עלטער געוואָרען, האָבען אָנגענומען צופיעל לייב פאַר טריקאָ און מען קען שוין מיט די פאָרמען ניט שטאָלצירען.

און דערצו האָבען די מייסטע פערלאָרען זייערע שטימען. מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק זיינען זיי געווען אַלע אויסגעצייכענטע זינגער, און איצט איז שוין כמעט ביי אַלעמען די שטימע געבראָכען, הייזעריג און מיט אזא כלי קען מען אין אָפּערעס ניט ארויסטרעטען.

און צוזאמען מיט דער היסטארישער אפערע איז פון דער ביהנע אויך פערשוואונדען דער אידישער גייסט פון דער ביהנע. עס איז שוין פריהער געווען ארומגערעדט, אז ווייניג אידישעס איז געווען אין די היסטארישע אפערעס, נאר פיעל ווייניג איז דארט עפּעס געווען. אבער אין די אזוי גערופענע „לעבענשטיקער“ האט מען זיך אלץ מעהר און מעהר דערווייטערט פון דעם עכטען אידישען לעבען, און מען האט די ביהנע געבראכט צו אזא צושטאנד, אז אן אמת׳ע אידישע דראמע האט שוין דא מעהר קיין פלאץ ניט. די אקטיארען פיהלען זיך אין אזא שטיק ווי א שמענדריק, און זיי האבען מורא, אז יעדע אידישע האנדלונג וועט דעם דורכשניטליכען צושויער זיין פרעמד און אונפערשטענדליך.

מיט׳ן ווייזען זיך פון יעקב גארדין אויף דער אידישער ביהנע אין אמעריקא האבען די אקטיארען אנגעהויבען צו רעדען מאמע־לשון אהן פּתח׳ן און אפילו די העלדען האבען גערעדט אידיש, אבער ביז היינטיגען טאג האט יעדער אקטיאר מורא פאר א העברעאישעןווארט, וואס ווערט געברויכט אין פאלק און פאר אן עכטען אידיאמאטישען אויסדרוק. און מערקווירדיג, זיי האבען די זעלביגע ערקלערונג פאר זייער פערבלייכטען אידיש, ווי פריהער פאר׳ן דייטשמעריש: דער אידישער עולם אין אמעריקא וועט ניט פערשטעהן אן עכטען אידיאמאטישען אידיש. דאס הייסט, אז מיר האבען דא אין אמעריקא אן עלעמענט, וואס איז אויסגעוואקסען און ערצויגען געווארען אויפ׳ן אמעריקאנער באדען און וואס פערשטעהט נאר אן אויבערפלעכליכען אידיש און דאריבער מוז מען ארויסקוועטשען די גאנצע זאפט פון דער שפראך, כדי זי זאל ניט זיין אונפערשטענדליך פאר די דאזיגע טהעאטער בעזוכער.

אבער דאס איז געווען כמעט די זעלביגע ערקלעהרונג, פאר וואס מען האט געברויכט דייטשמעריש די ערשטע יאהרען אויף דער ביהנע אין אמעריקא. דעמאלט זיינען צווישען די בעזוכער ניט געווען קיין אויסגעוואקסענע און ערצויגענע אויפ׳ן אמעריקאנער באדען, נאר דערפאר זיינען די בעזוכער געווען איינגעוואנדערטע, וואס זיינען געקומען פון פערשיידענע לענדער, און עס האט געהייסען, אז פאר אז געמישטען פובליקום דארף מען האבען א שפראך

וואס זאל זיין פערשטענדליך סיי פאר'ן אידען פון גאליציען, סיי פאר'ן אידען פון רומעניען און סיי פאר'ן אידען פון רוסלאנד, און ווי זיי האבען געדענקט, האבען זיי עס דערגרייכט דערמיט, וואס זיי האבען פערביטען די קמצ'ען מיט פתח'ן.

איבריגענס, דאס איז אלץ די פרוכט פון דער אוננארמאלער לאגע פון אידישען טהעאטער.

עס איז געווען די אוננארמאלע לאגע פון דעם אידישען פאלק, וואס האט געמאכט די לאגע פון דעם אידישען טהעאטער אוננאר־מאל. די רדיפות פון דער אידישער אומה האבען זיך אבגערופען אויפ'ן אידישען טהעאטער און געשטערט זיין ענטוויקלונג. מיט איינגע טהעאטערס פון צוויי טויזענד יאהר צוריק ביי זיך אין דער היים האט דער איד אין יעדען לאנד וואו ער איז פערטריבען געווארען אין גלות געדארפט אנהויבען פון סאמע אנהויב ווען נאר ער האט געמאכט א פערזוך צו שפיעלען טהעאטער. דעם טרויע־ריגסטען ביישפיעל פון דער דאזיגער אוננארמאלער לאגע האבען מיר געזעהן אויף אונזערע אויגען. שטיינדעל צו שטיינדעל האט גאלדפאדען געקליבען ביז איהם איז געלונגען צו לעגען אין מיטען פון די זיבעציגער יאהרען דעם פונדאמענט פאר א אידישען טהעא־טער און אין קורצע עטליכע יאהר האט דער נייער בנין פערשפרא־כען צו ווערען א ציערונג פאר'ן פאלק, נאר די אכזריות'דיגע צא־רישע רעגיערונג האט מיט איין קלאפ געמאכט א תל פון אלץ, און די בויער פון טהעאטער האבען געדארפט אנהויבען צוריק פון סאמע אנהויב. אין דער נייער היים פון דעם אידישען טהעאטער, אין דער פרייער אמעריקא האט אויסגעזעהן, אז דא וועט דער אידישער גייסט קענען שאפען רוהיג און קיינער וועט שוין ניט שטערען זיין ענטוויקלונג. און דער נייער בנין אין דער נייער היים האט זיך אויפגעהויבען הויך און אימפאזאנט און האט ארויסגערופען די בע־וואונדערונג פון אייגענע און פרעמדע. עס האט אויסגעזעהן, אז קיין רוח אין דער וועלט וועט שוין דעם נייען בנין ניט ריהרען פון ארט. נאר דער בייזער ווינד איז געקומען און געקומען איז ער פון אי־בער יענער זייט ים, פון דעם זעלביגען צארישען רוסלאנד און ווי־דער געמאכט א חורבן פון דעם שעהנעם בנין און צושטערט די

גאנצע ארבייט, וואס איז געטהאן געווארען מיט אזוי פיעל זעלבסט־אפפערונג, און מען האט דא צוריק געדארפט אנהויבען פון סאמע אנהויב. די אונגארמאלע לאגע פון דעם אידישען פאלק בכלל האט געמאכט די לאגע פון דעם אידישען טהעאטער אוננארמאל אפילו אין אזעלכע לענדער, וואו ער איז בעווארענט פון רדיפות, גזירות און אכזריות און האט פולשטענדיגע פרייהייט.

די נייערע דראַמע.

מען האָט געדאַרפט ערוואַרטען, אַז די גרויסע מלחמה, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט די וועלט, אָנגעצונדען די געהירען און אַרונ־טערגעשליידערט די הימלען און אַרויפגעשלעפּט די טיפסטע תהומ׳ען — אַז די דאָזיגע גרויסע מלחמה האָט אָפּגעטעמפּט דעם מענשענ׳ס אַפּעטיט צו אַלץ, וואָס איז רוהיג, שטיל און פאַרשטענד־ליך און געשאַפען ביי איהם אַ באַגעהר נאָך עפּעס טומעלדיגעס און רוישיגעס און כאַאָטישעס. מען האָט אויך געדאַרפט ערוואַרטען, אַז די ביהנע וועט זיין די ערשטע, וואָס וועט ווערען באַאיינפלוסט פון דער מלחמה און וועט אָננעהמען די פאָרם און געשטאַלט וואָס די אויפגעטרייסעלטע נערווען און צוהיצטע מוחות האָבען איהר גע־דאַרפט געבען. אָבער דאָס איז מיט דער אידישער ביהנע אין אַמעריקא ניט געשעהן. די גרויסע מלחמה איז פאַרבייגעגאַנגען די ביהנע און האָט איהר כמעט ווי ניט אָנגעריהרט. די עטליכע מלחמה שטיקער, וואָס האָבען זיך באַוויזען אויף דער ביהנע זיינען געוועזן נאַרעשע מעלאָדראַמעס און האָבען באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע „צייט־שטיקער”.

דער איינפלוס פון דער מלחמה אויף דער אידישער ביהנע האָט זיך יאָ געלאָזט מערקען גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. צוליעב דער מלחמה איז די איינוואַנדערונג קיין אַמעריקא כמעט אין גאַנ־צען אָפּגעשטעלט געוואָרען און דער פועל־יוצא דערפון איז געוועזן, אַז דער אידישער טעאַטער איז אין גאַנצען געוואָרען אָפּהענגיג פון די שטענדיגע באַזוכער און ווען זיי זיינען אין טהעאַטער ניט

געקומען, איז ניט געווען ווער עס זאָל פארנעהמען זייערע רייהען. פריהער פלעגען די ניי־איינגעוואנדערטע אויספילען די לעדיגע פלעצער, נאָר איצט זיינען קיין נייע איינגעוואנדערטע ניט געווען, און ווי מען איז ניט געוואוינט צו טראַכטען ביים טהעאטער, האָט מען דאָך געמוזט איינזעהן די אלגעמיינע אומצופרידענהייט מיט דער אידישער ביהנע. עס האָט זיך קלאָר און דייטליך גענומען ארויסווייזען, אז די אָנגענומענע באגריפען, די פעסטע כללים, דער גאנצער שלחן ערוך פון דעם טהעאטער, האָבען באנקראָטירט און נאָך קלערער און דייטליכער האָט זיך דאָס ארויסגעוויזען אין דער בעסערער דראמע.

דעם שווערסטען קלאפ האָבען געקריגען אונזערע גרויסע שטערען, וועמעס נעמען זיינען געווען פארבונדען פון די פריהערדיגע צייטען מיט דער בעסערער דראמע. זיי האָבען געזיפצט און געפרעגט: וואו נעהמט מען איצט א יעקב גאָרדין? און זיי האָבען צוגעשריבען דעם תהו ובהו פון טהעאטער צו דעם, וואָס מיר האָבען ניט נאָך אזא שרייבער, וואָס זאָל קענען שאפען אזעלכע פיעסען, ווי י. גאָרדין. זיי האָבען אין גאנצען פארגעסען, אז אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער זיין אנהאלט אויפ׳ן טהעאטער פארלאָרען, און זיי האָבען קיינער ניט פארשטאנען דעם צייכען פון דער צייט און האָבען זיך פעסט געהאלטען ביי די פארעלטערטע מושגים און זיינען געגאנגען מיט׳ן אלטען אויסגעטראָטענעם וועג.

און קיין ווארנונגען האָבען ניט געפעהלט.

ווען באָרים טהאָמאשעפסקי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין גאסטראָל אין רוסלאנד, האָט ער מיטגעבראכט אָסיפ דימאָוו׳ס „אייביגער וואנדערער”. דאָס איז געווען די צייט פון דעם טראָסט און ער האָט געוואָלט, אז קעסלער זאָל אויפפיהרען די דאָזיגע פיעסע און שפילען אין איהר. טהאָמאשעפסקי האָט די דאָזיגע פיעסע געזעהן געשפילט אין רוסלאנד און דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאכט אויף די צושויער, און ער האָט געלערענט א קל וחומר: מה דאָך א גוי׳אישער עולם ווערט געריהרט פון דעם „אייביגען

וואַנדערער", אַ פשיטא שוין אַ אידישער עולם וועט דאָך אַרויס פון די כלים פון אַזאַ שטיק.

אָבער ווען קעסלער האָט געהערט לייענען דעם „אייביגען וואַנדערער", האָט ער אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען און ערקלערט, אַז ער זעהט ניט איין, וואָס דאָרטען קען געפעלען ווערען אַן עולם און וואָס ער זאָל האָבען צו שפּילען. דער „אייביגער וואַנדערער" איז ניט געווען געגאָסען אין דעם פורעם, וואָס איז געווען אָנגענומען פאַר דער בעסערער דראַמע און אויך ניט געגאָסען אין דעם באַקאַנטען פורעם פון דער מעלאָדראַמע.

טהאָמאַשעפסקי האָט אַליין אויפגעפיהרט דעם „אייביגען וואַנדערער" און ער האָט געהאַט אַ היבשען ערפאָלג. אָבער די „שטערען" האָבען דערפון גאָר ניט געלערענט און האָבען זיך נאָך אַלץ געקלאָגט: וואו נעהמט מען אַ יעקב גאָרדין?

אין יענער צייט איז פּרץ הירשביין געקומען קיין אַמעריקאַ מיט אַ גרויסען פאַרטיגען רעפּערטואַר. ער האָט געלייענט זיינע פּיעסען פאַר יעדען „שטערען" און דירעקטאָר און זיי האָבען ווי־דער ניט געזעהן, וואָס אַזוינס איז דאָ צו שפּילען אין אַזעלכע שטי־קער. עס איז אמת, אַז אין נאָוועלטי טהעאַטער, וואָס האָט זיך דערמאָלט געעפענט, האָט מען ביי איהם גענומען אַ פּיעסע. אויך טהאָמאַשעפסקי האָט גענומען די „פוסטע קרעטשמע", אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי גענומען, הגם די כונה איז מסתמא געווען צו שטעלען זיי. נאָר עס איז געווען גענוג איבערצולייענען זיי פאַר די קאָמפּאַניעס אין די דערמאָנטע טהעאַטערס, אַז זיי זאָלען אויסשפּייען דריי מאָל מיט אַ שקץ תשקצנו. און מען האָט זיי אין יענע טהעאַטערס טאַקע קיינמאָל ניט געשפּילט.

און דאָ איז געשעהן עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט בשום אופן ניט געקענט פאָראויסזעהן. די שטערען, וועלכע האָבען גע־האַט די גרעסטע השפּעה אויף דער ביהנע און געוועלטיגט איבער איהר אין אַ לאַנגען משך פון איבער דרייסיג יאָהר, האָבען פּלוצ־לונג דערפיהלט, אַז זייער ממשלה האָט זיך געענדיגט. מרס. ליפּ־צין איז שוין ניט נאָר לאַנג געבליבען אָהן אַ טהעאַטער און אָהן אַן אַנגאַזשמענט, נאָר זי איז שוין געוואָרען אין גאַנצען אויסגע־

שפיעלט.. דער קעניג פון דער ביהנע, יעקב פ. אדלער, איז געבליבען אהן א טהעאטער און די דירעקטארען פון די אנדערע טהעאטערס האבען זיך ניט געאיילט צו אנגאזשירען איהם און ער איז געצוואונגען געווען צו שפילען א פאר סעזאנען אין פילאדעלפיא אדער ארומוואגלען איבער דער פראווינץ. דוד קעסלער האט געהאט א טהעאטער, וואס איז לכתחילה געבויט געווארען פאר איהם און וואס האט געטראגען זיין נאמען. נאר ער האט באשיינפערליך געזעהן, ווי ער פארלירט זיין פובליקום. און זיין טהעאטער איז געקומען צו אזא מדרגה, אז מען האט יעדע וואך אדער יעדע צווייטע וואכען געדארפט שטעלען א נייע שטיק, און דער סוף איז געווען, אז אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט ער געמוזט פארלאזען זיין טהעאטער, ווערען אויס דירעקטאר און שפיעלען פאר פרעמדע פאר שכירות.

נאר אפילו דעמאלט, ווען דאס אלץ איז שוין געשעהן, האבען זיי נאך אלץ ניט באגריפען, אז דער שלחן ערוך, ביי וועלכען זיי האבען זיך אזוי פעסט געהאלטען דורך זייער לאנגער קאריערע, האט שוין מעהר קיין ממשות ניט און זיי האבען געקוקט אויפ'ן נייען עולם ווי אויף משוגעים.

אין 1918 איז די דייטשע טרופע, וואס האט יאהרענלאנג געשפיעלט אין אירווינג פליים טהעאטער, געצוואונגען געווען צו פארלאזען איהר טעמפעל פון קונסט און אויפגעבען איהר שפיעלען. צוליעב דער מלחמה איז געווארען ניט זיכער פאר דייטשע שפיעלער צו ציהען אויף זיך איבריגע אויפמערקזאמקייט און צו פארשפרייטען דייטשע קונסט. מען האט געקענט יעדען אבענד ערווארטען א סקאנדאל אין טהעאטער אדער גאר א פאגראם, ווייל מען האט דעמאלט שטארק געהעצט דעם המון געגען די אמעריקאנער דייטשען. דאס איז געווען די סאמע צייט פאר זיי אויפצוגעבען זייער טהעאטער, ווייל עטוואס שפעטער האט מען שוין אפילו איינצעלנע פארשטעלונגען ניט ערלויבט זיי צו געבען.

דער אירווינג פליים טהעאטער געפינט זיך עטוואס אן א זייט פון דעם אידישען טהעאטער־קווארטאל און מען האט גערעכענט, אז עס איז זעהר ריזיקאליש צו פארוואנדלען איהם אין א

אידישען טהעאַטער. נאָר דער יונגער אַקטיאָר מאָרים שוואַרץ האָט דאָ דערזעהן אַ געלעגענהייט צו ווערען דירעקטאָר און ער האָט אויסגעכאַפּט דעם דאַזיגען טהעאַטער. זיין שטילער שותּף אין דעם דאַזיגען טהעאַטער איז געווען מאַקס ווילנער, אַן ערפאַ־רענער דירעקטאָר, נאָר דאָס איז געהאַלטען געוואָרען, צוליעב גע־ווּיסע טעמים, בסוד און פאַר דער וועלט האָט געהייסען, אַז מ. שוואַרץ איז דער איינציגער פאַראַנטוואָרטליכער דירעקטאָר.

קיין באַשטימטען פּראָגראַם האָט דער יונגער אַקטיאָר און אומ־ערפאַהרענער דירעקטאָר ניט געהאַט, נאָר ער האָט געהאַט אַמ־ביציע און ענערגיע. ער האָט באַצייטענס מודיע געווען, אַז זיין טהעאַטער וועט זיך אָפּגעבען מיט בעסערע דראַמען, אָבער ער איז אויסגעוואַקסען אין דעם אַלטען חדר, מיט אַ חשק צו דער בעסערער דראַמע, נאָר אָהן אַ גלויבען אין דעם עולם. און אַזוי גיך ווי ער איז געוואָרען דירעקטאָר, האָט ער זיך געלאָזט געהן אין די טריט פון דוד קעסלער. דאָס הייסט, עס האָט אָנגעהויבען צו זוכען אַזעל־כע שטיקער, וואָס זאָלען זיין אַ קאָמפּראָמיס צווישען דער שריי־ענדיגער מעלאָדראַמע און דער שווערער בעסערער דראַמע. און, פאַרשטעהט זיך, ער האָט ניט געקענט האָבען קיין בעסערען מזל מיט אַזעלכע שטיקער, ווי עס האָט געהאַט דוד קעסלער. אַזעלכע שטיקער האָבען קיינעם ניט צופרידענגעשטעלט.

און וואָס איז שייך צו בעסערע פּיעסען, איז ער ווידער גע־גאַנגען איבער דעם אויסגעטראָטענעם וועג. בעסערע פּיעסען האָט מען געזוכט אין דעם רעפּערטואַר ביי די אומות העולם. אַזוי האָט זיך נוהג געווען יעקב אַדלער בשעתו. אַזוי האָט געטאָן דוד קעס־לער און אַזוי האָט אויך געטאָן מאָרים שוואַרץ. שוין פאַר דעם ערשטען סעזאָן האָט ער צוגעגרייט אַ טוץ פרעמדע פּיעסען. נאָר דאָ האָט ער גיך אויסגעפונען, אַז דער עולם האָט אַ קנאַפּען חשק צו זעהן פרעמדע פּיעסען אין אידישען טהעאַטער, ווייל עס ווערט קיינמאָל ניט ארויסגעבראַכט די נויטיגע אַטמאָספער און די שפּיע־לער ווערען אין זיי פאַרלאָרען.

אַזוי ווייט האָט מאָרים שוואַרץ מיט זיין אמת׳ער אייזערנער ענערגיע און גרויסע אַמביציע קיין זאַך ניט אויפגעטאָן, ווייל עס

האט איהם פשוט געפעהלט די קענטניס פון דער נייער בעסערער דראמע. וואס אזוינס זאל זיין די נייע בעסערע דראמע און מיט וועלכע פאדערונגען פון דעם שטאנדפונקט פון טהעאטער זאל מען צו איהר צוטרעטען? ווער איז דער נייער עולם און וואס אזוינס פארלאנגט ער? וואס וועט איהם צופרידענשטעלען? פארוואס איז די גארדינישע דראמע, וועלכע האט שוין געגוסס'ט אין די לעצטע יאהרען פון גארדינג'ס לעבען געווארען אין גאנצען אויס־געשפיעלט און טוידט פאר'ן טהעאטער? און נאך אלעמען איז גאר פאראן אזא עולם, וואס פאדערט א נייע דראמע און איז דאס ניט קיין איינגערעדטע מעשה, א קראנקע פאנטאזיע פון בטלנים? אויף די דאזיגע אלע פראגען האט ער לחלוטין קיין ענטפער ניט געקענט געבען.

עס איז געווען א צופאל, וואס אין זיין קאמפאניע איז געווען דער יונגער שפיעלער בן עמי, וועלכער האט דוקא מעהר געוואוסט וועגען דער נייער בעסערער אידישער דראמע און עס איז געווען אויף זיין רעקאמענדאציע, וואס מאָריס שווארץ האט אויפגעפיהרט פרץ הירשביינ'ס קאמעדיע „אין א פארוואָרפען ווינקעל". בן עמי איז מיט יאהרען פריהער געווען א מיטגליד פון הירשביינ'ס טרופע, וואס האט ארומגעוואגעלט איבער רוסלאנד און ער איז ניט נאר טהעארעטיש געווען באקאנט מיט די נייערע בעסערע פיעסען, נאר ער האט אויך פראקטיש געוואוסט, ווי אזוי זיי זיינען אויפ־גענומען געווארען פון דעם עולם.

„אין א פארוואָרפען ווינקעל" איז אויפגעפיהרט געווארען אין א געוואוינליכען וואכעדיגען אווענט און הגם צו דער ערשטער פארשטעלונג איז געקומען זעהר א קליינער עולם, האט אבער שווארץ ריכטיג אפגעשאצט דעם פובליקום. ער האט באשיינפערליך גע־זעהן, אז אלע פעסטע כללים, וואס זיינען דעמאלט געווען פעסט אנגענומען אין טהעאטער, האבען לחלוטין קיין ממשות ניט. אין דעם אלטען חדר איז געווען אנגענומען, אז א שטיק דארף זיין גע־זאלצען און געפעפערט, און אויב ניט, וועט דער עולם אנשלא־פען ווערען; א שטיק דארף זיין טהעאטראליש, מוז האבען א שטארקע האנדלונג און די פארבען דארפען זיין געדיכטע, אז ניט

וועט דער עולם ניט אויסזיצען קיין צווייטען אקט; אַ שטיק טאָר ניט זיין דורכאויס טראַגעדיע אָדער דורכאויס קאָמעדיע, נאָר דאָס טראַגישע דאַרף זיין אויסגעמישט מיט׳ן קאָמישען, און דער געלעכטער דאַרף אויף אַ ווײַלע פאַריאָגען דעם טרעהר, אַז ניט וועט זיך דער עולם פיהלען לאַנגווײַליג; אין יעדער שטיק מוז דער שלוס־אַקט זיין אַזוי שטאַרק און פּאַקענד, אַז דער צושויער זאָל דעם רושם פיהלען דורך דעם גאַנצען אַנטראַקט, אַז ניט וועט דער פאָרהאַנג פאַלען אויף אַ טוידטען הויז און קיין האַנט וועט זיך ניט הויבען צו אַפּלאָדירען; אין יעדען שטיק דאַרף דער ערשטער אַריינטריט פון דעם וויכטיגסטען שפּיעלער זיין צוגעגרייט פון פריהער אַזוי, אַז דער עולם זאָל שוין אויף איהם וואַרטען און אַלע אויגען זאָלען זיין אויסגעשטעלט אויף איהם און אַזוי אויך דאַרף יעדער עקזיט זיינער פאַרמאָגען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסרופען אַ שטאַרקען אַפּלאָז. דאָס איז נאָר אַ טייל פון די דינים, וואָס זיינען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרען אין טהעאַטער און פון וועלכע מען האָט ניט געטאָרט אָפּטרעטען. און הירשביין האָט לחלוטין ניט געוואוסט די דאָזיגע דינים, נאָר אָנשטאָט דער קליינער עולם זאָל גענעצען און אַנטלויפען — האָט ער זיך גאָר גוט אַמוזירט און האָט דוקא אַפּלאָדירט די שטילסטע פּלעצער.

מאָרים שוואַרץ האָט אַרויסגעוויזען אַ געזונטען חוש, ווען ער האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר דער שוואַכער איינגאַהמע און האָט געשטעלט „אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל” אַ צווייטען מאָל און נאָכדעם ריזיקירט אויפצופיהרען די זעלביגע פּיעסע פרייטאָג, שבת און זונטאָג. און דאָ האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען דער אונטערשייד צווישען איהם און די אַנדערע, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ביים טהעאַטער־שלחן־ערוך. ער האָט ניט געזאָגט ווי די אַנדערע, אַז דאָס איז אַ צופאַל, נאָר ער האָט גלייך באַגריפען, אַז עס איז געשאַפען געוואָרען אַ נייער עולם, פאַר וועמען די גאָרדינישע דראַמע איז געווען טוידט און ער איז געווען איבערצופריעדען צו ווערען דער אָנפיהרער פון דער נייער אידישער דראַמע.

אין דעם זעלביגען סעזאָן האָבען זיך אויף דער אידישער ביהנע, אין אוירווינג פּליים טהעאַטער, באַוויזען אַזעלכע פּנים

חדשות, וואס מען האט קיינמאל ניט געדערבענט צו זעהן זיי דאר־טען. דער ערשטער איז געוועזן רודאלף קריסטיאנס, דער שטערען און געוועזענער דירעקטאר פון דעם זעלביגען טהעאטער, ווען ער איז געווען א דייטשער. ער איז ערשיענען אין „אוריאל אקאסטא", פריהער אין דער ראל פון אקאסטא און נאכדעם פון רבי עקיבה. פארשטעהט זיך, אז צו דער דאזיגער פארשטעלונג זיינען אויך גע־קומען דייטשען און אין א ספיטש, וואס ער האט געהאלטען פון דער ביהנע, האט ער זיך על חטא געשלאגען, וואס אין די אלע יאהרען פון זיין דירעקציאן האט ער זיך קיינמאל די מיה ניט גע־נומען צו זעהן די קונסט אין אידישען קווארטאל, און ווי איבער־ראשט ער איז איצט געווארען צו זעהן, ווי הויך זי האט זיך אנט־וויקעלט אין אידישען טהעאטער און וואס פאר א פיינע שפיעלער די אידען פארמאגען דא. און ער האט געבעטען די דייטשע צו־שויער, אז זיי זאלען פאטראניזירען די אידישע קונסט. גע־שפיעלט האט ער זיינע ראלען אין דייטש. באלד נאך איהם איז געקומען גרעטא מאיער, וועלכע האט פריהער פארנומען דעם אויבען־אן אין דעם דייטשען טהעאטער, און זי האט שוין איהרע ראלען געשפיעלט אין אידיש. איהר אידיש איז די ערשטע צייט געווען זעהר א געבראכענער, נאר זי האט זיך מיט'ן אידישען לשון אפגעגעבען און האט זיך אפילו אויסגעלערענט צו לייענען גע־כתיבה'טען אידיש און האט פליסיג געלייענט איהרע ראלען (אפשר איז דא כדאי צו באמערקען, אז די אידישע יונגע אקטריסעס, וואס זיינען דא ערצויגען געווארען, קענען קיין אידיש ניט לייענען און זייערע ראלען קריגען זיי געשריבען מיט ענגלישע בוכשטא־בען). גרעטא מאיער איז שוין מעהר פון דער אידישער ביהנע ניט אפגעטראטען און איז אויך אריינגעטראטען אין דער אק־טיארען־יוניאן.

נאך איהר איז געקומען דזשעני וואליער, וועלכע האט פריהער געשפיעלט אויף דער דייטשער ביהנע. זי האט זיך אויך גע־מאטערט צו שפיעלען אידיש און הגם דער לשון איז איהר אנ־געקומען שווערלאך, איז זי דאך אויך געבליבען אויף דער אי־דישער ביהנע.

עס האבען דעביוטירט נאך אנדערע דייטשען אין אווירווינג פלייס טהעאטער, נאר זיי האבען געשפיעלט אין דייטש און, ווי רודאלף קריסט אנס, האבען זיי זיך אין אידישען טהעאטער ניט אנגענומען.

דער סעזאן איז געווען א הירשביין סעזאן. נאך „אין א פאר־וואָרפען ווינקעל” איז אויפגעפיהרט געוואָרען „דעם שמיעד'ס טעכטער” און סוף סעזאן האט בן עמי געשטעלט „די גרינע פעל־דער” און דערמיט געשלאסען דעם ערשטען יאהר פון דער נייע־רער, בעסערער דראמע.

דער ערפאלג פון די פיעסען און פון די שפיעלער האט אריינ־גענעבען די מעהרסטע מיטגליעדער פון דער קאמפאניע א גע־דאנק צו מאכען שבת פאר זיך, און זיי האבען געפונען אן אונ־טערנעהמער מיט'ן נאמען שניצער, וועלכער האט מיט אן אמת ליעב געהאט די בעסערע דראמע אין געדונגען אן אנדער טהעאטער.

דער אנדער טהעאטער האט אין אידיש געהייסען „נייער טהעאטער” און אין ענגליש „קונסט טהעאטער”, און דער פאר־מעסט איז דא געווען גאר א גרויסער. דא האט מען זיך ניט בא־נוגענט מיט א נייערער, בעסערער דראמע אליין, נאר דא האט מען אויך געשטרעבט איינצופיהרען די מאדערנערע דעקאראציעס, די נייערע באלייכטונג און דאס גלייכען. צום ערשטען מאל אין אידישען טהעאטער האט מען געפונען פאר נויטיג צו אנגאזשירען א רעזשיסער, און דער רעזשיסער איז געווען עמנואל רייכער, וועל־כער האט זיין קאריער געמאכט אויף דער דייטשער ביהנע אין דייטשלאנד און וועלכער איז אנגעקומען אויף דער עלטער קיין ניו יארק. ביז דעמאלט איז יעדער „שטערען” געווען דער רעזשיסער אין זיין אייגענעם טהעאטער און צום רוב איז דאס מעהר געווען א טיטעל ווי עפעס אנדערש. דער פלאן אין דעם נייעם טהעאטער איז געווען ניט לעגען די גאנצע געוויכט אויף איין זאך, נאר צו באטראכטען די פיעסע, דאס שפיעלען, די דעקאראציעס, די אויסשטאטונג, די באלייכטונג, ווי באזונדערע טיילען און יעדען טייל פון דער זעלביגער וויכטיגקייט, אזוי, אז ווען א פיעסע וועט צוליעב וואס עס איז פאר אן אורזאך ניט אויסנעהמען, זאלען

בלייבען די אנדערע, גראד אזעלכע וויכטיגע טיילען, וואס זאלען געווינען חן ביים עולם.

דער פארמעסט אין דעם נייען טהעאטער איז געווען גאר א גרויסער און ער האט געוויזען א סך יונגען ענטהוזיאזם און ארום איהם איז געשאפען געווארען אזא אטמאספער פון קונסט, וואס מען האט ביז דעמאלט אין קיין אנדער טהעאטער אין אמעריקע נים געזעהן. און נאך איידער זיינע טהירען האבען זיך געעפענט, האט ער יזוין געהאט די גאנצע סימפאטיע פון דעם בעסערען פובליקום, הגם א סך פון דעם דאזיגען פובליקום האבען זיך אמת [illegible]צער געווען, וואס שוין אין דעם סאמע אנהויב פון דער נייער באוועגונג פאר א נייערער אידישער דראמע, האט זיך באוויזען א געפעהרליכע שפאלטונג און די קרעפטען זיינען צושפאלטערט געווארען. זייער רעכענונג איז געווען, אז פאר צוויי קונסט-טהע-אטערס איז נאך דערווייל קיין פלאץ נישא און, אנשטאט דעם אז די נייערע דראמע זאל דערפון געווינען, ווערט זי גאר געשטעלט אין סכנה, און וואו איין טהעאטער האט זיך געקענט האלטען און וואקסען, וועלען צוויי זיך דארפען מאטערען אוןביידע קענען אונטערגעהן.

דער דאזיגער רעכענונג איז נים אין גאנצען א פאלשער, נאר עס זיינען געווען מעהרערע אורזאכען, פארוואס די צוויי טהעא-טערס האבען נים געהאט דעמזעלביגען ערפאלג, ווי דעם ערשטען סעזאן אין אווירווינג פליים טהעאטער. איינע פון די דאזיגע אור-זאכען איז געווען, וואס מען האט זיך נים קלאר געמאכט דעם מהות פון דער נייערער דראמע און איהרע יסודות.

עס איז אמת, אז די נייע באוועגונג אין אידישען טהעאטער איז מעהר ארויסגערופען געווארען דורך דער אומצופריעדענקייט מיט די פריהערדיגע געטער, נאר דאס וואלט געהייסען, אז די נייע אידישע דראמע איז געשאפען געווארען אויף נעגאטיווע יסודות, און אויף אזעלכע יסודות קען קיין זאך נים געשאפען ווערען.

עס וואלט געווען א גרויסער אומפארציייליכער טעות, אן אומ-געלומפערטע פאלשע קאנצעפציע צו דענקען, אז דערפאר וואס די נייע אידישע דראמע איז געגאנגען געגען אלע אנגענומענע כללים

אויף דער אידישער ביהנע, האט זי געפונען חן ביי דעם נייען אי־דישען פובליקום. די נייע דראמע פארמאגט אויך פאזיטיוועס, נאר אין דער גרויסער איבערראשונג, וואס זי האט פארווארפען דעם שלחן ערוך פון דער ביהנע האט מען ניט באמערקט איהר פאזיטיווע זייט.

אלע קענער, וויסער, פארשטעהער פון טהעאטער האבען נאכ'ן ערפאלג פון הירשביינ'ס „אין א פארווארפען ווינקעל" פילאזאפיש אדער אפשר גאר פראקטיש ערקלערט, אז א בליץ טרעפט ניט צוויי מאל אויפ'ן זעלביגען פלאץ און אז א צווייטע שטיק הירש־ביינ'ס אין דעם זעלביגען טהעאטער וועט שוין זיין א דורכפאל. די צווייטע הירשביינ'ס קאמעדיע אין דעם זעלביגען טהעאטער איז געווען „דעם שמיעד'ס טעכטער", און די דאזיגע קאמעדיע האט געהאט דעם זעלביגען ערפאלג, ווי די ערשטע. די דריטע קאמעדיע איז געווען „גרינע פעלדער", און אויב זי האט זיך אויף דער ביהנע ניט געהאלטען דריי חדשים, ווי דער פאל איז געווען מיט די ערשטע צוויי, איז דאס נאר דערפאר, וואס זי איז אויפ־געפיהרט געווארען גלייך נאכדעם, ווי דער סעזאן האט זיך געענ־דיגט און דאס איז ניט די צייט פאר א פיעסע צו האלטען זיך א פאר חדשים. אבער אין אמת'ן איז די דאזיגע קאמעדיע געגאנגען ניט ווייניגער ווי די ערשטע צוויי, ווייל אין מיטען פון צווייטען סעזאן איז זי אויפגעפיהרט געווארען אין דעם נייען טהעאטער און זי האט זיך דארטען אויך געהאלטען עטליכע וואכען נאכאנאנד.

און איצט לאמיר זעהן, וואס זיינען די דריי דערמאנטע קאמעדיעס? אין אלע דריי געפינען מיר די אומשולדיגע ליעבע פון א פראסטער דארפס־מיידעל צו א דארפישען בחור אדער שטאדטישען וואויל־לערנער און די אומשולדיגע מיטלען, וואס זיי אלע ווענדען אן, סיי די מיידלאך און סיי די בחורים, צו גע־פינען חן איינער ביים צווייטען אין די אויגען. דאס זיינען אלע דריי אידיליעס מיט א ריינער תמימות'דיגער ליעבע.

עס איז איבריג צו זאגען — אז אלע, וואס האבען געשריבען פאר'ן אידישען טהעאטער, זינט די מעלאדראמע האט זיך דאר־טען איינגעווארצעלט, האבען קיין גוסט ניט געזעהן צו דער־

רייגער אומשולדיגער ליעבע. אין טהעאטער איז שטארק עקס־פלואטירט געוואָרען די זינדיגע ליעבע, די פארברעכערישע ליעבע, אָבער קיינער האָט ניט געפונען פאר אינטערעסאנט די אומשולדיגע ליעבע, די תמימות'דיגע ליעבע. פרץ הירשביין האָט אין דער דאָזיגער תמימות'קייט געפונען א קוואל פון הומאָר, און דער הו־מאָר איז געווען אזא ווייכער, פיינער, צארטער. מען האָט זיך אין די זייטען ניט געהאלטען פאר געלעכטער, מען האָט זיך פון די שטולען ניט ארונטערגעקאטשעט, נאָר א פארגעניגענדער שמייכעל איז ניט ארונטער פון דעם צושויער'ס ליפען.

עס דארף זיין ניט זעהר שווער צו פארשטעהן, פאר וואָס דער אומצופריעדענער עלעמענט צווישען די טהעאטער־באזוכער האָט זיך אָנגעכאפט אָן אזעלכע קאָמעדיעס. נאָכדעם ווי מען האָט איהם אויסגעשלעפט פון איין זומפ אין דעם צווייטען און געוויזען אלערליי פארברעכענס, וואָס א ווילדע פאנטאזיע קען זיך נאָר פאָרשטעלען און געשאפען ביי איהם א באגריף, אז די וועלט איז פול מיט זינד און פארברעכענס און קיין אָרענטליכע מענשען זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, איז געקומען הירשביין און האָט איהם געוויזען מענשען פון א גאנץ יאָהר, וואָכעדיגע מענ־שען, מיט זייערע קליינע קנאות און שנאות און ליסטיגקייטען און פון אלעם דעם האָט ארויסגעטויכט א ריינע, שעהנע, אומשול־דיגע ליעבע.

און עס איז אויך ניט שווער איינצוזעהן, אז צו מאכען די תמימות'דיגע ליעבע פאר דער הויפט־האנדלונג און צו געבען דער אידיליע א פנים פון ווירקליכקייט, האָט זיך געפאָדערט, אז מען זאָל פארוואַרפען דעם פריהערדיגען טהעאטער־שלחן־ערוך און אי־בערדייסען מיט אלץ, וואָס איז פריהער געווען אָנגענומען אויף דער ביהנע.

דער דיאלאָג אין די דערמאָנטע קאָמעדיעס וואָלט אין אי־דישען טהעאטער מיט עטליכע יאָהר צוריק באטראכט געוואָרען אלס רייד, רייד און ניט אומזיסט האָבען די אלטע טהעאטראלען געשריען, אז דאָס זיינען ניט קיין פיעסען. דער דיאלאָג איז דער סאמע וויכטיגסטער טייל אין די דאָזיגע קאָמע־

דיעס, אין דעם דיאַלאָג ליגט דער פיינער הומאָר און דער דיאַלאָג ניט זיי לעבען.

קיינער האָט אזוי גוט ניט פאַרשטאַנען, ווי פּרץ הירשביין גופא, פאר וואָס זיינע דערמאָנטע קאָמעדיעס האָבען געהאט איין ערפאָלג נאָכ'ן צווייטען. ער האָט דעמאָלט געהאט קרוב דריי צעהנדליג געדרוקטע פּיעסען, רעאַליסטישע לעבענס־בילדער, ראָמאַנטישע טראַגעדיעס, האַלב־סימבאָליסטישע פאַנטאַזיעס, נאָר אין אַ געשפּרעך נאָך די „גרינע פעלדער" האָט ער זיך אויסגעדריקט, אז ער האָט שוין באַלד מעהר ניט וואָס צו געבען פאר דער ביהנע. אזעלכע קאָמעדיעס, ווי „אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל", „דעם שמיד'ס טעכטער", „גרינע פעלדער", האָט ער מעהר ניט געהאט. עס איז אמת, ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבען נאָך אַ קאָמעדיע מיט די זעלביגע פּערזאָנען פון „די גרינע פעלדער", און הגם די מענשען זיינען די זעלביגע, איז אָבער די האַנדלונג אַזאַ, וואָס וועט זיין פרעמד דעם דורכשניטליכען טהעאַטער־באַזוכער אפילו פון די בעסערע טהעאַטערס, אין דער הומאָר פעהלט דאָרטען אין גאַנצען, אַלענפאַלס האָט ער זיך ניט געפיהלט ביים לייענען די דאָזיגע פּיעסע.

און טאקע די אַנדערע פּיעסען, וואָס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען שפּעטער, זיינען, מיט דער אויסנאַהם פון דער „פּוסטער קרעטשמע", דורכגעפאַלען. „אַ לעבען פאר אַ לעבען" איז געווען אַ פּיעסע פון דעם זעלביגען דאָרפס־לעבען, וואָס אין די ערשטע דריי קאָמעדיעס, נאָר די האַנדלונג איז דאָ געווען צו־ערנסט און ווייטלויפיג און דעם עולם איז זי ניט געפעלען געוואָרען. זיין „קינד פון דער וועלט", וואָס איז אויפגעפיהרט געוואָרען פון מאַדאַם קאַליש און וואָס איז געווען אַ האַלב־סימבאָליסטישע, איז גלייך דורכגעפאַלען. דאָ איז אויך די האַנדלונג געווען אזוי ווייט און פרעמד, אז דער צושויער האָט זיך געפיהלט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. „די פּוסטע קרעטשמע" האָט זיך געהאַלטען עטליכע וואָכען, נאָר קיין ערפאָלג ווי די ערשטע דריי קאָמעדיעס האָט זי ניט געהאַט.

דער נייער טהעאטער האט גלייך גענומען ליידען פון זיין גרויסען פארמעסט. אין גאר א קורצער צייט איז רייכער ארויס־געטראטען פון דארטען און מען האט אנגעהויבען צו מאכען קאמ־פראמיסען. דער יונגער דירעקטאר שניצער איז סוף סעזאן אוועק־געפאהרען נאך דייטשלאנד און האט פאר'ן קומענדען סעזאן גע־בראכט רודאלף שילדקרויט. דער לעצטער האט געדענקט דעם אידישען טהעאטער, ווי ער איז געווען מיט א יאהר צעהן צוריק און ער איז געקומען מיט א פארטיגען רעפערטואר פרעמדע מעלא־דראמעס, אין וועלכע ער האט געהאט די הויפט־ראלען. ער האט דעם סעזאן געעפענט מיט אן איבערזעצטער פראנצויזישער מעלא־דראמע און הגם ער האט זיך שטארק אויסגעצייכענט מיט'ן שפיע־לען, האט אבער דער נייער טהעאטער געקריגען אזא קלאפ, אז ער האט שוין מעהר צו זיך ניט געקענט קומען. עס האט זיך אנגע־הויבען א סדרה פון ווארפען זיך פון איין פיעסע אויף דער צוויי־טער, בייטען איין שפיעלער אויפ'ן צווייטען. דער נייער סעזאן איז קוים אלט געווארען עטליכע וואכען און אין טהעאטער האט מען אריינגענומען לעאניד סניעגאוו און אסתר ארזשעווסקאיא, וועלכע זיינען יאהרען געווען פארבונדען מיט דער רוסישער ביהנע אין רוסלאנד, נאר די איבערקעהרעניש דארטען האט זיי ביים סוף פון דער מלחמה געטריבען צום אידישען טהעאטער און נאכדעם קיין אמעריקא. און דער נייער טהעאטער איז מיט יעדער וואך גע־גאנגען אלץ ערגער און ערגער און עטליכע וואכען פאר'ן סוף סעזאן האט די קאמפאניע איבערגענומען דעם טהעאטער און קוים דערשלעפט ביז סוף פסח.

אויך אין אווירווינג פליים טהעאטער איז געגאנגען מיט'ן פוטער אראפ, נאר דאס ערגסטע איז דארטען געווען, וואס עס האט זיך אנגעהויבען א צאנקעריי צווישען די שותפים, און דער סוף איז געווען, אז מאריס שווארץ איז ארויסגעטראטען פון דארטען און האט איבערגענומען דעם נייען טהעאטער און געגעבען איהם א נאמען קונסט טהעאטער. מיט שווארץ'ס ארויסטרעטען האט דער אווירווינג פליים טהעאטער פארלארען זיין באשטימטען כא־ראקטער און האט זיך געווארפען אויף אלערליי זייטען. אין דעם

סעזאָן 1922—1921 האָט דאָרטען מאדאם קאַליש אויפגעפיהרט צוויי נייע פּיעסען און דאָס האָט כמעט געהייסען אַ צוריקקעהר פון מאדאם קאַליש צו דער אידישער ביהנע, און הגם דער עולם האָט זיך צו איהר ארויסגעוויזען זעהר סימפּאטיש און האָט איהר באַגעגענט און אויפגענומען מיט גרויסע אַפּלאָדיסמענטען, האָט זי אָבער ניט געמאכט דעם רושם, וואָס מען האָט געדאַרפט ערוואַרטען פון אַזאַ גרויסער שוישפּיעלערין. דער חסרון איז דאָ געווען, וואָס זי איז צו אונז צוריקגעקומען מיט איהרע פריהערדיגע באַגריפען וועגען די הויפּט־שפּיעלער און דער עולם האָט די אַלטע שטערן־סיסטעם ניט געוואָלטליידען. זי האָט ניט באַמערקט, אַז די שטערן־סיסטעם איז שוין אָפּגעשאפט געוואָרען פון טהעאַטער.

מיט'ן פערשווינדען פון די וויכטיגסטע אַלטע שפּיעלער, איז פערשוואונדען די גאַנצע שטערן־סיסטעם. די נייערע טהעאַטערס פון דער בעסערער דראַמע שטיצען זיך ניט אויף קיין איינציגען שפּיעלער און האַלטען זיך ניט מיט'ן זכות פון אַן איינצעלנעם אַקטיאָר. אין די נייע טהעאַטערס פון דער בעסערער דראַמע ליגט די קראַפט אויפ'ן אַנסאַמבל און פון יעדען אַקטיאָר בעזונדער. עס מאַכט ניט אויס, וואָס פאַר אַ ראָל איינער זאָל ניט האָבען, ווערט ערוואַרטעט, אַז ער זאָל זיין ארבייט טאָן בשלמות. אונטער דער פריהערדיגער סיסטעם האָט ניט אויסגעמאַכט, ווי אַזוי די אַנדערע שפּיעלער זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט זייערע ראָלען. אין בעסטען פאַל האָט זיך פון זיי געפאָדערט אַ מיטעלמעסיג שפּיעלען, כדי זיי זאָלען ניט פאַרטונקלען דעם „שטערן" און עס איז קיין חסרון ניט געווען, אַז זיי האָבען געשפּיעלט גאָר שלעכט. דער עיקר איז געווען דער שטערן און זיין שפּיעלען, און וואָס גרעסער עס איז געווען דער שאָטען פון די אַנדערע אַקטיאָרען, אַלץ העלער האָט ער געשיינט. און אַז עס פלעגט זיך אַמאָל מאַכען, אַז אימיצער פון די אַנדערע שפּיעלער האָט זיך ארויסגערוקט און אויסגעצייכענט זיך אין זיין ראָל אַזוי, אַז ער האָט צו זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פובליקום און פון קריטיקער, האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסען דעם שטערן, און גע־

וועהנליך אין אזא פאל האבען זיך די טהעאטער־פאליטיקער גע־נומען שושקען, אז דער דאזיגער שפיעלער וועט שוין האבען כרת־יאהרען.

עס איז אמת, אז די טהעאטער־פאליטיקער שושקען זיך נאך איצט אויך, ווען אן אנדער שפיעלער, אויסער דעם וואס פארנעהמט דעם פלאץ פון א שטערן, צייכענט זיך בעזונדערס אויס אין דער בעסערער דראמע, און עס קען גרייליך זיין, אז דאס פארדריסט דעם במקום שטערן, ווי פריהער דעם שטערן, אבער די סיסטעם אין די בעסערע טהעאטערס איז געווארען אזא, אז פון יעדען שפיעלער ווערט פארלאנגט, אז ער זאל זיך אויסציי־כענען, אז ניט וועט דערפון ליידען די גאנצע פיעסע, און דער טהעאטער געווינט ווען אלע צייכענען זיך אויס.

עס איז גרינג צו זעהן, אז די נייע סיסטעם האט געפאדערט אן אנדער סארט שפיעלען ווי ביז איצט, און הגם אין די נייערע טהעאטערס שפיעלען די זעלביגע שפיעלער, וואס מיר האבען פריי־הער געזעהן אין די אנדערע טהעאטערס, האט זיך שוין צום ער־שטען סעזאן אויסגעארבייט א קאמפאניע, וואס איז ווי געשאפען געווארען פאר דער נייער בעסערער דראמע. און געשעהן איז דאס ניט על פי נס, נאר טיילוויז דערפאר, וואס אונטער דער נייער סיסטעם האבען זיך ארויסגערוקט צום פארענט אזעלכע שפיעלער, וואס האבען זיך צו דעם מעלאדראמאטישען שפיעלען ניט געקענט צופאסען און מייסטענס דערפאר וואס פאר יונגע שפיעלער איז ניט זעהר שווער צו כאפען דעם ריכטיגען טאן פון אן אנסאמבל. איינער פון די דאזיגע שפיעלער איז בן עמי. שוין דעם ערשטען סעזאן אין אירווינג פליים טהעאטער האט ער געהאט מעהר געלעגענהייט ארויסצורוקען זיך צום פארענט, ווי די גאנצע צייט, וואס ער האט געשפיעלט דא אין די אנדערע טהע־אטערס, און נאך מעהר געלעגענהייט האט ער געהאט אין צוויי־טען סעזאן אין דעם נייעם טהעאטער. די אמעריקאנער קריטי־קער און אמעריקאנער דירעקטארען האבען זיך שטארק פעראינ־טערעסירט מיט די דאזיגע טהעאטערס און בן עמי האט צוגעצוי־גען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון אן אמעריקאנער אנטרע־

פּעניאַר, וועלכער האָט איהם איבערגענומען אויף דער אַמעריקאַנער ביהנע, און הגם ער האָט געקריגען זעהר אַ פריינדליכען קבלת פּנים פון די אַמעריקאַנער קריטיקער, האָט אָבער די פּיעסע, אין וועלכער ער איז אויפגעטראָטען, קיין ערפאָלג ניט געהאט, און דאָס האָט פאַר איהם געשאַפען אַזאַ אומאַנגענעמע לאַגע, אַז ער קען זיך ניט פיהלען אַלס תושב אויף דער אַמעריקאַנער ביהנע און אין דער זעלביגער צייט פיהלט ער זיך אָפּגעריסען פון דער אידישער ביהנע.

אויך האָט די בעסערע דראַמע פערלאָרען גלייך נאָכ׳ן ערשטען סעזאָן דעם קאָמיקער לודוויג זאַץ, וועלכער האָט זיך אין אַ פּאָר יאָהר אַזוי אויסגעצייכענט אין דער נייער דראַמע, אַז ער האָט זיך געוואונען אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ אויף דער ביהנע. מען האָט איהם אויסגעכאַפּט אין די גרעסערע טהעאַטערס, וואו מען שפּיעלט אָפּערעטקעס און מעלאָדראַמעס און וואו מען קען צאָהלען בעסערע שכירות. עס האָט אויסגעזעהן, אַז מיט בן עמי׳ס אריבערגעהן צו דער אַמעריקאַנער ביהנע און זאַץ׳ס אריבערציהען זיך אין די גרויסע טהעאַטערס, וועט די נייע דראַמע קריגען אַ שווערען קלאַפּ. אָבער אונטער דער נייער סיסטעם האָט די נייע דראַמע אַזוי ווע־ניג געליטען דערפון, וואָס די ביהנע האָט פערלאָרען אַזעלכע וויכ־טיגע קרעפטען, אַז זייער פערלוסט האָט זיך קוים געלאָזט מער־קען. דערמיט איז בשום אופן ניט געמיינט צו זאָגען, אַז די נייע דראַמע קען זיך גרינג בעגעהן אָהן אַזעלכע שפּיעלער, ווי בן עמי אָדער זאַץ; די נייע דראַמע האָט פאַרלאָרען דערפון און זי וועט פיעל געווינען, ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען צו איהר. נאָר קיינער פון די נייע שפּיעלער קען מעהר ניט געבען קיין שווערען קלאַפּ דעם טהעאַטער, וואו די נייע דראַמע ווערט גע־שפּיעלט, ווייל דער כח פון אַן אַנסאַמבל איז אַ סך, אַ סך גרע־סער ווי פון וועלכען עס איז שוישפּיעלער.

ווי ווייט דער כח פון אַן אַנסאַמבל דערגרייכט האָט מאָריס שוואַרץ דערוויזען, ווען נאָכ׳ן ערשטען סעזאָן אין אירווינג פּלייס טהעאַטער האָט איהם פערלאָזען זיין גאַנצע קאָמפּאַניע און ער האָט געדאַרפט צוזאַמענשטעלען אַ נייע קאָמפּאַניע. עס איז איב־

ריג צו זאָגען, אַז פאַר'ן ערשטען סעזאָן האָט ער צוזאַמענגעקליבען אַזעלכע קרעפטען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען די פּאַסענדסטע פאַר דער נייער דראַמע. די שפּיעלער זיינען געווען געקליבען איינער און איינעם אַזוי, אַז עס וואָלט געווען לחלוטין אוממעגליך צוזאַמענצושטעלען נאָך אַזאַ קאָמפּאַניע, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכען מיט זיי. מען וואָלט דעריבער געדאַרפט זאָגען מיט זיכערקייט, אַז ווען די דאָזיגע קאָמפּאַניע האָט פּערלאָזט שוואַרץ'ן און איז כמעט אין גאַנצען אַריבער אין דעם נייען טהעאַטער, איז איהם ניט געבליבען דער מינדעסטער שאַנס צו האַלטען זיך מיט אַ צווייטער קאָמפּאַניע. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די צווייטע קאָמפּאַניע, וואָס שוואַרץ האָט צוזאַמענגעשטעלט פאַר'ן צווייטען סעזאָן אין זיין טהעאַטער, האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פּערגלייכען מיט דער קאָמפּאַניע אין דעם נייען טהעאַטער, נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך געפאָדערט, אַז יעדער אַקטיאָר זאָל מיט זיין כח אויפהאַלטען דעם אוירווינג פּליים טהעאַטער, איז געווען גענוג, אַז יעדער האָט געטאָן אַזוי פיעל, ווי ער האָט געקענט און האָט ניט קאַליע געמאַכט די אַרבייט פון די אַנדערע און דאָס האָט דעם עולם צופרידען געשטעלט. און טאַקע איידער מען האָט נאָך דערפיהלט דעם פאַרלוסט פון זאַץ'ס אוועקגעהן, האָט זיך אין אוירווינג פּליים טהעאַטער באַוויזען דער כאַראַקטער־קאָמיקער מוני וויזענפריינד, וועלכער האָט אין צוויי יאָהר צייט פאַרנומען זעהר אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אין דעם דערמאָנטען טהעאַטער.

אונטער דער אַלטער סיסטעם איז דער שטערן געווען דער טהעאַטער. איז דער שטערן אַוועק, איז דער טהעאַטער געבליבען ווי אַ שיף אָהן אַ רודער און האָט זיך ניט געקענט האַלטען סיידען מען האָט אַריינגענומען אַ צווייטען שטערן. נאָך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק האָט מען געגלויבט באמונה שלמה, אַז ווען מען נעהמט צוזאַמען אַלע שטערן אין איין טהעאַטער אָדער צוויי טהעאַטערס, וועלען מעהר ווי איין טהעאַטער אָדער צוויי ניט קענען עקזיסטירען. אַזוי האָבען געגלויבט די דירעקטאָרען און אַזוי האָט אויך געגלויבט דער עולם. אָבער אונטער דער נייער

סיסטעם וועט קיינעם ניט איינפאלען דער געדאנק, אז דער טהע־אטער האלט זיך מיט'ן זכות פון זיין שפיעלען.

דער שטערן־סיסטעם מיט אלע איבלען פון דער דאזיגער סיסטעם איז לכל הפחות אין די בעסערע טהעאטערס אונטערגע־גאנגען, און מיר האבען קיין אורזאך דאס צו בעדויערען.

די ענדערונגען די לעצטע יאהרען אויף דער ביהנע האבען זיך אפשר דייטליכער ארויסגעוויזען אין יענע טהעאטערס, וואו מען האט געשפיעלט די בעסערע דראמע, נאר זיי זיינען אויך געמאכט געווארען אין די אנדערע טהעאטערס.

ביז מיט עטליכע יאהר צוריק איז קיין טהעאטער ניט גע־ווען געשווארען צו א באשטימטען אויסגעהאלטענעם פראגראם. עס איז געווען רעכט אויפצופיהרען אויף דער זעלביגער ביהנע, אין דעם זעלביגען סעזאן, מיט די זעלביגע אקטיארען, אונטער דער זעלבינער דירעקציאן א שרייעדיגע מעלאדראמע, א נארעשע אפע־רעטקע, א בעסערע פיעסע, און דער פראסטערער עולם, וואס האט פאטראניזירט די דאזיגע טהעאטערס, האט קיינמאל פאראויס ניט געקענט וויסען, וואס איהם וועט דארטען אויסקומען צו זעהן. יעדע שטיק איז רעקלאמירט געווען מיט'ן זעלביגען נוסח, יעדע שטיק איז געווען א מייסטערווערק און יעדער פארפאסער איז געווען דער באריהמטער. און א טהעאטער־באזוכער פון א גאנץ יאהר האט ניט געקענט וויסען פון דעם נוסח, צי ער וועט זעהן א שרייעדיגע מעלאדראמע צי א גוטע ליטערארישע פיעסע.

אין די לעצטע יאהרען האט יעדער טהעאטער געקריגען זיין באשטימטען פנים. פיפלס טהעאטער און דער טהעאטער וואס האט לעצטענס געטראגען ליפצינ'ס נאמען, זיינען געווען אין גאנ־צען אפגעגעבען צו מעלאדראמע און דער דאזיגער פראגראם איז שטרענג אויסגעהאלטען געווארען. די צוויי גרויסע טהעאטערס אויף צווייטער עוועניו האבען זיך אפגעגעבען מיט אפערעטקעס און נאר פון צייט צו צייט האט מען דארטען אריינגעכאפט א מעלאדראמע. און אזוי האט אויך די בעסערע דראמע געהאט די לעצטע פאר יאהר איהרע צוויי טהעאטערס.

אין דער מוזיק פון דער אָפּערעטקע איז אויך געשעהן אַן ענדערונג. געוועהנליך איז די מוזיק געווען אַ גענומענע און איז אַזוי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, אַז זי זאָל ניט רייסען די אויגען מיט איהר פּרעמדקייט. נאָר מיט יוסף רומשינסקי איז געקומען אַ שטרעבונג צו שאַפען אייגענע מוזיק און אַ דאַנק דעם האָבען מיר די לעצטע יאָהרען געהאַט מעהר אידישע נגינה אין די אָפּע־רעטקעס.

נאָר וואָס איז שייך צו די ליברעטאָס, זיינען זיי געבליבען די זעלביגע ווי אין די צייטען פון די היסטאָרישע אָפּערעס. עס איז רעכט צו נעהמען וואָס עס איז פאַר אַן אַלטע שטיק, אריינ־געבען מוזיק און דאָס גילט פאַר אַ נייער אָפּערעטע. עס קען זיין, אַז דער געדאַנק דערפון איז, אַז די ליברעטאָ איז ניט מעהר ווי אַ טפל און דער עיקר איז די מוזיק און צו וואָס זאָל מען זיך דרעהען אַ קאָפּ מיט אַ פּאַסענדען אינהאַלט, מיט אַ לעבעדיגען הומאָר און וויציגען דיאַלאָג?

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויב דראַמען האָבען אַ קאָמישען עלעמענט, מוז אַן אָפּערעטקע אודאי האָבען קאָמיזם. נאָר פון וואָס באַשטעהט דער קאָמיזם? די נעגאַטיווע פּערזאָנען, אויב דער אינהאַלט איז פון אַמעריקאַנער לעבען, ריידען געבראָכענעם ענגליש, וואָס קיין מענש אין דער וועלט רעדט ניט; מען וואַרפט זיך איבער מיט גראָבע זידעל־ווערטער און טוידטע קללות; מען ברויכט צווייד־יטיגע ווערטער אויב ניט קיין אָפענעם נבול פה, און דריי פערטעל פון הומאָר איז דערמיט שוין באַזאָרגט.

און אַזוי ווי דאָס איינענטליך איז אויך געווען אין דער אַלטער היסטאָרישער אָפּערע, איז גרינג צו זעהן, אַז די אָפּערעטקע איז דער זעלביגער מין סחורה, וואָס האָט מיט אַ דור צוריק געגאָלטען אונ־טער׳ן נאָמען היסטאָרישע אָפּערע, מעהר ניט, די מוזיק האָט זיך געענדערט.

הגם אין דער מעלאָדראַמע איז כמעט קיין ענדערונג ניט פאָר־געקומען און זי איז געבליבען אַזוי אומגעלומפּערט, האַמעטנע, שרייענדיג און ווילד ווי פריהער, האָט זיך אָבער די לעצטע פּאָר יאָהר אָנגעהויבען דייטליך אַרויסצואווייזען דער באַנקראָט פון דער

מעלאָדראַמע. ליפּצין טעאַטער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען און ער איז איבערגעגאַנגען אין גוי'אישע הענט. און אין פּיפּלס טעאַטער האָט מען עטליכע מאָל אָפּגעשטופּט די מעלאָדראַמע אָן א זייט און אָפּגעגעבען דעם אויבען־אָן צו פאַרס. מען דאַרף דערביי האָבען אין זינען, אַז צייט גאָלדפאַדען איז דערוויטערט געוואָרען פון דער ביהנע, האָט מען מורא געהאַט צו שטעלען א פאַרס. עס איז געוועזען כמעט א כלל אין טעאַטער, אַז דער אידישער עולם וויל ניט פאַרברענגען אַן אָוונד דורכאויס מיט געלעכטער. די פאַרסען, וואָס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען זינט עס האָט זיך אָפּגעטהאָן גאָלדפאַדען'ס השפּעה פון טעאַטער, קאָן מען איבערצעהלען אויף די פינגער, און דאָס איז ניט קיין מליצה.

עס האָט דעריבער געדאַרפט האַלטען זעהר שמאָל מיט דער מעלאָדראַמע, אַז מען זאָל זיך ערלויבען אין א טעאַטער, וואו זי איז די אַליין־הערשערין, צו שטעלען א פאַרס.

אין אמת'ען, איז די שרייענדיגע מעלאָדראַמע שוין לאַנג אויס־געשפּיעלט, סאַי אין דער אַלטער וועלט און סאַי אין דער נייער. די קינאָ האָט אין גאַנצען פאַרנומען די מעלאָדראַמע, דאָרטען איז זי מעהר אין איהר עלעמענט און אויפ'ן גרויסען לייוואַנט זיינען די געריכטע פאַרבען מעהר צוגעפּאַסט. דאָרטען קאָן מען ווייזען אַזעלכע סיטואַציעס, אַזעלכע געפאַהרען, אַזעלכע העלדישקייטען, וואָס מען קאָן ניט דערווייזען אויף דער ענגער ביהנע פון קיין טעאַטער. און דער פּרייז איז צוגעפּאַסט פאַר דער אונטערהאַלטונג פון דער ברייטער מאַסע. און דאָס, וואָס די מעלאָדראַמע איז נאָך געבליבען אַזוי לאַנג איי אידישען טעאַטער, איז געוועזען אַן אומ־נאָרמאַלע ערשיינונג.

אַזוי אַרום זיינען קלענערע אָדער גרעסערע ענדערונגען פאָר־געקומען אין אַלע טעאַטערס, אָבער דערוויל געפינט זיך נאָך דער אידישער טעאַטער אין א צושטאַנד פון אַן איבערגאַנגס עפּאָכע. עס איז רעכט, אַז די אָפּערעטע זאָל שטאַרק אויפהויבען דעם קאָפּ אין די צוויי גרויסע טעאַטערס אויף דער צווייטער עוועניו, און עס איז אויך רעכט, אַז זי זאָל שטיל אָפּטרעטען פון דער ביהנע. עס איז רעכט, אַז די מעלאָדראַמע זאָל צוריק האָבען צוויי טעאַטערס

און עס איז אויך רעכט, אז דער איינציגער טעאטער, וואו זי האט נאך א שטיקעל אנהאלט, זאל איהר פארבייטען מיט אן אנדער סארט אונטערהאלטונג. מען איז איצט ניט זיכער מיט קיין סארט אונטערהאלטונג. ווערליג עס האלט איצט, האט די מעלאדראמע זיכער פארלארען איין טעאטער און אויך האט די נייע בעסערע דראמע פארלארען א טעאטער.

עס קאן זיין, אז א גרויסע שולד טראגט אין דעם די שווערע צייט, נאר עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אז אין טעאטער זיינען די אלטע געטער געפאלען און די נייע האבען נאך זייער באשטימטען פנים ניט בעוויזען.

די נייע באוועגונג אין דעקאראציעס, באלייכטונג און דאס גלייכען, האט ווי ווייניג אויך אנגעריהרט די אידישע ביהנע.

דער אמת איז, אז אונזער ביהנע איז ניט מסוגל פאר די נייע רעפארמען, ווייל אונזער ביהנע איז פינף און נייענציג פראצענט א רעאליסטישע אין די בעסערע טעאטערס, און דא איז ניטא קיין פלאץ פאר די מאלער צו לאזען זייער פאנטאזיע פאנאנדערצושפיי־לען זיך. אויף יעדען טריט שטויסט זי זיך אן דער רעאלער ווירק־ליכקייט און די פאנטאזיע קאן ניט שוועבען. און אפילו אין אזעלכע פיעסען ווי דער „דבוק" און שלום אש'ס „מתים טאנץ", וואס זיינען געווען אפגעריסען פון דער רעאלער סביבה, איז אויך ניט געבליבען קיין איבעריגער פלאץ פאר דעם מאלער'ס פאנטאזיע.

איבעריגענס, דער וועג פון די נייע דעקאראציעס איז זעהר א גליטשיגער און מען קאן ניט כאפען קיין התפעלות פון יעדער פאנ־טאסטישער דעקאראציע, ווען אפילו זי צייגט זיך ארויס מיט א באזונדער שעהנקייט, און ניט יעדער מאלער איז מסוגל צו מאלען פאר דער ביהנע. דער טעאטער האט זיינע באזונדערע פאדערונגען און דער מאלער מוז זיך דערמיט רעכענען. און דריבען זעהען מיר, אז הגם א סך מאלער האבען זיך גענומען צו דער ביהנע, האבען נאר געצעהלטע עטליכע דערוויזען צו מאכען אן איינדרוק אויף די צושויער.

נאר אויב די נייע באוועגונג וויל זיך ניט רעכענען, אדער, ריכטיגער, קאן זיך ניט רעכענען מיט דער רעאליסטישער ביהנע,

איז אָבער פאַר אונז דוקא זעהר וויכטיג יעדע אויסבעסערונג, וואָס ווערט אין דער הינזיכט געמאַכט אין אונזער טעאַטער. ביז גאָר ניט לאַנג צוריק האָט מען ביי אונז וועניג אויפמערקזאַמקייט געשענקט דעקאָראַציעס און באַלייכטונג. זעהר אָפט איז פשוט געווען א חוזק צו זעהן, ווי א געוויסער פאָרהאַנג האָט געדיענט פאַר יעדער מעגליכער גאַס; דריי ווענטלעך פון א הויז האָבען געדיענט סאַי פאַר א וואוינונג אין א גרויסער שטאָדט און סאַי פאַר א הייזעל אין א דאָרף, סאַי אין דער נייער וועלט און סאַי אין דער אַלטער. און ווען עס איז געקומען צו אַזעלכע שילדערונגען, וואָס האָבען געפאָדערט א לבנה-נאַכט, א לאַנדשאַפט, א שקיעת החמה, א וואַלד, האָט פשוט א חלשות געשלאָגען צום האַרצען צו זעהן דאָס אויף דער ביהנע.

און אפשר נאָך ערגער איז געווען מיט דער באַלייכטונג. די עלעקטרישע פוס-לעמפּלעך האָבען געגעבען דאָס גאַנצע ליכט אויף דער ביהנע, דאָס הייסט דאָ איז איבערגעקעהרט געוואָרען דער סדר העולם. די זון און די לבנה שיקען צו אונז זייער ליכט פון אויבען, און אויף דער ביהנע איז זי געקומען פון אונטען.

און ערשט אין די לעצטע פאָר יאָהר האָט מען גענומען שענקען אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראָבלעם פון באַלייכטונג אויף דער ביהנע. און אַזוי ווי אויף דעם דאָזיגען געביט זיינען אויפגעטהאָן געוואָרען גרויסע חידושים און וואונדער אויף דער ביהנע פון די אומות העולם, וועט מסתמא לאַנג ניט געדויערען און דער גאַנצער פּראָצעס פון באַלייכטען די אידישע ביהנע וועט ראַדיקאַל געענדערט ווערען.

אַזוי אַרום איז די אידישע ביהנע אויף איין אָרט ניט געשטאַנען די לעצטע צייט, און אויף יעדען געביעט, סאַי אין דעם כאַראַקטער פון דער דראַמע, סאַי אין שפּיעלען, סאַי אין דעקאָראַציעס, אויסשטאַטונג און באַלייכטונג איז פאָרגעקומען א מערקבאַרער פּראָגרעס. אַלטע פאָרמען, אַלטע מעטאָדען זיינען אָפּגעוואָרפען געוואָרען און נייע געשאַפען געוואָרען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, האַלטען אין געשאַפען ווערען.

און עס איז אויך כדאי צו באמערקען, אז די נייע באוועגונג, סאי אין דער דראמע, סאי אין שפיעלען, סאי אין דעקאראציעס און באלייכטונג, האט ערגעץ ניט אנגענומען קיין משונה'דיגע גע־שטאלטען אויף אונזער ביהנע. ווי שוין דערמאנט אויבען, איז דורך אלע איבערקעהרענישען אונזער ביהנע אין תוך געבליבען א רעאליסטישע און עס זעהט ניט אויס, אז דער רעאליזם זאל אזוי גיך פארשווינדען פון דער אידישער ביהנע.

רשימה פון די פיעסען אין אידישען רעפערטואר.

דער דאטום פון דער רעכטער זייט ווייזט, ווען די דערמאנטע פיעסע איז געשפּיעלט געווארען צום ערשטען מאל. דער ד. פון דער לינקער זייט ווייזט, אז די דערמאנטע פיעסע איז געווען געדרוקט און עס איז ניט בעקאנט, צי זי איז געשפּיעלט געווארען. אזוי ווי די מייסטע געשפּיעלטע פיעסען האבען פיער אקטען ווערט די צאהל אקטען אנגעגעבען נאר אין אזעלכע, וואס האבען מעהר אדער ווייניגער ווי פיער.

שלום יעקב אבראמאָוויטש
(מענדעלי מוכר ספרים)

די טאקסע, אדער די באנדע שטאדט בעלי טובות, 5 אקטען. ד.
דער פריזיוו, דראמע, 5 אקטען. ד. אראנזשירט פאר דער ביהנע פון ב. נאריין און אויפגעפיהרט אין 1918.

איוואן אבראמסאן

1911 דער בעל תפילה, דראמע.

אדאלפי

1887 שטופע פאר שטופע.

י. אדלער (ב. קאווער)

1917 יענטע טעלעבענדע, פארס.

רפאל אדעלהיים

פאסאזשיר, איינאקטער. ד.

יצחק אויערבאך

1905 בן שומרון, היסט. אפער.
" די בלינדע חתונה, אדער פרייז פון זינד, עמיל זאלא, איבערזעצונג.
1917 אמעריקאנער חתונות.
בת ירושלים.

העענריק איבסען

1902 דער פאלקספיינד.
1905 די שטיצען פון דער געזעלשאפט. ד.
1909 דער בוימייסטער.
1912 נארא.
1915 די גייסטער.
העדא גאבלער. ד.
ווען מיר טוידטע ערוואכען. ד.
ראזמערסהאלם. ד.
די ווילדע ענטע. ד.
קליינער עאלף. ד.
יאהאן גאבריעל בארקמאן. ד.

מ. אלעקסאנדראָוו (וו. מילער)

1905 די ערשטע ליעבע אדער דאס פערגינטעטע געוויסען.

ל. אנדרייעוו

1910 אשמדאי, איבערז. פון מ. קאץ.
" די טעג פון אונזער לעבען. איבערז. פון קאץ.
מענשענליעבע, א קאטאוועס, 1 אקט. ד.

ס. אנ—סקי

דער פאטער און זוהן, איינאקטער. ד.

אלעקסאנדער אסטראווסקי

1909 קאטערינא (גראזא).
1901 דער גולם. אדאפטירט פון ווייסמאן.
1897 דבורה'לע מיחוסת, אדאפטירט פון גארדין.

ישראל אקסענפעלד

דער ערשטער אידישער רעקרוט. ד.
מאן און ווייב. ד.
דער אוצר אדער די גינארטע וועלט. ד.
קבצן עושר שפּיעל. ד.

מארק ארנשטיין

דער ווילנער בעל הבית'ל.
דאס אייביגע ליעד, איינאקטער.
1914 א אידישע טאכטער, 3 אקטען.
" דער לעצטער משיח, היסט. ראמאנטישע דראמע.
סיין ווייב'ס משונעת, איין אקטער. ד.
שוועסטער און ברודער, איין אקטער. ד.

מ. ארציבאשעוו

1914 אייפערזוכט, איבערז. פון מ. שווייד.

ב. ארשאנסקי

אננא. אין דריי אקטען. ווילנא. ד.

שלום אש

1906 דער חלום פון מיין פאלק, דראמע, 3 אק.
1907 גאט פון נקמה, 3 אקטען.
1907 מיט'ן שטראם, 2 אקטען.
1911 מיין לאנדסמאן.
1914 אונזער גלויבען, דראמע.
" יחוס, דראמע.
1916 דאס הייליגע מיידעל אדער א שנירעל פערל, דראמע.
1917 מאטקע גנב, דראמע 3 אקטען, פראלאג.
שבתאי צבי, 3 אקטען, 6 בילדער, פאר־שפיעל און נאכשפיעל. ד.
אמנון און תמר, איינאקטער. ד.
אום ווינטער, איינאקטער. ד.
דער זינדיגער, איינאקטער. ד.

גרשם באדער

דער טאכטערס חתן.
אין קעלער.

י. באוושאווער

שיילאק, פון שעקספיר, איבערז.
קאבאלא אונד ליעבע, פון שילער, איבערז.

נ. ב. באזילינסקי

1883 די משוגענע אוים ליעבע.
1881 אסתר, 5 אקטען, אדאפטירט.

ב. באטווייניק

1913 ביילקע מארענאטא, דראמע.

מאקס בעקלער

1915 ווערעט קינד, לעבענסבילד.

באַרסקי

1883 די וואהנזיניגע.
" דער פאגראם.
1887 די צוויי יתומים, דראמע 5 אקטען. בע־ארבייטונג.

בוקאַװסקי

1896 די סאמעליען דאמע, פון דיומא זוהן, איבערזעצ.

אברהם בוקשטיין

1914 די צובראכענע געטער, לעבענסבילד.
1915 דר. ראפאפארט.
1916 מוטער און פרוי.

ב. ביארנסאן

1910 איבער אונזער קראפט. ד.

אלעקסאנדער ביזאן

מאדאם איקס, איבערז. פון גאטעסווירט.

ג. ביכנער

דאנטאן'ס טוידט. ד.

יעקב בילדער

1892 די היימאט, פון הערמאן זודערמאן, אי־בערזעצונג.
נאפאלעאן באנאפארטע. איבערזעצ.
דייר שטורמווינד, פון דעם ענגלישען.
ווירדזשיניוס, איבערזעצט פון ענגליש.
1897 אנטיגנוס דער העלד אדער דאס בע־פרייעטע ירושלים, אפער. בעארב.
1903 די סיגארעטען מאכעריז, אפער.

דר. נתן בירנבוים

1909 פאר די עלטערנס זינד, זיטענבילד.

דר. בן ציון

1881 אסתר פון עין גדי (גענומען פון סילוויא פעליקא).
1882 א פאמיליען דראמע אדער די פאלשע קידושין. 3 אקטען.
" דער גרויסער סוד.
" דער צבועק. (דער נאמען פון אויטאר איז פאלש אנגעגעבען אלס משה זיל־בערמאן)
דאס אייפערזיכטיגע פאר פאלק, איבערז. פון דייטשען.
די אונצופריעדענע גליקליכע.
די חליצה.
1889 דער גרינער שוסטער אדער דער סיילאר אין געפאהר.

מ. א. בעלינסאן

נס חנוכה, דראמע, 5 אקטען. ד.
לישרים תהלה, פון מ. ח. לוצאטא, איבערזעצ.

בערמאן אוים לימבורג

1712 מכירת יוסף.

ש. בערנשטיין

ר' יאחצע דל נאה, א קאמעדיע מיט א ראמאן, 5 אקטען. ד.

ש. בערקמאן

חופת די חלוצה. ד.

וואלטער בראון

1911 יעדע פרוי, איבערז. פון גאטעסווירט.

בריא

1913 דעמעדזשד גודס.

אברהם בער גאטלאבער

דער דעלטוף אדער צוויי חופות אין איין נאכט.

גאטליעב

יוליוס און העלענא. ד.

הענרי גאטעסווירט

1909 דער לייב און די מויז. איבערז.
1910 מאדאם עקס פון אלעקסאנדער ביזאן, איבערז.
1911 יעדע פרוי, פון וואלטער בראון, איבערז.
1913 אויפ'ן גנזעצליכען וועג פון באיארד וויילער, איבערז.
1913 דער מלמד.
" ליכט אין דער פינסטערניס, פון ל. טאלסטאי, איבערז.
" מיין שולד, איבערז.

פריעדריך ווילהעלם גאטער

1797 די שטאלצע ושתי. ד.

מ. גאלדבערג

1903 קעניג ליר, איבערזעצונג.
1904 פארסיפאל, איבערזעצונג.
1914 באראן ראטשילד, מעלאדר.

גאלדבערג מ. און ה. גאטעסווירטה

1917 דער שדכן.

אברהם גאלדפאדען

די מוהמע סאסיע.
די רעקרוטען
באבע מיט'ן אייניקעל.
די אינטריגע אדער דוואסיע די פליאטקע־מאכעריין.
קאפריזנע טאכטער אדער קבצנזאן עט הונגער־מאן.
שטענדריק.
א גלאז וואסער (אויף „בינטעל האלץ") איינ־אקטער.
א מאן מיט חערנער, 3 אקטען.
דער קאטער, וואדעוויל אין 1 אקט.
די שטומע כלה, 3 אקטען.
די שוועבעלאף (וואדעוויל?)
די צוויי פערדולטע.
פיער פארצעליינע מעלער, וואדעוויל.
דער שפיעגעל, וואדעוויל.
צוויי טויבע, וואדעוויל.
דער לעבעדיגער טוידטער.
ברייגדעלע קאזאק.
כשוף מאכערין (אויף „קאלדוניא")
באנקיי מיראן.
ניבע נימע די קוקעריקו, אדער דער קאמף צווישען בילדונג און פאנאטיזם.
איקס מיקס דריקס.
דער דאקטאר (?)
(די אלע אויבען אויסגערעכענטע שטיקער זיינען אויפגעפיהרט געווארען צווישען 1876 און 1878.
דער פאדראטשיק אדער רוסיש טערקישער קריעג.
ראטהשילד.
דער פאנאטיק אדער דיביידע קאני לעמילס.
טודרוס בלאז.
דאקטאר אלמאסאדא
1880 שולמית.
1883 בר כוכבא.
רבי יאזעלמאן אדער מליץ יושר.
1887 אחשורש.
עקדת יצחק.
1891 משיח'ס צייטען.
דער לינגער.
יהודה המכבי.
יהודית און אלאפערן
לא תחמוד אדער דאס צעהנטע געבאט. (אויף גיהנים און גן עדן").
1899 דער מענשענפרעסער.
1908 בן עמי.

יעקב גארדין

1891 סיביריא, לעבענסבילד אין 4 אקטען און פראלאג.
1892 דער גרויסער סאציאליסט (צוויי וועלטען) 4 אקטען מיט א פראלאג.
" דער אידישער קעניג ליר.

1893 דער מארד אין מעדיסאן סקווער.
" דער פאגראם.
1894 דער אידישער גלח.
" דער פרנס חדש.
" די ליטווישע ברידער לוריא.
" דער רב הכולל.
" מחמד און די אידען אין אראביען,
היסט. אפער. 5 אקטען, 11 סצענען.
1895 רוסישער איד אין אמעריקא.
" גאליציע מארטירער פון וויטענשאפט.
" דער שווארצער איד און פאיר יאנע־
פאוויטש.
" עגל הזהב דער גאלדענער גאט, דראמע.
" אידא אדער דער שאף פון פוילען, דרא־
מע אין 5 אקטען (די געשיכטע קומט
פאר אויפ'ן טייוועלס בערג לעבען
קראקאוו).
1896 מעדעא, פון גרילפארצער, איבערזעצונג.
" קאפיטאל, ליעבע און מארד.
" די דריי פרינצען.
" דער ווילדער קעניג, פאנטאסטישע אפער.
" שלמה'לע שארלאטאן (אדאפטירונג).
" קול שופר, בעארבייטעט פון דער אי־
טאליענישער אפערא „ערנאני".
" פארווערטס, איבערזעצט פון סטעפ־
ניאקס דראמע.
1897 דבורה'לע מיוחסת (נאך אסטראווסקיס
גריעך דא ביעדא נא קאווא ניע זשי־
וויאט).
" נתן החכם, איבערזעצונג.
" רייזעלע אדער זעליג איציק דער כלי
זמר (אדאפט. פון שילערס קאבא־
לא אונד ליעבע).
" מעדעאס יוגענד אדער די ווילדע פרינ־
צעסין, א דראמע מיט געזאנג.
1898 די אידישע קעניגין ליר אדער מירעלע
אפרת, לעבענסבילד אין 4 אקטען.
" קאפיטאן דרייפוס.
" די ווילדע פרינצעסין (?)
1899 די שלעכטע פאסטוכער פון אסטאוו
מירבא, בעארבייטעט.
" דוד'ל משורר אדער דאס איבערגעריי־
סענע ליעד, מוזיקאלישע דראמע.
" די אידישע געטא, לאקאלע פאלקס־
שטיק (נאך זאנגווילס: קינדער פון
דער געטהא).
1900 די שעהנע מרים און די געפיינינטע,
היסט. אפער (עמק הארזים).
1900 די שבועה אדער ראניע די פאטש־
מארקע, (נאך הויפטמאנ'ס „פוהרמאן
הענשעל").
" דער גאון.
1901 דער ממזר (נאך וויקטאר הוגא).
" אמעריקא.
1902 קרייצער סאנאטא, דראמא.
" דער עץ הדעת, 4 אקטען, 7 בילדער.
" די שטיפמאמע (מאזענטהאלס דעבא־
ראה).
" אייגענעם בלוט, בעארבייטונג.
1903 די יתומה אדער חאסיע פון קארא־
פשעקראק, דראמע.
" מיעטשאנע, פון גארקי, איבערזעצט.
" די ווארהיים, דראמע.
1904 די פלשתים, מוזיקאלישע דראמע.
" די פערלארענע אדער ראזא בערנדט,
פון הויפטמאן, איבערזעצונג.
" זונענאויפגאנג, פון הויפטמאן, איבער־
זעצונג.
" טהרת המשפחה, לעבענסבילד מיט גע־
זאנג אין 5 אקטען.
" דער נייער דור אדער געצוואונגענער
שידוך, איבערזעצט פון ל. גאט־
ליעב, בעארבייטעט פון י. גארדין.
" די אמת'ע קראפט, דראמע.
1905 דער אונבעקאנטער, 4 אקטען און פרא־
לאג.
" קעניג און גאט, סאטירישע דראמע אין
5 אקטען פון אלע היסטארישע צייי־
טען.
" די פינסטערניש אין רוסלאנד, (פינס־
טערע מאכט) פון טאלסטאי, אי־
בערז.
" דער מטורף, אדער א מענש פון אן אנ־
דער וועלט, דראמע.
1906 אלישע בן אבויה, דראמע.
" די קינדער פון דער זון פון מ. גאר־
קי, איבערזעצונג.
" דער פרעמדער, ראמאנטישע דראמע.
1907 אויף די בערג, דראמע אין 4 אקטען,
פראלאג און עפילאג.
" אהן א היים, דראמע.
1908 גלות גאליציען, דראמע.
" די משוגעת אין אמעריקא, פאלקסשטיק.
" דעמענטיא אמעריקאנא, אדער דער
וואהנזין נאך געלד.
1910 די מוחמע פון ווארשא, קאמעדיע.

גאָרדין און ווינטשעווסקי

1894 נאַרא אָדער נס בתוך נס.

ב. גאָרין

1898 דער ווילנער בעל הבית'ל.
1902 ברוך שפּינאָזא.
1912 א באַראָן אויף א טאָג (אָדאַפּטירט פון הויפּטמאַנס שלוק און יאַאו).

מאַקסים גאָרקי

1903 מיעסטשאַנע, איבערז. פון גאָרדין.
1906 קינדער פון דער זון, איבערז. פון גאָרדין.
1917 אויפ'ן אבגרונד, איבערז. פון מ. שווייד.

מ. גיסנעט

1901 שיינדעלע אָדער געבראָכענע הערצער.
1903 דער אידישער נחת.
1906 דער אפּיקורס, דראַמע.
1908 דער תקיעת כף, לעבענסבילד.
1914 געלד.

נחום געבעל

1898 דער זעע קעניג, גענומען פון ענגלישען.
1904 אידישע הארץ אָדער טענער פון כל־נדרי.
1907 די פּערשיקטע.
1910 די רעוואָלוציאָן אין פּאָרטוגאַל.
" קעניג און רבי.
1911 דער חטא.
" אמעריקאנער קינדער.
" דער בעל הבית.
" אמעריקא גנב.
" א פרוי'ס הארץ (פון מאָליערס זשאָרזש דאנציין).
1902 קאשוט לאַיאַש.
דעם רב'ס טאָכטער.
דאָס נאַסען מיידעל.
הערשעל אָסטראָפּאָליער.
קאָלומבוס.
ווען א פרוי שווייגט.
שעהנע פרויען.
1904 טאַטע מאַמעס צרות, אָדער דער אידישער סאָלדאַט, מעלאָדראַמע, איבערנעארבייט פון ב. טהאָמאשעפסקי.
1911 קול שופר, 4 אקטען, 5 בילדער.
1912 פערקויפטע נשמות (פּאָטאַפּענקאָ'ס „דוואַ פּאָקאָלעניאַ").

" דעם פּרעזידענטס טאָכטער.
" דער יצר הרע, לעבענסבילד.
" די מאָראַל פּרעדיגער.
" די שטאָדט גנבים.
1914 אַ מיידעלס חלום.
" בלינדע מענער אָדער דאָס לעבען אויף סעקאָנד עוועניו.
" נאָך 16 יאהר.
1915 די מאַמעס נחת.
1916 א מיידעלס נקמה, דראַמע.
" ריינע געוויסען, מעלאָדראַמע.
" די בייבי פרוי, קאָמעדיע.
1917 פּאַבליק אָפּיניאָן, מעלאָדראַמע.

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע

פאוסט, איבערז. פון ל. קאָברין.
עגמאָנט, איבערז. פון הערמאַלין.
די משוגעת פון א פערליעבטען.
די וועטטע.
געטץ פאָן בערליכינגען.
קלאַווינא.
דער בירגער גענעראַל.
די אויפגערעגטע.

גערשאָי

1911 אין וואַלד אָדער אליא די קרעטשמארקע (אָדאַפּטירט פון ספּאָזשינסקי'ס „טשאָראַדייקאָ").

ישראל גראָדנער

1878 לאַמפּאַציוס וואַגאַבונדוס. איבערז. פון רומענש'ען.
1876 ליד פון פייטעל נאר, 3 אַקטען.

טשאַרלז גראָל

1914 איהר פערטהיידיגונג.
איהר שרעקליכער סוד.

אַלפאָנז דאָדע

1900 סאַפאָ, איבערז.
1904 די צוויי שותפים, איבערז.

מ. מ. דאָליצקי

1907 די חרטה. דראַמע.

דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן

רחל און לאה.
די בעטלערין.
משה'לע סאָלדאַט.
די נעגער־שקלאַפען.

דזשייקאבסאן

די פראנצויזישע רעוואלוציאן אדער די צו־שטערונג פון דער באסטיליע.

דר. דזשייקאבסאן

1912 אייבינע ליעבע.

דזשייקאב דזשייקאבסאן

1911 הערשענדע שקלאפען.

אלעקסאנדער דיומא

1896 די קאמעליענדאמע, איבערז. פון בר־קאנסקי.

אסיפ דימאוו

1907 שמע ישראל, דראמע, 3 אקטען.
1913 דער אייביגער וואנדערער, דראמע, 3 אקטען מיט פראלאג.
1914 דער נערוועזער חתן, דראמע 4 אק־טען מיט פראלאג און עפילאג.
דער קאטארזשניק, איינאקטער.
" די מלחמה, דראמע.
1915 צווישען פעלקער.
1916 דער שמארט־גייסט.
1917 די וועלט אין פלאמען.

נ. דראנאוו

דער משוגע׳נער אין שפיטאל. איין אקטער.
דער זעלבסט־מערדער. איין אקטער.

א. האלם

1900 דער גבור, איבערז. פון מ. קאץ.

יהונתן האלפערן

מוטער און זוהן, איין אקטער. ווארשא. ד.
שיינדעלע. דראמע, 3 אקטען. ד.

גערהארד הויפטמאן

1904 ראזא בערנדט, איבערז. פון גארדין.
1904 זונענאויפגאנג.
1907 עלגא, אדער די געהיימניסע פון קלויס־טער. איבערז. פון הערמאלין.
1907 די וועבער.
איינזאמע מענשען.

משה הורוויטש

עוזר לייזער, געציל מכאל (נאך דעם שגים פון גאלדפאדענס „רעקרוטען").
אליהו הנביא׳ס שלאף־מיצעל.
אבגעקומענער עושר (אויף „חיסטע אינזעל")
דאס פוילישע איגעל.
די וועשין (נאך גאלדפאדענס „קאפריזנע טאכטער").
טיטא עסלאר.
אוריאל אקאסטא, פון גוצקאוו, (איבערזעצט אין ריימען).
דער פערקויפטער שלאף (פון דייטש).
עתליהו (נאך ראסין).
דער הוזירער.
שבתי צבי (גענומען פון „פרעמעלייא און לייכטזין").
אנקלס הגר.
בית דוד (דוד בן ישי?)
הדסה.
עם הארץ
ישעיהו הנביא.
דער פעטער אין אמעריקא.
קאלומבוס.
וואשינגטאן.
דאס פוילישע מלמד׳ל.
אלעקסאנדער מוקדן.
דער טוידטער קאפ.
דער באראן הירש.
באראן ראטשילד.
באס און ארבייטער.
דער שוואגער פון אמעריקא.
די יודען פון ווארמס.
דר. הערצעל.
מאריאנא.
1887 טיסא עסלאר אין אונגארען:
1. די פערשווערונג, 5 אקטען און 15 בילדער.
2. דער פראצעס, 4 אקטען און 12 בילדער.
1887 יהודה און ישראל אדער שמע ישראל, היסטארישע אפער אין 4 אקטען.
" דן יאזעף אבארבאנעל, 4 אקטען.
1888 סולטאן מחמד אדער קארבעם בייראם, 5 אקטען, 9 בילדער.
1889 עמי און נעמי אדער ראבינער, סאלדאט און ניהיליסט.
" שלמה המלך אדער ליעבע אויס שיר השירים, 5 אקטען, 14 בילדער, מיט פראלאג און עפילאג.
" די הארפע דאווידס.
" די ציגיינערין.

" קדוש השם אים ראש השנה אדער די וואהרזאגעריז, היסטארישע מעלא־דראמע אין 5 אקטען.
" קאפיטאליסטען און ארבייטער.
" אליהו הנביא אדער דער מיליאנער און בעטלער, פאנטאסטישע אפער, 5 אקטען און פראלאג.
1890 שמשון הגבור, היסט. אפער.
" דער מבול דזשאנסטאו, צייטבילד.
" דוד בן ישי אדער דער נאכפאלגער פון שאול, היסט. אפער, 5 אקטען.
1891 נבוכדנצר מלך בבל, אדער דניאל אין לייבענגרוב, היסט. אפער.
1892 אדם און חוה אדער דער פערלארענער גן־עדן.
1892 די העלדען פון האמסטעד, צייטבילד.
" בת כהן אדער אלעקסאנדרא המלכה.
1893 יהודה הגלילי אדער דער פרינץ פון בית לחם.
" מוטערליעבע.
" רבנו גרשם אדער קייזער באזיליוס דער צווייטער.
1894 מאנטע קריסטא, בעארבייטעט פון מ. הורוויטש.
" די בלוטיגע האכצייט אין קאטהעריגעס צייטען.
" די קרבנות פון שלעכטע צייטען.
1895 יונה הנביא אדער די רייזע דורך וואסער און פייער, פאנטאסטיש ביבלישע אפער אין 4 אקטען.
" קארלייל הערים, צייטבילד.
" אברהם אבינו אין קאלך אייווען, 4 אקטען, 8 סצענעס.
" דער כוזרי אדער די אידישע מלוכה אין קאווקאז.
1896 בני משה אדער די אידען אין כינא.
" ברכה אדער דער אידישער קעניג פון פוילען אויף איין נאכט (דעם 18־טען אויגוסט 1587).
" בארניי בארנאטא, לעבענסבילד.
" כתר תורה אדער דער רמבם אין עגיפטען.
" מערי בערבערי, צייטבילד.
1897 קובא אדער גענעראל מאצעאס העלדענטהאטען, צייטבילד אין 4 אקטען.
" דר. בוקעניז, צייטבילד.
1897 ארץ ישראל ליעבע אדער דער רבי און דער צאר, לעבענסבילד.
" נח'ס תיבה אדער דער זינדיגער דור המבול, ביבליש היסטארישע אפער אין 4 אקטען, 12 בילדער.
" א אידישע נשמה אדער אויסגעוואקסען אין קלויסטער. האלב היסטארישעס לעבענסבילד אין 4 אקטען.
" בית יעקב אבינו אדער שמעון און לוי אחים.
" דאס לעבען אין קלאנדייק, צייטבילד.
" מוהארן און מרס. נאק.
" יפת תואר אדער בלעם הרשע, פאנטאסטישע אפער אין 5 אקטען.
1898 יהושע בן נון אדער דער פאל פון יריחו, היסטארישע אפערע.
" די שפאנישע קרבנות, 4 אקטען.
" יחזקיהו המלך אדער די רייזע פון קאווקאז, היסטארישע אפער אין 4 אקטען.
" קאפיטאן דרייפוס אדער געהיימניסע פון פאריז, 4 אקטען, 17 בילדער.
1899 די העלדען פון סאנטיאגא אדער פאטריאטיזמוס און ליעבע, צייטבילד.
" נקדימון בן גוריון אדער דער גליקליכער פאסטוך.
" דרייפוס אדער צום צווייטען מאל פערורטהיילט און דאך אונשולדיג.
" חכמת נשים, היסט. אפער.
1900 זכות אבות אדער רב, פרעדיגער און גלח, לעבענס אפערע.
" דער משוגע'נער פילאזאף.
1901 די מוזינקע אדער די טלתים וועבער.
" בן הדור אדער דער פרינץ פון אראביען („יחזקיהו המלך" עטוואס גע־ענדערט).
1902 די צוויי תנאים, היסט. אפער.
" דער פייער מבול אדער די אידען אין סענט פיער, צייטבילד.
" יעקב און עשו, ביבלישע אפער.
" בן המלך, ביבליש היסט. אפער.
" דער לאדזשען פרעזידענט, געזאנג דראמע.
1904 די בני ישראל אדער די ווייסע און שווארצע אידען (די פערלארענע עשרת השבטים) היסטארישע אפער.
" קאצאפס מפלה אדער יאפאן דער שליח פון גאט, צייטבילד.
" חורבן קעשענעוו, צייטבילד.

הערמאן הייערמאן

אייבינער יוד (אחשור), לעבענסבילד, 1 אקט. ד.
נהעטא, דראמע אין 5 אקטען, איבערזעצט פון י"ל פרץ.

פרץ הירשביין

געזאמעלטע דראמען, ארויסגעגעבען פון די ליטעראַרישע דראמאטישע פעראיינע אין אמעריקא, 1916, ניו יארק.
ערשטער באנד: ראזשינקעס מיט מאנדלען, אידיליע; אויפ'ן שוועל, א פאר שטריכען: בעבעלע, אידיליע; א זאווערוכע; ווען עס פאלט דער טוי, אידיליע; א לעבען פאר א לעבען, דראמע 3 אקטען.
צווייטער באנד: די פוסטע קרעטשמע; דעם שמיד'ס טעכטער, 3 אקטען; א פערוואָרפען ווינקעל.
דריטער באנד: דער לעצטער, 3 אקטען; ביים ברעג, 3 אקטען; דער תקיעת כף, פראָלאָג און פינף בילדער; דאס קינד פון דער וועלט.
פיערטער באנד: דוה, 3 אקטען; נבלה; די ערד, 3 אקטען; צווישען טאג און נאכט, 3 אקטען; אויפ'ן שייד־וועג, 3 אקטען.
פינפטער באנד: באַרג אראָפ; וואו דאס לעבען פערגעהט; אויף יענער זייט טייך, 3 אקטען; גרינע פעלדער, 3 אקטען.
דער אינטעליגענט, דריי אקטען. ד.
ווייטע און נאהנטע. ד.

מ. ד. הערמאלין

1895 יוליוס צעזאר, פון שעקספיר, בעארבייטונג.
" מאקבעט פון שעקספיר, בעארבייט.
1899 דאס קינד פון דער מדבר אדער געפאנגען אין נעץ פון ווילדע ליעבע, 5 אקטען.
" פויגעלע, אדער נויט ברעכט אייזען, טראגעדיע, 4 אקטען און פראלאג.
1900 דער אידישער געמבלער אדער אויפ'ן מזבח פון ליעבע.
" דער געלדזאק אדער ליעבע און געלד.
" יאזעפוס אדער דער אידישער גלאדיאטאר (פון יאן קאוואלי'ס ראמאן ספארטאקוס).
" קאריאלאנוס פון שעקספיר, איבערזעצ.
1901 די אידען אין בראזיליען, אדער פרינץ ראדרינא. היסט. אפערע.
1902 די קרוין פון שאנדע, דראמע.
1904 דער טאטע (פון סטרינדבערג)
1906 מנשה, פון רענעטי ראמאן, איבערז.
1907 עלגא אדער די געהיימניסע פון קלויסטער, איבערזעצונג.

יוסף הערץ

1828 אסתר אדער די בעלאהנטע טוגענד. ד.

טהעאדאָר הערצל

1912 די נייע גהעטא.

י. ל. וואהלמאן

דאס ברענענדע הויז, ד.
לעצטע חשמונאים, ד.

ש. וואלדינאַק

בעקאנטער דאקטאר. דראמע. פינף אקטען. ד.

שמעון וואלף

1916 די צייט, לעבענסבילד, 4 אקטען און פראלאג.

אהרן וואלפזאָן

לייכטזין אונד פרעממעלייא, פאמיליענגעמעלדע אין דריי אויפצוגען, ברעסלוי, תק"נו. אויפגעפיהרט צום ערשטען מאל אונטער דער אויפזיכט פון ב. גארין אין 1917.

וואקסמאן

בערעק יאסעלאוויטש. ד.

מ. ווידעוויטש

איטשע מאיר צו די וואהלען, 1 אקט, דראמע.
די יודישע גמינע, 1 אקט. ד.

וויזענפעלד און אויערבאך

1916 צוריק צו גאט.

א. ווייטער

פארטאג, דראמאטישע פיעסע. ד.
אין פייער, דראמע אין 3 אקטען. ד.
דער שטומער. דראמע. ד.

אסקאר ווילד

סאלאמע, טראגעדיע אין איין אקט, איבערז. פרומקין—ענטין.

באיארד וויילער

1918 אויפ'ן געזעגליכען וועג. איבערז. פון גאטעסווירט.

ישראל וויינבלאט

1891 נחמן זלאטאפאליער אדער פאטער און זוהן.

י. י. ווייסוואהל

אין קעלער, איינאקטער. ד.

רובענס ווייסמאן

1881 די נקמה.
1887 משה רבנו אדער יציאת מצרים און קריעת ים סוף, היסטארישע אפער אין 5 אקטען מיט עפילאג.
" די געמאכטע משוגענע.
1888 אמנון ותמר (דראמאטיזירט פון „אהבת ציון").
1891 שרה, אדער צוריק פון סינג סינג. (אדאפטירט פון „ווארשאווקא דיע-טעי").
" א מענש מיט צוויי פנימ'ער, (אדאפטירט פון „קאווארסטווא אי ליר באוו").
1894 שיילאק דער קויפמאן פון ווענעדיג. בעארב. פון ווייסמאן.
1896 פאטיניצא אדער דער רוסיש טערקישער קריעג, איבערזעצט פון ווייסמאן.
1901 דער גולם אדער מאן און ווייב דאך איין לייב, קאמעדיע, (אדאפטירט פון אסטראווסקי'ס).
1908 זאראיא אדער די שעהנע אידין, בע-ארבייטעט.

א. מ. ווייסענבערג

קנאה און תאוה. ד.
קאספער.

ווילענסקי

מערי די שוסטערקע (געגומען פון דייטשען פארס 3 פאר שוהע).

מארים ווינטשעווסקי

1917 די מחיצה, 1 אקט.

מ. ווילאמאווסקי

באטענס. איינאקטער. ד.

גיוסעפע ווערדי

1897 קול שופר (ערנאני) איבערז. פון גאר-דין.

ד. זאהיק

ראזען צווישען דערנער. ד.

עמיל זאלא

די בלינדע חתונה, איבערז. פון אויערבאך. טערעזא ראקין.

הלל זאלאטאראוו

1917 פאר איהרע קינדער.

יצחק זאלאטארעווסקי

1897 דער אידישער וואלונטיר.
1899 דער אידישער מארטירער אדער ישיבה בחור.
" אברהם'עלע מנגן.
" די אידישע זאזא.
1900 דער כל-בו'ניק אדער אידען און הייי-מאדאקען.
1901 די מאמע.
" אנקעל סעם'ס קעבין, איבערזעצ.
" די בעלס אדער די ערמארדונג פון א פוילישען אידען, בעארב.
" לואי דער עלפטער, בעארב.
" דאס גליקס קינד אדער דאס שרעטעלע, פון מעטקאט, איבערז.
1902 דער חרם אין בית המקדש.
" שמשון הגבור, איבערז.
" בלי זמר.
" די משומדת.
" פאבי ראמאני.
1903 דער בית המדרש אונטער דער ערד, אדער די אידישע שטראסענזינגעריז, בע-ארב.
" דער בדחן.
" אדעלע.
" דער מאדערנער קין און הבל.
" דער אמת, ראמאנטישע טראגעדיע.
1904 די אידישע אנא קארעניגא.
" שבת קודש.
1907 דער גר, לעבענסבילד.
" אמעריקאנער גליקען.
" אבא'לע אשכנזי.
" שטילע חתונה.
1908 דער מאמעס מאן.
" די רעוואלוציאן אין רוסלאנד.

1908 הערי טאו.
1909 די ווייסע שקלאפען.
1910 דאס צווייטע ווייב.
" די זינדערין.
" קארטען.
1911 קינדער אדער פאר די עלטערנס זינד.
" פערקויפטע ליעבע.
" די עגונה.
1912 אויף דער עלטער.
" געלד, ליעבע און שאנדע.
" ליידענשאפט.
" זיי עהרליך, קאמעדיע.
" גרינע מאמע.
" די אונגליקליכע.
" וואלף און שעפעלע.
1913 דער איינציגער זוהן, מעלאדראמע.
" דיימאנדס, מעלאדראמע.
" די אידישע פאהן אדער מיין נאציאן.
" ליידים פוירסט.
" די אידישע פיער הונדערט.
" האם סוויט האם.
" בת ציון, אפערעטע.
1914 די אייזערנע האנד.
" געדעמעדזשטע קינדער.
" די לעבעדיגע יתומים.
1915 דער אידישער מארטירער אין אמעריקא.
" דער שליסעל פון ליעבע, קאמעדיע דראמע.
" דער פרייז פון ליעבע.
1916 דאס רויטע ליכט.
" א דאנק פון קינדער.
" דעם טייוועלס מאכט.
" סוזי ברען, קאמעדיע.
" דאס גאלדענע שטייגעלע.
1917 ווען א מיידעל ליעבט.
" דער לויב און די פרוי.
" דער אמעריקאנער פרעזידענט.
" דער חתונה רינג.
" ליעבע און פליכט.

לעאן זאלאטקאוו

1891 שמשון הגבור, היסטארישע מעלאדראמע.
1912 זלמן טרובאדור, סיוזשעט גענומען.

ישראל זאנגוויל

1904 קינדער פון דער געטא, איבערז. פון קאברין.

1905 דער קעניג פון שנארער.
דאס פייער פון גאט.

גאבריעלא זאפאלסקא

מלכה שווארצקאפ, איבערז. פון גאטליעב.

הערמאן זודערמאן

היימאט. (מאגדא).
די עהרע.
שמעטערלינג שלאכט.
די 3 דראפען זיינען אויפגעפיהרט געווארען אין די נייבציגער יאהרען.
דאס גליק אין ווינקעל, אויפגעפיהרט פון די לעטאנטען.
יאהאנים פייער.

משה זייפערט

1890 מרים החשמונאית, היסט. צפער.
1890 דער שלאסער.
" דער אידישער פאלקאוניק, היסטארישע פאלנישע צפער.
1891 טיטוס אדער חורבן בית שני.
1892 שומר ישראל.
געהיימנים פון רוסישען הויף.
" שיבת ציון.
די דריי טרערען.
" גר צדק אדער גראף פאטאצקי.
" דאס קינד אין וואלד.
1893 גבורי ישראל.
" די בת יחידה אדער ניו יארק לאכט און וויינט.
" די רויבער פון שילער, איבערז.
" האמלעט, בעארבייטונג.
" רב מאיר בעל הנס. (פו. שילער'ס "טוראנדאט").
1894 קראנפרינץ רודאלף, אדער די אידען אין עסטרייך.
" מאריע סטוארט.
" דאן קארלאס פון שילער, בעארבייטונג.
1895 די אידישע טרילבי, 4 אקטען.
" דער נאכט וועכטער.
1896 די אידישע קאלאניסטען, סענזאציאנעלע אפערעטע פון אמעריקאנישען לעבען, אריגינאל פערפאסט.
" גלות מאסקווע.
1898 פעדארא פון סארדו, איבערזעצט.
1900 פרייע ליעבע אדער די נקמה פון א פרוי.

1901 שבט יהודה אדער דער רעוואלוציאנער. היסטאָרישע אפּער.
1904 משה רבנו אדער די אידען אין דער מדבר, ביבליש רעאליסטישע אפּער.
1907 מלכה שבא.
1909 דאס פּינטעלע איד.

זייקין

1903 די ערוואכונג, פון טאלסטאי'ס „וואס־קרעסעניע".
" די העלדין אדער מאנא וואנא, פון מא־רים מעטערלינק, איבערזעצ.
1905 די ירושה, לעבענסבילד.
1912 ליעבע אדער רייכטהום. (איבערגעמאכט פון „ירושה").

משה האשקעס

אברבנל. ד.

לעוו טאלסטאי

1902 פינסטערנים אין רוסלאנד, איבערזעצט פון גארדין.
1911 לעבעדיגער מת, איבערז. פון קאברין.
1913 ליכט אין דער פינסטערנים. איבערז. פון גאטעסווירט.

פנחס טהאמאשעפסקי

ראטהשילד'ס ביאגראפיע.

ב. טהאמאשעפסקי

1887 עלילת דם אדער מנחם בן ישראל, 4 אקטען, 8 בילדער.
1893 א נאכט אין בליקער סטריט, אדער דאס אונגליקליכע מעדכען.
1894 קעניג ריטשארד דער דריטער, אויפגע־פאסט פון ב. טהאמאשעפסקי.
1901 דער שווארצער יונגערמאנטשיק.
1905 דער אידישער יענקי דודעל.
1907 די לעמבערגער מויד אדער דער נייער שטערן, פאלקסשטיק.
1908 דער מאמעס קינד, דראמע.
" די שעהנע אמעריקאנערין (אדאפּטירט פון שעקספּירס „טיימינג אוו די שריו")
1910 די ניו יארקער בארדער, קאמעדיע דרא־מע.
" דער משומד (אדאפטירט פון הערמאן רייבאך'ס).
" דער פוילישער איד, אפערעטע.
" דאס דארפס מיידעל, אפערעטע. בעאר־ביי טונג.

1911 די נשמה פון מיין פאלק אדער דער אונגארישער זינגער, אפערעטע.
1913 דאס פערבלאנדזשעטע שעפעלע, אפער.
1914 הימעל, ערד און שווינדעל, מעלאדראמע.
" די פוילישע חתונה, אפערעטע.
" א שטיקעלע גליק, אדער דער מזל'דיגער בחור, אפערעטע.
1915 דאס תורה'לע, אפערעטע.
1916 דאס צובראכענע פידעלע, אפערעטע.
1917 מזל טוב, אפערעטע.

ב. טורש

בת שבע, דראמע. ד.
רות, דראמע. ד.
שושנה, דראמע. ד.

יעקב טער

שיבת ציון.
אמנון און תמר.
1892 דער גליקליכער פאסטוך.
1893 די זילבערנע האכצייט.
1895 בוסתנאי אדער דער לעצטער פרינץ פון מלכות בית דוד. היסט. אפער. 5 אקטען, 14 סצענעס.
" ראפאעל דעל מאנטע.
1895 מלחמות היהודים אדער די גערויבטע פרינצעטין.
1899 כתר מלכות אדער די קרוינונג פון ינאי המלך. היסטארישע אפער.
" די רויב פויגעל אדער דער סקאנדאל אין די הויכע פענסטער, לעבענס־בילד אין 4 אקטען.
1899 מורד במלכות אדער די אידען אין פאר־טוגאל, היסטאריש ראמאנטישע אפערע.
" 1901 דער נייער משיח אדער דוד אל־ראי, היסט. אפער. (נאך ביקאנס־פילד. ראמאן).
" די בת מלכה, היסט. אפער.
1902 רעגינא אדער די אידישע גראפינע.
1908 די אידישע נשמה, מוזיקאלישע דראמע. דער פערפאסער אין קינפעט, וואדעוויל.

טער און טהאמאשעפסקי

1898 דער ש"ך אדער דער זכות פון שבת קודש.

ג. משורני

נאכ'ן סטרייק, קאמעדיע אין 3 אקטען. ד.

יעווגעני טשיריקאָוו

1905 די אידען אין רוסלאנד, איבערזעצט פון קאָברין.

אנטאָן טשעכאָוו

דער בער, וואָדעוויל.
דער שידוך, וואָדעוויל.
אַנקעל וואַניא, דראַמע.
וואַסער פויגעל, דראַמע.
דער קאַרשען־גאָרטען, דראַמע. ד.

מ. א. טשערנאָוו

1911 נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, אדאַפּטירט.

יאַקאָב אוים פאָזען

ערדעטונג דער יודען דורך מרדכי און אסתר, טרויערשפיעל, אמשטערדאם, 1800.

ש. יושקעוויטש

הייראַטס קאָמעדיע. ד.
הונגער. ד.
1908 דער קעניג.
דער מיזערער. ד.

יוסף לאַטיינער

1879 יענטע די פּיפּערנאָטערין.
" שמואל שמעלקעס.
1880 די ליעבע פון ציון.
1879 דער דבוק.
1884 אסתר און המן.
1885 יוסף און זיינע ברידער.
1886 אימיגריישאָן טו אמעריקא.
1887 דוד בן ישי, היסטאָרישע אָפּער, 5 אקט.
" שלמה המלך'ס משפט, היסט. אָפּער. 5 אקטען.
1888 איזראַעלס קינד אדער אונטער'ן שוץ פון מאָזעס מאָנטעפיאָרע.
" דער אנטיסעמיט אדער די אידענלאַגע אין רומעניען.
1889 די גרינהאָרנס אדער מישקע און מאשקע.
דאָס פינפטע געבאָט אדער כבוד אב.
" חוה אדער די שלאַנג אלס הויז־פריינד.
1890 יהודית און אליפערנוס, היסטאָרישע אָפּער.
" חורבן ירושלים.
" שלמה'לע עהרליך, דראַמע.
" די שטריק אויפ'ן האלז אדער בלינדע גערעכטיגקייט.

1891 דניאל אין לייבענגרוב.
" גלות רוסלאַנד.
" די שניידערין.
" עזרא אדער דער עוויגע יודע, היסטאָרישע אָפּער.
1892 דינה אדער דער גאסט פון יענער וועלט.
" אשת חיל אדער די פּרינצעסין פון יהודה.
" קורח'ס אוצרות.
" אלעקסאנדער אדער דער קרוינפּרינץ פון ירושלים.
1893 בת שבע אדער דאָס ווינש־פינגערל.
" יהודה המכבי.
" קעניג און בויער.
1894 בן יעקב אדער גלות שפּאַניען.
" די הוגענאָטען, בעאַרבייטונג.
" דער מאַמעס טעכטערל.
" אשה רע.
" בלימעלע די פּערל פון וואַרשא, אדער גראף און יודע.
" מאַמאָן דער געלד־גאָט.
1895 צאַר איוואַן גראָזני.
" די פערבלאָנדזשעטע נשמה.
" די שעהנע אסתר אדער דער בן מלך.
" אפרים ומנשה אדער די ליעבע פון ציון.
1896 דער קאָמעדיאַנט אדער א שאַנדפלעק אין דער משפחה.
" דער אוצר.
" קדוש השם אדער דער אידישער מיניסטער, היסט. אָפּער.
1897 קיסר נירון אדער דער שטאָמפּאָטער פון מאיר בעל הנס.
" דער שטערן פון פּראג אדער דער טרוים פון נבואה.
" דוד'ס פידעלע אדער די צויבערמאַכט פון מוזיק.
1898 הלל אדער די מלחמה מיט'ן יצר הרע.
" די אידישע וועלט.
1899 חכמת שלמה אדער רב תנחום און דער אשמדאי.
" אידעלע אדער דער אמת און דער שקר.
" פיער הונדערט יאָהר אדער דער פּרינץ און דער חכם.
1900 יהודית די צווייטע.
1901 גבריאל אדער די ליעבע פון א אידישע פרוי.
" דער מאַן אונטער'ן טיש. וואָדעוויל.
1902 גאָלדעלע, פּאָלקסשטיק, 4 אקט. 12 ביל,

1903 ציון אדער על נחרות בבל.
" דער איד אין רומעניען.
" די סדר נאכט אדער בלבול דם.
1904 דער שטן אין גן עדן אדער די שווינער צו גאסט, קאמעדיע.
" יהודית אדער דאס פערבלאנדזשעטע שעפעלע.
1905 דער ארימער מיליאנער.
" דער אנטלאפענער סאלדאט אדער דער גרינער זינגער, לאק. לעבענסבילד.
1906 פאטערליעבע, קאמעדיע דראמע.
" דער אמעריקאנער אדער די גאלדענע חתונה, קאמעדיע דראמע.
" מאן און ווייב, פאלקסשטיק.
1907 חתן כלה אדער דער טאטע האט די מא־מע גענומען, קאמעדיע.
" מיין ווייב'ס פריינד, קאמעדיע.
1908 דניאל אדער די טאכטער פון ירושלים, ביבלישע אפער.
" דאס אידישע הארץ פאלקסשטיק.
" דער גנב אדער דער אידישער בירגער־מייסטער, קאמעדיע.
1910 דער יום החופה.
1912 איהר ודוי.
1913 א יאהר נאך דער חתונה, לעבענסבילד.
" א מוטער הארץ, קאמעדיע דראמע.
1916 א קרבן פון ליעבע, דראמע.
1917 דער אמת'ער פריינד, קאמעדיע דראמע.
" די פאלשע צוואה.

מאדאם לאטיינער

די בלוטהאכצייט, איבערזעצ.
1896 ווילהעלם טעל פון שילער, איבערזעצ.

י. ל. לאנדא

1890 קעניג הורדוס.

דר. לאנדמאן

1917 דער גרויסער קאמף, מעלאדראמע.

משה חיים לוצאטא

לישרים, תהלה, איבערז. פון בעלינסאן.

ז. ליבין

1900 די פערשפעטיגטע חופה.
" טהיינקס גיווינג דעי.
1901 דוד און זיינע טעכטער.
1902 דער געבראכענער נדר, לעבענסבילד.

1903 חענעלע אדער די אידישע מערעא. דראמע.
" דער ערשטער מאי, דראמע.
" נעבראכענע הערצער אדער ליעבע און פליכט, לאקאלע דראמע.
1904 דאס אידישע בלוט, דראמע.
" די צוויי דורות אדער פאמיליענטרע־רען, דראמע.
1905 דער שלעכטער וועג אדער עפטער די באל.
" די ווילדע, דראמע.
1906 דער טרוימער אדער צוריסענע הערצער. רעאליסטישע דראמע.
1906 די פרעמדע, דראמע.
1907 איהר פערגאנגענהייט, דראמע.
" די שכנים אדער וואס א מאמע קען טהאן!
" דער אייביגער איד, פאלקסשטיק.
" דאס לוסטיגע ווייבעל אדער די שטי־פערקע, קאמעדיע.
1908 דער אורטהייל, דראמע.
1909 מענשען אהן גלויבען, דראמע.
" נאטס שטראף, פאמיליענדראמע.
1910 דער יום הדין.
" גערעכטיגקייט, מעלאדראמע.
" דער אבגרונד, דראמע אין 3 אקטען.
1911 בלינדע ליעבע, דראמע.
" געדאנקען לעזער.
1912 פרעמדע קינדער.
" מענער און פרויען.
1913 א מאמעס נקמה.
" דער איביגער מענש, דראמע.
" טאג און נאכט, דראמע.
" די לעצטע שטונדע, דראמע.
1914 דער קריפעל.
" די מאכט פון ליידענשאפט, דראמע.
" בלינדע אייפערזוכט, דראמע 4 אקטען מיט פראלאג און עפילאג.
1915 דער פאלשער שריט.
" זיין ערשטע כלה.
" די פערפיהרטע, לעבענסבילד.
1915 ליעבע, זינד און אונשולד.
1916 דאס הארץ פון א פרוי, דראמע.
" די גרויסע פראגע, דראמע.
" צוויי מאמעס, דראמע.
1917 דער איינציגער עדות.
" דער נייער מענש, דראמע.
" די חיינטיגע פרוי.

דר. ב. ליבער

דער זומפ, אין דריי אקטען. ד.

משה ליב ליליענבלום

דער שקאנטיסט.
דוואיעזשאנעץ.
זרובבל.

י. ב. לעבענזאן

די הפקר וועלט, איינאקטער.

לודוויג לעווינסאן

די ווייבערשע קניפלאך, 5 אקטען.

גאטהאלד אפרים לעסינג

די אידען, איבערזעצ. ד.
עמיליע גאלאטי, איבערזעצ. ד.
1897 נתן החכם. איבערז. פון גארדין.

יוסף לערנער

פון 1880 ביז 1883.
אוריאל אקאסטא פון גוצקאוו, איבערזעצ.
דעבארא, פון מאזענטהאל, איבערזעצ.
מנחם בן ישראל.
חנוכה.
דער פעטער משה מענדעלסזאהן.
זשידאווקא פון סעריב, איבערזעצ.
מוטערליעבע.
יהודית. איבערז.

מאריע לערנער

די עגונה, אין 5 אקטען.

לערעסקו

1902 די איינגעמוירטע פרוי, פון קארמען סילוואַ, איבערז.
" בארבארא אברוק אדער די נאנע פון קראקאוו, איבערז.

איזידאר לעש

1916 די גרויסע ליעבע, קאמעדיע דראמע.
" הערצער און נשמות.
1917 דער רויטער דיסטריקט, מעלאדראמע.
" דער כלה'ס טרויער.

זעליג מאגולעסקא

דער פאלשער מופת.

מאליער

1908 געוואלד, מיין געלד.

דער חיפאקריט. ד.
די קאקעטקעס. ד.

פראנץ מאלנאר

1908 דער טייוועל.

דזשאהן הארטלי מאנערס

1912 די האוס נעקסט דאר, איבערז. פון מ. שווארץ.

גיו דע מאפאסאן

מוזאט. קאמעדיע, 3 אקטען. ד.
א פאמיליען קאמעדיע, 2 אקטען. ד.

א. מאריער

די אידישע טרילבי, אדאפטירט פון זייפערט.

יאזעף מארקאוויטש

1912 סולימא אדער די אידען פון קאווקאז.

רודאלף מארקס

פעטער משה.
1889 די בלינדע יתומה, פאלקסשטיק אין 5 אקטען.
" דער אמעריקאנער לאיער.
1890 די צוויי שוועסטער אדער ענגעל און טייפעל.
" חיים אין אמעריקא.
" די פרימאדאנא.
" דער יתום אין געפאהר.
" דער בויערי טרעמפ אדער דער הויפט־טרעפער.
" די שניידעריןן.
1896 פערעלע אדער פערלארען אין ניו יארק, צעהן בילדער.
" נעלד אדער טרעמפ.

מאקס מאשקאוויטש

1889 א מיליאן דאלאר אדער שוועסטער און ברודער חתן כלה.

ח. א. מושקאט

יעקב ביי לבן אין חרן, 5 אקטען. ד.

י. מזח

די אייפערזיכטיגע פרוי, קאמעדיע, 3 אקט. ד.

הײמאן מייזעל

1913 מיין ווייב'ס מאן אדער די בינאמיסטין קאמעדיע דראמע.

1918 יאנקעלע שאלטיס, דראמע 4 אקטען און פראלאג.
" גענען דער נאטור. דראמע.

ד. מייעראוויטש

1906 בועז און רות, ביבלישע אפערעטע.

־. מייערבער

1894 די בלוט־האכצייט, איבערז. פון הור־וויטש.

מ. ל. מייערזאן

דער האמער פון לעבען. ד.
סדום ועמורה. א פארס. ד.

יעקב מילך

1907 די וועבער, דראמע, 5 אקטען. איבערז.

ל. מילער

1899 די געצענדיענער.
1903 ליזא קארלין.
1914 דער מסר.

י. און ל. מילטאן

דער כאאס, דראמע, 4 אקטען. ד.

אקטאוו מירבא

1899 די שלעכטע פאסטוכער, אדאפטירט פון גארדין.
ארבייט און קאפיטאל. ד.
דער גנב, איינאקטער. ד.
זשאן און מארעלענע, דראמע 5 אקטען. ד.
געשעפט איז געשעפט. ד.

מ. מעטערלינק

1903 די העלדין (מאנא וואנא) איבערז. פון זייקין.
אונגעבעטענער גאסט. ד.
בלויער פויגעל. ד.
דערטרונקענע. ד.
מעלעאס און מעליזאנדע. ד.

אדאם מעסקא

1891 די אידישע קאלאניסטען.
1893 דאס קינד אין וואלד.
1897 דאס פעקטארי מיידעל. (אדאפטירט פון שמעטערלינג שלאכט).
1898 די טאכטער פון ירושלים אדער דער רוימישער טיראן.

1907 תחית המתים אדער צווישען הימעל און ערד, פאלקס־שטיק.
1913 דער כלה'ס חלום.
דער אידישער כבוד.

נאאומאוו

1914 אייפערזוכט, פון ארציבאשעוו, איבערז.

ה. ד. נאמבערג

1912 די משפחה.

וויקטאריען סארדו

1910 נאפאלעאן דער ערשטער. איבערזעצט פון טשערנאוו.
1898 פעדארא, איבערז. פון זייפערט.

העריעט בישער סטאו

1907 אנקעל טאמס קעבין.

אויגוסט סטרינדבערג

1904 דער טאטע.
וואמפיר. ד.
טויטענטאנץ. ד.
מוטערליעבע. ד.
פאר'ן טויט. ד.
פריילין יוליע. ד.
קאמעראדען. ד.
שטארקערע. ד.

וויליאם סיגעל

1917 אייביגע זינד, לעבענסבילד.
" דער מאסקירטער. לעבענסבילד.

קארמען סילווא

1902 די איינגעמויערטע פרוי, איבערז. פון לערעסקו.

פיליפ סינגער

1917 בערקע גנב.

ו. עדלין און קופערמאן

1913 דער איד (אדאפטירט פון העגרי בערנ־שטיינס).

דר. שלמה עטינגער

סערקעלע אדער די פאלשע צוואה, 5 אקטען, געשריבען 1825.

יואל ענטין און ז. לעווין

1907 די שול פון לעבען, לעבענסבילד.

עליכם שלום

1903 סאלאמאן קאוס פון זעלבינגען סיוושעטע וואס שלמה חכם.

ה. עפעלבערג

דאוויד אין דער וויסטע אדער גלית הפלשתי, היסט. אפערעטע, 5 אקט. 12 ביל.
אסתר׳קע אדער די יודישע טאכטער אלס פוילישע קעניגין, היסט. דראמע, 5 אקטען, 9 בילדער.
דער קרבן, דראמע.
דער שדכן, וואדעוויל.

מ. עפשטיין

דער געשמיסענער אפיקורס אדער א כאלערע אין דוראנאווקע. א טהעאטער־שפיעל. געדרוקט אין ווארשא, 1879

עהרליך

1902 דאס קינד פון פאלק אדער הילנא המלכה, היסט. אפער.
1904 די גרינע קינדער, פאלקסשטיק.

מ. ערליך

די דיענסט, פאגראם בילד, 1 אקט. ד.

עשאגערי

1900 דער קרבן, איבערז. פון קאברין.

יאהאן פאליי

1889 די רוסישע ניהיליסטען און די ערמארדונג פון רוסישען צאר.
1890 דער מבול דזשאנסטאן.
קראנפרינץ רודאלף.

דוד פינסקי

1904 די מוטער, דראמע אין 3 אקטען.
1909 יאנקעל דער שמיעד, לעבענסבילד.
1910 די פאמיליע צבי, דראמע.
1911 דער אוצר, קאמעדיע.
1912 יעדער מיט זיין גאט.
1916 גאברי און די פרויען, 3 אקטען, 4 בילדער.
אייבינער איד.
אייזיק שעפטעל, דראמע 3 אקטען.
שטומער משיח. ד.
דער פרעמדער. ד.
בערג שטיינער. ד.
גליקס פערגעסענע, 1 אקט. ד.

מיט זיינער פאהנען. ד.

ש. פערלמוטער

1917 דארף א מיידעל גלויבען?

פערלמוטער און זייקין

1916 דער כלה׳ס טוד.

אולא פרילוצקי

די ירושה, דראמע. ד.
דער אקטיאר, איינאקטער. ד.
איינע פון יענע. דראמע. ד.

יצחק ליב פרץ

1908 דער נסיון, (ערשטע רעדאקציע פון „גאלדענע קייט״).
„ די שוועסטער, איינאקטער.
אמאל איז געווען א מלך, איינאקטער, (ד. 1910).
וואס אין פידעלע שטעקט, 3 אקטען. (ד. 1910).
די גאלדענע קייט, א חסידישע פאמיליען דראמע אין ווייסען פערז, 3 אקטען (ד. 1910).
אין פאליש אויף דער קייט (א חלום פון א קלויזניק), דראמאטישע פאעמע, מיט ווייסען פערז, 3 אקטען (ד. 1910).
ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק, א זאך אין פיער אקטען, (פערזיפיצירט) (ד. 1910).
1914 נאך דער קבורה, איינאקטער.
ער און זי. איינאקטער. ד.
א פריהמארגען. איינאקטער. ד.
שאמפאניער. איינאקטער. ד.
ס׳ברענט. איינאקטער. ד.
וועגען קינדער. איינאקטער. ד.

ס. פשיבישעווסקי

דאס גליק, דראמע, 3 אקטען. ד.
1907 שניי.
די געסט. איינאקטער. ד.

יואל בעריש פאלקאוויטש

רב חיימעל דער קצין, בעארבייטונג.
רחל׳ע די זינגערין, בעארבייטונג.

פידלער

די מערדערין.
די לוסטיגע קאוואלעריע.

פרענקלין פיילם

1907 נארמא.

זיגמונד פיינמאן

1889 דער אידישער סאלדאט.
" דאס רויטע מענשעלע.
1890 די פרוי אדער צוויי חתונות אויף להכעים.
דער גט.
1891 געלד.
דעם פאטערס קללה.
1896 דער גבור החיל אדער דער פרינצעסינס נדר.
1897 צירעלע דעם רבינס אדער די שעהנהייט פון קראקא.
1898 דער אידישער וויצע קעניג אדער א נאכט אין גן עדן, היסטארישע אפערע.
" די קליינשטעדטעלדיגע אריסטאקראטען.
" די גאסען קינדער, 4 אקטען, 6 בילדער.
1899 די אידען אין מאראקא.
" דער שטומער אדער לעבעדיג בעגראבען.
1902 נומער 587 אדער די מאמע שרה.
" די נאכטיגאל פון ירושלים, היס. אפערע אין 4 אקטען, 12 בילדער.
1904 דאס צובראכענע לעבען.
דער איד אין סאביעצקי'ס צייטען.

אדאלף פיליפס

1894 דער רב הכולל פון פראג.
1908 דער גראסערימאן, מוזיקאלישע קאם.
1912 אלמא, וואו וואהנסטו?

פינקעלשטיין

1887 פאאוסט פון הערווע.
צעהן מעדכען אונד קיין מאן, איינאקט.
(גענומען פון דייטש).
די שטראסענזינגערין.
בלויבארט.

ז. פרומקים

טרייע ליעבע, קאמעדיע. ד.

א. צונזער

1874 מכירת יוסף. ד.

הערש ה. צוקער

אחשורש שפיעל, לעמבערג 1876.

צ ע ל ע ר

1898 דער פויגעל הענדלער, איבערז. פון מעסטא.

י. ב. צפור

די שכינה אין גלות. ד.

לעאן קאברין

1899 מינא אדער די צושטערטע פאמיליע פון דאן טאון.
1899 די איסט סייד גהעטא דראמע.
1900 נאטור, מענש און חיה, אדער סאגיע פון איסט בראדוויי.
" דער קרבן, לעבענס דראמע.
" צוריסענע קייטען.
1902 דער פערלארענער גן עדן, רעאליסטישע דראמע.
1903 פאאוסט, איבערזעצונג.
" גאט און דער טראסט.
" דער בלינדער מוזיקאנט אדער אידישער אטהעלא, טראגעדיע.
1904 די צוויי שוועסטער אדער דער אידעל פון דער סוימה.
" קינדער פון דער גהעטא פון זאנגוויל, איבערז.
1905 אמעריקאנער גליקען אדער דזשייקאב בלומבערג, לאקאלע דראמע.
" די אידען אין רוסלאנד (יעווריעאי) פון טשיריאקאוו, איבערזעצט.
1906 זיין ווייב, לאקאלע דראמע.
" דער גרויסער איד, דראמע.
1907 די מאכט פון ליעבע, דראמע.
1909 ווער איז שולדיג? אדער פרויענליעבע.
" די שפין, דראמע.
1910 דער שטורם פון לעבען, לעבענסבילד.
" דער גאלדענער מבול, קאמעדיע דראמע.
1911 דער לעבעדיגער מת, פון טאלסטוי, איבערזעצונג.
1912 שונאים.
1913 בריטש און פראמיס, קאמעדיע.
" יאנקעל בוילע אדער דער נאטור מענש.
1914 דער כשוף.
1915 ישראל'ס האפנונג אדער הייליגע ליעבע, לעבענסבילד.
1916 די נעקסטדאריגע, קאמעדיע.
" מהיר נומער דריי.
1917 דעם דאקטארס ווייבער, קאמעדיע.
" צוריק צו זיין פאלק, דראמע.

פאלינא קאברין

1913 די טראגעדיע פון א פרוי, דראמע.

קאלמאנאוויטש

1916 געבורט קאנטראל.
1917 איז די פרוי שולדיג?
„ די ווערמה פון א מאמע.

אולריך קאלמוס

געשיכטע פון א זעלטנים ברית און א גינארטע חתונה, קאמעדיע, (ד. 1882, ווארשא).
קאמיסיאנער. ד.

לעאפאלד קאמפף

מאר'ן שטורם, דראמע, 3 אקטען.

אלעקסאנדער קאמינסקי

די צוריסענע נשמות, דראמע.
1910 אידישע אקטיארען אויף דער רייזע, קאמעדיע 3 אקטען.
די מערבלאנדזשעטע, דראמע.

יצחק קאצענעלענזאהן

בחורים, 1 אקט, קאמעדיע.
דעקאדענט, 1 אקט, קאמעדיע.
קאריקאטורען, דראמע, 3 אקטען.

א. קאצענעלענבויגען

קראמפ און ליעבע, דראמע, 5 אקטען. ד.

רש״י קאצענעלענבויגען

האמלעט פרינץ גגילאפיאטסקי.
רש״י.
אלחנן.
דאס פערלארענע קינד.
יהודית.
דער פיינער קבצן.
א שעהנע משא ומתן.

מ. קאץ

1899 די פינסטערע נאכט. אדאפטירט.
1900 דער אידישער דאן קיכאט, דראמע.
„ גדליה בעל עגלה, אדאפטירט פון הויפטמאנס פוהרמאן הענשעל.
„ דער גבור, פון א. האלם.
1903 תחית המתים, פון טאלסטאים.
1901 לא מיט אן אלף אדער די עשרת הדברות.
1906 נאטס משפטים אדער די שרעקליכע שבועת.

1908 זעמעס שולד אדער מיטע גרוביאן, פיר זשעט פון א. פינגערט.
1910 פימקא די סינארעטען מאכעריו, איבערז.
„ אשמדאי פון אנדרעיעוו, איבערז.
„ די טעג פון אונזער לעבען, פון אנדרעיעוו, איבערזעצונג.
„ דער בוימייסטער, פון הענריק איבסען, איבערזעצונג.
1912 קרייצער סאנאטא, דראמאטיזירונג, 3 אקטען מיט פראלאג און עפילאג.
1913 רב ישראל, דראמע (סיוזשעט גענומען)
1914 דארף א פרוי דערצעהלען? דראמע.
„ אין גלות.

ז. קארנבליט

1904 דאס אמת'ע גליק, קאמעדיע־דראמע.
1907 צרות פון קינדער, דראמע.
1911 דער טיגער, ראמאנטישע דראמע.
1912 די פערבלאנדזשעטע קינדער.
„ איהר ערשטע זינד, דראמע.
„ גלייבע רעכטע (גענומען פון „באטענר פייד פאר").
„ די בונדיסטקע.
1913 דאס געטליכע ליעד, ראמאנטישעס לעבענסבילד.
„ דעם סטאליערס טרערען.
„ אונזערע קינדער, דראמע.
1916 אפאטון און דאון טאון, קאמעדיע.

מ. קארפילאוו

אין די שטורם טעג, דראמע ד.

לעאן קוסמאן

1914 דער לייכטזיניגער מענש, דראמע.
1915 דער וועג צו פרייהייט, דראמע.

טשארלז קליין

1909 דער לייב און די מויז, איבערז. פון גאטעסוווירט.

ד. קלינגהאפער

די טייפלישע מאכט, 1 אקט. ד.

יאזעף קעסלער

1904 שולדיג אדער פאר פרעמדע זינד, פון ריכארד פאס, איבערז.

ח. י. קרעמער

א אידישע טראגעדיע, דראמע 5 אקטען. ד.

דר. אידא באדאנעס-ראווינסקי

1912 דער שניידער סטרייס.

1914 די נייע פרוי.

מאָריס ראָזענפעלד

1896 דער לעצטער כהן גדול אדער רעליגיאָן און ליעבע.

ראנעטי ראָמאַן

1906 מנשה, איבערז. פון הערמאַלין.

נחום ראַקאָוו

דער גרינער אין לאנדאָן.

דער גר צדק.

גזרות פארטוגאל.

דער סטרייק אין לאנדאָן.

קאפיטאן דרייפוס.

עמיל זאלא.

1902 אין ווילדען רוסלאנד, מעלאדראמע אין 5 אקטען.

1903 די שבועה ביים ספר תורה אדער אידישע ראמעא און דזשוליעט.

" דער בטלן.

" די נייע אידישע מלוכה אין ציון.

1904 די גרינע מויד אדער א פאסאזשיר פון קעשענעוו.

" דער גרינער אקטיאָר.

1905 דער גרינער בחור, לאקאלע קאמעדיע, סיוזשעט פון ראקאָוו, בעארב. פון טהאמאשעפסקי.

" דאס דארפס מיידעל.

1907 דער מארגענשטערן, קאמעדיע.

" סערקעלע.

1910 א מענש א מלאך, דראמע.

" דאס גרינע ווייבעל.

1911 די גנב'טע, דראמע.

1912 די אידישע קרוין.

" דער געננסטער.

1913 חאנטשע אין אמעריקא, קאמעדיע.

" די אידישע מלוכה.

" מענשען און חיות (פון יושקעוויטש) לאקאליזירט.

" דער ביגאמיסט.

" די נשמה פון ישראל.

" אביסעלע גליק.

" שפרינצע אין קוני איילענד, קאמעדיע.

" שטיל לײדען.

" צוריסענע סטרונע.

" דער פאליטישען אדער אביסעלע גליק. מעלאדראמע.

" דער פילאנטראפ.

" פריינד.

" אל רחום.

1914 די ווייבערשע מלוכה, קאמעדיע.

1915 ליעבע און האס.

" אהן א מאמע.

" זיין לעצטער דאלאר.

1916 פערבאטענע פרוכט, דראמע.

" העלא, ניו יארק.

" ווער איז זי?

1905 די רעוואלוציע אין רוסלאנד, צייטבילד.

1916 גאטס מתנה.

" אין אמעריקא.

1917 די שאטענס פון לעבען.

נ. ראַראָוו און אנשעל שאָר

1911 שיר השירים, דאס ליעד פון ליעבע.

ראַקאָוו און מילער

1916 אידישע מלחמה כלות.

ראַקאָוו און סיגעל

1916 א לעבען פאר א לעבען, דראמע.

ראַקאָוו און קאלמאַנאָוויטש

1915 דער שפיגעל פון לעבען, דראמע 4 אקטען, פראלאג און עפילאג.

הערמאַן רייבאַך

1910 דער משומד, איבערז. פון גאטעסווירט.

אברהם רייזין

בעלאגערונג פון טולטשין, היסט. דר. 5 אקטען און פראלאג פון מ. מינסקי

1904 דער פידזשאק (אויף „גוטע ברידער") וואדעוויל.

1903 די רעפעטיציע, קאמעדיע.

1907 אויף א חתונה.

" דעם שדכנס טאכטער.

1915 די דריי מיידלאך.

רייצענשטיין

אז טרייעל, איבערז. פון ריוועקין.

משה ריכטער

1897 חרם דרבנו גרשם.

1898 דרייפוס.

1900 הערצעלע מיוחס (אויף „טייבעלע").

1903 משה חיט (אויף „די אלמנה").

1904 שלום בית (אויף מענדעלע מארטירער).

1908 דער אייזערנער מאן.

1910 דער שקלאפען הענדלער.

1912 ביים אונטערגאנג.

" ליעבענדע הערצער.

1913 צו שפעט, דראמע.

" יונגענד זינד, דראמע.

1914 דער פערדאכט, דראמע.

1915 איהר ערוואכונג.

1915 מלחמה קרבנות, צייטבילד.

1916 צוויי שוויגערס.

" אין דער נייער וועלט (אויף די גרויסע שטאדט).

1917 דער אידישער שטאלץ אדער מאדערנער איוב.

די צוויי חתנים, קאמעדיע.

אברהם שאמער

1910 די אלרייטניקעס, מאטיר קאמישע קא־מעדיע.

1911 אויפ'ן ים אדער אין עלים איילענד, דראמע.

" אייקעלע מזיק.

" דער יונגער דור (אדאפטירט פון היי־ערמאנס „קעטען גליעדער").

" ברוך דיין האמת (אדאפטירט פון דער דייטשער דראמא „טרוימולוס").

1912 דער סוד.

1913 סטייל, דראמע.

1915 דער גרינער מיליאנער, קאמעדיע.

שאפירא

1902 גערעכטיגקייט, פון פראנצויזישען.

אנשעל שאָר

1910 דאס לעבען פון א פרוי, בעארבייטונג.

1911 דאס מיידעל פון דער וועסט, פארס.

" שיר השירים (אדאפטירט פון מאקס דרייהערס „די זיבעצעניעהריגע").

1912 בארג מיר דיין ווייב. (אדאפטירט פון גענעטס פאמיליען פאטער).

" ווייבער, (אדאפטירט פון זשארזש אנע).

1913 דאס זיסע מיידעל, מוזיקאלישע קאמע־דיע.

" די גרינע דייטשקע.

1918 דער דיסטריקט אטורני (אדאפטירט פון פאל לאנדא'ס „איין אנדערער")

" דאס פערלארענע גליק, לעבענסבילד, (אדאפטירט פון יאקאבים „עהע")

" מענדעל ביילים, צייטבילד.

" ליעבע און ליידענשאפט.

1915 דער סוף פון א געמבלער, מעלאדראמע.

" הים אייך, מיידלאך, קאמעדיע דראמע אין 5 אקטען.

1916 אוי, וואס מענער זיינען, קאמעדיע.

" די אלמנה, קאמעדיע.

1917 דאס נייע רוסלאנד.

משה שאָר

1907 עמק הבכא אדער דער שטאלצער קבצן, צייטבילד.

" די וואנד פון יריחו, היסט. אפער.

1908 דער יחסן, פאלקסשטיק.

1913 פרעמדע פויגעל אדער דאס צושטערטע נעסט, לעבענסבילד.

" נומער 37, איבערזעצונג.

" מענדעל ביילים, צייטבילד.

1915 ליעבע און שטאלץ, פון זשארזש אנע. איבערזעצ.

1916 טוידט־שטראף, מעלאדראמע.

" אויפ'ן שלעכטען וועג.

" מלחמה מאמעס.

משה און אנשעל שאָר

1908 א מענש זאל מען זיין.

1909 די ערשטע ליעבע.

א. מ. שארקאנסקי

1895 ונתנה תוקף.

1896 כל נדרי אדער די געהיימע אידען אין מאדריד.

1898 רחל אדער דגל מחנה יהודה.

1901 דער משפט, היסטארישע אפער.

1904 יזכור, [illegible]
איוב.
מורד במלכות.
די ראָזע פון שרון.

מאָרים שוואַרץ

1914 דער וואַלקען.

יעקב שוואַרצבערג

1913 אידישע קינדער, לעבענסבילד.
1914 היים זיסע היים, קאָמעדיע דראַמע.

ב. שווייצער

מעאַצאַלינדע, א שפּאַס, 1 אַקט. ד.

י. שטיינבערג

די פּוטער, דראַמע 3 אַקטען. ד.

דר. ק. שטיינבערג

[illegible]ינדרא אידעלסאָן. ד.

הערמאַן שטיפט

אַלגעמיינער סטרייק אין רוסלאַנד, אָדער רוי־
בער דורך נויט, מוזיק. מעלאָדראַמע. ד.
דער קאַמף צווישען פאַנאַטיזמוס און ציווי־
ליזאַציאָן, 3 אַקטען. ד.

שטראַאוס

1896 דער ציגיינער באַראָן, איבערז. פון מעסקא.

שיינקמאַן

1890 דאַס לעבען אין ניו יארק אָדער 2 קעץ אין איין זאַק.
" דער אידיאָט אָדער די גלאָקע.

נחום מאיר שייקעוויטש

שפּאַנישע אינקוויזיציאָן.
דער מאַמעס זיהנדעל.
דער מסר.
דער אידישער פּריץ.
בעל תשובה.
פּראַצענטניק.
קאַטאַרזשניק.
דער חלום.
דער טעות.
דער רעוויזאָר.
דער לעבעדינער טוידטער.
אונגעטרייע ווייב.

קאָקעטע דאַמען.
לעצטער אידישער ק[illegible]
צווישען צוויי פלאַמען.
הימעל, ערד און שווינדעל.
צוויי מתים געהען טאַנצען.
דער טעות.
דער פּאַראַזיט.
יהודית.
די בלינדע פּרינצעסין.
אַלטער.
דער פערליעבטער שנאָרער.
די געהיימע אידען.
דער פּאַשא.
דער פּוימעניק.
דער זינדיגער רב.
מאַפּהא אָדער די רויטע חופּה.
די חרטה.
אני שלמה.
זרובבל.
די אלמנה.
1887 ציליע, אָדער געראַטעט דורך א קינד.
" דער נדר, אָדער עקיבא מיט זיינע 24,000 תלמידים,
" די געטרייע פרוי אָדער בלוטיגער אָדיע, מעלאָדראַמע אין 5 אַקטען.
1889 די לייכטזיניגע אָדער פרויענפערפיה־רער, טראַגי קאָמעדיע.
" רבקה אָדער א פּונט אידישקייט.
" דער לעצטער אידישער קעניג.
1890 באַראָן ראָטשילד.
" אסתר׳קע אָדער די פּאָלנישע קעניגין.
1891 טימוס הרשע.
1892 רבי יהודה הלוי.
1896 דער געלד קעניג, היסט. אָפּער. 5 אַקטען, 8 בילדער.
" המן דער צווייטער אָדער דער קאָמי־שער הערשער, היסטאָר. אָפּערעטע אין 5 אַקטען.
" שושנה אָדער דער ריכטער פון יריחו, היסטאָרישע אָפּערע.
1897 די אידענפרעסער אָדער די געטויפטע מלכה, היסטאָר. אָפּער אין 5 אַק־טען, 8 בילדער.
1898 דבורה הנביאה אָדער יעל און סיסרא.
1898 קאַפּיטאַן דרייפוס.
1899 דער אידישער גראַף אָדער דאַס פער־ביטענע קינד, היסט. אָפּער אין 5 אַקטען.

1900 די אידישע עמיגראנטען אדער רער צי־
יאמיסט.

1901 די גרינע אדער דער פעטער אין אמע־
ריקא, קאמעדיע.

" די גאלדענע מדינה.

1903 אמעריקאנער אידישקייט דראמע.

1909 א אידיש קינד, לעבענסבילד מיט גע־
זאנג ענטנומען.

פריעדריך פאן שילער

פערמאסקירטער פראנט, קאמעדיע. ד.

1897 דאן קארלאס, קראנפרינץ פון שפאניען,
איבערזעצט פון זייפערט.

1893 די רויבער, איבערז. פון זייפערט.

1893 רבי מאיר בעל הנס (טוראנדאט), אי־
בערז. פון זייפערט.

1894 מאריא סטוארט, איבערז. פון זייפערט.

1896 ווילהעלם טעל, איבערז. פון מאד. לא־
מיינער.

שלום עליכם

א דאקטאר, וואדעוויל.

דער נט, וואדעוויל.

מענשען, וואדעוויל.

מזל טוב, וואדעוויל.

צוזייעט און צושפרייט, בילדער, דריי
אקטען.

1907 דער אויסוואורף אדער שמואל פאס־
" סטעמפעניו, דראמע.
טערנאק, קאמעדיע.

שלום (צבי בן)

יוקעל גנב, איינאקטער. ד.

שליפערשטיין

1892 אצבע אלהים.
מיליאנער אלס בעטלער.

ז. שניאור

נענענאיבער, אין 3 אקטען.

ארטהור שניצלער

מינוטען לעבען, איינאקטער. ד.
ליטעראטור, איינאקטער. ד.

דר. יאקאב שניצער

1909 די מוטערס זינד, מוזיקאלישע דראמע.

1910 דער נר תמיד, מוזיקאלישע דראמע.

" ווער איז שולדיג.

1911 די צוואה. היסט. דראמע.

1912 די ליעבע. דראמע.

" די רייזע נאך אמעריקא.

" די לעצטע פראבע, 4 אקטע[illegible]ן פראלאג

1914 דער לעצטער קאנצערט, לעבענסבילד.

וויליאם שעקספיר

1893 אטהעלא.

" האמלעט, איבערז. פון זייפערט.

1894 ראמעא און יוליא.

" שיילאק, איבערזעצט פון ווייסמאן.

" ריטשארד דער דריטער, איבערז. פון
הערמאלין.

1895 מאקבעט, איבערז. פון הערמאלין.

1901 קאריאלאנוס, איבערז. פון הערמאלין.

1903 קעניג ליר, איבערז. פון גאלדבערג.

1895 יוליוס צעזאר, איבערז. פון הערמאלין.

פיעסען אהן א טאטען.

איין שעהן ניי פורים שפיעל, פארגעשטעלט,
ווי עס איז צוגעגאנגען אין דער וועלט צו
אחשורש צייטען. געשריבען ביים סוף זי־
בעצעהנטען יאהרהונדערט. מאנוסקריפט
אין לייפציגער ראטס־ביבליאטהעק.

אחשורש שפיל, געדרוקט אין 1708 אין פראנק־
פורט אם מיין.

אחשורש שפיל אויף איינעם נייען אופן, גע־
דרוקט אין 1718.

אקטא אסתר מיט אחשורש, פון בחורים דער
ישיבה דעם ראב. דוד אפענהיים אין איי־
געם עפענטליכען דעאטרום מיט מוזיק
אויפגעפיהרט, געדרוקט אין פראג 1720.

אקציאהן פון קעניג דוד און גלית (געשפיעלט
און געדרוקט צווישען 1719—1711.

דער הייליגער שפל (שפיעל) פון משה רבנו,
לעמבערג 1875.

איין ליד פון דער שטאדט יריחו אדער דער
נייער פורים שפיעל, לעמבערג 1876.

קאשוט.

רבי טרוינאט.

די שווינער.

די לייכטזיניגע.

די פרינצעסין פון יהודית.

די שבועה.

רייזע דורך פייער און וואסער.

אכציג טעג ארום די וועלט.

די רוסישע קנוטע.

דער אידישער דאקטאר.

עסטרייך אונגארישער קעניג.
אלעקסאנדער דער דריטער.
ריכארד דער דריטער.
די סילווער קינג.
די חופה מיט דער לויה.
בארניי דער עקטאר.
א מאן פאר דער וועלט.
קהלת.
דער פרינץ פון ענגלאנד.
1891 גזרות פון פארטוגאל.
1893 דער אוצר אדער די גלאקען פון קאר־
נעוויל.
1894 ראמעא און דזשוליעט, פון שעקספיר.
1895 די נקמה אדער פירסט פון שומרון.
1896 נאפאלעאן דער ערשטער.
1897 די פינסטערע נאכט.
1898 קארמעלא אדער יונגפרוי פון פאריז.
" די גאסען קינדער.
" קעניג פון שפאניען.
1899 דער שטומער אדער לעבעדיג בעגראבען.
1901 די שאפמיידעל אדער צוויי שותפים און
צוויי ברידער.
1902 די פאריזער בארדערקע, פארס.
1904 דער אידישער ריגאלעטא.
1905 דער קעניג פון שנארער, פון זאנגוויל,
איבערזעצ.
1906 שטימע פון קבר אדער אכט ברידער.
1907 נארמא פון פרענקלין פיילס.
" דעם נאר׳ס נקמה.
1908 די פערשיקטע אדער די לעצטע גרויל־
טהאטען אין רוסלאנד.
" ראבערט דער טייוועל.
" דער טייוועל פון פראנץ מאלנאר, אי־
בערז.
1909 דער מאטע און די קינדער (דיעטי וואַ־
ניושינא).
1911 די נייע פרוי.
" די נייע נהעמא, פון ט. הערצעל.
1912 דער שמעלץ טאפ אדער דאס פייער פון
גאט, פון זאנגוויל.
" געקויפט און פערקויפט פון דזשארדזש
בראדהוירסט.
1913 דער צושטערטער פסח אדער די הייליגע.
" יעווא אדער דאס פאריזער ארבייטער
מיידעל, אפערעטע.
" פאריזער אונשולד.
1913 דער שרעקליכער מארד, פון עמיל זאלא,
1914 דעמערזשד נודס פון בריע, איבער־
זעצונג.
1915 דער ערפינדער.
" ציגיינערין אזא, אפערעטע.
1916 אויף דער זינדיגער ערד.
" דער נעפאלענער.
" ליעבע און פראצענט.
1917 צוריק פון מלחמה.
" די פערקויפטע כלה.
" ראשעל.
" קארמען.
" דער חתן אויף פראבע.
" דער פאלשער דאלאר.
" פרעה, אפערעטקע. ד.
" מלחמה פאר׳ן לעבען.

רשימה פון די פיעסען, וואס זיינען געשפילט געווארען פון 1918 ביז׳ן סוף 1922 *).

יוליוס אדלער

1921 די שעהנע בערטא.

ס. אויערבאך

1920 אין פרעמדען לאנד.

הענריק איבסען

1919 העדא גאבלער (איבערזעצונג)

לעאניד אנדרעיעוו

1919 גלויב דיין פרוי (איבערזעצונג).
1922 געדאנק (איבערזעצונג).
1921 דער וואס באקומט פעטש (איבערזעצונג).

ש. אנסקי

1921 דער דבוק.

מארק ארנשטיין

1920 דער זוהן פון צוויי נאציאנען.
1920 פאר דער חתונה.

שלום אש

1918 ווער איז דער פאטער?
1922 דער טויטער מענש.

מ. אשעראוויטש און א. גאטעספעלד

1920 יא פארהייראט און ניט פארהייראט.

איידא באדאנעם

1919 דער איינציגער וועג.

גרשון באדער

1919 דעם רבי'נס נגון.
1920 די גאלדענע רויז.

בוימוואל

1921 חצקעלע בליבו'ניק.

פ. בימקא

1920 גנבים.
1922 דעמבעס.

י. ד. בערקאוויטש

1921 לאנדסלייט.

גאגאל

1922 רעוויזאר (איבערזעצונג).

מ. גאלדבערג

1918 געלעבט און געלאכט.
1919 דער לוסטיגער פריזנער.
1920 דער באבע'ס ירושה.
1922 משה, וואו קריכסטו?

יעקב גארדין

1918 ווילדע קאזאקען אדער אידען און האידאמאקען.

מ. גלאס

1918 פאטאש און פערלמוטער (איבערזעצטש פון זיין ענגלישער קאמעדיע אונטער׳ן זעלבינגען נאמען).

נחום געבעל

1918 אנשטענדיגע מענשען (איבערזעצט פון „קאמאן קלעי").
1919 איידעלע געפיהלען.
" הייליגע ליבע.
1920 א מאנ׳ס שפיעלצייג.
" א מאמע׳ס געבעט.
1921 קינדער יאהרען (גענומען פון איבסענ׳ס „ווילדע קאטשקע").
" אלץ פאר ליבע.
" צופיל געלט.
" צרות פון ליבע.

נ. געבעל און ראזענבערג

1920 אויפ׳ן לייטער פון לעבען.

געבעל און שטיינבערג

1918 פארלארענע יונגענד.

---

*) אין דער ערשטער רשימה זיינען ביים צוזאמענשטעלען די זייטלאך ארויסגעפאלען פון גארדינ׳ס רעפערטואר „די שחיטה" (1899), „גאט, מענש און טייוועל" (1900) און „מאמחא" (1901).

ל. גרינבערג

1920 ווען א בער וואכט אויף.

פיאדאר דאסטאיעווסקי

1919 די ברידער קאראמאזאוו.

אסיפ דימאוו

1918 שקלאפען פון פאלק.
1919 די ערוואכונג פון א פאלק.
" ירושלים.
" בראנקס עקספרעס.
1920 דער יום הדין.
1921 נודניקעס.
" דיינדזשער.
1922 ליידי חיה ציפע.

אלאן דייוויס

1920 ענדע פון גלות (איבערז. פון גראסמאן).

גערהארד הויפטמאן

1919 איינזאמע מענשען (איבערזעצונג).

פרץ הירשביין

1918 אין א פארווארפען ווינקעל.
1919 דעם שמיעד'ס טעכטער.
" גרינע פעלדער.
" די פוסטע קרעטשמע.
1920 א לעבען פאר א לעבען.
1922 דאס קינד פון דער וועלט.

יודזשין וואלטער

1918 די נשמה פון א פרוי (איבערזעצט פון
זיין „דזשאסט עי וואומען").

ארטהור וואלף

1920 יעקעל פוהרמאן.

סיימאן וואלף

1920 א נערוס פון פוילען.
1921 די צושטערטע חופה.

א. ווייטער

1920 דער שטומער.

אסקאר ווײלד

1919 דער אידעאלער מאן (איבערזעצונג).

יצחק זאלאטארעווסקי

1918 סיידי פלאס.
" דער קעניג פון ליבע.
" דאס רויטע ליכט.

1919 די קראפט פון נאטור,
" בלינדע ליבע.
" א מיידעל'ס גוטער נאמען.
" דאס רעכט צו לעבען.
" א מיידעל אהן א הארץ.
" געזעץ פון נאטור.
1920 דאס לאנד פון טרערען.
1921 איידעלע הערצער.
" יעדע פרוי'ס פארלאנג.
1922 די פרייז פון א גט.
" די וועלט פון זינד.
" דארף א פרוי דערצעהלען?

זשולבער

1921 דאס פאריזער מיידעל.

ב. טאמאשעפסקי

1918 די חזנ'טע.
" מיין ווייב איז אין דער קאנטרי, הורא!
" די לוסטיגע אידעלאך.
1919 דאס אלטע לידעלע.
1920 דאס מוזיקאלישע שטעדטעל.
1922 דער גאלדענער פארים.
" טויזענט און איין נאכט.
" גרינע קוזינע.

הערי טאמאשעפסקי

1920 פארלאר פלאר און בייסמענט.

סעמיאן יושקעוויטש

1918 דער הונגער (איבערזעצונג).
1921 אז ארימאנ'ס חלום (איבערזעצונג).

י. לאטיינער

1918 בלינדע יוגענד.
" די מחותנים אדער שפיעל פון לעבען.
1921 דעם צדיק'ס משפחה.

סווען לאנגע

1919 שמשון און דלילה (איבערזעצונג).

ז. ליבין

1918 פארברעכענס פון ליבע.
" דער מאן און זיין שאטען.
1919 פארלארענע האפענונג.
" דעם שניידער'ס טאכטער.
1921 גאט פון רחמנות.
1922 קבצן, וואו קריכסטו?

ה. לייוויק

1921 שמאטעס.
1922 אנדערש.

איזידאָר ליליען

1919 דאס שטיף קינד פון דער וועלט.
1920 נערעכטינקייט פאר אידען.
„ זיין טאטענ׳ס ווייב.
1921 דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין.

לעגניעל

1919 די טענצעריין (איבערזעצונג פון אונ־גארישען).

איזידאָר לעש

1921 שלמה׳קע אויף בראדוויי.
„ יאשקע כוואט.

פראַנץ מאלנער

1921 ליליאם (איבערזעצונג).

גיו דע מאָפאַסאַן

1921 מיזועט (איבערזעצונג).

לואיס מאַרקיז און וויליאַם סיגעל

1919 די פרוי און איהר היים.

א. מעסקא

1919 א נאכט פון ליבע.

משה נאַדיר (יצחק רייז)

1919 כאקסעס.
1921 דער לעצטער איד (נאך יעווריאינאוו).

העגרי נאַטאַנסאָן

1918 דער אידישער גלויבען (איבערזעצט פון „הינטער מויערען").

וויליאַם סיגעל

1918 ביזנעס ענד פלעזשור.
„ שלום און פרידען.
1920 די חופה קלייד.
1921 שמענדריק אויף בראדוויי.
„ פארהייראטע שקלאפען.

וו. סיגעל און ה. קאַלמאַנאָוויטש

1922 גאט׳ס משפט.

שיינע רחל סימקאָוו

1918 א נאמען נאך דער מאמע.

וו. כעמועלס

1921 דער וואנדערער (איבערזעצט פון העגרי נאטעסווירט).

איליא סערגוטשאָוו

1920 הערבסט פידלען (איבערזעצונג).

זשאַן עקאַר

1920 שטילע כחות (איבערזעצונג).

דוד פינסקי

1918 קרומע וועגען פון ליבע.
1919 דער שטומער משיח.

אולאַ פרילוצקי

1921 איינע פון יענע.

י. ל. פרץ

1920 די גאלדענע קייט.

פריימאַן

1919 די אומגליקליכע מאמע.

לעאָן קאָברין

1918 אויפ׳ן מיטען ים.
1919 די אויגען פון ליבע.
1922 פרינץ לולו.

ס. קאַהען

1921 א מאמעס נשמה.

א. קאַלמאַן

1920 דאס אונגארישע מיידעל.

נ. קאַלמאַנאָוויטש

1918 חוה׳ס ליבע.
„ זינדיגע פרויען.
„ אפסטערז און דאונסטערז.
„ צוויי חזנים.
„ צוריסענע נשמות.
1922 דער משוגע׳נער.
„ יענעמ׳ס ווייב.
„ טענץ, געזאנג און ווייב.

יצחק קאַצענעלסאָן

1920 באטימא.

ז. קאָרנבליט

1920 דזשעני לויכט פאר מעיאר.

אַלבערט קעוועס

1921 דער גולם (אדאפטירונג).

איזראַעל ראָזענבערג

1921 בערעלע טרעמפ.

יונה ראָזענפעלד

1922 די קאנקורענטען.

נחום ראַקאָוו

1919 פּאַרלאָזט אייך אויף קייטין.
1920 זינד פון עלטערן.
" די טיר צום גליק.
1921 האַט חתונה.

משה ריכטער

1918 אַ פּרוי׳ס פליכט.
1919 ווי מענער ליבען.
1922 אַ כלה צו פאַרקויפען.

בערנאַרד ג. שאָ

1918 מרס. וואָרען׳ס פּראַפעשאָן (איבערזעצט פון זיין ענגלישער דראַמאַ אונטער דעם זעלבינען נאָמען).

אַברהם שאָמער

1918 דאָס גייסטער הויז.
1921 התקוה.
1922 דער קאַמף.

ראָזע שאָמער און מיני צונזער

1921 איינע פון פאָלק.

אַנשעל שאָר

1918 נאָך דער מלחמה.
1920 אַ שוועבטער׳ס אָפּפער.

מאיר שוואַרץ

1922 לאַקשען.

יאָזעף שוואַרצבערג

1922 געקויפטע ליבע.

שלמה שטיינבערג

1918 אַ חבר אין לעבען (אַדאַפּטירט פון הייערמאַנ׳ס „קעטענגלידער").
" נאָמ פון ליבע.
" מודות פון ליבע.
" וואָס יערעס מיידעל דאַרף וויסען.
1920 זיין ברודער׳ס ווייב.

שלום-עליכם

1919 טבֿיה דער מילכיגער.
1920 שווער צו זיין אַ איד.

אַרטהור שניצלער

1919 פּראָפעסאָר בערנאַרדי.

דר. שניצער

1918 ליבעס ברייוולאך.

פּיעסען אָהן אַ נאָמען

1920 ליאָווקע מאַלאַדיעץ.
1921 די לוסטיגע פּרינצעסין.
" יאַנקעל בלאָפער.
1922 פּאַרברעכער און זיין טאָכטער (איבערזעצט פון משה שאָר).